STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03338

A VOLKN UN A VEG

David E. Wolpe

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַרלאַג ק אַ י אָ ר   יאָהאַנעסבורג   דרום־אַפריקע
תשל״ח   1978

DAVID E WOLPE

A WOLKN UN A WEG

A CLOUD AND A WAY

P O E M S

Published by Kayor
Johannesburg
S Africa
1978

צייכענונגען פֿון דוד־דעווי טושינסקי — פּאַריז

צייכענונגען פֿון עזבֿון פֿון ישׂראל־סאָלי וואָלפּע

געזעצט און אײַנגעשטעלט אין זײַטן דורך אַבֿרהם־אייבי קראַסנאָווסקי
מיט דער השגחה און עצה פֿון די בעלי־הדפוס נתן־נייטי און דזשאָל בערגער

Copyright © 1978 by D. Wolpe
257 Barry Hertzog Ave, Emmarentia
Johannesburg —— South Africa

PRINTED IN SOUTH AFRICA BY
PACIFIC PRESS (PTY) LIMITED
302 Fox Street — Johannesburg

קדיש נאָך

- מײַן טאַטן משה־אליהו בן אלימלך ובאַדאַנע
- מײַן מאַמען חיה־ליבע בת דוד ולאה האָפּענהיים
- מײַן שוועסטער אסתר און מאַן זוסמאַן מוזיקאַנט מיט 5 קינדער
- מײַן ברודער אַבֿרהם און פרוי ליבע (דאַמערעצקי) און זון
- מײַן קיידאַן —
- מײַן ליטע —

שהלכו על קידוש־השם

אַ נר־תמיד



Deli Tuszynski

1945



1975



* דרײַסיק יאָר איז דער שאַפערישער שפּאַן פון דער לידער־זאַמלונג — 1945—1975. אין דעם זינען זע איך עס, מיט רעכט, ווי אַ יובֿל־בוך.

* אין בוך האָט ניט געקענט אַרײַן דער גאַנצער אָנגעזאַמלטער מאַטעריאַל, אָבער אַלע אָפּטיילונגען זענען כּמעט פון דער זעלבער צאָל זײַטן און דאַרפן דינען ווי אַ מוסטער צו די פאַרשיידענע טעמעס, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין משך פון די דרײַ צענדלינג יאָר.

* אַנשטאָט כראָנאָלאָגיש זענען די לידער אויסגעשטעלט, מער־ווייניקער, לויט זייער טעמאַטיק און אין אינהאַלט (בײַם סוף פון בוך) איז בײַ יעדן ליד אָנגעגעבן דאָס יאָר.

* צוליב געוויסע סיבות דערשײַנט דאָס בוך אין 1978, הגם דער כּתבֿ־יד איז שוין געווען צוגעגרייט צום דרוק אין 1975, און איז דעמאָלט איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ ידיד, וועלכער האָט געזאָלט בײַהילפיק זײַן מיטן דערשײַנען פון בוך. שפּעטער, פאַר כּמעט אַ פאָר יאָר, איז דער כּ״י געלעגן, אין גרעסטן טייל אויסגעזעצט, אין דער דרוקערײַ.

* דאָס בוך דערשײַנט מיט אייגענע מיטלען.

* אַ וואַרעמען יישר־כּוח די געציילטע פרײַנד פאַר צוגאָבלעכע הילף, נאָענטשאַפט און פאַרשטענדעניש.

ד. וו.

* * *

אַ וואַלקן און אַ וועג ליכטיקן אין שפּיגל פון זכּרון —
מיט זילבער־אויגן קוקט דער וואַלקן און ער שוועבט:
אויפן גלאַטן וועג אַ פורל מיט געבראַזג איז אַנגעפאַרן,
אַ זשערעבטשיקל אַ יונגס, טענצלדיק און חי־געלעבט,
האָט געצויגן אין גאַלאָפּ, געשפּרונגען איבער יאָרן, —
איז דער וועג געוואָרן קורץ, אין שאָטנס אײַנגעוועבט.

נאָר דער וואַלקן פליגל האָט געהאַט, זוניקע און לײַכטע,
האָבן זיי ווי מילדע ווינטעלעך געגלעט דעם וועג.
ער איז אין טאָל אַרײַן, וווּ געפּלוידערט האָט אַ טײַכל.
אין טײַכל שוואַנען ווײַסע, אַרומגעזוימט מיט גרינעם ברעג.
ס'פורל דימענט־קערנער האָט געפירט צום וואַסער־שפּײַכלער.
דער בעל־עגלה האָט בכּיוונדיק פאַרציילט די נעכט און טעג.

וואַלקן. טײַכל. צו מאָל אויך אַ קאָלירטער רעגן־בויגן.
וווּנדערלאַנד, וווּ זריחה־פאַרבן האָט געמישט גאָטס האַנט.
נאָר פּלוצעם האָט אַ קראָ פון וואַלקן אויסגעפּיקט די אויגן
און דער טײַוול האָט פאַרצאַמט דעם וואַלקן מיט אַ וואַנט.
פלאַמען האָבן אויסגעלעקט די לעצטע גינגאָלדענע סטויגן
און פרעמד געוואָרן איז דאָ מענטש, די שטאָט, דער קאַנט.

בלויז דער איינער וועג מיט ליבשאַפט האָט געדענקט זיך.
פון וואָגנקלאַנג געבליבן איז אַ גילגול אין זײַן שטיין.
ס'טײַכל מיטן זעלבן ניגון האָט נאָך אַלץ געשווענקט זיך —
און זײַן הויט גערונצלט מיט די עכאָ־רינגלעך פון פאַרגיין.
דער בלויער פויגל ווידער האָט צום בוים פאַרבענקט זיך
און צום בלעטערנעסט, וווּ דער חלום אייביקט אַזוי שיין.

וואַלקן. וועג. ס'לויפן הײַנט די ווײַטן זיך צוזאַמען
און אַ קול דעריאָגט זיי מיט אַן אויסגעשריי: מײַן וועלט!
אַן אַלטער ריטעם מעסט דעם וועג צוריק, טיקטאַקעט: מאַ־מע!
טרערן. תּפילה. נאָך אַ רגע! — און די רגע האָט פאַרפעלט...
שליס די זילבער־אויגן. וועסט בלינד דעם האָריזאָנט דורכשפּאַנען.
ציטערן די קני. פאַר שרעק דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט — —

מיט גאָט און מיט מענטש

* *

מיט גאָט און מיט מענטש — איינער אין אַלע.
אַלע — אין גאַנג צו דעם איינעם, דאָרטהין.
איבער די קעפּ ווי אַ שווערד הענגט זײַן דין
און אין איר שאַרף בלויט דער הימל צעשטראַליקט.

מיט גאָט און מיט מענטש — אַ כוואַליע אין כוואַליעס.
דאָס טריפּל אין כוואַליע זאָגט ניט: איך בין!
נאָר איך אין מײַן איינציקייט בין אײַנגעשפּינט
און ווער פון דעם אחד אין יחיד נתגלה.

מיט גאָט און מיט מענטש — אחד און יחיד,
ווי זון מיט די שטערן זיך האַלטן צוזאַמען —
אַניט וואַלט דער קאָסמאָס זיך לאַנג שוין צעשיט,
ווען ניט... און די ווערטער צעפאַלן אין שטאַמל.

מיט גאָט און מיט מענטש — אַ וועלט אין די וועלטן.
שוואַרצע און ווײַסע — אין בענטשונג און שעלטונג.

מה טובֿו

יעקבֿ, דײַנע געצעלטן —
מה טובֿ געװוען, װי גוט!
אײַזיק ציִען קעלטן
װוּ שכינה האָט גערוט.

ישׂראל, דײַנע היימען —
מה טובֿ, אײַ, מה טובֿ!
אַ שטומער שטאַרצט אַ קוימען
צו דעם הימל — טויב.

מיט דײַן חסד פילן
קום איך אין דײַן הויז.
אין היכל שפּרינגען גרילן
קדוש, אוי־װוי, קדוש.

איך קני אַראָפּ מיט יִראה:
אָ, גאָט, װי כ׳ליב דײַן היים!
אַ חורבֿה־היים אָן טירן,
און אין אַש דײַן שם.

טו איך אָן אַ טלית
און בוק מיך פיל־פיל מאָל.
אויף איר װיסטן דלות
װיינט שכינה אויף אַ קול.

װערט מײַן תּפילה װאָרעם,
אין אויג — אַ הייסע טרער:
אָ, אלי, זיך דערבאַרעם
און ענטפער מיר, ענטפער!

די תפילה פון שארית־הפליטה

כבקרת רועה עדרו...

(ונתנה תוקף)

אָ, פּאַסטעך, צייל צונויף
די רעשטלעך בידנע שאָף,
צונויפגעיאָגט אַהער
אין אַ בייזע שעה.

די סטאַדע איז פאַרצוקט,
ס׳טוליעט זיך די רעשט —
געפּרעסט גוף צו גוף —
און וואַרט אויף חסד־שעה.

בלאָס גייט אויף די שעה
אין דעם מאָרגנגראָ —
אָ, פּאַסטעך, זאַמל איין
די שאָף אין אָט דער שעה.

אָ, פּאַסטעך, שאַל אין האָרן!
און ווי אַ ווינטל, לייכט,
זאָל שוועבן אויף דער ערד
די דממה־שטילסטע שעה.

פאַר וואָר, דו ביסט געערכט —
דערפאַר צערייס דעם גזר!
אָ, פּאַסטעך, לאָז אויפגיין
אַ מילדע רחמים־שעה.

אָ, פּאַסטעך, צייל צונויף
און זאַמל איין די שאָף.
אָ, פּאַסטעך, אייל זיך, אייל,
לאָז ניט פאַרגיין די שעה!

אליהו־הנבֿיא אין לאַגער

פֿרעמד איז דיר מײַן שװעל און אומבאַקאַנט,
נאָר דיך איך קען אַזױ פֿיל גוטע יאָרן —
פֿון הױז צו הױז, געדענק איך, װי דו שפּאַנסט
און הילסט אין װײַסקײט לױטערע די סדרים.

גײ איך אַרױס אין גאַס דיך אױפֿזוכן אַצינד
און טו דײַן יום־טובֿדיקן לײַכטן שװעב דערהערן —
און װי דעם מילדן פֿרילינגדיקן װינט
איך דערפֿיל דײַן אָטעם אױף מײַן שטערן.

פֿון דײַן באַריר װער איך פּלוצעם יינגל־קלײן,
איך לױף פֿאָרױס און מאַך מײַן טיר דיר אָפֿן
און גיס דײַן בעכער אָן מיט גאולה־װײַן —
מיט טרערן אין די אױגן מאַכסטו פּרי הגפֿן.

תפילה

האַלט דעם אָטעם איַין. ווער שטילער, שטילער.
בייג אַראָפּ זיך נידעריקער פון די גראָזן.
די רגע איצטער איז אַ פּאַסיקע פאַר תפילה —
די הימלען האָבן זיך צו דיר אַראָפּגעלאָזן.

דערהייב, דערהייב דיַין תפילה צו די הימלען.
העכער שטיַיג מיט איר — אַריבער אַלע שטערן.
זע, די סטאַדעס זילבערנע וואָס דאָרטן דרימלען,
און דער פּאַסטעך וואָך איז — וועט דערהערן.



אָ, גאָט, פֿאַרגיב

אָ, גאָט, פֿאַרגיב —
פֿאַר ניט דערזען אין שײַן פֿון טאָג
דײַן בלוי און ליכטיק אויג
וואָס קוקט צו מיר מיט חסד טאַטישן פֿאַרפֿולט
און זאַפּט אַרײַן מײַן רגע פֿרייד —
וואָס קוים באַוויזט אַ גלי צו טאָן
און ווי אַ פֿונק גייט אויס.

אָ, גאָט, פֿאַרגיב —
פֿאַר ניט דערהערן דעם שטילן שאָרך
פֿון געפּליסטער, דײַן ווי זײַד,
וואָס דײַן אָטעם טוט אויף מיר אַ בלאָז —
און ווי דער אויפֿבליץ פֿון אַ שטערן
גיט מײַן בענקשאַפֿט זילבעריק אַ פֿינקל
און לעשט זיך אויס.

אָ, גאָט, פֿאַרגיב —
פֿאַר ניט דערגיין צום קוואַל
פֿון דײַן פֿאַרהוילן בראשיתדיקע ליכט.
איך שטיי ווי אַן אַנטרינניקער פֿאַר דיר
און פֿיל דײַן ניט פֿאַראַניקן באַריר,
וואָס שימערט איבער מיר מיט בלענדגעפֿלייץ
און פֿאַרפֿינצטערט ווערט.

בייג איך מײַן קאָפּ צום שאָטן אויף דער ערד
און ס'ווערט מײַן גוף דער זוים פֿון י ש
צו באַפּעסטיקן דײַן אַ י ן
וואָס האַלט מער ניט אויס — —

פֿון ווײַטסטע הייכן, ווי אַ פֿרעמדער קול
הילכט אָפּ מײַן ווידערררוף:
פֿאַרגיב, אָ, גאָט!
פֿאַרגיב!

מן המצר

אין פינצטערסטע פון נעכט,
אַרומגעכאַפּט פון פלאַם —
אין הייליקסטן געפּעכט
ראַנגלט זיך דײַן שטאַם.

וואַך איך אויף אין שרעק:
בית־ישׂראל ברענט!
ס׳פּײַער מיך שוין לעקט.
כ׳לויף אין בלויזן העמד.

צו שוועל פון אייגן היים
— אַ באַרוועסער דערשפּאַנט —
כ׳פאַל צו מיט געוויין:
ניט פאַרצער דײַן שטאַם!

ווו איז דײַן גענאַד
צו דײַן אָרעם לאַם?
אָ, אַלטער עבֿרים־גאָט,
וואָס ביסטו אָן דײַן שטאַם!

איך רוף מן המצר,
צו דיר — קראתי יה!
במרחבֿיה — מײַן האַר,
ענטפער אין דער שעה!

דערלייז דײַן פאָלק און לאַנד!
מאַך זיי לויז פון קלעם —
די געלײַטערטע אין בראַנד
פון דײַן הייליק שם.

פאַר וואָר, די חורבן־נאַכט
— פאַרגליט אין לעצטן פלאַם
געוויבען העלף די שלאַכט,
אָ, גאָט פון עבֿרים־שטאַם!

ליד פֿון מײַנע לידער

ליד פֿון מײַנע לידער — כ׳קען עס נאָך ניט זאָגן.
צי איז מיר אויך באַשערט געלײַטערטער געזאַנג?
פּלוצלינג הער איך אין דער שטילקייט פֿון פֿאַרטאָגן
אַ סירענע יאָמערט־אויס דעם נעכטיקן פֿאַרגאַנג.

אָ, ליד פֿון לידער — דערשטיקטער ווײַסער שוואַן;
חלום חרובֿער פֿון אַ היים מיט קליינע ווונדערס,
אין קאָשמאַר קלאַפּט־אויס איר מאַרש די טויטנבאַן:
דײַן ליד וועט אייביק בלײַבן אונדזערס!

ליד פֿון מײַנע לידער — ביסט נאַכטיק אײַנגעהילט,
נאָר דײַן עכאָ טוט זיך אין מײַן האַרצן טראָגן —
און ווי איך וויל מיט וואָרט זיך טאָן אַ שפּיל,
מוז איך צאָלן צינזן צו די קינות און די קלאָגן.

ביסט דאָס טרויערליד וואָס ריזלט אין מײַן בלוט
און קײַקלט זיך אין אָדערן מיט צאַפּלדיקע פּחדים —
אוי־ווײ, ווי מיר איז מיט דיר שלעכט־און־גוט,
ווײַל טויט און לעבן בינדסטו מיטן זעלבן פֿאָדעם.

ליד פֿון לידער — כ׳האָב דיך ווי מײַן הויט געהיט,
ווען געפֿיבערט האָט דײַן חלום־פֿונק אין מײַנע אויגן.
אין אימה־נעכט יענער גרויל ווערט אין מאַרך צעגליט
און שרפֿעט־אויס אַ מגן־דוד אין מײַן בלוטבויגן.

אָ, ליד פֿון לידער! — אין יענע שעהען ווילד־צעמישטע,
בעת דעם לעצטן מאַרש דורך אויסגעבאָמבטע שטעט, —
האָב איך, טויט־פֿאַרליבט, צו דיר געפֿליסטערט:
— לאָמיר תּפֿילה טאָן, ניט ווערן זאָל פֿאַר אונדז צו שפּעט.

תּפֿילות און לידער

אַ װעגן שוואַרצע, אין מזל־טאָג פֿון כּלומרשטער גאולה —
פֿאַר מיר האָט איר ניט אָפּגעהאַקט זיך דעמאָלט, ניין!
איצט ברענען אױס די טעג מײַנע אין שטױביקן פֿאַרגיין
אױף װעגן נײַע, װוּ זונליכט פֿלייצט מיט מאָסן פֿולע.

געיאָגט פֿון צאָרן גרימיקן אין טעג געשפּענציקע און דולע,
אַנטרינן איך צו דעם לעצטן אָנהאַלט — תּפֿילה און געװײן,
און אין דער טיר פֿון גאָט אַ שטומער בלײַב איך שטיין,
נאָר ער דערזעט מיך ניט אין זײַן צעשטראַלטער גדולה.

טו איך אַ דריי אַװעק זיך פֿון זײַן אָפּגעפֿרעמדטן בליק:
— װי קומט עס דו דערקענסט מיך ניט, אוי, טאַטע־זיסער!
און װי איך לױף פֿון אים דעם װעג צוריק, צוריק,
װערט אַ װאָלקן איבער קאָפּ מײַנעם פֿון זײַן בליץ צעריסן —
און מיט פֿײַער גלײביקן שלאָגט ער אײַן אין מײַנע גלידער
און פֿילט אָן מײַן האַרץ מיט תּפֿילות לױטערע און לידער.

לעצטער גאַנג

אַ שניי האָט צוגעדעקט דעם נאַקעטן געשטיין פון שטאָט.
אַן איינזאַמער פאַרשפּעטיקט גייער, מיט אַ ציטעריקן טראָט,
קלאַפּט־אויס אין פּוסטער גאַס זײַן לעצטן טרויערמאַרש
און מיט אַ מאָל בלײַבט ער שטיין שטײַף, פאַרשטאַרט.

ער קניט פאַרגליווערט אויף דעם נאַכטיקן געבלענד
און באַטאַפּט מיט פינגער פרירקע זײַן ווײַסע העמד
אויף געביין סקעלעטיש, גלאַט און צאַרט ווי זײַד, —
אין דער לויטערקייט טוט זיך אָפּ פון אים שמאַכט און לײַד.

און ער זינקט אין הייסער תּפֿילה, טיף צו ווײַסער ערד,
פון קיינעם ניט געטריבן מער, ניט געיאָגט, ניט געשטערט,
און אויף דעם פּוכיק־וויכן שניי פאַלט ער אַוועק אַ מידער,
דורכגענומען מיט אַן אויפגעלויכטן ווונדערלעכן פיבער.

זינקט און זינקט דער גייער אין דער אויסטערלישער רו.
פאַלט און פאַלט דער שניי און דעקט אים אַלץ מער צו.
וואַקסט און וואַקסט די הייך, די ווײַט, די ברייט, —
און ווײַס, די שלווה פון אין־סוף איבער אים זיך שפּרייט.

איז אַ מינדסטער שפּור פון גייער ניט פאַרבליבן מער —
פאַרשאָטן און פאַרגלעט איז אַ ליאַדע צייכן אויף דער ערד.
דער זייגער פּונעם טורעם קוקט, אײַנגעהילט אין ווײַס,
און ווי דער שניי — אַ פאַרגליווערטער ער שווײַגט.

אַ שניי האָט צוגעדעקט דעם נאַקעטן געשטיין פון שטאָט.
אַ שניי האָט צוגעדעקט דעם גייערס לעצט־פאַרשטילטן טראָט.
נאָר אַ ווײַסער פלאָם האָט פאַרקלעמט די גאַס אין פײַערצוואַנג, —
דער ווײַסער פלאָם וואָס האָט פאַרצערט דעם גייערס לעצטן גאַנג.

זעונג

די נאַכט איז שטיל. אין הימל שטערן שלאָפֿן.
ווערט מיר אומעטיק און ס׳טוט פֿאַר עפּעס באַנג —
האָב איך דערפֿאַר מײַן טיר געלאָזן אָפֿן,
וואַרט און האָרך צום גייערס נאָנטן גאַנג.

זע, אָט קומט ער. שטערן בלינצלען שאַרפֿער.
הייך צו נידער טוט זיך אַזאַ ווייכן בייג.
אָט איז ער אַרײַן, דער לאַנג דערוואַרטער,
און בלויז מירביידע בלײַבן אויג אויף אויג.

יאָרן כ׳בענק צו אָט דער וווּנדערלעכער רגע!
איז ווי־נאָר זײַן שטילער טראָט באַריִרט די שוועל,
לויף איך, אין התלהבֿות ברענענדיק, אים אַנטקעגן
און זײַן ליכט איבער מיך — זוניק ער צעהעלט.

כ׳האָב געאָנט, ווי אין חלום: דו וועסט מוזן קומען!
ער שטרעקט, ווי זײַלן שטראַליקע, די הענט צו מיר,
און איך ווער מיט זעונג, בליציק דורכגענומען —
אין מײַן לײַב ער גייט — ער גייט אַדורך דורך מיר.

וויל איך די טיר פֿאַרמאַכן — איז זי ניט מער פֿאַראַנען.
איך זע: אַ ווײַסער פֿלאַם דורך גאַסן גייט און גייט!
און מיט אים אַלע הײַזער — דורכן בלוי זיי שפּאַנען,
און ס׳איז די נאַכט מיט שטערן־זילבער אָנגעשנייט.

נעם מיך פֿאַר אַ האַנט

אָ, גאָט, די גאָלדליכט־שפּריצלעך אויף מײַן בידנעם קאָפּ
האָסטו קמצנותדיק פֿאַרטיילט, ווי קאַרגע רענדלעך שײַן,
נאָר דערפֿאַר האָסטו מיך מסיג־גבֿול געווען מיט פּײַן,
ווי כ׳וואָלט פֿון דעם מײַן אייגנס ניט געהאַט אַ טראָפּ.

מיט צרות איז דײַן מזל־ברכה אויף מײַן קאָפּ אַראָפּ,
ווי רעגנס פֿײַערדיקע. און אָן רשות ביסטו אין מײַן
רשות אַרײַן. פֿאַר וואָר, דײַן שטענדיק אין מיר זײַן
איז מיט געשרעק, וואָס פּענטעט מיך און לאָזט ניט אָפּ.

נאָר וויפֿל כ׳טרייסל ניט די פּחדים פֿון געביין,
האָב איך אַלץ נאָך מורא בלײַבן איינזאַם און אַליין
אין דער וועלט פֿון ליכט און פֿינצטער. נעם מיך
פֿאַר אַ האַנט און פֿיר. כ׳בין דאָ אַזוי נישטיק־קליין
מיט מײַן גאַנצער אויסגעדוכטער גרייס. כ׳בלײַב שטיין
הכנעהדיק און וואַרט אויף דײַנע קאַרגע שפּריצלעך ליכט.

גוט

גיב מיר דײַן פֿאַטערלעכע האַנט, כ׳וועל זיך לאָזן פֿירן,
געהאָרכיק נאָכגיין דײַנע טריט און ניט פֿרעגן ווו —
גוט צו בלאָנדזשען אָן אַ ציל ביז דו קענסט דערשפּירן
אַז עמעצער האָט דיך דערפֿירט צו אויסגעבענקטער רו.

גיב מיר דײַן יצירה־וואָרט, כ׳וועל לאָזן זיך פֿאַרשטילן,
אים נאָכזאָגן פֿאַרטרויִק־בלינד און ניט פֿרעגן וואָס —
ס׳איז גוט צו זוכן אַ פֿאַרטײַטש ביז דו קענסט דערפֿילן
אַז עמעצער האָט אין דײַן אויג צעליכטיקט יעדן אות.

גיב מיר דײַן שײַניק בליק, כ׳וועל לאָזן זיך פֿאַרבלענדן,
נאָכטיקען דעם ריטעם פֿון דײַן האַרץ און ניט פֿרעגן ווי —
גוט צום חלום זיך צו טוליען ביז עס קומט אַ ווענדונג
און עמעצער דיך וועקט אין מיטן פֿון דײַן פּלי.

גיב מיר דײַן ברויזיק בלוט, כ׳וועל אָנצינדן די לוסטן,
הונגעריקן לײַב אָנזעטיקן און ניט פֿרעגן ווער —
גוט אויף אילוזיע־פֿליגל טראָגן זיך צום אומבאַוווּסטן
ביז עמעצער קלײַבט אויף ס׳ביסל אַש פֿון דײַן באַגער.

שטעל זיך אָפּ

שטעל זיך אָפּ און טו אַ טראַכט: ווו גייסטו?
די וועגן דאָ צעפּלאָנטערט און פֿאַרשטעלט —
און אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער זיך דרייסטו
אַרום דײַן אייגענעם געצעלט...

פֿאַרהאַלט דײַן גאַנג און טו אַ קלער: צי ווייסטו?
די בלויען דאַרטן לאָקן מיט אַ סוד —
און ווי אַ מידער וואַנדערער דערגייסטו
צו אים, וואָס דרייט דאָס שטערנדיקע ראָד.

צו אים? די פֿראַגע ברענט: פֿאַרשטייסטו?
דער ספֿק אין דײַן מאַרך — אַ שאַרפֿע שווערד.
איר שאַרפֿקייט אין דײַן בליק פֿאַרגלייזסטו
און פֿאַלסט אויף ווערעמדיקער ערד.

דער שטומער דיאַלאָג

אַז איך דערלויף צו גאָט — בלײַב איך מיט זיך אַליין.
איך זע: ער וואַרט מיט בוך און מאָס און וואָג —
פֿאַרשרײַבט און ציט־צונויף מײַן זינד־פֿאַרמאָג,
נאָר איך זײַן חשבון קען ביז הײַנט נאָך ניט פֿאַרשטיין.

וואָס איז דער זין און מיין פֿון זײַן און פֿון פֿאַרגיין?
יאָרן שוין איך פֿיר מיט אים אין שטומקייט דעם דיאַלאָג
און דעם עול פֿון חובֿות מענטשלעכע קעגן הימל זײַנעם טראָג —
כ'רייד צו אים, וואָס האָט פֿאַרקליבן זיך אין מײַן געביין:

— כ'זע נאָך דײַנע שאָלן וויגן זיך אויף תּליה־שטריק.
זענען דאָס די מאזני־צדק? ווײ איז אונדז און ווינד!
און דו — דער אל מלא רחמים? ענטפֿער גלײַך, אַצינד:
צי ביסטו מיר ניט אַ בעל־חובֿ — כאָטש אַ טראָפּן גליק?
איך, דײַן בחיר־היצורים, ניט סתּם אַ וואָרעם, בלינד,
מאָן אַ תּשובֿה: ווער וועמען מוחל זײַן דאַרף די זינד?

עמעץ — איבער מיר

איך קום צום לאַנד פון אייביקייט און גראָזן —
ווערט פון זײַן שטילן סוד מײַן האַרץ פאַרקלעמט,
וואַנדער איך אַוועק אויף אַ סטעזשקעלע — פאַרלאָזן,
און די לעבעדיקע וועלט רינט אויס פון מײַנע הענט.

דער הימל־לײַלעך דעקט מיך צו, ווי כּישוף בלויער,
צום גראָז, ווי צו אַ קישן, טוט אַ פאַל מײַן קאָפּ
און ס׳וועפּט זיך אויס פון האַרצן גאָר דער טרויער —
ווי אַ וואָלקן שווימט אַוועק די וואָר און טוט זיך אָפּ.

מײַנע אבֿרים אין דער ערד, ווי ציטעריקע גרעזלעך, —
ס׳נעמט די רו פון פעלד מיך ליב און צאַרט אַרום,
ביז פונעם גרין זאַפטיקן (ווי אומפאַרגעסלעך!)
וואַקסט אַרויס מײַן קאָפּ — אַ רויטע בלום.

און די רויטע בלום גרייכט באַלד ביז צום הימל.
עמעץ — אַן געשטאַלט און מראה — אָטעמט איבער מיר.
און איך פיל — ער גלעט מיך אין מײַן דרימל
מיט זײַן פלאַטערדיקן שטראַליקן באַריר.

— דו ?.. — מיר דוכט אַ פליסטער טוט מיך וועקן.
— אַ בלימל בין איך... ענטפער איך אָן שטים.
פאַר אַן אייביקייט וועט מיר שטילקייט קלעקן
צו בלײַבן דאָ פאַרוועבט אין גראָזיקן פילגרים.

נאָר ווי די גראָזן הייבן אָן פאַרוואַקסן מײַנע ווײַעס,
שפּראָצט דער פּחד אויף מיט ווײַס אין מײַנע האָר, —
כאַפּ איך זיך אָן בײַם קאָפּ, צעשוידערט צי עס...
ביז איך פאַל צוריק אַרײַן אין לעבעדיקער וואָר.

ווען?

איך וועל דעם פענצטער ניט פאַרמאַכן — —
און ס'איז מיר אומעטיק אַזוי פון דעם.
אַנדערע וועלן עס טאָן.
זײַן פריילעך. לאַכן.
ניט דערזען.
ניט דערמאָן.
ווי ס'וואָלט גאָר ניט געווען.

זיי וועלן ניט פילן מײַן קלעם
קוקנדיק אויף דער ליידיקער גאַס
ווו דער האָריזאָנט הענגט אויף גילדענע שטויבן
און אַזאַ ווײַט־ווײַט לאַנגער בלוילעכער פּאַס
שפּיגלט מײַן אומעט אין די שויבן.

דער האָריזאָנט לאָזט אַראָפּ די טונקעלע ברעמען
און דער טרויער אין שטוב דעקט צו אַלע זאַכן.

בײַם סוף פון לאַנגן וועג זע איך —
ווען?
כ'וועל הײַנט דעם פענצטער ניט פאַרמאַכן
. . .

אַבֿרם דערקענט זײַן גאָט

הבט־נא השמימה וספור הכוכבים
אם תוכל לספור אותם ?
ויאמר לו : כה יהיה זרעך !
(בראשית טו׳ ה׳)

א

אַבֿרם האָט אים צום ערשטן מאָל דערקענט
אין מידבר, אין אַ טיפֿער דממה־נאַכט —
ווען די קעמלען האָבן זיך געוויגט אין ריטמישן געשפּאַן,
ווי אַ בלאַסער חלום פֿון אַן אויסגעטראַכטן לאַנד.
די גלעקעלעך אויף די גראַציעזע העלדזער
האָבן געטריפֿט מיט אַ זילבערן געקלאַנג.
אַבֿרם האָט אײַנגעשלומערט אויפֿן אײזעלע
וואָס באַגלייט דעם קאַראַוואַן.

שטיל.
די ערד האָט אָפּגעשטעלט איר גאַנג.
נאָר דער הימל האָט פֿון ברעג צו ברעג
בלויער זיך געשפּרייט
און שטערן אָן אַ צאָל האָבן יום־טובֿדיקן ליכט געזייט —
דימענט־קערנער אין טויער פֿונעם הימל,
וואָס איז געשטאַנען אויפֿגעפּראַלט
און מיט פּראַכט צעשטראַלט.
ווינטלדיק האָט אַ זיס קול געשעפּטשעט
דעם דרימלדיקן אַבֿרמען אין אויער :
— אַבֿרם, דערוואַך... דערוואַך...

אַבֿרם האָט די אויגן ברייט צעעפֿנט און ער זעט :
דער קאַראַוואַן — אַ כּישופֿדיקער שנור פֿון שטערן —
ציט זיך פֿון מידבר צו דעם הימל אַרויף,
און פֿון הימל זיפּט זיך אַראָפּ,
ווי טוי אויפֿן זאַמד, —
אַ ליכטיק־צעפּלייצטער געזאַנג.
און ס׳ווינטל קרײַזלט אַבֿרמס זײַדיקע באָרד :
— דערוואַך, אַבֿרם, דערוואַך...

בֿ

אַבֿרמס אויגן קלעפּן זיך מיט חלום־שײַן
און ס׳גייט־אויף פֿאַר אים אַ מידבר־מחזה:
דער הימל קוקט זיך דורך, ווי בלויער טיול,
און אַלע שטערן — אַ וועג פֿון לויטער ליכט.
אַבֿרם קניט אין ערפּורכט און אין תּענוג.
ער שטרעקט די הענט צום הימלישן געוועב —
צו די הייכן אָפֿן איז פֿאַר אים אַ וועג
און אַלע שטערן צו אים זינגען:
— אין די הימלען וווינט ער,
וואָס זײַן שײַן שטראַלט אויף דײַן קאָפּ —
דו האָסט אים דערקענט
און ער האָט דיך דערוויילט —
ער איז דײַן גאָט!

איצט זעט אַבֿרם דעם טראָן פֿון גאָט.
איבער אים צעפּעכערט איז אַ פֿאַרבן־ים —
אַ רעגן־בויגן אין אַ רעגן־בויגן.
אין עקסטאַז מאַכט ער צו די אויגן מיט די דינע הענט
און עס לייגט זיך דורך אַ תּפֿילה־ציטער,
ווי אַ גאָלדיק שטעגל, —
פֿון זײַנע פֿיבערדיקע ליפּן ביז צום מידבר־זוים
וווּ אָפֿן איז דער הימל.
ער זיצט אויף זײַן טראָן
אָנגעטאָן אין מלכותדיקן קיטל,
מיט גינגאָלדענע שטערן צעשימערט.
גיט אַבֿרם אַ פֿאַל־צו צו דעם קילן זאַמד
און מיט פֿאַרגאַפּטע בליקן, ווי אַ נײַ־געבוירן קינד,
קוקט ער צום הימל און ציילט די שטערן,
וואָס ציִען ווי שורות בלישטשעדיקע פֿייגל
איבער אים פֿאַרבײַ.

ג

אַבֿרמס באָרד איז שוין געפלאָכטן מיט אַ ווײַסן בלענד,
ווי די קלאָרע ווייכע וואָל פון זײַנע יונגע שעפּעלעך.
און ווען דורכן זומערדיקן טאָג
צעוואַרעמט די זון זײַנע גלידער,
דערפילט ער זיך פאַר נאַכט מיט פרישע זאַפטן אָנגעגאָסן
און אין די היפטן ווידער שפּראָצן מענערישע כּוחות —
אַזש די ביינער ווערן פײַער־בראַנדיק
ווי דער קאַלכאויוון.

נאַכט.
צאַרטע הענט האָבן אײַנגעוויקלט זײַן גוף
אין אַ בלוי־טונקעלער זײַדענער אַבאַיע,
ווי דער הימל אויפן געצעלט.
לאַנגע פילעוודיקע פינגער
גלעטן זײַן גלוסטיקן לײַב —
פון דעם צינדט זיך זײַן באָרד מיט ווײַס־גלײַיקע פונקען,
ווי די שטערן וואָס בלינצלען איבער זײַן קאָפּ.
מיט יונגלשער פלינקייט שפּרינגט ער אַראָפּ פון אייזעלע,
מיט זײַן הייסן שטערן באַרירט ער דאָס מידבר־זאַמד
און אַ תּפילה צו אלוהים צאַפּלט אויף זײַנע ליפּן.
ער פאַרהייבט זײַנע הענט צום הימל
און אַלע פינגער ווינען אויס מיט שטערנליכט דאָס געבעט.

זײַן ציטעריקע תּפילה גייט אויף צעשטראַלט.
דער מידבר שווײַגט.
די בלויע נאַכט אויף זײַנע הענט.

ד

— אָ, אַדוני!
אַזוי פיל יאָרן שיצסטו מיך אין וואַנדער.
איבער די מידבריות האָט מיך דײַן האַנט אַ זיכערע געפירט,
נאָר ביז הײַנט האָסטו געלאָזן מיך ווי אַ פאַרזיגלט לאָגל ווײַן
און איך גיי אויס ערירידיק אין מײַן שמאַכט.
פאַר וואָס, אלוהים,
גיסטו מיר ניט פון מײַן דיך אַן אַרבער
וואָס זאָל ירשען מײַנע רינדער און מײַנע שאָף?

פלוצלינג עפנט זיך אַ מחזה קעגן זײַנע אויגן:
דער בלויער הימל טוט אַ פלאַטער
איבער זײַן ווײַס־ליכטיקן קאָפּ
און פון די אָפענע הייכן זינגט אַראָפּ גאָטס קול:
— די שטערן אין מײַן הימל, צייל זיי, —
צי קענסטו זיי גאָר ציילן?
אַזוי פיל וועלן דײַנע קינדער ווערן!

— — — — — — — — — — — — — —

אַבֿרמס גוף ווערט אָנגעפילט מיט ליכטיקע פריידן.
ער קושט דאָס זאַמד בײַ דער עפענונג פון געצעלט.
דער הימל בייגט זיך צו צו אים
און רוימט אים אײַן אַ סוד.
אויף זײַן אַלטן ווײַסן קאָפּ גליטשן זיך ווייך די שטערן.

אָפּגעפרישט און מונטער טאַנצט ער אַרײַן אין טונקעלן געצעלט
און פילט אויפן צעפּאַטלטן ווינטיקן קאָפּ
דעם זיסן אָטעם פון שׂרהן — —

צו דעם גאָט — וואָס אין מיר

אַלף

גאָט, אַלע תּפילות וואָס מײַן מאַמע האָט אַרויפגעשיקט צו דיר
האָבן דורכגעציטערט דורך דעם קעמערל אין איר יונגן לײַב,
וואָס דורות ליכטיאָרן פון דײַן באַשאַף האָבן אין אים געשטראַלט.
דאָס קעמערל האָט זיך מיליאָנען מאָל געכפּלט אין איר טראַכט,
און אין איר אויג האָט ער זיך צעצוויט ווי אין אַ שפּיגל.
אין עמבריאָן אונטער איר האַרץ ביסטו שוין געווען פאַרהוילן.
האָט מײַן מאַמעס טראָט ריטמיש זיך צעפּײַקלט אויף דער ערד,
און זי האָט געטאַנצט, פאַרשיכּורט פון איר גופיקן נעקטאַר,
און געזונגען צו דיר, גאָט, אַ הימען פון דאַנק און לויב.

בין איך אויפן לייטערל פון אַ גינגאָלד־קערן אַרויפגעשטיגן,
ביז אונטערן סאַמע האַרצקלאַפּ פון מאַמעס פריידיקן געזאַנג,
און מיט בלינדע אילוזיע־אייגעלעך דערזען דיך, מײַן גאָט.
אויף מיקראָ־פליגעלעך פון חלום האָב איך זיך לײַכט געהויבן
צו דײַן אייביקייט, וואָס האָט געשטראָמט מיט ימען ליכט
פון זונען און שטערן אין געדריי פון גאַלאַקטישע קרײַזן.
אין צענטער פון דעם־אַ אוניווערס האָט געצאַפּלט מאַמעס האַרץ,
און אין סאַמע האַרצן — דו! דאָ, אין דײַן געטלעכן וואַרשטאַט,
האָסטו פון ליכט און אומגעאַנטן פּחד אויסגעקנאָטן מײַן נשמה
און אַרײַנגעבלאָזן אין מיר דײַן לעבעדיקן רוח אלוהים.
לאַנג זענען מיר געשלאָפן צוזאַמענגעטוליעט אין נצח־צײַט
און דו האָסט געצונדן אין מיר די פונקען פון דײַן גײַסט.
נאָר דאָס אַלץ האָט מײַן מאַמע בשום־אופן ניט געטאָרט פילן,
אַניט וואָלט זי גאָר געמיינט אַז זי שוואַנגערט מיט אַ משיח
און פון אויפטרייסלונג און שרעק וואָלט זי מפּיל געווען.

אַז כ׳האָב זיך אָפּגעריסן פון מאַמעס צוגענאָפּלטער אַלוועלט,
האָט זי מיך האַסטיק איבערגעדעקט מיט איר וואַרעמען גוף
וואָס האָט געשמעקט מיט זעט פון זיסער מילך און מוטערשאַפט.
מײַן צעקרישלטער אוניווערס איז געלעגן אין הורבעס חלום.
כ׳האָב אַ זוך געטאָן מיט די ליפּעלעך... איז אַ מלאך אַנגעפלויגן,
מיר אַ שנעל געטאָן אין שטערן און כ׳האָב מער גאָר ניט געדענקט.

... אלול. אין פענצטער האָט אַ לאַזוריקער שטילער הימל געציטערט.
די גאַנצע וועלט האָט זיך מיטגעשאָקלט אויף די שפּיציקע קני פון אַ ייִד
מיט אַ וואַלדיקער גרויער באָרד. ער האָט פרום אַ ברכה געמאַכט
און איינגעשניטן אין מיר דעם בונדצייכן פון גאָט פון אַבֿרהם.
אין דער רגע האָבן צווי בלאַנקע פליגל איבער מיר אַ פלאַטער געטאָן
און פאַר שרעק האָב איך זיך צעגוואַלדעוועט ביזן זיבעטן הימל.
מײַן מאַמע האָט אַ דערציטערטע פאַרשטעלט מײַנע בלינדע אייגעלעך
און דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן: — אַז ניט געדאַכט זאָל עס ווערן...
און ווי אַ חיה וואָס לעקט די פעל פון אירע נײַ־געבוירענע ברואימלעך,
האָט זי בײַ יעדן שפּײַ מיר אָפּגעלעקט דעם זאַלציק־פאַרשוויצטן שטערן.
מיט טרויעריקע אויגן האָט זי געקוקט צו די פאַרהאַקטע פענצטער
און פון די שויבן האָט איר פּנים קרישטאָל־גלאָט צוריקגעשײַנט.
אירע העלבלויע אויגן זענען געווען פאַרצויגן מיט אַ פײַכטקייט,
ווי טויִקע מײַ־גלעקעלעך וואָס שפּראָצן אויף אין פרילינג.
אין שטוב איז אויפגעגאַנגען דער ריח פון בלוט און שוויס.
אַ זײַל גאָלדשטויב האָט זיך געוויגט פון פענצטער צום וויגעלע.

אַז איך האָב אָנגעהויבן אַרומשפּרינגען, ווי אַ יונג ווערוריקל,
האָט מײַן מאַמע איין מאָל מיך איבערגעלאָזט אַליין אין הויז.
זי איז אַרויסגעגאַנגען און די טיר איז געבליבן אָפן צום דרויסן —
און אין בלויען קוואַדראַט, וואָס האָט זיך אַרײַנגעשניטן אין הימל,
האָב איך פלוצלינג דערזען גאָט — — ער האָט געשוויגן און געקוקט.
זײַן בליק האָט מיך צוגעשמידט. מײַן שרעק איז אַלץ מער געוואַקסן
און איך האָב ניט געקענט אָפּווענדן מײַן פּנים פון זײַנע אויגן,
וואָס זענען געווען טרויעריק ווי די אויגן פון מײַן מאַמען...
די זון האָט זיך געזעצט הינטער זײַן רוקן. ער איז געווען דורכזיכטיק
און דער שקיעה־האָריזאָנט האָט געכוואַליעט אין אים ווי אַ העליש פלאַם.
מער פון אַלץ האָט מיך געשראָקן זײַן פאַרקראַמפּט שווײַגן.
מיט אַ מאָל האָבן זײַנע צווי גלײַזקע פליגל אַ פלאַטער געטאָן
און אַ ווײַטע דערמאָנונג האָט מיך פאַרגאָסן ווי אַ ווערבלשטראָם.
דער אָטעם האָט מיר פאַרכאַפּט. אין האַלדז איז מיר ענג געוואָרן
און דער פּחד האָט מיך פאַרקלעמט ווי אין אַ האָריקער האַנט.

— מאַאַאַ־מממע! — האָב איך זיך צעשריגן מיט באַנומענע קולות,
אַ כאַפּ געטאָן די לויזע הייזלעך אין בײדע הענטלעך
און געלאָפֿן,
געלאָפֿן,
געלאָפֿן פֿון גאָט — —
איך האָב געהערט הינטער מיר זײַנע דונערדיקע טריט אויפֿן ברוק.
בום־בום! — האָט ער מיר נאָכגעיאָגט. און מײַן הערצל: — בום־בום־בום!
איז אין שטעטל געוואָרן אַ ווילדע סומאַטאָכע, ווי בעת אַ שׂרפֿה,
און אַלע פֿורן פֿון מאַרק האָבן זיך נאָך מיר ראַפּטעם אַ יאָג געטאָן,
נאָר זיי האָבן מיך ניט געקענט כאַפּן. און דאָ האָט עפּעס פּאַסירט:
מײַנע הייזלעך האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט ביז אַרונטער די קני
און ווי מיט פּענטעס פֿאַרפּלאָנטערט מײַנע פֿלינקע פֿיסלעך —
איך בין געפֿאַלן און פֿאַר חרפּה פֿאַרגראָבן מײַן פּנים אין דר׳ערד.
און אַלע קינדער פֿון גאַס האָבן זיך באַלד צוזאַמענגעקליבן,
זיך געדרייט אַרום מיר אין אַ קאַראַהאָד און געזונגען:
— נאַ־קע־טער הינטן... נאַ־קע־טער הינטן...

מײַן מאַמע האָט מיך געפֿונען אין אַ ווינקל באַהאַלטן, אַ פֿאַרחלשטן.
מיט אירע איידעלע דינע פֿינגער האָט זי אַ גלעט געטאָן מײַן האַלדז
און גלײַך דערפֿילט אַז גאָט האָט זיך אָנגעהאַנגען אויף מיר.
זי האָט אומעטיק מיר אין אויער אַרײַנגעשעפּטשעט:
— פֿון גאָט קען מען אין ערגעץ ניט אַנטלויפֿן, מײַן קינד.
ער איז מיט אונדז אומעטום און אייביק. מוזסט אים ליב האָבן.
צום „ליב האָבן" האָט מײַן האַרץ גלײַך ווידערשפּעניקט:
— אַז ער שרעקט מיך מיט זײַן שווײַגן. אַ וואָרט רעדט ער ניט.
— גאָט ענטפֿערט אַז מע בעט צו אים. גאָט איז אַ גוטער.
— גאָט איז אַ גוטער... — האָב איך נאָכגעמורמלט ווי פֿאַרשוואַרצט.
— אָבער פֿאַר וואָס, מאַמעלע, האָסטו מיך ניט געלאָזט
אין דײַן בויך וווינען פֿאַר אַלע אייביקייטן —
ווי גאָט אין הימל?
זי האָט מיר אַ גלעט געטאָן אויפֿן בעקל: — נאַרעלע...

די נאַכט האָט געבריט ווי אַ הייסער קאָמפּרעס. זיך געצויגן אָן אַ סוף.
מײַן מאַמע האָט מיך צו איר ברוסט געדריקט און כּסדר געוויינט.
אַז זי איז אַ מידע פֿון מורמלען תּפֿילות אַנטדרימלט געוואָרן,
האָט גאָט זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון זײַן זילבער־צעשטערנטן הימל
אויף דעם דינסטן און ליכטיקסטן לבֿנה־שטראַלכעלע —
ווי די קונצן־מאַכערס טוען עס אין צירק —
און דורכן פֿענצטער איז ער גלײַך צוגעשפּרונגען צו מײַן בעט.
ער האָט מײַן הענטעלע גענומען אין זײַן גרויסע וואַרעמע האַנט
און האָט מיט אַ שטיל קול, ווי דער מאַמעס, מיך אײַנגעשלעפֿערט.
זײַן לידעלע האָט געהאַט דעם זיסן טעם פֿון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

יאָרן נאָך דעם פֿלעגט מײַן מאַמע האַלטן אין איין דערציילן די מעשׂה:
— דודל האָט אַ גאַנצע נאַכט געפֿיבערט, געברענט ווי אַ פֿלאַמפֿײַער,
ביז דער גוטער גאָט האָט פֿאַרנומען מײַן תּפֿילה און מײַנע טרערן —
האָט ער אַראָפּגעשיקט זײַן מלאך רפֿאל און ס׳קינד איז גענעזן געוואָרן.
און יענע לאַנגע נאַכט איז געבליבן אײַנגעקריצט אויף אייביק
אין זכּרון פֿון דער מאַמען — וואָס האָט גאָר ניט באַמערקט
אַז גאָט מאַניעט אַרויס די מתּנה וואָס ער האָט פֿאַר איר באַשאַפֿן.

אין די אָוונטן פֿלעג איך שוין זוכן דעם גאָט פֿון אירע תּפֿילות,
און אומגעזען — זיך אַרויסגליטשן פֿון שטיבל אין דרויסן אַרויס.
דאָ האָט גאָט מיך פֿאַרנאַרט אין זײַן בלוי־געוועלבטער קיניגרײַך,
ווו ער האָט, ווי אַ מאָל, געשוויגן הינטער דער שטילקייט פֿון שטערן.
און אַז איך פֿלעג דערפֿילן די טראָפּנס שטערנמילך אויף מײַנע ליפּן,
פֿלעג איך זיך צוטוליען צום גאָט פֿון מײַן געזאַנג־און־שרעק
און פֿירן מיט אים שטילע שמועסן אין דיאַלאָגישער אַליינקייט.

אָ, מײַן גאָט פֿון די ערשטע, פֿרישע, ליכטיקע חומש־טעג!
איך שווער אַז איך האָב דיך באמת קיין מאָל ניט פֿײַנט געהאַט.
און ווי האָט גאָר אַ ייִדיש קינד געקענט פֿײַנט האָבן אַזאַ שטאַרקן גאָט,
וואָס זײַן מורא הויערט איבער אים און ווי דער פֿלאַקערדיקער הר־סיני?..
כ׳בין אָבער ניט זיכער צי איך האָב דיך מיטן גאַנצן האַרצן האָלט געהאַט —
ווײַל ווי קען אַ קינד ליב האָבן די סאַמע שרעק וואָס שווײַגט שטום?!

אָ, מײַן גאָט פֿון „אַ מאָל איז געווען אַ מעשׂה"...
אַ מעשׂהלע פֿון בראשית — ווען דו אַליין ביסט געווען דער עדות
פֿון אַ וועלט וואָס האָט אַרויסגעבלויט פֿון תּוהו־ובֿוהו
און אַ לעבעדיק נפֿש האָט אָנגעהויבן ווימלען
אויפֿן פּנים פֿון דער ערד.
די קורצקייט פֿון דײַן יצירה־מעשׂהלע
איז געווען אַזוי פֿאַרכאַפּנדיק און פֿריש,
ווי פֿריש דײַן תּורה איז געווען אין מײַנע קינדערישע אויגן.
די ערשטע סדרה פֿון יענע יונג־זוניקע חדרישע טעג
קלינגט נאָך הײַנט אין מײַנע אַלע אבֿרים וואָס וויגן זיך
אין ריטמיש־סקאַרבאָווען ניגון פֿון אַלטן זיסן עבֿרי־טײַטש:
בראשית — אין אָנפֿאַנג, ברא — האָט באַשאַפֿן, אלהים — גאָט.

בראשית... אין אָנפֿאַנג איז גלײַך גאָט געקומען צו אונדז
און באַשאַפֿן די לאַנגע הייסע זומערטעג מיטן שטיקנדיקן חדר,
ווו דער רבי האָט אונדז פֿאַרטראָגן אין משונהדיקע וווּנדער־וועלטן.
פֿלעג איך אין אָוונט אַרײַנפֿאַלן פֿון חומש־שמעקעדיקן גן־עדן
אין דער גרויער לײדיקער כאַטע, ווי גאָט וואָלט מיך אָפּגעבאַרט.
דאָ האָבן געדריקט די זאָרגן פֿון פּרנסה שווער און וואָכעדיק,
און די אויגן פֿון טאַטע־מאַמע האָבן מיך אָנגעקוקט מיט אַ גלאַנץ
וואָס האָט אָמן פֿאַרמסרט דײַן שטום בלײַבן צו זייערע תּפֿילות,
פּונקט ווי דו בלײַבסט שטום צו מײַנע הײַנטיקע רייד...

אָבער אין די פֿרײַטיק־צונאַכטן פֿלעגט מיט די בענטשליכט קומען ויהי אור
און אויפֿן שינדלדאַך פֿון שטוב פֿלעגסטו שיטן הײפֿלעך שטערן.
פֿלעג איך מיט אַן אויפֿגעמונטערט קול אויסקלינגען די אידיליע
פֿון אָדם און חוה —
גן־עדן און כּולו שבת —
און משיח אויפֿן איזעלע — — —
נאָך דעם פֿלעג איך ליגן וואַך ביז שפּעט אין דער נאַכט
און אין מיר האָט עפּעס מיט אומגעזאָגטן שרעק געציטערט —
מער אפֿשר ווי אָדם און חוה אין זייער ערשטן דיאַלאָג מיט דיר.

אין די שבתים זענען הויפנס קנעפלעך, טשוועקלעך און שטיינדלעך
געבליבן אין די צעריסענע קעשענעס פון די וואָכעדיקע הייזלעך,
אָבער מײַן געמיט איז געווען לויטער און ליכטיק פון אַ נײַ שפּיל,
אין וועלכן דו ביסט מיר ערבֿ געווען פאַר מײַן יידישן עולם־הבא.
אייביקער שבת. מלאכים סערווירן שור־הבר מיט שטיקער לוויתן פאַר אונדז,
פאַר די אָבֿות מיט יוסף הצדיק, פאַר אליהו־הנבֿיא און דוד המלך...
דאָס גאַנצע שטעטל יידן וועלן זײַן אורחים אויף דער גרויסער סעודה.
נאָר אומפאַרשטענדיק פלעגט מיך, אין מיטן חלום, עגבערן דער פּחד
וואָס טאַטע־מאַמע וועלן מער קיין דאגות־חיונה ניט האָבן...
הײַנט זענען דײַנע געטלעכע געריכטן פאַר מיר שוין לאַנג קאַליע
און דײַן יין המשומר איז אויסגעוועפּט ווי פאַרדומפּן וואַסער,
בלויז דײַן שרעק איז נאָך אַלץ אין מיר — אַ האָר ניט געמינערט.

און ס׳דערמאָנט זיך: ווען כ׳האָב געלייענט אַ געגויעם „באַריכט“
פון דײַן סמאָלע־צעפּלאָמטן גהינום מיט די אַלע מלאכי־חבלה,
האָב איך אין דער נאַכט אַרויסגעשוויצט די קאַשמאַריקסטע חלומות
און געוואָלט ראַטעווען מײַן נפש דורך מקדש זײַן דײַן שם
(ווײַל אַן דיר בין איך דאָך נאָר אַ קעלבל אין שחיטה־הויז),
איז אויך דעמאָלט ביסטו שטום געבליבן צו מײַן הייסן ווילן
און — ס׳האָט זיך אויסגעלאָשן די מאָדנע תּאווה צו ווערן דײַן קרבן.

מײַנע אַלע טעג און נעכט זענען אָבער אַ קרבן צו דיר —
ווײַל דו האָסט אַ גאַנץ לעבן פון מיר פאַסן געשניטן
מיט די הענט פון דײַנע בייזע שליחים — פרעמדע און אייגענע.
אין דעם חלק וואָס דו האָסט מיר צוגעטיילט בידך המלאה
זענען געווען גאָר ווייניק גליקלעכע מעת־לעתן ביזן סוף.
איך נעם אָבער צו, אָן תּרעומות חלילה, די אַלע זויערע פריידן,
די צוגעוואָרפענע שערבלעך ליכט און צעשפּליטערטע פאַרגעניגנס,
ווײַל אין מײַן נאַטור בין איך סײַ ווי אַ מסתּפּק במועט.
אָט בלאָנקע איך נאָך אַרום ביז הײַנט, ווי אַ געיאָגטער הונט,
און לעק אַרום מיט אַ גאַווערצונג דײַנע צוגעוואָרפענע ביינער
אויף דער שוועל פון דײַן צעהוליעטע, שיכּור־משוגענע וועלט.

גימל

אַ, מײַן גאָט פון אַלטע חומש־מעשׂהלעך, װוּנדיירים און פּחדים!
דײַן גאַנצע פּאַרציײַטיקע װעלט האָסטו אַרױפגעבױט אױף מיר
און געװאָלט איך זאָל דיר העלפן טראָגן אַזאַ הימל־הױכן טורעם.
אין מײַן קלײן גופעלע האָסטו צעלײגט, אין קעמערלעך, די דורות,
און זײער שװערקײט — פון אָדם הראשון ביז צו מיר —
האָב איך געפּרוּװט, װי דער אָקס אין יאָך, מיט אַלע כּוחות שלעפּן.
און דו האָסט מיך אַלץ צוגעיאָגט מיטן בײַטשל פון ייִדישע ציטערנישן —
ביז אַלע דורות אין מיר האָבן זיך צעבונטעװעט קעגן דײַן מאַכט.
אָבער איך האָב געװוּסט אַז דאָס איז אַ בונט קעגן זיך אַלײן —
װײַל אױב דו װוינסט אין מיר קען איך סײַ װי ניט זיגן.
און כ׳האָב דיך פון מײַנע טיפענישן גערופן קײנער זאָל ניט הערן,
נאָר דו האָסט אױך ניט געהערט, ניט געזען און ניט געענטפערט.

און װען די באַשטיװלטע יונגען האָבן מאַרשירט דורך די געסלעך,
האָב איך זיך אױך געפּלאָנטערט הינטער זײער טראָט און געשרײגן הוראַ.
האָט מיר אַ שײגעץ מיט אַ בלאָנדער טשופּרינע דורכגעשטאָכן מיט זײַנע
צװײ בלויע קוקערס — בײז און אָנגעשאַרפט װי שטאָלענע שפּיזן, —
האָב איך פּלוצלינג דערזען אַז אַלע גױישע פּנימער זענען האַרט און פרעמד.
פאַר מורא האָב איך זיך אַרײַנגעקװעטשט צװישן די שורות ייִדישע בחורים,
װי כ׳װאָלט בײַ זײ אַ שוץ געזוכט פון די גױישע כמורנע בליקן.
די רױטע פאָן האָט זיך געטראָגן פאָרױס, װי אַ בלוטיקער סיגנאַל,
און דאָס געברום פון די מאַסן איז געפאַלן אױף די קעפּ װי אַ דונער.
איך האָב מיטגערעװעט מיטן װילדן המון, כּדי זיך צו פאַרטױבן.
דײַן בונד, װאָס איז געװען אײַנגעשניטן אין מײַן לײַב,
האָט מיך דערמאָנט אַז איך האָב אפשר מיט אַ טעות פאַרבלאָנדזשעט אַהער.
די מאַניפעסטאַציע איז שטײן געבליבן נאָענט פון דער ברעטער־בינע
און פון איר אױסגעדורכטער הײך האָט אַ מעגאַפאָן געמאָלדן:
— מאָרגן פרי קומט צופאָרן אונדזער גרױסער העלד — דער באַפרײַער!

מיטן פרימאָרגן האָבן מיר אַװעקגעיאָגט צו דער קלײנער באַנסטאַנציע.
פאָרױס האָט אַן אָרקעסטער אױסגעפױקט באַקאַנטע פרײַהײט־מאַרשן.
הינטער אים זענען מיר געלאָפן מקבל־פּנים זײַן אַ נײַעם משיח.

די באַן איז אַנגעפּלויגן, מיט אַ רויט פענדל אויפן לאָקאָמאָטיוו,
און זיך פאַרהאַלטן מיט אַן אײַזערנעם געקלימפּער פון די טאָרמאָזן.
אַ רוף האָט געגוואַלדעוועט: זאָל לעבן די רעוואָלוציע און דער גואל!
אַ ייִנגל האָט פון לאָקאָמאָטיוו־פענצטערל אַרויסגעשטעקט אַ דאַר פּנימל
און מיט אַ קוויטשיק קולכל געלייענט דעם מאַניפעסט פון נײַעם משיח.
דער אָרקעסטער האָט געשפּילט אַ הימען פון קאַמף. אַלע האָבן מיטגעשריִען.
איך בין געווען שטיל. האָט מיר גאָט אַ ווונק געטאָן און געפּירט מיט זיך.
ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַן אָפּגעזונדערטן ווינקל
האָט ער מיר צוגעשעפּטשעט: — ער איז ניט אונדזער משיח!
איך האָב פּראָטעסטירט: — יעדער משיח וואָס ברענגט גאולה...
— ששש... — האָט ער אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף מײַנע ליפּן,
מיט חשד זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן און גאַר שטיל געזאָגט:
— דער משיח וועט ברענגען אומגליק, ימען בלוט און באָכן טרערן.
איך האָב זיך אַ ריס געטאָן און געוואָלט אַנטלויפן פון גאָט,
האָט מיך זײַן בליק פאַרהאַלטן און ער האָט זיך פּשוט געבעטן:
— זײַ שטיל. דאָ טאָר מען ניט שרײַען. ס'איז אַ פאַלשער משיח!
מײַן האַרץ האָט זיך פאַרקלעמט און כ'האָב קוים אַרויסגעקרעכצט:
— דאַרף מען דאָך אַזאַ מין משיח דעמאַסקירן — אָפן און אָן מורא.
— שטיל! — האָט ער שטרענג באַפעלט און ווידער אָנגערירט מײַנע ליפּן —
כ'האָב דערפילט דעם זיס־ביטערלעכן טעם פון הבֿדלה־ווײַן,
וואָס דער שמש פלעגט אונדז, ייִנגלעך, געבן אַ לעק טאָן מוצאי־שבת.
— נאַרישער יונגאַטש, דו שווײַג בעסער! — האָט גאָט מיט ליבשאַפט געזאָגט.
— דער משיח איז אַרומגערינגלט מיט שפּיאָנען און פאַררעטער.
די התראה האָט מיך אַרויסגעריסן פון מײַן הערלעכסטן חלום
און איך האָב מיט רוגזה געמאָנט: — און וווּ איז דײַן משיח?
— ער איז ניט מײַנער, נאָר אונדזערער — דער ייִדישער משיח.
דער משיח וואָס אין דײַן האַרצן! — און גאָט האָט אַ שמייכל געטאָן.

נאָך דעם דיאַלאָג בין איך געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ צוריק.
די אַנטוישונג האָט אין מיר געברענט און כ'האָב מתפּלל געווען:
— גאָט, ברענג אונדזער ייִדישן משיח. וואַרט ניט מער אַ רגע, גאָטעניו!

פון דעם טאָג האָבן מײַנע תּפֿילות זיך פֿאַרוואַנדלט אין לענגסטן דיאַלאָג.
גאָט פֿלעגט מיך אײַננעמען מיט גוטע רייד און כּסדר טרייסטן:
— די צײַט איז נאָך ניט רײַף. און יעדן מוזן אויך זײַן ראוי...
אָבער איך בין ניט אײַנגעגאַנגען אויף זײַנע תּירוצים און פּשרות:
— אויף אַלע מזבחות פֿון דער וועלט ווערן מיר געשאָכטן על־קידוש־השם.
צוויי טויזנט יאָר בלוטיקע רדיפֿות — איז ווי לאַנג איז דער שיעור?

אָ, אַלמאַכטיקער גאָט! אל גדול, גיבור ונורא!
דו האָסט מײַן תּפֿילה ניט געענטפֿערט און די ישועה האָט פֿאַרזאַמט.
אפֿשר איז דאָס מײַן שוואַכקייט, וואָס כ׳האָב דיר יאָ נאָכגעגעבן,
ניט ווי דײַן צדיק ותּמים ר׳ יוסף דילה ריינה, וואָס האָט געוואָלט
מיט סיגופֿים און תּעניתים דיך אָװעקשטעלן פֿאַר אַ געשעענעם פֿאַקט.

אָ, מײַן גאָט פֿון קינדישע וועלטן און אַלט־ייִדישע מוראס!
אין מײַן נאַיִוּוקייט האָב איך געמיינט — כ׳וועל אַנטלויפֿן פֿון דיר,
נאָר דו האָסט מײַן יעדן טריטעלע מיט טויזנט אויגן געהיט
און אויף מײַן האַלדז האָסטו זיך אָנגעהאַנגען מיט די האַרבסטע מיצוות,
וואָס כ׳האָב אין ציטערניש פֿאַר דײַן שטראָף צעבראָכן ווי שערבלעך...

און איצט, ווי קינדווײַז, האַלטסטו מיך נאָך אַלץ אין פּחד־צוים.
אפֿשר דערפֿאַר האָב איך מײַנע קינדער געלאָזט אין גאַנצן פֿרײַ —
פֿרײַ פֿון דײַן מיסטישער מאַכט, וואָס איר שרעק־ירושה טראָג איך.
און איך אַליין לויף נאָך אַלץ פֿון דיר — וואָס איז אַ לויפֿן צו דיר.
און ווו נאָר איך דערלויף, ביסטו שוין פֿון פֿריִער דאָרטן דאָ.
און ניטאָ קיין אַנטרינונג פֿון דיר — ווי ס׳איז ניטאָ פֿון זיך אַליין.
ווי דער פֿאַרכטיקער נבֿיא פֿון נינוה לויף איך פֿון דײַן צאָרן
און וואַרף זיך אין די צעשטורעמטע כוואַליעס פֿון אַן אומבאַקאַנטן ים,
און מיר צאַפּלען צוזאַמען אין בויך פֿון אַ געדיכטער פֿינצטערניש,
זוכנדיק איינער דעם אַנדערן מיט שטראַלן פֿון שׂכל און טרויער.

אָ, גאָט, וואָס איז דער באַשייד פֿון דײַן בונד צווישן מיר און דיר?
ווער איז וועמענס ווערקצײַג און ווער איז וועמענס מײַסטער?
צי איז נאָר איין־איינציקער גורל־וועג פֿאַראַן פֿאַר אונדז ביידן?
צי איז נאָר איין־איינציקער גורל־וועג פֿאַראַן פֿאַר אונדז ביידן?

דלת

גאָט, ביסט דער איינציקער וואָס געדענקט נאָך די גן־עדן־יאָרן,
ווען דײַנע ווײַסע ערדמאַלפּעס האָבן געקלעטערט אויף די ביימער
און טאַבו איז געווען דײַן קאַלט־צעגלאָצטע עקסטעריטאָריעלע לבֿנה
(דער חומש־רעפלעקטאָר צו לויכטן אויפן פּנים פון דער ערד בײַ נאַכט).
און אַז איך האָב זיך פאַרמאָסטן אַרויפשטײַגן אויף דעם מאָדנעם טורעם,
וואָס דו האָסט אין מײַן קינדיש־צעגליטער פאַנטאַזיע אויפגעבויט,
האָט מײַן האַרץ געציטערט מיט דער ציטערניש פון אַלע אַרויף־קריכער,
נאָר כ׳האָב גרײַלעך געוואָלט וויסן צי דו ביסט טאַקע אויבן פאַראַנען.
און ווען כ׳האָב זיך געכאַפּט דעם טעות פון אַ טורעם אויף דער ערד
ווי אַ וועג צו גאָט אין די הימלען — איז שוין געווען צו שפּעט,
ווײַל דו האָסט שוין געהאַט צעטרייסלט אין מיר די שטאַפּלען צום אַרויף.
בין איך ווי אַן אָבֿל געזעסן צווישן די אָנגעהורבעטע קופּעס ציגל־און־ליים
און געפּרוווט געפינען כאָטש איין געטלעכן זילב אויף מײַן צונג.

און ס׳דערמאָנט זיך מיר אַן אַלט בילדל אין עבֿרי־טײַטש־חומש:
אָט שפּאַרט זיך דער ברייט־בײַכיקער מגדל־בבֿל מיטן שפּיץ אין הימל
און איך גאַף אויף דער חכמה פון זײַן פעסטן פיל־גאָרנדיקן געבוי,
אָבער מער נאָך באַוואונדער איך די גבֿורה פון דײַן מאַכטיקן אָרעם
וואָס צעשמעטערט אים און מישט אויס די שפּראַכן פון אַלע מענטשן.
אָבער אין יענע ווײַטע יאָרן האָבן מיר, קינדער, שוין געוווסט,
אַז אונדזער שפּראַך איז דאָס הייליקע חומש־לשון און עבֿרי־טײַטש,
וואָס זענען באַשטימט צו בלײַבן אייביק, ווי גאָט און זײַן תורה.
און דער רבי פלעגט עס אונדז דערקלערן מיט אַ פּירוש און אַ ראַיה:
— אַ שאלה עפּעס, קינדער, וואָס לשון־קודש איז! די הייליקע שפּראַך
וואָס איר יעדער אות איז אַ פלאַם אין מויל פון הקדוש־ברוך־הוא!
אין דעם לשון האָט דער רבונו־של־עולם גערעדט צו זײַן קנעכט משה
און אים געהייסן פאַרשרײַבן די הייליקע תורה מיט זײַן אַלף־בית.
זײַן נאָמען, ברוך הוא, איז אייביק און זײַן תורה איז אייביק.
און מיר האָבן די גאָט־פּאַטריאָטישע רייד געזען ווי דעם איינציקן אמת.
און מיר האָבן בפרהסיה געפילדערט אויף לשון ייִדיש אין שטעטלשע גאַסן,
אויף צו להכעיס די שקצים וואָס פלעגן נאָכמאַלפּעווען אונדזער גערייד.

אַ, מײַן ייִדישער גאָט פֿון מײַנע פֿראָסטע עבֿרי־טײַטש־שורות!
איך בין נאָך אַלץ צופֿרידן מיט מײַן חלק גליקלעכע אָרעמקייט
מיט װעלכע איך האָב געפּרוּװט באַשײַנען דײַן שיינע װעלט.
פֿון דײַן מינדסטן באַריר האָב איך זיך לײַכט אַ הייב געטאָן
אויף די ליכטיקסטע װערטער, װי אויף דעם פּאַרצײַטיקן טורעם.
און אויב איך האָב ניט דערגרייכט מיט געזאַנג דײַנע שטערן,
בין איך אָבער מיט אַ ריין האַרץ געשטאַנען אויף מײַן מדרגה
און פֿון דאָרט זיך אַרומגעכאַפּט אין דבֿקות מיט דײַן באַשאַף.
און אַז מײַן מוט איז, װי אַ לעכערדיקע שיף, געזונקען צום תּהום,
האָב איך אויסגעשטעלט בטחון־װעקסלען אויף דײַן גאָט־קאָנטע,
כאָטש דו האָסט, װי אַ פֿאַרחובֿטער בעל־הבית, זיי זעלטן געסילוקט.
הײַנט האַלט איך נאָך אין איין פֿראָלאָנגירן די אָפּגעלאָפֿענע דאַטעס
און פּרוּװ איטלעכס מאָל זיך אויסבעטן בײַ דיר אַ נײַע צאָלונג,
װי מײַן בעל־מלאכהשער, ערלעכער און פֿאַרהאָרעװעטער טאַטע
פֿלעגט זיך עס אויסוויינען בײַ די האַרטע און רײַכע הורט־סוחרים.
איך װייס אָבער פֿאַר װאָר, מײַן פֿאַרטרויטער הימלישער ראַטשילד,
אַז קיין מאָל װעסטו ניט באַנקראָטירן מיט בטחון פֿאַר די אָרעמע.
אין מיר האָבן זיך שוין אָבער דײַנע הבֿטחות, װאָס כ׳גיב זיך אַליין,
אײַנגעגעסן אַזוי װי די קרעץ אין לײַב פֿון דײַן קנעכט איובֿ —
און מיר זענען אַפֿילו קיין דרײַ חבֿרים פֿאַר טרייסט ניט געבליבן.

גאָט פֿון אַבֿרהם, פֿון יצחק און יעקבֿ!
אויף מײַנע שװאַכע פּלייצעס פֿיל איך נאָך הײַנט די שװערע משׂא
פֿון דײַנע חומרות און לאָװן, דײַנע פֿאַרבאָטן און האַרבע שטראָפֿן —
פֿאַר די עבֿרות האָסטו טאָג פֿאַר טאָג געשניטן מײַן קינדיש העלדזל
מיטן בלאַנקן חלף פֿון קהל פֿון כּרת פֿון פֿאָלק ישׂראל פֿאַר אַלע דורות.
אין יענע מורא־טעג, װען דו האָסט זיך פֿאַרגראָבן אין מײַן צעפּיבערטן מאַרך,
װי אַ בלינדער קראָט אין זײַן ערדלאָך אין פּחד פֿאַר דער טאָגשײַן,
בין איך דאָך פֿאַרבליבן דער שומר פֿון דײַן צעװאַקלטן טורעם.

און ווען ייִנגלשאַפֿט האָט זיך אין מיר מיט גלוסטונגען צעשפּראָצט
און אויף דער אייבערשטער ליפּ האָט אַ גאָלדיק פּוך אויפֿגעשימערט,
האָב איך דערפֿילט ווי מײַן קליין לײַדיק פּויסטל ווערט שטײַף —
און איך האָב אים אויפֿגעהויבן זיך לויז צו מאַכן פֿון דײַן בונד.
איך האָב זיך געאײַלט אָפּצושטעמפּלען דײַן גאָט־סטאַטוס: פּרימיטיוו!
און מיט חוצפּה דיר אַ וואָרף געטאָן דעם גט אין דײַן צלם־אלוהים —
און ס'האָט זיך מיר געדוכט אַז איך האָב זיך געראַטעוועט פֿון דיר.

מיט בראַוואַדאַ־אָנשטעל האָב איך אָוועקגעשפּאַנט מיט די ייִנגלעך
צו עפֿענען דעם טויער פֿון אַ נײַעם גן־עדן אויף אַן אומעטיקער ערד.
אין נאַכטיקע טאָגביכער האָבן מיר אויפֿגעשריבן מיט אילוזיע־פּענעס,
אין פּראָקלאַמאַציע־שריפֿט: פֿרײַהייט! גלײַכהייט! ברידערלעכקייט!
פֿאַרכאַפּטע פֿון דער לעגענדע באַסטיליע, פּאַריזער קאָמונע, רעוואָלוציע, —
זענען מיר אַרומגעגאַנגען צעטראָגענע און פֿאַרטראָגענע אין עבֿר;
און פֿאַרגלייבטע אין אונדזער נײַער צײַט מיט אירע גרויסע העלדן,
וואָס וועלן ברענגען, אויב אַפֿילו אויף באַיאָנעטן, גליק פֿאַר די פֿעלקער —
און אַוודאי אויך פֿאַר אונדזער אַזוי שווער געפּײַניקט פֿאָלק ישׂראל.
כ'האָב געמיינט, אַז כ'האָב שוין צעריסן די אַלטע פֿאַרזשאַווערטע קייט
און אירע דורות־פֿאַרראָסטע רינגען האָבן זיך פֿאַרקײַקלט אין תּהום.
נאָר טיף אין מיר האָט עפּעס געעגבערט און ס'האָט מיך שטאַרק געאַרט
וואָס גאָט קימערט זיך אַפֿילו ניט וועגן מײַן אַנטלויפֿן פֿון אים.

אין פֿאַרביסענער צולהכעיסדיקייט און אין דראַנג פֿון יונגן רעוואָלט
האָב איך הנאה געהאַט פֿון דער מאָדנער אויסדוכטעניש, אַז איך זע אים
אַ צעפּאַלמעסטן אויף די ברוקן פֿון אָרעמע ייִדישע פֿינצטערע שטעטלעך.
און ס'האָבן זיך אין מיר צעטאַנצט די יונגע יאָרן, ווי ווילדע בעק,
און טריומפֿירט מיטן אַבסטראַקטן נצחון פֿון דײַן גאָט־אַנטקרוינונג.
און אַז כ'האָב זיך געוואָלט איבערצײַגן (אַ גאַנץ נוציק וואָרט דעמאָלט)
אין דער אמתדיקייט פֿון דײַן צוריקציִען זיך פֿון מײַן ייִנגלשן פֿראָנט,
האָב איך פּלוצעם דערפֿילט אַז אַלע דורות אין מיר ווערן צעשפּליטערט.
און אַז כ'האָב עפּעס געזאָגט קעגן דיר און דײַן אָפּיום פֿאַרן פֿאָלק,
האָב איך גערעדט מיט אַ פֿול האַרץ צאַפּל־און־ציטער פֿאַר דײַן עונש.

גאָט! אַוודאי געדענקסטו ווי נאָך יעדן ברוגז פּלעג איך דיר איבערבעטן,
נאָר דו פּלעגסט אויסהערן מײַנע תשובֿה־רייד און קיין צייכן ניט געבן.
כ׳האָב אָבער סײַ ווי געפילט אַז דו ביסט אין מיר אויף אַלע אייביקייטן,
און מײַן האַרץ איז תּמיד פול געווען מיט די קלאַנגען און די עכאָס
וואָס האָבן זיך אין מײַנע בלוטן געטראָגן פון די סאַמע ווײַטסטע דורות.
האָב איך טאָקע אין דײַן האַנט פאַרטרויט מײַן גאַנצן לײַב און לעבן,
ווײַל, פאַר וואָר, וויפל איז דער שיעור ברוגז צו זײַן מיט אַ גאָט
וואָס ער איז דו — און דו ביסט ער.
און צי מיר זענען איינער־צוויי, צי איינער־איינער,
האַלט אונדז ביידן סײַ ווי דאָס גראַוויטאַציע־געזעץ (אַ דאַנק, אײַזיק ניוטאָן!)
צוגעקלאַמערט צו דער בידנער־גוטער, שמעקעדיק־שטינקנדיקער ערד — —

און ווי מיר זענען אַזוי געלעגן, איינער לעבן אַנדערן, אויף דער ערד,
מיט געבונדענע הענט־און־פיס, ווי צוויי יצחקס אויף דער עקדה, —
זענען די הימלען אַנגעדראַלן געוואָרן מיט רויט־בלוטיקע כמאַרעס
און די גאַרע ערד האָט אָפּגעהילכט אין אונדזערע הערצער מיטן געקלאַנג
פון קופּערנע מטבעות, וואָס פאַלן אין בלעכענע פּושקעס אויף לוויות.
איך האָב געפילט ווי גאָט האָט אין מײַן גוף־באַהעלטעניש געשווידערט.
מיט אַן אויפגעציטערטער און געבראָכענער שטים האָב איך געפרעגט:
— האָסט מורא, גאָט?.. — און מײַנע ציין האָבן זיך געטרייסלט.
און גאָט האָט זיך מיט מוט אָנגענומען: — ניין, ס׳איז ניט מורא —
אַ גאָט האָט קיין מורא ניט! נאָר עפּעס ערגערס האָט הײַנט פּאַסירט:
דער שׂטן האָט מורד געווען אין מיר און אָפּגעשניטן דעם קאָפּ פון רחמים...
און אַ „מעסערשמיט״ האָט איבערגעשניטן גאָטס קול אין דער מיט
און געטריפט אויף ייִדישע קעפּ מיט שטאָל־פאַרבלוטיקטע האָקנקרייצן.
— ראַטעווע דײַן פאָלק! ראַטעווע!! — האָב איך אַרויפגעשריִען צום הימל.
— ווי קען איך ברענגען אַ ישועה, אַז דער מלאך פון רחמים ליגט געקעפּט?!
און גאָט האָט אין מײַן שויס געכליפּעט מיט אַ ביטער געיאָמער:
— לאָז מיר גיין מיט דיר צוזאַמען צו מײַן געפּײַניקט פאָלק.

...מיט אַ זאַק אויף די לענדן האָט ער זיך מיטגעשלעפּט מיט דער מחנה,
ווי איינער פון קהל. און אַזוי זענען מיר אַרײַן אין געטאָ.

אין יענע זון־און־בלוט־פאַרפּלייצטע און רחמים־אויסגעהוילטע טעג,
ווען די ברוינע שדים האָבן אַראָפּגעריסן פון יידישע בײַשטידלען
דײַן הייליקן שם און אים געוואָרפן אין דײַטש־חזירשן מיסט,
האָסטו זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט אין מײַן לײַביק־נשמהדיקן פּחד
און געזוכט אַ ראַטונעק בײַ אַ מאַנטשינק פינטל־יידעלע ווי איך.
ביז היינט גייט נאָך אויף מיט אַ יללה אין יעדן ביינדל פון מײַן גוף
דײַן אומבאַהאָלפנקייט און אוממאַכטיקייט אין געפּעכט מיטן שׂטן.
און מאָדנע: די מורא פאַר דיר האָט פּלוצעם מיך אויפגעהערט שרעקן.
מײַן רעשטל גלויבן אין דײַן הימלישער השגחה איז צערונען געוואָרן,
נאָר כ׳האָב נאָך אַלץ, פון געווינטשאַפט, זיך אָנגעהאַנגען אָן דיר,
ווי אַ קינד וואָס שלעפּט זיך נאָך סתּם אַזוי נאָך דער מאַמעס פאַרטעך.
ווי אַזוי האָסטו מיך געהאַלטן אין יענע גרויליקע טעג נאָענט צו זיך?

און אַז איך האָב דיך איין מאָל באַגעגנט אין אַ צעחרובֿטן געטאָ־געסל
און בלוט האָט געטריפט פון דײַנע לויטערע צעבראָכענע פליגל, —
האָב איך אָנגעלאָדן דײַן הייליקע לאַסט אויף מײַן שוואַכן אַקסל
און דיך ווײַטער געטראָגן איבער אַלע צעשאָסענע גאַסן פון געטאָ.
אַן אויסטערליש בילד: אַ יידעלע טראָגט זײַן לעבעדיק־פאַרווונדטן גאָט,
וואָס זײַנע איבערגעהאַקטע פליגלען שלעפּן זיך אים נאָך
און לאָזן איבער אַ סליאַד פון יידישן גאָטבלוט אין דער גאַנצער געטאָ...

דײַנע קרעכצן האָבן אײַנגעריסן די הימלען פון רבונו־של־עולם.
דײַן פּנים האָט אַרויסגעשטראַלט פון דער בלוט־אויסגעווייקטער באָרד.
עמעצער האָט געזאָגט מיט דער שטילקייט וואָס קומט פון אַ תּהום:
— מיר זענען דאָ אַלע אויסגעשטעלט אויף קידוש־השם...
האָסטו פרום צוגעמאַכט די אויגן און געזאָגט: — ברוך הוא וברוך שמו!
— זאָג עס ניט אויף זיך אַליין, אָסור! — האָב איך זיך צעבייזערט.
— איך בין דאָך אַ פּראָסטער געטאָ־ייד... ווי אַלע. — מעג איך עס...
און כ׳האָב געהערט דײַן גסיסה־קרעכץ. און חושך האָט פאַרדעקט די געטאָ.

און „מעסערשמיטס" האָבן געקרײַזט ווי רויבפייגל איבער אונדזערע קעפּ.
און דער קאָפּ פון רחמים האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט אין דער שוואַרצער גרוב.
בײַ דער גרוב האָבן שאָטנס פון יידן אויף שטום־לשון קדיש געזאָגט.

די לעצטע טראָפּנס רחמנות האָבן מיר פֿון אונדזערע הערצער געזייגן,
כּדי אויפֿצוהאַלטן די נאָך געבליבענע פֿונקען פֿון לעבן אין אונדז.
און צווישן גאָט און מיר איז געקומען צו אַ ברית, אַזאַ אָפּמאַך:
גיין צוזאַמען אומעטום און זיך ניט פֿאַרלירן אין סכּנה־לאַבירינט!
קוים וואָס מיר זענען דערקראָכן צו די פֿלאַמען אויף די אַשפּעלדער.
מיר האָבן דערזען די קוימענס וואָס שפּאַרן זיך אין די הימלען
און ווי די שוואַרצע רויכצינגער לעקן אויס די בלויע מילדע לופֿט.
און וואָס נענטער מיר זענען געקומען צו דעם מאַקאַברישן גאַז־ספּעקטאַקל,
האָב איך מיט אַלץ מער אימה דערפֿילט אַז איך בלײַב אַליין — —

מיט אויסגעטריקנט־סקעלעטישע פֿינגער האָב איך דערלאַנגט דעם דײַטש
מײַן קאָנטראַמאַרקע צום אַשמדאַי־שפּיל אין וואָטאַנישן רײַכסטעאַטער.
לוציפֿער האָט מיט אַ האַקנקרייץ־גאָפּל איבערגעוואָרפֿן די „לײַכען".
גרעטכען האָט אים געקיצלט מיט אַ בלאָנדן לאָק אונטערן רויטן עקל.
אין רויך איז געהאַנגען געטע — אַ פֿאַרקרימטער פֿון דער דראַמע...

אַז דו האָסט דערזען ווי איך ליג נאַקעט און אַליין אין דרויסן,
האָסטו זיך סאָלידאַריש בײַ מײַנע פֿיס אַרונטערגעלאָזט: צוזאַמען!
דײַן ערד, וואָס דו האָסט באַשאַפֿן, האָט פֿרילינגדיק געגרינט.
אַרום די באַראַקן־ווענט — בלומען, און אַ ביסל ווײַטער — סם.
און אויף דעם פֿאַרשׂרפֿעטן באָדן איז קיין אײן לעכל ניט געווען,
ווו דו זאָלסט קענען מצמצם זײַן דײַן כּבֿודו מלא עולם...
דאָ האָבן פֿינצטערע מאַסקעס געהיט יעדן קער און ווענד אונדזערן:
מיר זאָלן קיין בלימל ניט אָפּרײַסן! ניט אַנטלויפֿן פֿון גאַזאַריון!!
(צי וואָלט נאָך דער געניאַלער געדאַנקען־שלײַפֿער פֿון אַמסטערדאַם
יענעם טאָג באַשטאַנען אויף זײַנע ליבשאַפֿט־געבויטע פּאַנטעיִסטישע עיקרים?)

פֿלוצעם האָסטו, ווי־זאַווי מיטן טויט, געוויזן אַ געטלעכן קונץ:
האָסט אויסגעשטרעקט אַ האַנט און אָפּגעפּליקט אַ צאַרטווײַס בלימל.
אַז דאָס בלימל איז שוואַרץ געוואָרן פֿון דער פֿאַרסמטער לופֿט,
האָסטו אים אַרויפֿגעטאָן, ווי אַ מעדאַל, אויף דער ברוסט פֿון עסעסמאַן.
אים איז דײַן שוואַרצקונסט געפֿעלן. ער האָט געזאָגט: — דאַנקע, האַר!
און ביז הײַנט שטעקט נאָך דאָס סם־בלימל אין זײַן מונדיר...

וואָוו

הײַנט זוך איך ווידער אַן אַחיזה אין דיר — און כאַפּ זיך אָן אָן זיך.
כ׳ווייס וואָס פאַר אַן אומזין דאָס איז — זיך אָנהאַלטן אָן זיך אַליין
און נאָך אַלץ מיינען אַז מיר זענען באַזונדערע צוויי איינסן —
און מחמת דעם טאַקע דערפֿיל איך ווייטיקדיקער און שאַרפֿער
דעם האַלבן אמת פֿון דײַן זײַן מיט מיר.
און ווי איינער וואָס זוכט זײַן אַנדער האַלבן גוף,
אַזוי זוך איך דיך אין מיר — כּדי צו וויסן דעם אַנדער האַלבן אמת.
אָבער איך בלײַב סײַ ווי סײַ בײַ דעם האַלבן אמת וואָס איך ווייס,
און וואָס איך ווייס ניט — מאַכט מיך אומגליקלעך ומלא פּחד.
זאָג, מײַן גאָט, וועט דײַן אַנדער האַלבער אמת
זיך אויסלעשן אין לעצטן גלי פֿון מײַן לײַב?
בין איך ניט מער ווי אַ פּעקל פֿליישפּײַז פֿאַר די ווערעם?
און נאָך דעם?
בלויז אַ ווינק טאָן מיט אַ גראָזיק גרין אייגל צו די ליכטיקע הימלען
און אַ רגע שפּעטער פֿאַרוועלקן אויף מיסטיקער פֿינצטערער ערד.
דאָס און מער גאָר ניט?
אַבסאָלוט און לחלוטין גאָרניט? כּלא היה?..
איז עס דער אמת דײַנער?
לייקן — אויב דו ווייסט!
לייקן — אויב דו קענסט!
מײַן תּפֿילה צו דיר: ענני! ענטפֿער און פֿאַרלייקן וואָס איך טראַכט — —

אוי, רבונו־של־עולם! ווען איך וואָלט קענען ענטפֿערן פֿאַר דיר!
דאָס האָבן געקענט אַלע דורות פֿון דײַן פֿאָלק און מײַן פֿאָלק
ביז דער חורבן־בראָך האָט זיי פֿאַרטיליקט — אַן אַ חטאנו קעגן דיר.
דעריבער וועל איך הײַנט מער ניט רייכערן אין דײַנע געטלעכע נאָזלעכער
קרײַטעכצער פֿון שמעקעדיקער חניפֿה. כ׳וויל ניט און קען ניט זײַן באַרויקט,
וואָרעם אין מײַן חולשת־הדעת פֿיל איך אַז דו ביסט נאָך שוואַכער.
און אין אָנגעזיכט פֿון אונדזערע אויסגעליידיקטע וועלטן
נעם איך צוזאַמען אַרום אונדז די לעמער פֿון דער אַלטער מורא
און פֿאַרגראָב פֿאַר בושה מײַן פּנים אין זייערע שוואַרצע פֿעלן.

גאָט, מײַן אמונה איז אַזוי מיזערנע, ווי אַ זאַמדקערנדל אין ווינט,
אָבער דײַן שליטה הויערט איבער מיר מיט גאַנצע זיבן הימלען שרעק.
און ווען אַ פּונק בענקשאַפט צו דיר צעגליט זיך שוין יע אַ מאָל,
הייבסטו גאָר אָן טריפן אין מײַן האַרץ דײַן ביטער־גאַליקן פּחד.
אין דײַנע ייִד־צוואַנגען האַלטסטו מיך אַלע יאָרן מיט אַ מאַכטיקן אָרעם,
הגם כ׳בין קיין מאָל ניט געווען דײַן צעיאַכמערטער חסיד בלבֿ שלם,
אָבער אין אַלע צײַטן בין איך געווען אַ גלייביקער נאָר מיט אַ ריין האַרץ,
וואָס האָט קיין מאָל ניט אויפגעהערט צו פירן אײַנזײַטיקע שמועסן מיט דיר.

פון די אַלע אין־זיך־פאַרשטילטע רייד איז מיר הײַנט שווער אומעטיק,
ווײַל כ׳ווייס אַז צו קיין טאָלק וועלן מיר סײַ ווי ניט קומען.
אָבער די טראַכטונגען זענען אין מײַן בלוט און מאַרך פאַרזויגן
און כ׳מוז זיי אַרויסברענגען, ווי צײַט טיקט אויס אירע רגעס.
אָן אַ שיעור באַגעגענישן אין דער אייביקייט האָבן מיר ביידע געהאַט,
כאָטש עדות זענען ניט בײַגעווען — און ס׳וועט עמעץ קוים גלייבן:
די ערשטע — אין אַ היל הונדערט טויזנט יאָר פאַר מײַן געבוירן־טאָג;
די לעצטע — אין עקסטאַז פון יונגע טעג אין גרינע זוניקע וועלטן.
נאָר ווען איך האָב געוואָלט צו דיר אַ טריט בענטער צוקומען,
האָסטו מײַן גאַנג פאַרפּלאָנטערט און מײַנע פיס געשטרויכלט,
ווי מײַן מאַמע וואָלט מיך ווידער אײַנגעבונדן אין וויקלשניר.

מײַן נײַגער צו וויסן דײַן סוד וועט אַזוי לאַנג ניט פאַרשטילט זײַן,
ווי לאַנג מײַן לעכצונג צו דיר וועט בלײַבן לײַביק און נאַקעט.
מײַן פליישׁ הערט ניט אויף מאָנען און שרײַען צו דײַנע הייכן:
— לאָז ניט בלײַבן דעם אמת פון זײַן, צעצוויט צווישן הימל און ערד!
דורך אַלע דורות ביז מיר זוך איך — מיט אַלע וועגן און מיטלען —
דיך אַרויסצומאַניען אויף אַ רגע פון מײַן קליינער גוף־תּפיסהלע,
בלויז אויף צו כאַפּן דעם רמז: ווער איז וועמענס ווערטער.
אַלע רעפלעקטאָרן פון פאַרעלטערטן האַרץ־און־מוח־פּראָזשעקטאָר,
וואָס איז אָנגעשפּײַכלערט מיטן ליכט פון מײַנע אור־אור־זיידעס,
האָב איך אָנגעשטעלט אויף דײַן מיסטיש־פאַרשלייערטן פּײַער־פּנים,
צו קענען אַרויסליכטיקן פון מײַן נשמה דײַן אחד־געשטאַלט.

מיט אַלע דורות — פון אָדמען ביז מיר — האָב איך אויף דײַנע שוועלן
מיטגעיאָמערט אין גרויסן פאַרצווייפלונג־כאָר פון אונדזער אײנזאַמקייט.
אויף דײַנע האָריזאָנטן שפּילן אונדזערע שאָטנס מיט אומעטיקן גאָלד און בלוי.
און הינטער זיי ציט זיך דער סופּלאָזער פאַרשלאָסענער הימל, ווי אַ גזר.
פלעג איך טאַקע זיך גאָר וואָזשנע אונטערגאַרטלען, כּדי אויפצושאַרן אַ ניצוץ
וואָס זאָל באַשײַנען דײַן שם און אויפליכטיקן אַ קאַפּעטשקע מײַן בטחון.
און כאָטש איך האָב געאַנט אַז דײַן התגלות איז בלויז מײַן פאַנטאַזיע,
האָב איך דאָך מיט אײַנגעבראָכענע קני זיך געדראַפּעט צו דײַן נסתרקייט
און זיך געוואָלט אַדורכגײַסטיקן דורך דעם שטום־פאַרפּאַנצערטן הימל —
כּדי צו דיר נתגלה צו ווערן אין מײַן מענטשלעכער עלנטקייט.
און פאַר וואָס זאָלסטו אויף אַ רגע ניט אַראָפּנידערן צו מיר ?
וואָס שפּאַרט אונטער דײַנע וועלטן, אויב ניט מײַן פאַרטרויערטער קאָפּ ?
נאָר דער פּראָסט פון דײַן אָטעם בלאָזט אויף מיך מיט גליווער־פרעמדקייט.
אָ, ווי ווײַט דײַן נאָענטקייט איז צו מיר !

אָבער ווי ווײַט דו זאָלסט פון מיר ניט זײַן —
לויף איך נאָך אַלץ צו דיר ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע שאָף.
אַלע אומזעיקע דינינקע וועגעלעך און שטעגעלעך אין מײַן מוח,
וואָס דו האָסט אַזוי איידל און קונציק פאַרוועבט און פאַרפלאָכטן,
ציִען זיך מיטן אינסטינקט פון לעבן צו דײַן אומבאַקאַנט קיניגרײַך,
ווי מוראַשקעס יאָגן זיך צום בערגל זאַמד וואָס האַלט זיך אין דער לופטן.
אַזוי האָבן אַלע מײַנע דורות געבויט געצעלטן אונטער דײַנע הימלען
און דער פּחד פון דײַן גײַסט האָט תּמיד געשוועבט איבער זיי.
די גאַנצע ערד איז געלעגן אויסגעשפּרייט פאַר דײַן אויג
און אין ערגעץ איז קיין באַהעלטעניש פון דיר ניט געווען :
האָסטו זיך צוגעקוקט ווי דײַן אָדם איז דורך מיליאָנען יאָרן
דערקראָכן אויף אַלע פיר צו דעם סוד פון וויסן אַז ער איז נאַקעט —
און ער האָט אַרויסגעטאָן אַ פײַגנבלאַט אויף זײַנע לענדן.
איז ווי נאָר דו האָסט דערזען אַז ער הייבט אָן פאַרדעקן זײַן האָריקן גוף,
האָסטו אים אַרויסגעטריבן פון דײַן לאַנגווײַליקן גן־עדן
און זיך דאָרט פאַרשפּאַרט אין אַליינקייט הינטער פלאַמיקע שווערדן.

זיין

אָדם און חוה האָבן זיך טויזנטער יאָרן געפּאָרט
אין די צעוואַקסענע שמעקנדיקע וועלדער פון גן־עדן.
מיט זײַן בראָנדזיק־האָריקן לײַב האָט ער זיך געלאַשטשעט
צו איר גלאַט־געפּוצטער זײַדיק־וואַרעמער פעל,
ביז זיי האָבן דערזען דעם גרויסן ווונדער:
עס האָט אַ בליץ געטאָן דאָס ליכט פון זייערע צאַרטע הויטן.
האָט אָדם אַריבערגעשפּרײַזט די פאַרבאָטענע זאָנע פון שרעק
און דערזען צווישן די גרינע בלעטער די ראָזע זיסע עפּל —
און ער איז פאַרשיכּורט געוואָרן פון זייערע ווײַניקע שטאַרקע ריחות.
איז ער צוגעפאַלן צו חוהס פיס, וואָס דו האָסט אויסגעמײַסטערט,
און זי האָט צוגעטראָגן די זאַפטיקע עפּל צו זײַנע אָפענע ליפּן —
און ביידע האָבן אין ווילדן עקסטאַז זיך צעשרײַען קעגן הימל,
אײַנגעטוליעטע אין דער סאַמעטענער ווײַסקייט פון זייערע לײַבער.
האָט עס דיך אַ פּנים פאַרדראָסן, וואָס דו האָסט אין זייערע בלוטן
אַרײַנגעשפּריצט דעם תּענוג פון דײַנע געטלעכע יצירה־פונקען,
און אין בלינדער קינאה האָסטו זיי געוואָרפן דעם טויט אין אויג.
נאָר דײַן חלק אלוה ממעל איז נאָך געווען פריש און רוישיק,
ווי עס איז געווען די נײַע ליכטיקע וועלט פאַר זייער בליק,
האָט זיך דײַן צלם אָפּגעשפּיגלט אויף זייערע געזיכטער —
און ס'איז שווער געווען צו אונטערשיידן לעבן פון טויט.
האָט אָדם די אויגן פאַרמאַכט און אין זײַן מוח האָט אויפגעשטראַלט
דײַן רוח אלוהים, ווי די זון וואָלט אין אים צעשמאָלצן געוואָרן
און ביסט אין זײַן האַרצן אַרײַן מיטן עכאָ פון גרויסן קלאַפּ —
די עקספּלאָזיע וואָס האָט אָפּגעריסן די ערד פון דער פלאַמיקער זון —
און ווי אין היפּנאָז האָבן אַלע דורות אָנגעהויבן שטראָמען צו דיר.

...און הימליש־געווירציקע געזאַנגען האָבן אָנגעהויבן אויפגיין צו דיר.
אונדזער אַלטער דוד המלך האָט דיך אין די הימלען אַרײַגעלויבט —
מיט זײַנע לירישע מזמורים און באַגײַסטערטע קאַפּיטלען תּהילים.
מיט אימה און הכנעה, מיט תּהילות ותּשבחות און התלהבֿות
האָט ער צעקלונגען אונטער אַלע הימלען דײַן נצח און ישועה.

אין אַ נעץ פון פסוקים האָבן די קאַפּיטלען תהילים מיך היינט פאַרפּלאָנטערט
און ווי אַ געפאַנגען פישל האָב איך געוואָלט דורכבייסן ס׳געוועב פון סופּערלאַטיוון,
אַז צו מיין אויער זאָל דערגיין כאָטש איין אָריגינעלער גאָטעכאַ —
אַ דין פּיפּסעלע דיינס, ווי אַ כּמו־צייכן פון דיין חסד צו מיר.
אָבער אַנשטאָט דיר, מיין גאָט, זשומט מיר אין אויער דער אַלטער מלך
דעם באַקאַנטן האַרציק־טרויעריקן ניגון פון זיין צייטלאָזן תהילים.
און ווי אין חלום מישן זיך די פאַרגעלטע בלעטלעך מיט דעם עבֿרי,
וואָס דורות ייִדן האָבן געזאָגט אין די קלויזן פון רייסן און פּוילן —
דער ניגון וואָס איז אַריין מיטן טראָפּ פון קרעכץ אין מיין האַרצן.

ס׳איז דער ניגון וואָס האָט מיך תּמיד פאַרוועבט אין דיין אומעט
און איבערגעלאָזן אין מיין געמיט דעם ייִדיש־זיסלעכן גאָטטשאַד,
וואָס האָט ווי אַ רויכיקער שלייער דיך פאַרשטעלט פון מיין בליק.
און דער שלייער צווישן דיר און מיר, אָדער צווישן מיר און מיר,
האָט זיך מיט יעדן יאָר אַלץ דיקער פאַרשפּינט אין טונקעלע פאַרבן —
און כ׳האָב געוווּסט פאַר וואָר, אַז כ׳וועל אים קיין מאָל ניט דורכרייסן.
אַפילו היינט צאַפּלט נאָך אין מיר די קינדהייט פון יענעם פאַרמעקטן עבֿר,
און איך קען זיך פון זיינע שטאָלענע געדיכטע פעדעם ניט באַפרייען.
נאָר דו, גאָט, האָסט געקענט דורך דעם שלייער קלאָר און ליכטיק זען
אַלע מיינע צעקנוילטע מחשבֿות און הערן מיינע צעפּלאָנטערטע רייד
(אפשר האָסטו זיי געזען מיט מיינע אויגן און געהערט מיט מיינע אויערן).
און דורך יאָרן האָסטו זיך צוגעקוקט, ווי עפּעס אַ זייטיקער,
צו מיין שטענדיקן געראַנגל מיטן בלינדן חלום און לעבעדיקער וואָר,
כּדי צו דערגיין צו אונדזער ביידנס אמת — דעם אמת פון דיין זיין.
טאָ באַשטעטיק כאָטש איין מאָל דיין זיין, ווייל דו ביסט זיכער אין אים.
נאָר אויב ניט — בעט איך דיך: לייקן זיך חלילה ניט אָפּ
און דערשלאָג ניט מיין לעצט פּיצל צעקרישלטע אמונה!
און ווייז כאָטש דעם מינדסטן סימן אַז דו הערסט מיינע רייד,
גאָט פון אַלע מיינע טיפסטע פאַרבאָרגענישן און געדאַנקען.
וואָרעם אין מיין צעוואַקלטער אמונה בלייבסטו נאָך אַלץ דער אוהבֿ ישׂראל לעד
און מיט מיין פּנים צו דיר וואַרט איך אויף דיין ליבשאַפט און דיין וואָרט.

אַט פֿאַלט צוריק דײַן שטומקייט אויף מײַן קאָפּ און מײַן האַרץ
מיט אומרחמנותדיקער שווערקייט און צעשמעטערט אַלע האָפֿענונגען.
דײַן טרויעריק שווײַגן ליימט־אָפּ אַלע קעמערלעך פֿון מײַן גוף
און כ׳גלייב שוין קוים אַז דײַן וואָרט וועט זיך ווען צו מיר אַנטפּלעקן.
אפשר — ווען דײַן מיסטישע שטומקייט וועט זיך באַגעגענען מיט מײַנער,
די אייביקע און לעצטע. און איבער מיר וועט אַ חזן צי אַ רבֿ אַ גלוח
אָפּכאַפּן אין אַ מאַראַטאָנישן שורה־געלויף, ווי אַן אײַנגעשפּילט שטיק,
אַ הײַפֿל פֿון דוד המלכס קאַנאָניזירטן פּסוקים־אַרסענאַל אויף פֿרעמד־לשון.
און ס׳וועט זעלטן ווער דערמאָנען זיך די סטערינאָווע יאָרצײַטליכט,
נאָר דער ריח פֿון זייער אייביקן ייִדישן טרויער
וועט הענגען בלײַבן איבער מײַן אַנטשטומטן קאָפּ לעולם־ועד.

אָבער, טאַטע אין הימל, ווי קענסטו זײַן אייביק אָן מיר?
זעסטו ניט אַז אַלע יאָרצײַט־לעמפּלעך פֿון גאָר די ייִדישע דורות
זענען הײַנט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין געלע פּרעגצייכנס צו דיר.
זעסטו ניט אַז אַלע פֿאַרלאָשענע מזבחות אונטער דײַנע הימלען
פֿוסטעווען ווי פֿאַרגליווערטע טויט־פֿאַרשטיינערטע אָרנאַמענטן —
און מיט זייער פּראָסטיקן עלנט קילן זיי אָפּ מײַן גלויבן.

אָבער איך באַדאַרף דיר סכּנות, גאָט, אַפֿילו אין דײַן שטומקייט!
און כ׳וועל בשום־אופֿן ניט איבעררײַסן מײַנע רייד צו דיר,
מעג זיך אונדזער איבערשמועסן נאָך פֿאַרציִען מי־יודע ווי לאַנג —
וויל איך גרײַלעך אַז דו זאָלסט מיט מיר און בײַ מיר בלײַבן,
וואָרעם אַליין בין איך אַזוי טרויעריק און אָרעם און דערשלאָגן
און דער הונגער צו דײַן אמת מאַכט מײַן נפֿש אַזוי שפּל,
אַז איין גאָט זאָל רחמנות האָבן!

און הײַנט בין איך טרויעריקער און אָרעמער און שפּלער ווי תּמיד —
וויל איך אויסשפּרייטן מײַנע הענט מיט דאַנק און תּפֿילה צו דיר,
וואָס דו לאָזסט זיך מיר אָראָפּריידן פֿון האַרצן פֿאַר דיר.
נאָר פֿאַלנדיק אין טיפֿסטן יִאוש צו דער שוועל פֿון דײַן גענאָד,
נעמט דײַן רחמי־שמים אָן צום לעצטן מאָל אַ פֿול מויל מיט שטומקייט
און שפּײַט עס מיר אין פּנים — ווי דײַן געטלעכע קאָמפּענסאַציע.

ניט איין מאָל האָט מיר פון גאַנצן האַרצן פאַרדראָסן אויף זיך אַליין,
וואָס מיר פעלט די פרומע תּמימותדיקע אמונה פון דײַן לוי־יצחק,
אַז איך זאָל קענען אַרויפשיקן צו דײַנע פאַרקאָוועטע הימלען, ווי ער,
אַ פאַן־בראַטישן און היימישן „גוט־מאָרגן דיר, רבונו־של־עולם!‟
איך שטיי נאָך הײַנט אַ געפּלעפּטער פאַר זײַן לייבישער גבֿורה
צו קלאַפּן מיט אַ יידיש שוואַך פויסטל אין דײַנע מלכות־טויערן,
וואָס זענען באַוואַכט מיט שׂרפים, און אײַנלייגן וועלטן און מאָנען:
— וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף דײַן פאָלק ישׂראל?
און גלייב מיר בנאמנות, אַז אַלץ וואָס איך רייד איז חלילה ניט כּפירה,
וואָרעם איך טרוי דיר דאָך אין אַלץ וואָס איז נסתּר, בכל נפשי ומאודי.
און אַ סימן — איך רייד צו דיר אין אַ באַנײַטן און פּשוטן עבֿרי־טײַטש,
ווי עס האָט צו דיר גערעדט אונדזער ר׳ לוי־יצחק מבאַרדיטשעוו —
ווען — ווי עס דוכט זיך אַלעמען — דו האָסט יע געענטפערט.

און זײַ ניט ברוגז אויף מײַן שוואַכקייט, טאַטע אין הימל,
וואָס אויף דײַן אונטערטעניקער קנעכט האָט זיך אַרײַנגעקרעכצלט
אין מיטן — צווישן דײַן אַלמאַכטיקייט און דעם גרויסן מליץ־יושר.
אַפילו אין די הײַנטיקע „פּערמיסיווע‟ טעג, וואָס זענען אַלץ מתּיר,
גייט מיר נאָך דורך אַ סקרוך איבערן רוקן און עס ציטערט אויף מיר די הויט,
ווען איך הער ווי אַ לאַנג־האָריקער באַבערדלטער חבֿרהמאַן
קלאַפּט דיר גוט־ברודעריש אין פּלייצע: היי, חבֿר גאָט...
און איך שלאָג זיך במילא על־חטא פאַר די לזות־שׂפתים־רייד,
כאָטש דו ווייסט פאַר וואָר אַז איך בין נקי וטהור פון זינדיקן קעגן דיר.
און אַלע די דיאַלאָגן מײַנע — דאָס איז בלויז אַ תּירוץ דיך צו פאַרטשעפּען,
כּדי ניט צו בלײַבן עלנט און אַלייניק אין דײַן אומפּרײַנדלעכער וועלט.

און ס׳איז גאָר קיין קאַטאָוועס ניט צו וועלן שטילן דעם דאָרשט
פון אַלע דורות בעלי־טענה — וואָס זייער געררייד טריקנט אויס מײַן גומען.
נאָר אָט פאַלן צוריק די ווערטער אויף מײַן קאָפּ, ווי שאַרפע שטיינער,
און איך אַליין ווער פאַרזונקען ביזן האַלדז אין אַ זומפּיקן תּהום,
און אַלע מײַנע אָקערשט לעבעדיקע רייד און ליכטיקע האָפענונגען
פליען פון דײַנע זוניקע הימלען צו מיר צוריק, ווי שוואַרצע ראָבן.

און דײַן אומרויִק זײַן אין מיר קלעמט מיך אײַן ווי מיט קייטן,
וואָס קיין מענטש און קיין אידעאַל קען מיך פון זיי ניט באַפרײַען —
ניט מאַרקס און ניט ענגעלס מיט זייער מאַטעריאַליסטישער דיאַלעקטיק,
ניט פרויד מיט זײַן נשמהדיק־פיזישן ראַפינירטן פּסיכאָאַנאַליז,
ניט דער נײַער עקסיסטענציאַליזם און ניט אַנדערע קלוגע וויסנשאַפטן,
אַפילו ניט די מאָדערנע טעכניק און דער וועג צו דער לבֿנה, —
כּל־זמן איך האָב ניט געפונען און דערקענט די סיבה פון אַלע סיבות:
דעם פאַרבאָרגענעם וועג וואָס פירט פון מיר צו דיר — דעם איך־דו־וועג! —
און כּל־זמן כ'וויס ניט דעם תּכלית פון מײַן זײַן און אומזײַן
און וואָס מיינט מײַן קורץ לעבן אונטער דײַנע בלויע הימלען.

ווידער ליג איך אוועק פאַר דײַן אויג מײַן בשׂר־ודם־גוף
און שרײַ אַרויף צו דיר נאָך אַ מאָל די נאַרישע פראַגע: ווער איז ווער?
און ווידער וויס איך אַז קיין ענטפער וועט קיין מאָל ניט קומען.
אַ געהיימענישפולער לאָקאַטאָר פון מײַן האַרץ און מײַן מאַרך:
וווּ וועסטו וווינען אַז דײַן דירה אין מיר וועט חרובֿ ווערן?
איז עס די אייביקייט וואָס ענדיקט זיך מיט יעדן אָפּגעלעבטן בן־אָדם —
און מיט יעדן נײַ־געבוירענעם הייבט זי זיך ווידער אָן?
ווי קען מען וויסן צי דאָס איז גאָט־אייביקייט, צי נאָר מענטש־אייביקייט?..
און אויב קיין לעבעדיקער מענטש וועט ניט זען דײַן אוניווערס
מיט די גאַלאַקסיעס שטערן און די זונען און דעם מילכוועג —
וועלן זיי בלײַבן בלויז שטומע און ליכט־פאַרגלאָצטע וועלטן
וואָס דרייען זיך אין אַ בלענדיקן קרײַז פון אייביקן טויט.
בין איך על־כּן דײַן לעבעדיק אויג וואָס קוקט אַרויף צו דיר,
און דו קוקסט אַראָפּ צו מײַן לעבן, אין פליש אַרײַנגעפּרעסט, —
און ביידע זענען מיר דער אוניווערס וואָס לעבט און זעט.
וואָלט עס מיר געווען גענוג זײַן צו וויסן: מײַן שליחות דורך פאַרגיי
איז צוזאַמענצוהאַלטן די בלויזן פון דײַן געטלעכע אייביקייט.

צולהכעיסדיק קריצט דײַן שטומקייט מיט אַלץ פעטערן שריפט
אויף די פעלדזיקע מאַסיוון פון מײַן גרויען סיני: אָנוכי!
איז ווער ביסטו? ווער בין איך? און ווער וועמען האָט באַשאַפן? — —

טית

אָ, מײַן אײביקער גאָט פֿון בערג מיט פײַן און װעלטן מיט חורבן!
ניט לאַנג צוריק האָסטו געטרייסלט מיט דײַן אַזוי מאַכטיקן אָרעם
דעם טורעם פֿון בבֿל אויף אונדזער פּלאַנעט און ביסט אַרויס אַ זיגער,
אָבער הײַנט האָט שוין דײַן בחיר־היצורים דיך אַריבערגעטורעמט
מיט רציחה־װיסן און מאָרדלוסט, מיט ימען בלוט, יסורים, טרערן.
דײַן ביבלישער באַרימטער מבול זעט אויס װי אַ קינדער־שפּילכל —
און אין דער רעװאָלוציע פֿון מאָדערנער טויט־טעכנאָלאָגיע
ביסטו הינטערן אָרעמען מענטש — װאָס װייס װעגן דיר גופא כולו גאָרניט.

אַטאָם־באָמבעס און ראַקעטן, לבֿנה־שפּאַצירן און פֿאַרמעסט מיטן קאָסמאָס —
און מיר בײדע האָבן עס דערלעבט, גרויסער פּראַקטיקער־רעכטפאַרטיקער גאָט!
בײדע? כ׳האָב מורא דיך אַרײַנצונעמען אין שותּפות מיט מיר,
װאָרעם װי קען איך — אַן אָרעמער שטאַרביקער מענטש —
גאַראַנטירן פֿאַר דיך און די אַלע זאַכן,
װאָס װערן געטאָן און אָפּגעטאָן אויף דײַן ערד אין דײַן נאָמען, —
אַז פֿון דײַנע אַלע געטלעכע גאַראַנטיעס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם?..

און אויב מיר בײדע האָבן צוליב דײַן אָדער מײַן טעות פֿאַרשפּעטיקט,
װעל איך הײַנט אײַנקאַרבן מײַנע אומזיסטיקע רייד אין מײַן האַרצן,
װי דו האָסט פֿאַרקריצט אין די שטײנערנע טאָװלען דײַנע געבאָטן,
און מיט פֿריש־אויפגעטײַעטער יראה אין אַלע קעמערלעך פֿון מײַן װעזן,
בין איך דיר װידער מכניס־אורח טיף־טיף אין מיר.
װאָרעם ס׳איז מיר װידער אומעטיק געװאָרן און עלנט בין איך געבליבן —
און אויף דיר און אויף דײַן ענטפֿער קען איך מער ניט װאַרטן —
איז מיר הײַנט גענוג אַז איך קען רײדן צו זיך אַליין —
צו זיך פֿון מײַן קינדהייט און יונגשאַפֿט —
צו זיך פֿון אײדער־באַשאַף —
צו זיך פֿון אַלע מײַנע פֿריִערדיקע דורות.

און זײַ עס דו, גאָט, װאָס שטרעקט אויס װידער צו מיר זײַן האַנט.
פֿיר מיך, װי אַ בלינדן, כ׳װעל ניט פֿרעגן װוּהין און װי װײַט —
װאָרעם כ׳װיל נאָך אַלץ בלאָנדזשען אין דײַן זון־און־שאָטן־װעלט
און כ׳װעל אײביק בלײַבן דער טאָפּלטער שקלאַף — צו דיר־זיך.

אַ, מײַן אַלטער ייִדישער גאָט פֿון ליבשאַפֿט און ציטערניש!
פֿיר מיך װידער דורך קינדהײט און יוגנט,
דורך גוטהאַרציקער הײמישער אַרעמשאַפֿט,
דורך שעמעװדיקײט און פֿאַרבאַהאַלטענע טרערן,
דורך מאַמישע און טאַטישע רחמנות־צאַפּלעניש,
דורך משפּחה־װאַרעמקײט און חבֿרשאַפֿט און מסירת־נפֿש,
דורך חלום און װאָר, אידעאַלן און אַנטױשונגען,
דורך מײַן פֿרײד־און־טרערן־שטעטל און דורך מײַן ליטעלאַנד,
דורכן פֿלאַמיקן חורבן פֿון מײַן ייִדיש פֿאָלק און דעם טאָל פֿון די בײנער,
דורך דער ייִראה פֿון הײליקן נאָמען דײַנעם און דײַן אחד —
צו דעם נײַ־אױפֿגעריכטן לאַנד פֿאַר דײַן שארית העם!
און זאָל עס זײַן מײַן שׂכר פֿאַר דעם שפּליטער לעבן,
אין װעלכן איך האָב דיך אױפֿגעהיט
װי אין אַ מישכּן — אַ מישכּן פֿאַר אונדז בײדן.
און אַז מיר װעלן אַהין אָנקומען מיט אַ פֿול האַרץ פֿרײדגעװײן,
װעלן מיר זיך אַרומכאַפּן און צעקושן בתּוכֿכי ירושלים.

אַ, מײַן װײַט־נאָענטער קלײן־שטעטלדיקער רבונו־של־עולם!
מײַן גאָט פֿון ציון און ירושלים!
מײַן לעגענדאַרער פֿאַרזאָרגער מיט אליהו־הנבֿיא־מעשׂיות און זעק מיט פּלאים,
מיט ניסים און משיח־בענקשאַפֿט, מיט טאָרבעס בטחון און קרישקעס אמונה.
װאָרהאַפֿטיק איז געװען מײַן אײַנגעציטערטע לעכצעניש צו דײַן מקור.
אַלע דײַנע דין־דינסטע סטרונעס װיברירן עד היום אין מײַן גוף־און־נשמה,
װי די סטרונעס אױף אונדזער שכנס, יאַנקל דעם קלעזמערס פֿידל
װאָס האָט געשפּילט מײַן אומעטיקסטן ניגון אין די שטעטלשע פֿאַרנאַכטן.
גאָט, איך גײ מיט קינדיש־אַלטע טריט קעגן דײַן צאַנקענדיקן בין־השמשות
און מײַנע קני טרײסלען זיך, װי אין גאָר װײַטן אַמאָל
מײַנע קינדישע פּיסלעך אױפֿן זיך ברעכנדיקן אײַז פֿון טײַך — — —

עס איז שױן געװאָרן שפּעט און מיר קענען זיך ניט שײדן מער,
נאָר אױב דער טױט װעט דיך פֿאַראַטן, מײַן לעבנלאַנגער גאָט,
און דיך אַרױסטרײַבן פֿון מײַנע טיפֿענישן, װי אַ פֿאַרנאַרטן װאַנדערער,
באַדױער איך אי דיר אי זיך אַלײן —
װאָס מיר װעלן זיך מוזן פֿונאַנדערגײן אױפֿן לעצטן װעג.

יוד

פּאָסטסקריפּט —

די רייד האָב איך געוואָלט אַרויפשיקן אין אַ בריוו אויף פליגל.
אַדרעס: אייביק באַקאַנט! און דער פּאָטשטאַליאָן: מײַן גוטער מלאך
(נאָר ניט אַליין זײַן דער מופ״ז, גאָט באַהיט!)...

אָבער אויף וואָס פּאַר אַ וועג מײַנע שורות זאָלן דיר ניט גרייכן,
זײַ זיך מטריח, באַשאַפער פון אַלע וועלטן,
נעם מײַנע אָרעמע און פּראָסטע בלעטלעך
און לייען זיי אין ליכט פון דײַנע שטערן.
און ווען זייער זילבערגלי וועט ווינקען אין מײַן פענצטער,
וועל איך וויסן אַז דו לויפסט מיט דײַן בליק איבער די ווערטער.
און דײַן האַרץ זאַפּט אײַן מײַן אומעט און מײַן ווי,
מײַן טרויער און מײַן עלנט,
מײַן זיפץ און מײַן טרער —
און מײַן רוף וועט צו דיר דערגיין
אויב אַפילו דו הערסט מיך ניט —
ווײַל כּל־זמן איך בין פאַראַן — ביסטו מיט מיר!
און איך גיב זיך אַ נדר:
ניט פרעגן מער ווו דו ביסט!
וואָרעם אויב דו ביסט אין ערגעץ ניטאָ —
ביסטו נאָך אַלץ אין מיר!

ביסט אין מיר לעולמי־עד,
מײַן טרויעריקער ייִדישער גאָט!
און וועסט בלײַבן אין מיר
אויף אַלע אייביקייטן!

אַפריקער

וואָס איז שוין דער חילוק ווי איך וועל דיך רופֿן,
סײַ ווי איז דײַן הויט דער צייכן פֿון דײַן שטאַם.
מיט אַפֿריקע פֿאַרצווײַלינגט ביסט, מיט איר פֿאַרגופֿיקט —
מיט איר הייסן מידבר־אָטעם, מיטן שטורעם פֿון איר ים.

און שווײַגעוודיק טראָגסטו דעם שותּפֿותדיקן גורל,
ווי אַן אָקס אין יאָך געשפּאַנט — מיט שטומפּיקן געדולד.
און באַוועגסט פּאַמעלעך זיך, מיט פֿאַרקלעמטער מורא, —
אַ דזשאָנגל־אומגעהײַער וואָס דעם קאָנטינענט פֿאַרפֿולט.

און ווי איך וועל דיך רופֿן — אַפֿריקער צי שוואַרצער,
אין נאָמען גאָר דײַן חשיבות איז, ניט דײַן שטער.
דו וואַקסט פֿון מאַמע אַפֿריקעס סאַמע טיפֿסטן האַרצן,
פֿון אירע שוואַרצע פּלאַסטן אויסגעטעסעט, אַפֿריקער!

איז איבעריק די גאַנצע פֿילאָסאָפֿיע ווי מ׳זאָל דיך רופֿן.
סײַ ווי שלאָגן דײַנע בלוטן מיטן ריטעם פֿון טאַם־טאַם.
מיטן קאָנטינענט נאָר מ׳קען דיך צווײַלינגדיק פֿאַרגופֿן,
ווײַל דו — דו ביסט פֿון אַפֿריקע דער שוואַרצער פּלאַם!

[redacted]

בלודנע שאָף

גרינע ליכט אויף מאַסקעס שוואַרצע פון גראַניט —
זיי יאָגן, ווי אַ סטאַדע שעפּסן דורך אַ טויער,
און דער שאָטן פון דעם וואָלקן־קראַצער־מויער
קראַכט אַרײַן אין זייער פּחד־צאַפּלדיק געמיט.

בײַ די וויטרינעס פאַרביקע, דעקאָראַטיוו צעגליט,
זיי דריקן זיך צונויפֿ, ווי אַ שטריך אַ גרויער.
און דער טראָטואַר ציט צונויפֿ זיך פון טרויער
אונטער זייערע פאַרציטערט־ווייַנענדיקע טריט.

אין געלויף שמעקן זיי מיט פאַרדאַכט די לופט
פון גאַסן שטאָטישע — די ריחותדיקע פּאַסטקעס.
די שרעק איז פרעמד און לאָקט, מאַניעט, רופט —
אויגן הונגעריקע שטאַרן פון די שוואַרצע מאַסקעס.

ס׳רויטע ליכט, ווי אַ טרער אַ גלאָזיקע לויפט־אויף,
און פאַלט אַרײַן, ווי אַ בליץ צווישן בלודנע שאָף.

חבֿרשאַפט

אויף באָרוועסע פיס האָט געריטעמט אַ ציגעגער עק,
בראַסלעטן פון אײַזן און קופּער האָבן געקלונגען.
ער האָט אין עקסטאַז צו איר זײַן ליד געזונגען
און מיט אָרעמס בראָנדזענע צו איר גוף זיך געשטרעקט.

אַלץ געווען איז אָפן, ווי דאָס אויג, און אָפּגעדעקט:
גלידער נאַקעטע, מיט ברוינעם זונזאַפט אָנגעטרונקען.
און ווי נאָר ס'איז דער צער אינעם בלוט פאַרזונקען,
האָט מען מיט צינגער פײַכטע די לײַבער זיך באַלעקט.

זייער טרויער אונטער טראָט באָרוועסן האָט געצאַפּלט, —
דאָ האָט קיינער קיינעם ניט פאַרפירט, ניט גענאַרט,
דערפאַר האָבן מיט צוטרוי געפינקלט בורשטיניקע אַפּלען —
ווי קאַשטאַנען הייסע, נאָר־וואָס פון פײַער אויפגעשאַרט.

און אַז דער אָונט האָט אויפגעריסן ס'מויל — פאַרגאַפּט,
האָבן אַלע טאַנצרינגען זיך געשלאָסן אין חבֿרשאַפט.

טאַנץ פון זולוס

לײַבער צעפלאַמטע אין דזשאָנגלישע גלוטן,
גלידער — צעהוידעט אין חשק צעברענטן.
גלי פון אַ שײַטער, אַ בלאַט אויף די לענדן,
און דורך דער שוואַרצקייט ריזלען די בלוטן.

פלאַקערט דער טאַנץ — ווי אַ כאָפּטע ניט־גוטע,
צעברילטע פון תענוג וואָס האָט זיך צעבונדן,
די גלוסטונג אין אויגן, ווי פלאַם איז צעצונדן
און פּלוצעם זיי פאַלן אַוועק — ווי באַרוטע.

און ווידער אַ יאָג טוט דער ריטעם — פאַרשײַטער,
און טאַנץ ווערט צעווירבלט מיט ווילדקייט באַנײַטער,
ווי ס׳וואָלטן זיך בעק אין תאווה צעשפּרונגען.
עס קלאַפּן די טאַצן, און גלעקלעך צעקלונגען.
דער זולו־עקסטאַז איז צעברומט אין די רוימען,
ווי ס׳ברעכט זיך אַ שטורעם אַרויס פון די צוימען.



אין שאָטן אייגענעם

מיט טרערן זילבערנע דאָ ווײנט דאָס ליכט,
ווי שטערן סומנע אין אַ טיפֿן שטילן ברונעם,
דער חושך טראָפּנווײַז זיך זיפּט, ווערט צערונען —
און שפּיגלט־אָפּ אַ שוואַרץ פֿאַראומערטן געזיכט.

די פּינצטערניש אָנגעוואַקסן איז אויף אים געדיכט
און בוש קדמונישער ווויעט פֿון זײַן גומען,
טויזנט דורות אויף זײַן פּנים שטומען —
פֿון לעבעדיקן דימענטקויל אַ געפּרעסטער שיכט.

און זײַן האַרץ, ווי אַ פֿאַקל, האַלט אין ברענען,
און פֿלאַמען טאַנצן אין זײַן בליק — צונטערוויט,
דאָס גליד אַנטבלויזט (פֿאַר וועמען זיך דען שעמען?)
און מיט אַ גלאַנץ אַ קופּערנעם גליט זײַן הויט.

זײַן לײַב, ווי פֿון מינעטיף דער רויער אַרץ,
וויקלט זיך אין שאָטן אייגענעם — שוואַרץ אין שוואַרץ.

דער צײַטס געװעט

דײַנע בליקן — מעסערס אינעם טונקל פֿון דער נאַכט.
שמייכלען דײַנע — קאָסעס אין דער זוניקייט פֿון טאָג.
שלײַכסט פֿאַרבײַ גראַציעז און שלאַנק און אָן געקלאָג —
אַ באַפֿאַנצערטער מיט בלינדער גבֿורה פֿון פֿאַראַכט.

אין שקלאַפֿישער געדולדיקייט שלומערט נאָך דײַן מאַכט,
און צײַט זיך װיגט איבער דײַן קאָפּ — אַ גורל־װאָג.
מיט װײכן טראָט פֿון בוש — דו לױפֿסט, דו יאָגסט
איבער גאַסן שטאָטישע, װאָס װעקן דײַן פֿאַרדאַכט.

מיט אומרו, אַנשטאָט ברױט, ביסטו פֿול צו זעט,
הינטישע הכנעה — אַ קייט אויף דײַן געמיט,
און װי בײַ אַ קינד נאָך שטאַמלדיק איז דײַן געבעט.

מיט רו און נײַגער װאַרטן מיר אויף צײַטס געװעט:
דו — זון אַפֿריקעס און שװאַרצזוניקער גראַניט,
און איך — אַ ײדישער אַהער פֿאַרװאָגלטער פּאָעט.

מיט זיך און מיט יידיש

* *

מיט זיך און מיט ייִדיש, ווי בוים מיט זײַן שטאַם, —
פֿון וואָרצלען צו בלעטער דער ניגון זיך וויקלט,
ביז הײַנט נאָך דער שאָטן פֿון ליידיקן וויגל
זיך שאָקלט צום טאַקט פֿון מײַן היימישן גראַם.

מײַן דור, אַ צעברויזטער, פֿון ייִדיש דער ים,
פֿאַרשטילט איז ער הײַנט — אַ פֿאַרגליווערטער שפּיגל.
אין תּהום ליגט פֿאַרזונקען ס'געשאָכטענע ציגל —
זײַן קלאָרקייט צעפּרעסן פֿון סם און פֿון פֿלאַם.

איז וויפֿל דו קענסט, קוויק אים און היײל אים —
דײַן דור איז דײַן גורל ביז סוף און צוזאַמען,
און זינג אים אַ וויגליד, אַ מעשׂה דערצייל אים,
וואָס דו האָסט געזויגן מיט מילך פֿון דער מאַמען.

און פֿריידן ניט שפּאָר אים — ס'קומט אים, ס'קומט אים! —
דעם דור פֿון דײַן חלום אין קדושה און אומקום.

איך

ווי גוט מיר איז —
וואָס איך געפֿין נאָך אין אַ שורה טרייסט
און די ווערטער שטראַלן אויף מיט ליכט,
און אין אַן איינציק יידיש אות
קען איך שפּיגלען מײַן געזיכט
און זען: — דאָס בין איך.

ווי גוט מיר איז —
וואָס אַרום מיר ס׳לעבן איז צעבראָכן
און מענטשן יאָגן אין געאײַל, געלאָף,
נאָר איך קען בלײַבן שטיין באַרוישט
אין דער מיט — סתּם אַזוי פֿאַרגאַפֿט,
און וויסן: — דאָס בין איך.

ווי גוט מיר איז —
וואָס איך כאַפּ אַ שפּרינגקל זון, אַזוי צעחושט,
און פֿאַרקוועטש אין פֿויסט מײַנעם, ווי דול,
און פֿיל — מײַן האַנט איז פּוסט,
און מײַן האַרץ איז פֿול —
און דאָס בין איך.

ווי גוט מיר איז —
וואָס איך קען זיך נאַריש מאַכן ווי אַ קינד
און מיט אויסדורכטעניש פאַרקלעפּן מײַנע אויגן.
מיט דער שײַן פון יעדן חלום וואָס פאַרשווינדט,
ליכטיקער גייט אויף אין מיר דער גלויבן, —
און איך קען ניט פאַלשן קיינעם:
— דאָס בין איך.

ווי גוט מיר איז —
וואָס אַן ערבֿ־נאַכט קומט אַ מאָל פאַרשטילט,
און בעת דער האָריזאָנט דער פאַרביקער פאַרבליט,
ווערט מײַן טרויער ווי משוגע פון דער שפּיל
און אַ שפּיגל ווערט אים מײַן געמיט —
און איך הער אים שעפּטשען:
— דאָס בין איך.

ווי גוט מיר איז —
וואָס מײַן טרוים קען מאָלן מיט אַ כּישופדיק קאָליר
און ער קען ווערן ייִנגער נאָך ווי איך —
אין האַלבוואָר קלאַפּ איך אָן דעמלט אין מײַן טיר
און איך עפן אויף פאַר זיך —
מײַן גאַסט בין איך.

איינזאַמקייט

מײַן האַרץ וועט מער ניט אויפצאַפּלען מיט יונגער פרייד
צום ריטעם פון דער באַן וואָס לויפט פאַרבײַ מײַן פענצטער.
ס'וועט מײַן אויער מער ניט ווערן אָנגעשפּיצט: זי גייט...
הינטער בלויען האָריזאָנט פאַרשווינדן וועט דער נענטסטער.

אומעטיק. ניט קיין ציטער מער פון שטילן קלאַפּ אין טיר.
אין לבֿנה־נעכט איר שטים אין צימער וועט ניט קלינגען.
ס'וועלן ווײַסע ווענט מיך פאַרפינגערן אין געפריר,
אײַנשליסן אין איינזאַמקייט און מיך פאַררינגלען.

איבער מײַן וועג

פֿאַרקלונגען איז דער לעצטער פֿון געזאַנגען.
ווי אַ זילבערשטראַל פֿון פֿאַלנדיקע שטערן —
אַזוי אויך דו פֿאַרלאָשן ביסט, פֿאַרגאַנגען,
קרייצנדיק מײַן וועג דעם האַרטן, שווערן.

שטיל. מײַנע ליפּן מורמלען ניט קיין תּפֿילה.
ניט קיין דאַנק. ניט חרטה אויף די טרערן.
ווײַל ווידער הענגען טרויבן צײַטיק־פֿולע
איבער מײַן וועג — און ווידער זינגען שטערן.

פרילינג

אַ צוויטשעריַי פון זילבער־שירה אין דער לופט,
אַ זשומעריַי פון גאָלדענע ניגונים אויף די פעלדער.
פייגעלע און בין און בלום — אַלץ זיך איבעררופט
מיט קינדערלעך, ווי יונגע ביימעלעך אין וועלדער.

גרינע וועלט און בלויער צודעק איבער איר.
זון — אַ ליכטיקע און וואַרעם־לאַשטשענדיקע מאַמע.
אַ בוים — קיל צעבלעטערט שאָטנט איבער מיר, —
און צוויַיגנהענט אין אַ תּפילה נעמען זיך צוזאַמען.

איבער קאָפּ מיַינעם ווינטלט ברייט זיַין קרוין —
צום לעבעדיקן שטאַם כ׳פאַל צו אַזוי וויליק, —
און מיר טרינקען ביידע פולע בעכערס טרוים
לכּבֿוד דעם צעזונגענעם אויפגעוואַכטן פרילינג.

זון

דער יידישער פֿאָלקשול
אין יאָהאַנעסבורג

וואָגלטריט. מיט געדריי פון שווערע שטרויכל־וועגן
קלעטער איך צום נײַעם טאָג — ווידער אָנהייבן אַ קאָן.
שפּראָץ־באַגינען האָט אויף מײַן שויב געגליט אַ מאָן —
האָב איך אים, קינדער, אָפּגעפּליקט פֿאַר אײַערטוועגן.

איך האָב אין דעם פרימאָרגן אויפגעקליבן אַ פאַרמעגן:
אַ שטראַלכל זריחה, אַ שפּריצל בלוי, אַ קריי פון האָן,
און צווי פּוכיקלעך — אַראָפּגעבלאָזענע פון לייבנצאָן,
מיט אַ נקודה טוי, און אַ צוגאָב — אַ טראָפּן רעגן.

האָב איך דערלייגט מײַנס: אַ זיין — ס'קעפּעלע צעשטראַלט;
אַ וואָוו — ווי אַ שטענגעלע אַ גרינס — העל צעבליצט;
און אַ לאַנגן נון — עלעגאַנט און שטראַם, ווי אויסגעשניצט.
און איבער די מתנות האָבן פאַרבן, ווי אַ פּעכער אויפגעפּראַלט, —
האָבן די גאָלדשטראַלן אין פענצטער אַרײַנגעלאַכט און
דעם גרוס פון דרײַ ליכטיקע אותיות צוריקגעבראַכט: ז ו ן!

אַ חלום אין פענצטער

א

כ׳הער די שטערן אויף מײַן דאַך מעטאַליק שאָרכן —
אַ זילבערנער געקלאַנג צעקוילערט אין דער נאַכט, —
און כ׳וואָלט אין גאַנצן אויער — פול מיט האָרכן,
צי מעג מען שלאָפן גאָר ווען שטערן זענען וואַך.

רײַס איך אַ פענצטער אויף און בליק אַרויסעט:
אויפן דאַך בריליאַנטן שיטן זיך און בלויער צוויט,
און אין דעם אָפּענעם און הימלפולן דרויסן
גאָט שפּאַצירט מיט שטילע ניט דערהערטע טריט.

מײַן גאָט — פון ווײַטן קינדערלאַנד אַהער געקומען.
ער נעמט מײַן האַנט און פירט מיך אין זײַן טראָט.
נעכטנס ציַנדן זיך. פון זייער ליכט באַנומען
אַ חלום ווערט אַנטפּלעקט — מיט פאַרב, מיט שפּיל, מיט סוד.

אויפן דאַך, זע איך, פלעמלען גרינע יונגע קנאָספּן,
אויף די פינגערשפּיצן, פיל איך, טויִק־קילן טעם.
כ׳וואָלט נאָך הײַנט מיט טראָט אַמאָליקן צעמאָסטן
די גאָרע וועלט — פון ברעג צו ברעג, פון ים צו ים.

ווערט הימל אַ באַלאָן — פון ווינטל אויפגעבלאָזן, —
וויגט ער זיך אַהין־אַהער אויף זיבן בלויע שטריק.
כ׳לאָז אויף זיי אַראָפּ זיך צו אַ לאַנד אַ ראָזן —
אויף דעם באַלאָן איך פלי דעם לאַנגן וועג צוריק.

און אָט איז שוין דער פאָספאָר־לויכטנדיקער פלאַנקען —
אויף פאַרפוילטע ברעטער זײַנע הענגט נאָך אַלץ מײַן נעץ.
אין אירע פעדעם צאַפּלען שטערן־פישעלעך — געפאַנגען,
און מײַן פענצטער איז מיט דימענטלעך נאָך אויסגעזעצט.

ב

איך קריך אין די גראָזן — ווײַניק־זאַפּטיקע און שאַרפּע —
צו מײַן שטיבעלע, וואָס וואַקלט אַ פאַרשיכּורטע מיט נאַכט.
לבֿנה אויפן דאַך — די זילבערנע און אַלטע האַרפּע,
פאַרגייט זיך מיט אַ ניגון אומעטיק, פאַרשמאַכט...

טענער פּײַקלען אויפן דאַך — מיט שטראַלכעלעך באַהאַנגען.
אַ שטערן רײַסט זיך אָפּ און צו מײַן פענצטער פליט.
אַ זילבער־רעגן פלייצט מיט דין־פאַרבענקטע קלאַנגען —
און אויף די קלאַנגען גאָט קומט אַן מיט ווייכע טריט.

און ברענגט אַ קוישל שטערן פרישינקע, ערשט פון הימל,
און פאַרקײַקלט זיי אויפן שפּיגל פון מײַן דאַך.
ער זאָגט: — שוין שפּעט. זאָלן קליינע שטערן דרימלען.
און איך זע: מײַן קינד ליגט איבעם וויגל וואַך.

פול מיט שײַן זײַנע אויגן, ווי די קלאָרע פּערל,
ער איז פאַרקוקט אין פענצטער — צו דער חלום־טיף.
פּלוצעם טוט ער זיך אַ לאָז צו דעם ים פון שטערן
אויף אַ נאַכטיק־בלויער דורכזיכטיקער שיף.

כ'יאָג זיך נאָך. צי וועל איך אים נאָך גרייכן?
כ'יאָג. און אין מײַן האַרצן פּיקט אַ ווײַסע טויב.
— פלי, טײַבעלע, אַרויף צו אים — צו חלום־הייכן,
און בעט אים אָנקלאַפּן מיט אַ פינגערל צו מיר אין שויב.

ער קומט צוריק. אין חלום־פאַרב די קליינע פליגל.
ער ברענגט פון ווײַט דעם אָפּהילך פון אַן אַלטן ליד:
— אונטער מײַן קינדס וויגל שלאָפט אַ גאָלדן ציגל...
און דער חלום אין מײַן פענצטער ציטערט־מיט.

בוים און שטערן

איך האָב געפּרוּווט אַליין זיך פֿאַנגען,
צעמינצן גאָר מײַן מי —
האָבן מיך פֿאַרפּלייצט געזאַנגען
מיט קאָלירטן גלי.

האָב איך געוואָלט אַ האַנט אויסשטרעקן,
זינגען אויף די קני —
האָט מיך פֿאַרשווענקט פֿון אַלע עקן
פֿרילינגדיקער בלי.

האָב איך פֿאַרטראַכט אַ הויפֿנאַר ווערן,
לוסטיק טאָן אַ ברי —
האָבן מיך פֿאַרנאַרט די שטערן
מיט צעבליצטן פֿלי.

האָב איך גענומען די געזאַנגען
מיט דעם פֿרילינגבלי —
און צעהאַנגען אַלע קלאַנגען
אויף מײַן בוים פֿון מי.

און ווי ווײַט איז בוים פֿון שטערן?
איך קלעטער צו דער קרוין.
זע איך: אונטן רויען ווערעם
און זיי קריכן קוים.

כלפּי מעלה

כלפּי מעלה — מיטן פּנים צו דער זון, אַזוי ווי בוים.
ביידע וואַרטן מיר דורך נאַכט אויף דעם באַגינען —
ווען קילע טראָפּנס טוי טריפט בוים אויף מײַן טשופּרינע
און ווי אַ פידל הענגט אויף קרוין זײַנער מײַן טרוים.

אונדזער חבֿרשאַפט פון כלפּי מעלה פולער מאַכט דעם רוים.
ווי אַ בעכער ווײַן, דורכגעגאָלדיקט ווערן בלעטער גרינע,
און דעם פּלאַטערדיקן תּכלת איך גלעט מיט פינגער דינע —
קומט שטיל אַ ווינטעלע און באַרירט די סטרונעס קוים.

ווי דוד המלכס אַלטער פידל זשומט מײַן האַרץ מיט תּפילות.
הימל בלעטערט־אויף — און בלחש ברומט קאַפּיטלעך תּהילים.
וויל איך דעם ניגון כאַפּן און הייב מײַן קאָפּ אַלץ העכער —
כלפּי מעלה. נאָר צעקרימטע, מאָכיק־גרויע שינדל־דעכער
פאַרשטעלן די זון. קריך איך אין משוגענעם געקלעטער
און בלײַב הענגען אין קרוין — אַ בלאַט צווישן בלעטער.

דאָס איז גאָר

ס׳האָט אין מײַנע האָר פֿאַרפּלאָנטערט זיך אַ זונדרויב
אין אַ טאָג אַ טריבן. איך האָב אים גלײַך דערפֿילט.
אַ גאָלדן פֿייגעלע האָט געשטיפֿט, זיך אַרומגעשפּילט
אויף מײַן קאָפּ מיט דעם בריליאַנטל זונשטויב.

איך בין געלאָפֿן דורך די גאַסן מיט מײַן זונרויב —
אין אַ טאָג אַזאַ אומעטיקן. אויגן האָבן געשילט
צו מיר פֿאַרוווּנדערט. דער פֿויגל האָט געטרילט
און אויפֿגעפּיקט פֿון מײַנע האָר ס׳קערנדל זונקלויב.

אויף זײַן שנעבעלע, ווי אַ דימענטל האָט עס אויפֿגעבליצט
מיט געזאַנג. דער טאָג האָט זיך צעוויקלט, צעליכטיקט
מיט ליבשאַפֿט. די זון האָט זיך שטיל אַרויסגעגליטשט
אויפֿן גרויען הימל. עמעצער האָט אַזוי פֿאַרזיכטיק
געשאָטן וואַרעמע זערנעלעך פּערל אין מײַנע האָר
און איך האָב געהאַט דערפֿון הנאה. דאָס איז גאָר.

אייגן פּנים

די זון פֿון זײַן פֿלייצע גליטשט אַראָפּ זיך און פֿאַרגייט —
נייגט זײַן בלייבן פּנים צו צום ערבֿ־נאַכטיקן שאָטן, —
ביי זײַנע פֿיס איז די שטילקייט אין זונרינגלעך צעשאָטן,
און עמעץ האָט דעם טאָגקנויט אין דער נאַכט אַרײַנגעדרייט.

מיט באַגינען־בליאַסק האָט זיך אַ האָן גבֿורהדיק צעקרייט.
אין דעמער האָבן נאָך אַ לעצטן זשום געטאָן די דראָטן
און אַרײַנגעשטאָכן זיך אין מאָרגנרויט, ווי שורות נאָטן.
און עמעצער האָט אין פֿענצטער זײַן ווײַ אַרויסגעשפּרייט.

אין זעלבן פֿענצטער איז דער האָן געהאַנגען שוין געשאָכטן
און חלף־גלאַנץ אין זײַן אויג געמיניעט האָט, געלאָכטן —
און די צײַט האָט אויסגעבלוטיקט, ווי די קאָם אים.

די זון האָט ווידער אָנגעוואַלגערט אויף זײַן פֿלייצע שרעקן.
האָט ער אויסגעשטרעקט אַ האַנט — די זון פֿאַרמעקן —
און אָפּגעווישט דאָס ליכט פֿון אייגן פּנים.

ליבן

איך בין מיט זון צעקריגט — און מוז זי ליבן.
זי רינט אין בלוט בײַ מיר מיט טראָפּנס שײַן
און איז דער אָטעם פֿון מײַן לעבעדיקן זײַן.
אירע גליפֿינגער אויף מײַן קאָפּ אַ צאַפּל גיבן
מאַמיש־צאַרט. און ניט געקוקט וואָס פֿאַרבליבן
איז אין מײַן האַרץ פֿאַרדראָס פֿון יענער פּײַן,
ווען זי האָט צום טויט געשמייכלט לײַטיש־פּײַן, —
האָב איך דעם חושך־פּלעק לאַנג מיט זוניקייט פֿאַרריבן.

און אפשר איז עס גאָר דער חסד פֿון אַ נײַעם מאָרגן,
וואָס וועט צעשטראַלן זיך פֿאַר אַלע מענטשן גלײַך, —
ווײַל אויב געווען אַ כּוח וואָס האָט זי געטריבן,
איז ער געווען הינטער איר גאַנג, אין ליכט פֿאַרבאָרגן,
ווי דער קאַפּיטאַן אויף אַ פֿינצטער־שטורעמדיקן טײַך,
וואָס רודערט אייפֿעריק צום ציל — דער ציל איז ליבן!

אַן אײנציקע שעה

כ׳וויל אויפשטײן אַ טאָג און זײַן רײן,
דער נעכטן זאָל זײַן אָפּגעווישט —
און מײַן לעבן זאָל זײַן אָפּגעפרישט
מיט אַן אײנציקער שעה וואָס איז שײן.

און זאָל מײַן געוויין שטיל פאַרגײן
אין שטורעם, וואָס האָט אָפּגעבליצט.
מיט קאָלירן פון ליכט אויסגעמישט,
די זון איבער מיר — זי וועט שטײן.

שטײן וועט די זון אויף אַן אָרט
און כ׳וועל גײן אַרום איר אין אַ ראָד —
און זאָל ווערן מײַן לעבן צעקלאָרט
אין דער אײנציקער שעה פון גענאָד.

און די שײנקײט וועט לויכטן — פאַרוואָרט,
אין דער אײנציקער שעה — וואָס געשפּאָרט.

דער מענטש פון ליכט

אוקיר אנוש מפז,
ואָדם מכתם אופיר.
(ישעיהו יג׳ יב׳)

אויף מײַן וועג וועט אָנפליִען דער מענטש פון ליכט,
ווי אַ חלום פון צעזונטע בלויען און צעשטראַלטן רוים, —
וועל איך אַ קוש טאָן פון זײַן לויטער קלייד דעם זוים
און זאָגן: — לאָמיר שפּיגלען זיך אין דײַן געזיכט.

איך וויל ווי די פאַרלירן גאָר דעם גופיקן געוויכט
און אַ ריס טאָן זיך פון קנופּ דעם ערדישן — מײַן צוים;
שוין יאָרן וועב איך פליגלען פאַר מײַן גרויסן טרוים,
אַז אין פליִען זאָל מײַן גלויבן ווערן אויפגעריכט...

דער ליכטמענטש קוקט אין האַרצן טיפער מיר אַרײַן
און זײַן קול קלינגט־אָפּ, ווי פון הימל — ווײַט:
— פליגלען זענען בלויז דער שוים פון אייגן שײַן
און קענען ניט דערטראָגן אויסער אָרט און צײַט.
און אַלע פליגלען, וואָס דער מענטש פאַר זיך באַשאַפט,
ניט דערפליִען קענען העכער ווי זײַן אייגן קראַפט.

זײַ געבענטשט

זאָל דײַן וואָרט זײַן ווי די זון, פֿאַר אַלעמען צעשטראַלט,
און מיט זאָרג און ליבשאַפֿט טראָג אים צו דער שיינער וועלט. —
וועט אין זײַן זכות דײַן היים ווערן פֿריידיק אויפֿגעהעלט,
אין זײַן שײַן דערהייבן ווערן וועט דײַן מענטשלעכע געשטאַלט.

ווי זריחות אין באַגינען, וואָס באַגאָלדיקן ביימער אין אַ וואַלד,
אַזוי צעליכטיק מיט אַ וואַרעם וואָרט דײַן שכנס עלנטן געצעלט
און ברענג אַרײַן יום־טובֿ אים און אַלץ וואָס אים נאָר פֿעלט —
ווי דערקוויקונג ברענגט צו דעם וואַנדערער דער קוואַל.

און אַז מיט וואַגלוועגן קומט אַ פֿרעמדער צו דײַן שוועל,
אַנטקעגן לויף און טראָג אים בענטשונג אויף דער צונג,
מיט שׂימחה הייליק אים זײַן טאָג, מיט רייד פֿון טיפֿער זעל,
ווי דעם טיש — מיט ברויט און זאַלץ און ווײַן אַ טרונק.
און הייב דײַן פֿולן בעכער פֿאַר דעם אורח — ברודער־מענטש,
און דרײַ מאָל זאָג: — ברוך בואך אין מײַן הויז, זײַ געבענטשט!

כ׳האָב ליב

כ׳האָב ליב אַ קאָפּ וואָס מיט זילבער טוט ער שײַנען,
ווי מיט אַ קרוין פון גלאָריע ליכטיקער באַצירט, —
ס׳איז דער קעלער דער געהיימער וואָס דיך פירט
צו אויסגעקלאָרטע, טערפּקע, אַלט־פּאַרזיסטע ווײַנען.

כ׳האָב ליב די האַרבקייט פון שׂימחות און פון פּײַנען,
מיט וועלכע לאַנגע זיקנה־יאָרן זענען צעמענטירט, —
ס׳איז ווי אַ קאַלכגרוב וואָס קיין טראָפּן ניט פאַרלירט,
אָנגעזאַפּט מיט חכמה, מיט נסיון און מיט תּוכן פּײַנעם.

כ׳האָב ליב שׂכל, געשליפן אויף די ציינער פון דער צײַט;
רייד און ווערטלעך — צוגעקליבן בליציק און געשײַט;
און הערצער — וואָס אויף וואַרעמקייט ניט זענען קאַרג.

כ׳האָב ליב דעם שניי אויפן העכסטן שפּיץ פון שטאָלצן באַרג,
וואָס קריסטאַליק־אומבאַרירט שטראַלט אַראָפּ צום גרינעם טאָל.
און כ׳ליב אַלטע מעשׂיות — דערציילטע מיטן ניגון פון אַמאָל...

פרײַנד

לזכר מ. שור

דער אַלטער לייב בלײַבט שטיין בײַ זײַן אַלטן פרײַנד — דעם בוים.
אין זײַן ברוסט ער טראָגט נאָך אַלץ דעם יונגן שטורעם און געשריי,
און אויף זײַן שטאָלצן נאַקן — דעם מלכותדיקן זילבערנעם געשפּריי.
ס'בייגט זיך איבער אים דער בוים מיט רינגען ליכט און גרינעם שוים.

דער וואַלד האָט זיך צעלאָזן גרויס און פרײַ — ניטאָ קיין צוים.
דער לייב שפּיזט־דורך מיט שאַרפן בליק דעם ביימערשן געדריי,
און זײַן שווערע גריווע־קרוין, באַשיט מיט דימענטענעם שניי,
צינדט די טונקלעניש פון וואַלד מיט לעגענדאַרן גבֿורהדיקן טרוים.

דער וואַלד האַלט אײַן דעם אָטעם. די ביימער ציִען זיך אַרויף.
און ס'דערפילט דער לייב די אָפּגעפרישטע יונגע קראַפט פון זיגן —
צעקוילערט זיך זײַן ברום, ווי אַ דונער, ביזן ווײַטן סוף
און דער וואַלד צעהוידעט זיך — אַ וויכער טוט אים וויגן.

אין פרייד דער אַלטער לייב זיך טוליעט צו זײַן פרײַנד, דעם בוים —
צוויי וואָס זויגן חיות פון דעם שוואַרצן גרונט און בלויען רוים.

אַן אַלטער ניגון

ס׳האָט מיך אויפגעוועקט אַן אַלטער ניגון,
מיט קלאַנגען דעם זכרון פלוצעם אָפּגעבריט, —
האָבן ווײַטן בלויע זיך געגומען וויגן
און אָנגעשטימט מיט אומעט מײַן געמיט.

פּידלזשום געציטערט האָט מיט בענקשאַפט,
סטרונעס שטראַליקע האָבן זיך צעבליט
און אויסגעפּילט אין האַרצן גאָר די ענגשאַפט
מיט ריחות טויקע פון פרילינגדיקן צוויט.

און ס׳האָט אַ צאַפּלכליפּ פון ערשטער שורה
אויף מײַן ליפּ וויברירט און אויפגעגליט,
ווי ערשט וואָלט זי אַרויס פון פורעם
און וואַרעמקייט פון געבוירנשאַפט פאַרהיט.

דער אַלטער ניגון קומט מיט יונגער ליבשאַפט,
ווי אַ טויב אַ גרויע אין מײַן שויס פאַרפליט, —
און מיט געגנאַד און ליכטיקער פאַרגיבשאַפט
אַלע בענקשאַפטן צום לעצטן מאָל פאַרשיט.

אַ פּונקט

איך האָב צונויפֿגעוואָרפֿן אַלע לידער אין געאײַל,
ווי בעבעכעס מ׳וואַרפֿט צוזאַמען בעת אַ שׂרפֿה, —
כ׳וועל מיט זיי צו אייביקייט סײַ ווי ניט דערלויפֿן,
טאָ זאָל עס זײַן אַ טרייסט כאָטש אויף דערווײַל.

אין יעדער שורה לויערט די סכּנה אויף אַ מײַל,
און די אייביקייט — זי שרעקט מיך מיט אין־סופֿן,
איז אַ נחמה אין מײַן אָרעמקייט ס׳ביסל האָפֿן,
אַז פּאָר מײַן שוואַכן אָנלען קלעקט אַ דינע זײַל...

האָב איך לויזע בלעטלעך אויפֿן ווינט צעשלײַדערט,
און טעג — נאָך לויזערע — צעטרענצלט אָן אַ זין.
אָ, גאָט, העלף מיר איין שורה אויסשמידן אין שײַטער —
אַ שורהלע וואָס האָט זיך אייביקייט פֿאַרדינט...

ווי שפּעט די שעה! אָפּגעלײדיקט אַלע שוועלן.
אָ, לאָז מיר אין מײַן ליידיקייט אַ פּונקט צושטעלן.

ס׳ליד האָסטו פאַרגעסן

דאָס ליכט זיך לעשט. די טויערן זיך שטיל פאַרמאַכן.
לעצטער פון די נאַרן ניט פאַרענדיקט האָט זײַן ליד.
ס׳גלעקל אויף זײַן מיצל קלינגט. ער גענעצט. מיד.
די מלכּה פּירט דעם מלך שלאָפן, זאָט פון גוטע זאַכן.

דער הויפנאַר בלײַבט אַליין. זילבער־שאָטנס וואַכן.
טרויער רינט — טונקל־שווערער ווײַן אין יעדן גליד.
פון פּאַלאַץ־פענצטער אַ לבֿנה־ווײַסער שנור זיך ציט —
דער פעטער מלך קריכט אויף אים. ער וועט באַלד קראַכן.

בײַ דעם הויפנאַר די פאַנטאַזיע, ווי אַ ווולקאַן גליט.
מיט כּוחות לעצטע דראַפּעט ער זיך אויף דער גלאַטער וואַנט
און דער מלכּהס פאַרפומירטער אָטעם אים אין פּנים בריט —
זי שטרעקט אים אויס אַ שיכּור־זיסע, סאַמעטענע האַנט.

די שטערן ווינקען צו. ער קושט די האַנט: — מאַיעסטעטין!
מיט פאַרשײַטן חוזק לאַכט זי: — ס׳ליד האָסטו פאַרגעסן...

דער ניגון און זײַן שאָטן

פון טישל האָט געשטאַרט אַ בלענדיק־ליכטיקער פּאַפּיר
און זײַן לײדיקײט האָט מיט חכמה אַלץ פֿאַרשוויגן.
אויף זײַן ווײַסקײט איז מײַן קאָפּ געבליבן ליגן
און די בענקשאַפֿט האָט ווי ווײַן געוירט אין מיר.

האָב איך באַשײַמפּערלעך אין דער לופֿט דערשפּירט,
ווי די שטילקײט האָט גענומען זיך פֿונאַנדערוויגן
און ווי אַ גילגול איז אַרײַן אין מיר איר ניגון —
ווי פֿינגער וואָלטן כּישוף־פֿידעלעך אין האַרץ באַרירט.

און דער ניגון האָט געוואָלט גאַנצער, פֿולער ווערן,
און ווי אָפּיום זיסער האָט ער זיך אין לײַב פֿאַרזאָטן —
זײַנע זילבער־פֿײַפֿעלעך געסווישטשעט האָבן צו די שטערן,
נאָר פּלוצעם האָט פֿון ניגון אָפּגעריסן זיך זײַן שאָטן.

כ׳בין געלעגן ניגון־שיכּור. און איבער מײַן קאָפּ
דער ניגון איז געשטיגן — און זײַן שאָטן איז אַראָפּ.

בינע פון ווערטער

איך הענג־אויס מײַנע ווערטער, ווי שפּיגלען.
קוק אין זיי אַרײַן.
בעת איך פֿאַזיר
מאַכט יעדער וואָרט אַן אַנדער מינע.
און מינער ווערט די שײַן.
עס שאָקלט זיך די בינע
אונטער מיר,
ווי אַ פּוסטע וויגל.
דער זאַל איז ליידיק.
די ליכטער אויסגעלאָשן.

ווער האָט פֿאַרקלעמט מײַן לשון?
ווער האָט פֿאַרדעקט די שפּיגלען?
אויף דער פֿינצטערער בינע מײַן שטומקייט
זוכט נאָך אַ לעצט־לעצטן וואָרט.
ווי מאַכט מען די שטילקייט באַריידיק?
ווי מאַכט מען פֿול די אַרומקייט?
ניטאָ קיין דילעמע פֿון שווײַגן אָדער זאָגן,
ווי זײַן אָדער ניט־זײַן.
ווען כ׳קען דאָס לעצטע וואָרט אָניאָגן —
וואָלט געוואָרן ליכטיק אויף דער בינע
און העל אין מײַן זינען.

צעבלאָנקט זיך פֿאַרוויכערטע שפּיגלען!
אָט־אָט דערלאַנג איך דאָס וואָרט!

אַ האַנט לייגט אַרויף אויף מײַנע ליפּן אַ זיגל — —

עולם שרײַט פון דרויסן מיט אַ פוסטן קול.
די אַקטיאָרן מיט זייער פינצטערן גרים
קלעפּן אַרום מיר, ווי פאַרשווערער.
זיי שושקענען זיך אָן רייד, ווי אַ שעפּטשעניש פון שאָטנס,
און מײַן הויט ווערט פון שרעק מיט נעדעלעך אויפגעלאָפן:
— פאַר וועמען ווילסטו שפּילן, פּאַיאַץ?
די אייביקייט איז דאָ אַ פוסטער קלאַנג.
אַראָפּ פון בינע!

אַראָפּ!

אַראָפּ!!

די מורא שיסט מיך אַרויס אין דרויסן.
בלינדע בליקן שטאַרן צו מײַן זײַט.
גלײַכגילט.
חוזק און שפּאָט.
געלעכטער.
בלויז איינער באַלעקט זיך נאַשעריש פון מײַן טרויער.
ער געדענקט נאָך עטלעכע ווערטער מײַנע —
טראָגט ער מיר זיי אונטער אַצינד
ווי אַן אומזיסטע מתּנה.
ער שמייכלט גרויסמוטיק.
האָניק רינט פון זײַנע מאַניקירטע פינגער.
און איך כאַפּ זיך: מײַן פּנים איז צעשפּליטערט — —

איך קוק ווידער אין מײַנע צעבראָכענע שפּיגלען.
אַ שאָטן פאַרבייגט זיך פאַר דער פוסטקייט.
אַפּלאָדיסמענטן שיטן זיך
ווי צעפּלאַצט גלאָז.
די ווערטער צעלויפן זיך הינטער די קוליסן
און ביטאָ ווער פאַר וועמען עס זאָל זיך פאַרנייגן.

דער אָראַקל

פאַר אַלעק נאַטאַס

ליגן אַלע ווערטער אײַנגעשטומט אין אַ פאַרמאַכטער שייד.
דער אָראַקל הויערט איבער מיר און מײַן בליק פאַרשטעלט.
פון דער טיפעניש זײַן קול גייט־אויף און ער באַפעלט:
צעווערטער מײַנע גליווער־ליפּן מיט לעבעדיקע רייד!

איך פיל דעם אָטעם פון מײַן אויפגעוואַכטער פרייד —
טו איך די וואָרעמקייט אויף אים אַ הויך. ער קוועלט
און זײַן שטייניק פּנים מיט אַ שמייכל ווערט באַהעלט,
נאָר ער קען ניט אויספלאָנטערן, נעבעך, דעם באַשייד.

זײַן סוד אומזיסט צעטרענצלט ווערט אין פוסטע טעג,
בלויז אין די שטילע נעכט מײַן ציטער אים באַגלייט.
נאָר ווען די געטער שווײַגן אויף דעם אומעטיקן ברעג,
שטאַמלט ער נאָך אויס אַ מענטשלעך וואָרט שטילערהייט.

ניט פאַרכט. קיינער סײַ ווי מאַכט ניט דעם סך־הכּל.
אַלע ווערטער אַש נאָר — אין דײַן שטומען מויל, אָראַקל.

ייִדיש

פון פײַער כ׳האָב אַרויסגעשלעפּט אַ האַלעוועשקע — ייִדיש,
און אַ צווײַגל שארית־לעבן מיט אַ שפּראָצל אַ פאַרגרינט.
איז פאַר וואָס די זכיה און פאַר וואָס זיך עס פאַרדינט —
פון חידושים איז עס מיר ביז הײַנט דער גרעסטער חידוש.

ווען חורבן־סוף האָט נאָך אַרום געלויערט — דאָן מײַן ליד איז
שוין אויפגעגאַנגען העל, און ווי אַ מילדער פרישער ווינט
נאָכגעפלויגן מיר און מײַנע טריט מיט זוניקייט פאַרשפּינט.
נאָר פּלוצעם כ׳האָב דערפילט — מײַן גאַנג שוין מיד איז.

ווײַל לשון מײַן, וואָס מאַמע האָט גערעדט אַלע טעג פון וואָך,
האָבן זין און טעכטער דאָ מיט שאַנד פאַרטריבן פון די הײַזער,
און אויף געמאַרקן זייערע — פול מיט נישטיקייט און בראָך —
טאָרן מיר מיט אונדזער ייִדיש מער זיך ניט באַווײַזן.

הייב איך הײַנט מײַן האַלעוועשקע איבער זייער גוייִשן יריד:
— כ׳וויל מיט דיר, ייִדיש ליכטיקער, באַזוניקן די רעשטלעך־ייִד.

געפאַנגענער ייִדיש

פון ייִדישע לידער, צעבלעטערט אויף ליכטיקע טישן,
אַ שלאָג טאָן זאָל איך מאָל נאָך היימישע שײַן,
פאַרשיכּור אונדז, דיכטער, מיט ייִדיש — דײַן ווײַן,
צעקלינג אַלע סטרונעס מיט ריטעם מיט פרישן!

צו להכעיס די בלוטיקע שונאים, וואָס ווילן צעשיסן
דאָס ליד דײַנס — און אויך דאָס עקשנות צו זײַן.
נאָך יאָרן פאַרפולט מיט רציחה, מיט גאַל און מיט פּײַן,
זינג אַ ליד פון נחמה — פון פּנים אַ טרער אָפּצווווישן.

און איבער די אײַזערנע ווענט פון די וויסטע משחיתים
וואַרף איבער דײַן גלייביקן ליד, ווי שטורעם דעם פלאַם,
און גריס אים דעם ייִדישן מענטש דאָרטן, גריס אים!
און ברעך אים אַרויס, דעם געפאַנגענעם ייִדיש, פון צאַם!

דאָרט האָבן דאָך ייִדישע דיכטער צו פרײַהייט געגאַרט —
איר לידער געזונגען — האָט זי זיי אין קבֿר פאַרנאַרט.

שלמה מיכאָעלס

געשטאַלטן האָסט געפֿורעמט אין שײַן פֿון פּראָזשעקטאָרן.
פֿון דײַן גײַסט האָסטו ק ע נ י ג ל י ר אַרויסגעצויבערט
און מיט דער קראַפֿט פֿון קונסט באַרוישט די גלייבער.
נאָר די טײַוולאָנים־קונצן־מאַכער — דײַנע פֿראָטעקטאָרן,
אין שמייכעלעך גרימירט — האָבן זיך קעגן דיר פֿאַרשוואָרן.
און אין נידערטראַכט האָט האַנט פֿון כיטרע־פֿאַלשן רויבער
געשענקט דיר רום, כּדי דײַן וואַכזײַן צו באַטויבן,
און דײַן ברוסט באַצירט מיט זײַן אָרדן — ווי אַ דאָרן.

דײַן נאָמען האָט געקלונגען און געלעבט מיט דײַן טאַלאַנט,
נאָר שלמה, חכם דו, און כּוהן פֿון קונסט, האָסט ניט געאַנט,
אַז פֿאַראַן די שוואַרצע קונץ — וואָס שטעלט „צום וואַנט״.

האָסטו דעם שד דעם פֿינצטערן מיט ליכט געקוויקט, געקוויקט.
און ער — מיט ריידעלעך זיסינקע האָט דיך פֿאַרוויגט, פֿאַרוויגט.
ביז אויף מינסקער חורבֿות מיט זײַנע בלוטהענט האָט ער דיך דערשטיקט — —

יהודה הלוי

דורך דעם צײַטוואַנדל קום איך הײַנט צו דיר אַ מידער
און בײַ דײַן קוואַל איך קני מיט שמאַכט אין ברוסט —
טוט מיך אַ טראָג דער כּישוף־שטראָם פון דײַנע לידער,
באַווירצט מיט אַלטער בענקשאַפט און מיט יונגער לוסט.

בײַ דײַן שוועל דער גאָלדענער אַ רגע בלײַב איך ליגן
און כ׳בייג אין ערפורכט מײַן קאָפּ פאַר דײַן געשטאַלט,
די קדושה, ווי אַ טויב, וואָרקעט אין דײַן פרומען ניגון,
און וואַרעם איז דײַן ליכט וואָס מיך באַשטראַלט.

אין מיר דײַן טרויער — לויטער ער צעפליסט זיך.
אין מיר דײַן פרייד ווערט פרילינגדיק צעשאַלט.
איך פאַרנעם געפלאַטער פון דײַן האַרץ אין מיזרח,
און אויך ווי דיר — מײַן ברויט איז מיר פאַרגאַלט.

צאַפּלט־אויף דײַן וואָרט, פריש און זאַפטיק,
ווי דײַן לעבעדיקע שטים וואָלט מיך דאָ דערגרייכט —
ס׳נעמט מיר דורך דײַן צויבער, זיס און האַפטיק,
און אויף די כוואַליעס פון געזאַנג ווער איך דערהייכט.

ביסט אָנגעזאַפּט מיט מילדן צער און שפּינסט געדולדיק
דעם חלום בלענדיקן — צום לאַנד וואָס דו באַגערסט,
נאָר ווי דו וואָלסט דעם גורל עפּעס בלײַבן שולדיק,
ווערט דײַן וועג מיט שטרויכלונגען באַשווערט.

אָ, מײַסטער, האָסט זיך צו דײַן ציל פֿאַרמאָסטן
מיט אמונה און בטחון, עקשנות און פֿאַרשטאַנד.
ווילט זיך מיר הײַנט — אין אַ טאָג אַ פֿראָסטן —
דיר אַ יום־טוב מאַכן, מלך פֿונעם שירה־לאַנד!

און כ׳וויל זיך הײַנט אַליין צו דיר פֿאַרבעטן:
— לאָז מיך אויף דײַן שיף אַרויף. אַזוי זיך. סתּם.
כ׳וויל דעם ים־התּיכון זען אין דער שעה, דער שפּעטער,
און דיך — מיט גענדזן־פֿעדער שרײַבן די שירי־הים.

די כוואַליעס שלײַדערן די שיף — אַ פּיצל שפּענדל.
געגועים אין דײַן האַרץ, נאָר איבער דיר די רו.
— דער ציל שוין נאָענט איז. נענטער. אָט, געענדיקט...
די גרויסע שעה פֿון גליק! דו מאַכסט די אויגן צו.

מיט אויגן צוגעמאַכט — דײַן פּוס רירט אָן די זאַמדן.
דײַן האַרץ צעהימענט זיך... פּלוצלינג בליצט אַ שווערד —
און דײַן חלום ווערט צעשפּליטערט איבער לאַנד דאָ —
אין לעגענדע־קוש דו בלײַבסט באַהעפֿט מיט ציונס ערד.

דורך תּקופֿות־בײַט כ׳קום צוריק צו דיר אַ מידער
און כ׳פֿאַל־צו צו דײַן וואָרט מיט שמאַכט אין ברוסט —
און ס׳טוען מיך אַ הייב־אויף דײַנע כּישופֿדיקע לידער
אויף פֿליגלען שטראַליקע פֿון בענקשאַפֿטן און לוסט.

צו ביאַליקן

נקמת דם ילד קטן
עוד לא ברא השׂטן
(על השחיטה)

דײַן צאַרנליד פֿאַרלאָשן איז געוועזן אין טאָג פֿון שׂונא,
וואָלסט דאָך זײַלן וועלטישע צעטרייסלט ביז צום גרונט, —
אין די יאָרן בלוטיק־פֿינצטערע, די קרעציק־ברוינע,
איז געוועזן דײַן ווייגעשריי אין אײביקײט פֿאַרשטומט.

דײַן לייבנברום פֿאַרשאָטן איז געוועזן אין נײַע תּהומען,
דײַן צער פֿאַרזונקען איז געוועזן אין פֿרישע בערגער אַש, —
איז ניט געוועזן ווער צערײַסן זאָל די העלע רוימען
און שלײַדערן צום בלויען הימל אונדזער ברויזיק כּעס.

דײַן מאַכטיק וואָרט איז שטום געלעגן און פֿאַרשטיינערט,
נאָר לענגער־גרויליקער געוועזן איז די שחיטה־נאַכט...
און פֿאַר דעם ריינעם בלוט פֿון קינדער קליינע —
אַ נקמה האָט דער טײַוול אַלץ נאָך ניט פֿאַרטראַכט.

און שאַרפֿער ווערט דײַן מאָנונג נאָך די אַלע פּײַנען:
— אויב צדק איז פֿאַראַן, זאָל ער קומען שוין, די שעה!
אַפֿילו אין נאָך־חורבן וויל דער צדק ניט אויפֿשײַנען:
— טאָ ווער צעשמעטערט, צדק! פֿאַר אונדז ביסטו ניטאָ!..

צום זיידן

דײַן קליאַטשע, זיידע, האָט אַ פײַערבאָד געלײַטערט ביזן ביין,
אַנשטאָט די אויסגעצופּטע גריווע — אָנגעטאָן אַ קרוין פון פלאַמען,
ווי רבי עקיבֿאן — איר געפּײַניקט אונטער אײַזן־שאַרפע קאַמען,
און אויסגעהויכט האָט זי איר אָטעם אין אַ בלוטיקן געוויין.

ניט קיין טאָרבע האָבער אויפן האַלדז, נאָר ווי אַ שווערער שטיין
האָט געבאָמבלט זיך קידוש־השם פון די אַלטע נצחדיקע שטאַמען —
און ווען ס'האָט צוגעשטיקט דער שוואַרצער גזר מיט טויטע סמען
האָט זי אין שטומען פּײַן צעדריגעט זיך: — אָ, גאָטעניו, נייך־נײַן!

און מיט אַ מאָל האָט אויפגעשטראַלט איר קוואַרע דורכזיכטיקע הויט —
אַ פּאַנצער ליכט, מיט גבֿורה און מרידה שטאָליקע אַרומגעשוויסט,
און ווי צום לעצטן מאָל שטאַרקער טוט אַ פלאַקער־אויף אַ קנויט —
האָט זי אַ שטעל געטאָן זיך דיבאָם קעגן ברוינעם קאָט, וואָס בײַטשט,
און צעטראָגן מיט די לעצטע כּוחות — אים און זיך און פּוסטע בויד.
— —
זאָל עס דיר אין קבֿר, זיידעניו, כאָטש זײַן אַ טראָפּן טרייסט.

שלום־עליכם

לאַכמײַסטער צעקלונגענער פֿון אומעטיקן ייִדישלאַנד,
אין מײַן געמיט שפּיגלען זיך נאָך דײַנע שמייכלען:
אָט שטרעקט מיר טבֿיה אויס אַ וואָרעם־האָרעפּאַשנע האַנט
און דורך זײַנע ברילן בלינצלט קלוג — שלום־עליכם.

טבֿיה, ווי זײַן שטייגער, טײַטשט אַ פּסוק אײַן
און די געלעכטער־כוואַליעס שלאָגן צו די הייכן —
דורך דעם שטורעמדיקן מבול צרות ייִדישע און פּײַן
אויף אַ בטחון־שיפֿעלע הוידעט זיך שלום־עליכם.

טבֿיה רודערט שווער. מיט מאַזאָליעדיקע הענט זיך ווישט
אַ טרער פֿון אויג. זײַן חורבֿה־וועלט זיך רייכערט.
דאָס לאַכגאָלד אין זײַן האַרץ מיט בלוט זיך מישט
און פֿאַרקריצט מיט אותיות טרעריק־רויט: שלום־עליכם.

עס דערקענען וועגן שטויביקע טבֿיהס מידן גאַנג
און לאַשטשען זײַנע טריט, וואָס זיי זענען זוכה
אים באַגלייטן צו זײַן אויסגעדאַוונט חלום־לאַנד —
און ארץ־ישׂראל זינגט צו אים: שלום־שלום־עליכם!

בײַם טויער מנחם־מענדל וואַרט. ס'בלאָזט אַ מידבר־ווינט.
און ער טײַטלט צום אַרויף מיט פֿינגער אויסגעבלייכטע:
— ניט מאַכט אַ טעות, איצט פֿליט דאָרטן מײַנס אַ קינד...
— אָבי דעם נחת שוין דערלעבט! — שמייכלט־צו שלום־עליכם

מנחם־מענדל פֿינטלט מיט די אויגן: וואָס איז דאָ געשען?
ווער איז דער ייִד מיטן בערדל? מיט די בליקן ווייכע?
— שווערן וואָלט איך, כ'האָב אײַך ערגעץ ווו געזען...
— אויף דער בערזע אין אָדעס... לאַכט שלום־עליכם.

מנחם־מענדל וויַזט צום הימל: — איר זעט די פּלימאַשין!
דאָס האָבן מײַנע קינדער די המצאה אײַערע פֿאַרשׂכלט —
אַניט וואָלט איך געמוזט אַצינדער פֿליִען אויפֿן פּלאַמיקן כאַמסין...
איז ליבער אויף דער גרינער לאָנקע אויסציִען זיך, שלום־עליכם.

און זעט נאָר דאָס פֿאַרגעלטע בלעטל אין מײַן האַנט —
דאָס איז מײַן וווּנדערבילד, וואָס איר האָט געצייכנט.
האָבן די ירושה — קינדער מײַנע פֿאַרוואַנדלט אין אַ יִדנלאַנד,
און טבֿיהס פּסוקים אײַערע — נײַ פֿאַרלשונט, פֿאַניע שלום־עליכם.

פֿלוצלינג, ס׳קעלבל מעני טוט אַ שפּרונג אין מיטן פֿעלד
און דעם חזנס קונדס, מאָטל פּייסיס וויל אים כאַפּן, גרייכן...
און צוריק עס דרייט זיך די פֿאַרביק־לעבעדיקע יִדישוועלט:
מיט אַ שׂימחת־תּורה פֿאָן קומט קאָפּל אָן — מיט אים שלום־עליכם.

ווען ניט דער לאַכנדיקער יִיד, וואָלט דער טרויער זיי דערדריקט
און פֿון זייער קינדערוועלט ניט געבליבן וואָלט אַ זכר.
— מיר איז גוט, כ׳בין אַ יתום... — קלאַפּט מאָטלס האַרץ פֿון גליק
און מיט וואַרעמקייט מיט טאַטישער צערטלט אים שלום־עליכם.

פֿון ירייד דער פּעטער גייט. ער האַלט מאָטלען פֿאַר אַ האַנט
און די אויגן פֿון דעם לאַכריז אים קוקן אָן צעשמייכלט:
— לאָמיר אײַלן זיך, כ׳מוז דיך ברענגען אין דעם יִדנלאַנד,
ווו דו וועסט קיין יתום מער ניט זײַן! — זאָגט שלום־עליכם

...מאָטל הערט ווי אויף באַרג און טאָל שאַלט אַ פֿריידיק ליד
און לוסטיק ווערט אים. דער פּעטער וויַזט אים נײַע הומאָר־היכלען:
— זעסט, מאָטל, מיט ייִדן דאָ איז ניט שווער צו זײַן אַ ייִד!..
און פֿון גאַנצן האַרצן — מיט טרערן לאַכט שלום־עליכם.

י. ל. פּרץ

אָ, ליכטיקער ייִד! האָסט מיט זוניקע פינגער
געצערטלט דעם שטומען, דעם שוואַכן, געיאָגטן,
פון שטויב זיי דערהייבן, די לײַדן פאַרגרינגערט
און הויך און נאָך העכער אַליין זיי דערטראָגן.

צעלייגט האָסט מדרגות פון מענטשלעכער קדושה
אויף ליימיקע שוועלן פון דלות און פּלאָגן:
צניעות... שלום־בית... די באָנצישע בושה...
און פינטלעך־בריליאַנטן פון ניט דערזאָגן.

פרינץ ניט געקרוינטער פון זוכערס און שווײַגערס.
בעטלער צעשטראַלטער — פון טרויער און ווייען.
„קאַסטראַי״ מ׳האָט געיאָגט די פאַרליטענע שטײַגערס
צום חסד געהרעכטן — דורך בלוטבאָד־אַלעען...

האָסט הייכן געפּרווּווט מיט דײַן אמת, און זיכער
צו זיי האָסט גענומען אַ וועג זיך אויסטרעטן.
ווי מײַלשטיינער האָסטו געפּלאַסטערט ג ע ש י כ ט ן —
אין גאַנג צו דעם פאָלק זיי ווי צייכנס פאַרקנעטן.

אַ טיש האָסט געדעקט צום אַרויף, ווי אויף טרעפּן,
און סעודות געפּראַוועט פאַר שטאַמלער געהרעכטע;
האָסט, ווי אַ רבי, זיך ח ס י ד י ש צעקנעפּלט
און געקאָרמעט די ייִדן מיט מעשׂיות פון נעכטן.

מעשׂיות — ווי בלענדיקע בליציקע טורעמס
אין ים דעם צעברויזטן פון צרות און פּײַנען —
ווי וועגווײַזערס פעסטע, צעשטעלט אין אַ שטורעם,
די שיפן וואָס בלאָנדזשען דעם ציל צו באַשײַנען.

און אַליין ביסט געשוואומען, מיט גלויבן צעברענטן,
קעגן שטראָמען פאַרשוואַרצטע — אַן פונק פון אַ שטערן,
געריסן די קנעכטיש־פאַרזשאַווערטע פענטעס
און הויך אויסגערופן: — שבת זאָל ווערן!

שבת זאָל זײַן — כּולו שבת אויף וועלטן!
ר׳ שלמה וועט מער קיין הבֿדלה ניט מאַכן...
אַ, פּרץ־בונטאַר! — דו, ר׳ שלמה פאַרשטעלטער,
דײַן פאָלק האָסט געליבט און אַ תּיקון געבראַכט אים.

האָסט אוצרות געגראָבן פון זומפּיקן לעבן,
די נשמה־יתירה פון ייִדן באַפליגלט
און פאַר די יסורים אַ זין זיי געגעבן, —
דײַן קול אונדז דערגייט נאָך — אַ גילגול פון ניגון.

דײַן ניגון — געזאַנג פון דעם מענטשלעכן חלום:
בענקשאַפט, פאַרקלײַדט אין אַ צדיקס לבֿוש,
צו גליק און צו רו, צו יום־טובֿ און שלום —
דײַן ניגון מײַן חלום איז, יצחק־לייבוש — —

לייוויק־פּאָרטרעט

דײַן קאָפּ זילבערט שטאָלץ אין אונדזער מיט,
דײַן הדרת־פּנים שטראַלט מיט שטומען וויטיק,
אַ געלײַטערטער, אַ פּשוטער און גרויסער ייִד, —
אַזוי קומסטו צום רעשטל פֿאָלק — שארית־הפּליטה.

אַ פֿאָן פֿון גלויבן ברענגסטו מיט אין וואַנדער,
און אַ גאולה־וואָרט — אויף קראַמפּיק דינע ליפּן.
די מחנה האָרכט. רײַסט די ווונד פֿונאַנדער —
פֿון אייגן לײַב יסורים האָסט אַרויסגעקניפּן.

העלפֿסט די ווייען טראָגן. דײַן צער שוימט,
און מאַרשירסט... „יודן־קאָפּ אין גאַזקאַמער אַרײַן!“
און ווערסט מיט אַ לײַדן־אָרעאָל באַזוימט —
אַ דערנערקראַנץ פֿון לויטערער גאולה־שײַן.

חזון לייוויק

צו לייוויקס טויט

אַמאָל דו וואָלסט געווען אַ נבֿיא —
מ׳קען דעם צייכן נאָך דערקענען:
משיח־בענקשאַפט האָסט געכאָוועט
און אין איר פלאַם געטאָן אויסברענען.

מ׳וועט נאָך לערנען דײַנע ספרים —
ווי דער תנך זיי בלײַבן אייביק.
דײַן ייִדיש איז אַ נײַע פאַרעם
פון כּה — אַזוי אָמר ר׳ לייוויק.

פאַרטײַטשן וועט מען אָט דעם ייִדיש
אין אַלע שפּראַכן פון די שטאַמען,
צו דיר אַ וועלט וועט גיין אויף חידוש
און זוכן פשט אין דײַנע גראַמען.

זי וועט זיך זען אין סימבאָל דײַנעם,
געפינען פאַר איר ווי דעם פּתר —
וועט דײַן ווערק די וועלט באַשײַנען,
דיכטער ייִדישער און גרויסער!

און ווען מיט ליכט וועט זיך פאַרגיסן
די נײַע וועלט — אַ וועלט־גן־עדן —
וועט מען די בלעטער דײַנע מישן
און לאָזן זיי אויף ייִדיש ריידן.

פאַר צײַטנס וואָלסט געווען אַ נבֿיא —
דײַן וואָרט פאַרהייליקט און פאַראייביקט.
אין גאולה־הימענס — ייִדיש סטראָפעס —
וועט מקוים ווערן חזון לייוויק!

דער מײַסטער

פֿאַר חיים גראַדע

דער מײַסטער מאַכט די אויגן צו און זעט דעם קלאַנג.
עס טראַפֿנט זון איר שײַן צו אים אין פֿולן כּוס —
ווערט מיט דעם ליכט פֿאַרשיכּורט זײַן געזאַנג,
און אַ כּתר־שירה אויף זײַן קאָפּ — אַיעדער אות.

ווי אויגן אַלע פֿאַרן עפֿענען זיך אין זײַן מוח — קלאָר,
און בילדער לויפֿן דורך זײַן אויפֿגעשטראַלטן גײַסט,
פֿון אונטער זיבן שלעסער ווערט אַנטבלויזט די וואָר —
אַלע פֿאַלשע צודעקן ווי שפּינוועבס ער צערײַסט.

שלײערן צעפֿאַלן. ס׳איז דער וועג ניט מער פֿאַרשטעלט.
דערגראָבט ער זיך צום שורש פֿון אמתדיקן עכטן זײַן,
ווו ער קנעט מיט פֿינגער ליכטיקע פֿונסנײַ זײַן וועלט
און באַשאַפֿט זי ווידער אין איר קערנדיקער שײַן.

ס׳איז זײַן באַרג־אַרויף אויף גבֿורה־טרעפּ און גראַד —
דאָרט טעסעט ער פֿון נצח־סקאַלעס זײער מיין און זין
און ווי אַטאָמען שיילט ער זיי אַרויס פֿון טיפֿסטן סוד —
און דער גרונט צום הימל ווערט אים אַ טראַמפּלין.

קײַקלען זיך קאָלירטע רעגנבויגן־רעדער איבער אים,
און אונטער אים — קאָסמאָס־טעראַסן ברייטע.
און ווי קאַרליקלעך בייגן זיך די בערג פֿאַר אים —
אויף זייער קאַרק ער שפּאַנט צו שפּיצן ווײַס־פֿאַרשנייטע.

און ווי אַן אָדלער טוט ער זיך אַ לאָז אין רינגען,
צעשניידט מיט שאַרפן בליק די מאַנאַטאָנע הייכן —
אַזוי טוט ער דעם צעשטורעמטן געזאַנג באַצווינגען
און פאַרקריצט אין באַרג זיין ליד און צייכן.

היינט איז עס באַרג, און מאָרגן — מאַמעס ניגון.
און אָט זינגען שוין אַלט־תּנכיק צוויי ירושלימס:
די של מטה — מיט חורבן־קינות טוט ער זי פאַרוויגן,
און די של מעלה — שפּיגלט זיך אין אַ מעין מים חיים.

איין זייט איז פאַרלאָשן, און די צווייטע — שטראַלט,
די אויסטערלישע צווייִקייט האָט ער דורכזיכטיק געזען —
ווי זי וואַנדלט זיך און נעמט־אָן אַ ניי געשטאַלט
און גייט אויף טאָפּלט ליכטיק אין זיין העלזען.

רגעס העלזען פון דעם מייסטער אין זיין חלום־גלי,
ווי צאַרנדיק צעפלאַמטער נבֿיא, אין אַ זאַק פאַרהילט
און מיט חורבן־אַש אויף קאָפּ, מיט ציטעריקע קני,
און אין זיין בלוט דעם ים של אש ער פילט.

מאַכט ער צו די אויגן און ער הערט דעם קלאַנג —
אַ ווירבלשטורעם אין זיין האַרצן פלאַקערדיק צעטאַנצט.
עפנט ער די אויגן — אַלץ פאַרלאָשן. בלויז דאָס געזאַנג
פון צוויי ירושלימס — וואָס פלעכטן פאַר זיין קאָפּ אַ לאָרבערקראַנץ.

ווײַן פֿון דײַן ליד

פֿאַר אַבֿרהם סוצקעווער

כ׳בייג מײַן קאָפּ פֿאַר דײַן ליכטיקער מי,
דײַנע גילדענע טרויבן אין שניט, —
אין מיט פֿון צעכוואַליעטן בלי
פֿאַרזוך איך דעם ווײַן פֿון דײַן ליד.

איך פֿיל אויף די ליפּן דעם טעם
פֿון שניי און פֿון זון און פֿון בראַנד, —
שפּאַן איך אין טאַקט פֿון דײַן גראַם
אין כּישוף־צעווערטערטן לאַנד.

נאָר פּלוצעם די זון זיך צעפּאַלט,
אין שערבלעך זי טוט זיך אַ שאָט,
און פֿון אונטער דער ערד זיך צעשטראַלט
דער מנין דער לעצטער אין שטאָט.

געהיימשטאָט — פֿאַרפּלייצטע מיט גרויל,
ווו ס׳האָמערט דײַן ריטעם פֿון פּײַן, —
אַז פּחד רײַסט אויף דאָרט אַ מויל,
פֿאַרגיסטו זײַן שלונד מיט דײַן שײַן.

פֿאַרקלונגען עס ווערט לעצטער טראָט.
די אימה צעוואַקסט זיך אַרום.
און דו טוסט פֿאַרליוליען דײַן שטאָט
אין קדושה און גבֿורה און רום.

דאַן טוסטו אַ הייב זיך פון אַש,
אין פײַער־צעפּעכערטן העמד,
און צעהענגסט איבער חרובֿער גאַס
די ווערטער וואָס האָבן געברענט.

אויפן רײַטוואָגן גיסט זיך אַ טראָג,
אין פלאַמיקע פערד אײַנגעשפּאַנט, —
און ס׳גייט־אויף אַ נײַער דײַן טאָג
אין אייגן־געפונענעם לאַנד.

און ווידער — אַ פרישער און מונטער,
אַזוי ווי געבוירן אויפסנײַ,
אַנטפּלעקסטו דעם יִדישן וואונדער
און זינגסט פון באַנײַטן סיני.

און ס׳וואַקסט אָן דײַן שטראַליקע מי.
דער שניטער — ער איז נאָך ניט מיד.
עס הויפּט־זיך דײַן גאָלדענע פרי —
און זאַפטיק און זיס איז דײַן ליד.

פענפּאָרטרעט

פֿאַר מדרכי צאַנין

שפּליטערס פֿון אַ פּנים — פֿון דער צײַט צעשפּריצטע.
עכאָס פֿון אַ קול — שוין לאַנג צעפּיצלט אין געמיט.
אַפֿריקאַנער בוש. דײַן פּראָפֿיל טוט אין אויג אַ שניט,
און שאַרפֿער נאָך — דײַן קין דער האַרט־פֿאַרשניצטער.

און פֿון די אויגן־שפּעלטעלעך, קלוגיטשקע־צעבליצטע,
האָט דײַן סאַרקאַזם מיך גוטמוטיק און קיל געבריט,
און אויף דײַן ליפּ אַ באַהאַלטן שמייכל האָט געבליט,
און אין הויכן שטערן — חכמה־קאַרבן אײַנגעקריצטע.

אַ גאָלד־שׂרפֿה אין בוש. די שטילקייט ליגט פֿאַרטײַעט.
ווי פֿינגער גלײַיקע עס פֿלאַקערן די דאַרע צווײַגן.
שקיעה־פֿלאַמען טאַנצן אין די אויגן פֿון די חיות.
נאָר דו ביסט אַלץ פֿאַרטאָן אין פֿאַרטיפֿטן שווײַגן.

אין גאָלד־פֿון־שווײַגן האָסט זיך דאָן מיט בוש פֿאַרוועט.
מיט יענעם וווּנדערגאָלד פֿאַרזיגל איך דײַן פּענפּאָרטרעט.

דײַן קרוין

פאַר דוד טושינסקי —
צום ווערן אַ בן־שישים

דער יוצר פאַרפלאַנצט האָט מיניאַטור־געהירן
אין צען דײַנע פינגער, וואָס האָבן דעם רוים
פאַרצימצומט אין שיינקייט — קוואַדראַטיקער זוים,
ווו שוואַרצע ברילּיאַנטן אויף בלענדליכט וויברירן.

דעם זוניקסטן חלום דו קענסט אויסגראַווירן
אויף בליציקע פידלען פון טרויער־און־טרוים,
און פלעכסט פון די סטרונעס געזאַנג זיך אַ קרוין —
דעם אייגענעם קאָפּ צו באַצירן.

ביסט פּרינץ און ביסט ייִנגל — באַשיידן און שטאָלץ,
ווי שאָטן און ליכט זיך פאַרחבֿרט, —
פון ליניִעס די זעלבע האָסט וועלטן געמאָלט:
אַ תּיקון דער גאָלדענער פּאַווע.

אויסטערליש! קדמון און חדש — מיניאַטוריק־גערוים —
פאַרוועבט האָסט, ווי זונליכט אין קרוין פון אַ בוים.

אומגעקערט צו זיך

פאַר ישׂראל קאַפּלאַן

כ׳געדענק פון קינדורײַז נאָך אַ מאָדנע־שטילן טרויער,
ווי צווי ידעלעך אומעטיקע וואַלטן אַרויס פון סידור
און אַרײַן אין טאַטנס אויגן — גוטע, וואַרעמע און מידע,
און אין דער מאַמעס בליקן — ליבע, ווייכע, בלויע.

זיי האָבן עס פאַרירשנט און אַרײַנגעבויערט
דעם צער פון גאַנצן ייִדנשטאַם אין מײַנע גלידער,
נאָר ווי עמעצן צו להכעיס איז געוואָרן מיר דערווידער
אין דער גאַס דער ייִדישער צו זײַן פאַרמויערט.

און איך האָב אַ בראָך געטאָן מײַן ענגען קרײַז:
— זיך פאַרברידערן מיט מענטש, זײַן קאַמף אין דויער!
האָט צוריקגעאָטעמט פרעמדשאַפט מיט געפריר און אײַז
אויף מײַן גלויבן ליכטיקן — פון איר געלויער.

און גלײַך האָב איך מיט ניכטערע און פעסטע טריט
זיך אומגעקערט צו זיך אַליין — צו זיך, דעם ייִד.

ליכטיקער שיר

פאַר לוי שאַליט

מיר זאָגן אַ וואָרט: אומפאַרגעסלעך!
אין שורות צו בלײַבן מיר גאַרן,
און זוכן דעם נצח פאַרנאַרן
אין גראַמיקע לידערשע מעסטלעך.

דורך שויבן אין אָרעמע געסלעך,
מיר האָבן געוואָלט זיך צושפּאַרן
צום קאָסמאָס — און שטערן דאָרט שאַרן,
ווי לבֿנה־שײַן — כעלמער אין פעסלעך.

אין חלום פון פאַרביקע בלעזלעך,
וואָס אייביקייט שפּילט זיך מיט דיר,
איז אַ תּרופֿה צו לייגן קאָמפּרעסלעך —
פון בענקשאַפט צום ליכטיקן שיר. —

געננג איז אַ שטייבל פון שטערן־צעשיט
צו ווערן אַ ליכטקלאַנג אין ליד.

שפיטאָל־סאָנעטן

ובַחצי ימי אַל תעלני.
ואַל תסתר פניך ממני.
שלמה אבן גבִירול

א

אַ זוניקער פֿאַר נאַכט האָט מיך באַגלייט
צום אומעטיקן אײַנגאַנג פֿון שפּיטאָל.
דורך אַ פֿענצטערל, אַ שאָטנדיק און שמאָל,
האָט אַ ווינטעלע אַ זומערדיקס געווייט.

אין מײַן גוף, מיט דינקייט פֿון אַ פֿלייט,
האָט אויפֿגעשפּילט אַ ניגון פֿון אַ מאָל —
כ'האָב געפֿילט זײַן ציטער אין מײַן קול,
און געזען — די ווײַסע שוועסטער גייט.

שטיין געבליבן איז זי נאָנט פֿון מיר —
ס'ווינטעלע האָט איבער אונדז געבלאָזט.
אין איר בליק דער הימל האָט געגלאָזט,
און ברייט צעעפֿנט האָט געוואָרט די טיר.

איר סילועט האָט ליכטיק רעפֿלעקטירט —
זײַן ווײַסקייט האָט אין מיר געפֿרירט.

ב

זײַן װײַסקייט האָט אין מיר געפּרירט,
נאָר ברױן און װאַרעם איז געװען איר האַנט —
זי האָט געװיזן צו אַ בעטל בײַ דער װאַנט,
מיט אַ זונפֿלעק מיט אַ גילדענעם פֿאַרשמירט.

כ׳האָב באַשײַמפּערלעך אין האַרץ דערשפּירט
דעם טרױער — ביז צום פּלאַצן אָנגעשפּאַנט.
אין טרערן האָט געװאָרגן זיך מײַן דאַנק,
װען די שװעסטער האָט מיך לײַכט באַרירט.

זײַדיק האָט איר װײכע האַנט געטאָן אַ גלעט.
מיט בעז געשמעקט איר דינער גוף האָט צאַרט —
איר װײַסקייט האָט דעם אָטעם מיר פֿאַרשפּאַרט.
געפֿלאַקערט האָט אין זונפֿאַרגאַנג מײַן בעט.

פֿון שקיעה ביז צו זריחה כ׳האָב געבעטן שטיל:
— אָ, גאָט, צעשפּיל דײַן ליכט אין מיר, צעשפּיל.

ג

— אָ, גאָט, צעשפּיל דײַן ליכט אין מיר, צעשפּיל.
גיס אָן די שויבן דאָ מיט ווײַסן קלאָרן שײַן,
ווי בעכערס אויפגעשוימטן פינקלדיקן ווײַן, —
און מיט דײַן טרוים פאַרשיכּור מיך, פאַרשטיל.

מײַנע גלידער מיט דײַן חיות פיל אָן, פיל, —
דײַן געטלעכן נאַרקאָטיק פליס אין מיר אַרײַן
און מײַן געמיט אין שלווה שלעפער אײַן,
פון אַלע צילן — דו נאָר זײַ מײַן ציל.

און אין מײַן פענצטער ליכטיק־אויף דעם סוד
פון פּנים דײַנעם. שענק מיר כאָטש אַ שמייכל.
אָט צעמאָלט מיך ווי אַ מילבעלע דײַן גורל־ראָד
און ניט בלײַבן וועט פון מיר אַ פּיצל צייכן.

מיט אַ מאָל אַ רויך סמט־אויס די תּפֿילה־ווערטער —
כ׳ווער פאַרשלײַדערט אין אַ חורבן־וועלט צעשטערטער.

ד

כ׳וער פאַרשלײַדערט אין אַ חורבן־וועלט צעשטערטער:
קאַשמאַרן. גאַזן. פײַער. רויכן. קינדער אין געדראַנג.
פאַרקנוילט אין אימה ייִדן גייען זייער לעצטן גאַנג,
און דער הימל גלאָצט — אַ צעדולטער און פאַרקערטער.

איז אויסדוכטעניש הײַנט — דער חסד מיר באַשערטער,
און אַן אויסטראַכטעניש — מײַן זײַן דאָ קראַנק.
דער טײַוול וויל מסתּם צוריק אַרײַננאַרן זײַן פאַנג —
אין דער אָ ציכטיקייט איך זאָל ווערן אַ פאַרצערטער.

גלימערט פראָסט אויף די ציינער פון דער שוועסטער,
און אין מײַנע ציינער אײַזיק קלאַפּט דער מעסטער.
איר שאָטן שפּרינגט אַרום צופוסנס פון מײַן בעטל
און זי פּירט די גורל־ליניעס אויף מײַן קראַנקן־צעטל.

צום סוף דעם פענצטער פינצטער זי פאַרראָלט.
די נאַכט און איך — מיר בלײַבן אין שפּיטאָל.

ה

די נאַכט און איך — מיר בלײַבן אין שפּיטאָל.
אַט טאַנצן אויף מײַן בעט אַ כאַפּטע ליליפּוטן.
מיט טויזנט קוקערס שפּיזט מיר דורך דער ניט־גוטער.
איך שרײַ — נאָר אָפּגעהאַקט האָט ווער מײַן קול.

מײַן האַלדז פאַרקלעמט אַ האַנט — אַ רייף פון שטאָל.
ס׳הויערט איבער מיר אַ באַרג — שוואַרצע גלוטן.
אין די אָדערן, ווי אײַז פרירן מײַנע בלוטן.
איך יאָג און לויף און יאָג אויף באַרג און טאָל — —

די שוועסטער לייגט אַרויף פינף פינגער קלאָרע
אויף מײַן שטערן — אין אַנגסטן אויסגעווייקט,
און ווי זי וואָלט באַרירט קלאַווישן פון זכּרון —
אַ מעמבראַן די הויט, מיט קלאַנגען איז פאַרזייגט.

אַ דערמאָנונג האָבן אירע פינגער אויפגעשאַרט :
דאָ האָט מיך קיינער הײַנט ניט אָפּגעוואַרט.

ו

דאָ האָט מיך קיינער הײַנט ניט אָפּגעוואָרט,
ווי מײַן עבֿר וואָלט געווען לאַנג פֿאַרווישט,
נאָר ליכט־קאָלירן אויף די ווענט האָבן זיך געמישט,
ווי זיי וואָלטן מיך אַהער מיט שפּילערײַ פֿאַרנאַרט.

און ווען פֿון בעט — פֿרעמד און קאָלט און האַרט —
האָט זיך אַ לעצטער זונפֿלעק שנעל אַוועקגעגליטשט,
ווי ס׳וואָלט אַ גינגאָלדרינג כּישופֿדיק פֿאַרבליצט —
האָב איך מײַן הייסן קאָפּ צום קישן צוגעשפּאַרט.

אַ בעלמע — ווײַסלדיק פֿאַרצויגן האָט די וואַנט.
מײַן עלנט צוגעשלאָסן האָט די שוואַרצע נאַכט.
די שוועסטער האָט אין אײַלעניש אַרײַנגעשפּאַנט
און מײַן בעט זאָרגעוודיק צו רעכט געמאַכט.

באַגינען. שטילקייט. אַ פּסוק זשומט מיר צו:
אָ, גאָט, דײַן אויער צו מײַן קול נייג־צו!

ז

אַ, גאָט, דײַן אויער צו מײַן קול נייג־צו!
ס׳גייט מײַן שחרית אויף צו דיר אין ליכט צעבלויט.
כ׳בין אַ חלק פונעם לעבן, מערער נאָך — פון טויט.
כ׳האָב שטורעמס אויסגעטראָגן, און זוך איצטער רו.

כ׳זאָג צו דיר אחד מיט בלויז צוויי אותיות: דו!
דו — וואָס איז בײַ מיר באַגלייבט און איז באַטרויט,
איך בעט דיר הײַנט — אַ פאַרקלעמטער אין מײַן נויט:
— דײַן פּנים ניט פאַרבאַרג פון מיר! ווו ביסטו, ווו?

אַנטלויף ניט ווי דער זונפלעק. לאָז מיך ניט אַליין!
אין פענצטער גאָלדיקט אויף פאַר אונדז אַ נײַער טאָג.
כ׳וויל דעם טאָג באַגלייטן פון געבוירן ביז פאַרגיין,
מײַן ברכה — מיט זײַן אויפשטראַל אים אַנטקעגן טראָג:

ברוך... געבענטשט זײַ טאָג פון ליכט און צוויט —
אין דײַן קדושה ערדישער איך גיי מיט שטילע טריט.

ח

אין דײַן קדושה ערדישער איך גיי מיט שטילע טריט.
אַ שטרײַפל בלוי און אַ פויגל רוען אויף די צווײַגן.
און איך וויל אין דבֿקות איצט מײַן ליד אויסשווײַגן,
ווי אַ בוים וואָס האָט אין עלטער, ײַנגער זיך צעבליט.

אַ רגע בוים, אַ רגע מענטש. אָ גאָט, מיך היט, מיך היט!
מיך ציט נאָך אַלץ אַרויפצו, ווי דעם בוים אין שטײַגן.
כ׳וויל פֿאַרדאַרט ניט בלײַבן, ווי אַ דאָרן אין דער טײַגע,
און כאָטשבי איין מאָל לאָז מיך אויפקלײַבן דעם שניט.

ווי אַ בשׂורה פליט־אָן מיט אַ בליאַסק דער בלויער פויגל.
מיט לײַדנשאַפטן אַלע טו איך זיך צו אים אַ שטרעק —
מײַן בענקשאַפט פלעכט אַ שטראַלנבעץ אין זײַנע אויגן
און איינער פון דעם אַנדערן מיר קענען ניט אַוועק...

שפרייט ער זײַנע פליגל אויס אַריבער דעם שפּיטאָל
און אומשטאַרביק ער שפּילט זײַן מעטערלינקשע ראָל.



ט

און אומשטאַרביק ער שפּילט זײַן מעטערלינקשע ראָל.
די סצענע ביז צום האָריזאָנט איז ברייט און אָפן —
דער הימלברעג אים ציט, ער וואָלט אַהין אַנטלאָפן,
ווייס ער ניט ווי פון דער בינע זיך אָפּרײַסן ער זאָל.

פאַר נאַכט. לעצטער אַקט. דער רעזשיסאָר איז מיד צומאָל.
דער העלד טרעט־אויף. שעקספּיריש טוט עס זיך פּאַרסופן:
אַ גיפטיק פײַל דעם פויגל האָט אין האַרץ געטראָפן
און ער טוט זיך אויף מײַן בעט אַ בלוטיקן צעקנאָל...

זײַן בלוט איז בלוי. איבער אים קאָלירט אַ רעגן־בויגן.
מאַיעסטעטיש הויכט ער אויס זײַן לעצטן אָטעם לעבן.
אַ גרינער בוים און אַ נעסט, ווי עדות, אים דערנעבן...
און אַ בלויער חלום מיר פאַרקלעפּט מיט שלאָף די אויגן.

איך הער פון שלאָף אָוואַציעס: בראַוואָ! בראַוואָ! ביס!
און עמעצער דעם בלויען פויגל טוט פון מיר אַ ריס.

ו

און עמעצער דעם בלויען פויגל טוט פון מיר אַ ריס.
כ׳בלײַב אַ נאַקעטער. דער הימל הענגט אויפן סופיט.
אַ שניי — פּריריק, נאָדלדיק — אויף מיר זיך שיט.
דער אַלטער דאָקטער בייגט זיך איבער מײַנע הוילע פיס.

ער שמוצערט. כ׳פיל זײַן אָטעם — כלאָראָפאָרמיק־זיס.
זײַן בלאַנקער סקאַלפּעל טוט די לופט אַ שאַרפן שניט.
דער קראַנקער פויגל קוים צום האָריזאָנט דערפליט...
דער דאָקטער וויל פאַרהאַלטן אים דעם בלוטאויסגיס.

— גיכער, שוועסטער, אַ טראַנספוזיע! — טוט אַ הילך
דעם דאָקטערס שטים. די שוועסטער אַ טראָג זיך טוט
און ברענגט אַ סלוי מיט בלוט, ווי ווײַסער מילך —
און מײַנע ליפן טוען שמאַכטיק זיך אַ צי צום בלוט.

דער שוועסטערס האַנט — אַ וואָלקן — מיך פאַרהאַלט.
די בלויקייט כוואַליעט זיך אַריבער מיר און קוואַלט.

יא

די בלויקייט כוואַליעט זיך אַריבער מיר און קוואַלט.
אַ ניגון מיט אַ ווינטעלע זשומען, וויגן מיך אַוועק.
מיט ליכט פאַרגאָסן איז די בינע. פון איר דעק
צו מיר אין שויס מיט אויגן אָפענע דער פויגל פאַלט.

דער רעזשיסאָר פאַרנייגט זיך. די סצענע אויפגעפּראַלט.
דער דאָקטער מיט אַ סטעטעסקאָפּ צום האַרץ פון בלויען פלעק.
אין דעם פויגלס בליקן צאַפּלט אומגעאַנט אַ טויטע שרעק — —
אַ צייכן גיט דער רעזשיסאָר. דער פאָרהאַנג לאַנגזאַם פאַלט.

— אַ פויגלהאַרץ נאָך אונטליכט מ׳קען ניט איבערפלאַנצן,
ווי דער מײַסטער קען זײַן טאָג ניט מער פאַרגאַנצן...
איז אַדיע פאַר הײַנט. — און ס׳גיט דער רעזשיסאָר אַ ווינק:
— אין לאַנגן וועג נעם מיט אַ בלויען פלעק, אַלאַ מעטערלינק...

— אוי, דאָקטער, אַ סעקונדע נאָר. וואַרט אַ רגע, וואַרט!
ניט שנײַד אַרויס דעם לעצטן חלום פון מײַן האַרץ.

יב

ניט שנײַד אַרויס דעם לעצטן חלום פון מײַן האַרץ,
מיט צײַנער פּראַסטיקע די שוועסטער מיר אין פּנים לאַכט.
זי שוועבט פאַרבײַ — אַ ווײַסער שוואַן אין אַ פאַר נאַכט —
און פון איר דינעם האַלדז מײַן בענקשאַפט זי פאַרשאַרצט.

אָוונטגאָלד. אַ פלאַם אַ פליסיקער אין די פענצטער שפאַרט,
ווי עמעצער וואָלט איבער שׂרפות דאָרט געשטאַנען וואַך.
אין קאַלטן פײַער אײַנגעטונקט זעגנען די ווענט, דער דאַך,
און יעדע שויב קעגן הימל, ווי אַ רויטער גולם שטאַרט.

טונקט דער דאָקטער אַפּ זײַן סקעפּטיש בליק אין בראַנד
און דער טרויער אין זײַן אויג טיפער ווערט צעגליט.
די שוועסטער האַלט מײַן פּולס אין איר ברוינער האַנט
און איך פיל — איר ווײַסער פלאַקער בריט מיר, בריט.

און אַלע דרײַ — מיר וויסן מער ניט דעם באַשייד
פון זוניקן פאַר נאַכט, וואָס האָט מיך אַהער באַגלייט.

מײַן בלויע הויז

איך וויל ניט טראַכטן אין אַ טאָג אַזאַ פון שטאַרבן,
ווען רגע איבּיקט זיך אַרײַן אין רגע און עס לעבט,
ווען חלום אין באַהעפט מיט חלום שפּילט אין פאַרבן
און פון גאָלד מיט גאָלד די שעה איז אויסגעוועבט.

איך וויל ניט קלערן אין אַ טאָג אַזאַ פון טרויער,
ווען אַ מײַסטערהאַנט קאָלירן מיט קאָלירן מישט,
ווען דער הימל הענגט הימלדיקער בלויער
און אַ בוים איז גרין צעבוימט און מיך דערפרישט.

איז גוט צו טראַכטן: אויפן בוים בין איך אַן עפּל
און צווײַגן וויכע ווינטיק וויגן מיך אַרום,
און אַ שטראַליק פינגער טוט מיך אַ פאַרטשעפּע:
— וויפל שטאַפּלען איז דיר נאָך געבליבן צו דער זון?

איז גוט צו טראַכטן: כ׳בין פאַר זיך דער שטאַפּל —
קלעטער איבער זיך צו זיך אין זוניקן צעברויז,
און בלויער נאָך צעזונט די זון מײַן אויגן־אַפּל
און דער גאַנצער הימל ווערט מײַן בלויע הויז — —

*

זומער וועט זײַן
און איך וועל ניט זײַן.
אין שאָטן פֿון געצעלט
וועט שפּילן אַ קינד
מיטן חלום פֿון דער וועלט —
און שלום וועט זײַן.

זאַפּטיק און צעגרינט
וועלן אַלעביימער זײַן.
אין אויגן פֿון אַ קינד
וועט מײַן חלום זײַן.
איך וועל ניט זײַן
און זומער וועט זײַן.



מוזיק: נתן ביעלייקין



דורות אייגענע

* *

דורות אייגענע — מיטן בלוטשטראָם פליסן, ווי געזעץ און סוד,
אין גוף — זייערע יצירה־קערנער טראָגסטו און פון לעבן די גענאָד.
די דורות קומען פון דער ווײַט און גייען צו דער ווײַט —
און פלעכטן זייער יאָרנקייט אין כסדרדיקן גאַנג פון צײַט.
ניט דו האָסט געזען דעם אָנהייב, ניט דו אָנסט דעם סוף —
ביסט בלויז אַ רינגעלע, וואָס די דורות האַלט צונויף.
אַ פאָדעם אינעם לעבנשנור אין־סופיקן — די מאָס פון דײַנע יאָרן, —
אין זײַן ליכטקרײַז דרייסטו זיך פון געבאָרן ביז פאַרלאָרן.
און דײַן טויט איז זריעה בלויז פון דורות וואָס זיך פרוכטן —
בגוואַלד זײַן זאָמען טראָגסטו ביז דײַן לײַב פאַרזוכט אים.
און ווי דו — דער בוים, די בלום, ס׳גרעזל און די זאַנג, —
אין שפּיל פון ציקלען פאַרביקע, ווי אַ טאַנץ און אַ געזאַנג.
אַזוי איז ערשטער אָדם־פלאַנץ פון שוואַרצערד שלײַמיקער אַרויס,
ווען צום לעבן האָט די זון געגעבן אים דעם ערשטן שטויס.
די דורות שטויסן זיך אַרויס, ווי פון מוטערטראַכט אַ קינד —
און פון סאַמע בראשית־שטויס דער נאָפלשנור צו ערד שוין בינדט.
האָט דער מענטש פאַרטיילט אויף נחלות־שניטעלעך די גוטע ערד,
ווען צום גן־עדן האָט אים דעם וועג פאַרשטעלט אַ פײַערשווערד.
און מיט קוואַדראַט־שטיבעלעך האָט ער אַרומגעצוימט ווײַב און זיך,
און רופט עס היים — די דורות וואָס זיי קומען פון זײַן דיך.
דורות אייגענע — מיטן גוף דעם אייגענעם וואָס ער באַשאַפט, —
ווי אַ קערן אין צעפּאַל צום צווייטן קערן טראָגט זײַן קראַפט.
דורות אייגענע — ירושה פון נשמה און פון בלוט, פאַרלײַבט,
וואָס מאַמעערד און זון זייער סוד בשותּפות טרײַבט.
ס׳איז די טרײַבקראַפט, אָנגעפילט מיט לעבן, אָטעם און געדאַנק,
וואָס ריטעמט אויס אין אייביקייט דעם טראָט פון מענטשנס גאַנג.

— — — — — — — — — — — — — — —

דער דורות־שטראָם פליסט אַוועק און קומט צוריק, ווי אַ געבאָט —
שיכט אויף שיכט אַ נצח־פעדעסטאַל זיך בויט אַ מיסטעריעזער גאָט.
דורות אייגענע — אַ וווּנדערלעך געפלעכט פון גאָט־מענטש־נאַטור —
און יעדער אין דער לעבעדיקער פּיראַמידע לאָזט זײַן שפּור.

מײַנע זײדעס

א

מײַנע בײדע זײדעס האָב איך ניט געקענט,
נאָר מיר באַשערט איז טראָגן זײער נאָמען,
און זײ — אויף הימלדיקע פֿײַערדיקע הענט
געטראָגן האָבן מיך דורך חורבן און מלחמה.

כ׳בין געשפּרונגען דורך דעם־װעלטיקן פֿאַרגײ
אויף פּיס סקעלעטישע און אײַנגעבראָכן, —
און דאָרט כלאָפּאָטשעט האָבן זײ, די צװײ,
אַז אויף מיר רחמנות האָבן זאָל ער, כּבֿיכול.

האָט ער אַ ביסעלע פֿאַרקוקט מיך. װי זשע דען?
אַניט װאָלט איך אַװעק באַגלײַך מיט ייִדן אַלע
אויפֿן לעצטן װעג — מקדש זײַן זײַן שם
און שטעלן זיך פֿאַר דער פּמליא של מעלה.

הכּלל, די זײדעס אײַנגעטוליט שוין מיט זײַן פֿיר
און אין הימלגרונט פֿאַרװאָרצלט װי צװײ שטאַמען,
האָבן אַלע יענע־װעלטן אײַנגעלײגט פֿאַר מיר
און זײער זכות אַ פּנים איז מיר בײַגעשטאַנען.

אין געדעכעניש קומען בײדע זײדעס אויף צוגלײַך —
פֿון בילדער מער ניטאָיִקע, מיט ראַנדן אָפּגעסמאַליעט:
ליכטיקע און בערדיקע און סטרוניק־גלײַך —
כ׳ספק צי איך קען זײ אויף אַ חלק זײַן ממלא.

ב

דער מאַמעס צד אַריסטאָקראַטיש האָט געקלונגען: האָפּענהיים.
דעם טאַטנס — מאָדנע־פרעמד זיך אָנגעהערט: פּיילאַטאָוויטש.
צווי פאַליוסן — פּעטערבורג—קיידאַן — און ביידע היים,
אַ היים — פאַראַשט צוזאַמען מיט דער כראָניק פון די אָבֿות.

נאָר ס׳האָט עבֿר זיך מיט רייד אַמאַליקע אין האַרץ פאַרקריצט
און ווי אַ נעפּל איז געבליבן זייער עכאָ אין זכּרון:
— געשמט האָט זיידע דוד אי ביי ייִד און אי ביי קריסט —
רבנים האָבן זיך מיט אים געעצהט און אַפילו שׂררות.

פּריצים האָבן מיט רעספּעקט פאַר אים זיך אויפגעשטעלט:
— אָט קומט ער, מאַכט אַ וואַרע פאַר דעם פּאַן דאַווידו!
אַ שמייכל אין די קלוגע אויגן, ווי די שיינע וועלט,
און אַ קול — ווי געזונגען וואָלט ער זיסע לידער...

אַזוי מײַן מאַמע האָט פאַר איר טאַטן שבֿחים ניט געשפּאָרט.
פלעגט דער מאַן איר צובאַמקען: — פון נחת מעגסטו קוועלן.
נאָר פאַרגעסן האָסטו פון זײַן חכמה נאָך אַ האָר —
אַ חכם איז ער שוין געווען, ווײַל איך בין אים געפעלן.

און אַזש פון פּעטערבורג מיך אַהער אַראָפּגעבראַכט,
אַז זײַן בלאָנדע שטיפערקע וועדן זאָל מײַן כּלה.
מאַיאָנטקעס נדן צוגעזאָגט און זיך אויסגעלאַכט —
און זײַנע שפּיצלעך מיר אַרײַנגעציילט במקום אַפּריאַלן.

מיט זײַן בײַנאָמען די קאַטאָוועסלעך געלאָזט ירושה מיר —
שטוטשקעס אויסגעקלונגענע אויף דער שטעטלדיקער בערזע —
און אַ לעבן לאַנג דער עטיקעט איז צוגעקלעפּט צו מיר
מיט גאָלע יִחוס שווערישן: ר׳ משה דער קירזשנער.

ג

און דער פּעטערבורגער ייִדע — דער רעמעסלעניק —
געגאָסן האָט פֿון מעש און זילבער כּלים און מעדאַלן.
געווען איז ער אַן אײַנגייער אין צאַרסקאָי דוואָרעץ —
טיר און טויער פֿלעגן זיך פֿאַר אים אויפֿפּראַלן...

איסקוסטוואָ מײַסטערישע אין פּאַלאַץ האָט ער אַרײַנגעבראַכט
און דער צאַר צאַר אַליין געהאַלטן האָט פֿון אים עולם־ומלואו.
סעריאָזנע האָט די קייסערינע זײַנע אַרבעטן אַ מאָל באַטראַכט
און געזאָגט: — דער יעוורײ אַ כּישוף־מאַכער איז, באָזשע מאָי...

האָט דער וועליקי קניאַז גלײַך אַ מעדאַליאָן באַשטעלט
פֿאַר זײַן ליובאָוניצע, צו אירע אימעניעניעס...
נאָר אַן עין־הרע האָט געגעבן עמעץ דעם ייִדנס מלכותדיקע וועלט
(אויך אין פּעטערבורג ניט געפֿעלט האָבן ניט־פֿאַרגינערס).

און איין טאָג האָט זיך אָפּגעריסן, ווי פֿון באַרג אַ פֿעלדז,
דאָס קעסעלע מעטאַל — אַ פֿלאַמיקע פֿעך־און־שוועבלדיקע קאַשע —
און ווי די זון געפּלאַצט וואָלט, האָט דער קופּערשמעלץ
אויפֿן ייִדנס קאָפּ אַראָפּגעפּלייצט זײַן פֿײַערדיקע מאַסע.

די יסורים פֿונעם יונגן ייִדן ניט באַשרײַבן קען אַ פּען.
נאָר ער האָט זיך צו זײַן גליק ניט לאַנג געמאַטערט...
איז אין מיר אַרײַנגעקאַרבט פֿון יענעם אויסטערלישן ברען
דער נאָמען אלימלך־פֿײַלאַט — פֿון פֿאַרשרפֿעטן טאַטנס טאַטע.

האָב איך די ייִדעס אין זייער לויכטיקייט דערקענט,
ווען באַשיצט מײַן לעבן האָבן זיי מיט זייער נאָמען.
און ביז הײַנט זיי טראָגן מיך אויף גבֿורה־הענט —
זאָל זייער זכות מיר ווײַטער בײַשטיין, אָמן!

געבוירן־טאָג

איך האָב דעם טאָג אויפגעריסן מיט אַ געשריי פון לעבן.
אין טאַטנס האַנט האָט אַ בלעטל פון אַפּרײַס־קאַלענדאַר מיט
פרייד געליכטיקט: בן! אונטערן געקאַלעכטן קרומען סופיט
האָט דער שיר־המעלות געצאַפּלט אין מאַמעס אָטעם. דערנעבן
האָט איר האַנט מיך אײַנגעווינדלט אין זוניקע געוועבן.
די קימפּעט־קאַמער האָט געשמעקט מיט טרויער און צוויט
פון ערשטן חלום. דער סוף־זומערדיקער אלול־טאָג האָט געגליט
פּײַערדרויט אויפן לוח! (זאָל די אייטלקייט מיר זײַן פאַרגעבן).

בלענדיקן די בלאָנדע טעג — אַ פולער בעכער זונשוים.
דער מאַמעס ציגעלע־געזאַנג — אין מײַנע בלוטן אַ קאַפּעליע.
נאָר פלוצעם האָט אַן עפּן זיך געטאָן אַ חושכדיקער תהום
און אַלע מײַנע כּישוף־וועלטן האָבן זיך געגומען וויגן.
דער טאָג מיטן לוח האָבן געברענט אונטער אַשיקער סטעליע — — —
ביז הײַנט פּײַפט נאָך אין מײַן געביין יענער פּײַער־ניגון.

טאַטע

אַ יזכּור־ראָם נעמט אַרום דעם טאַטנס בלייך געזיכט.
זײַן שאָטן טאַנצט אַ שטומער אין די פלעמלעך ליכט.

אין ליטע לאַנג פאַרענדיקט איז דער שפּעדיקער קאַרנשניט.
דער טאַטע, אין דער אלול־נאַכט, צו מיר צו גאַסט פאַרפליט.

ער ברענגט די ריחות פון געוועזענער פאַרוויסטער היים.
דער אומעט אויף זײַן פּנים, ווי אַ בערגל געלער ליים.

זײַן בלויער בליק פאַרצאָגט איז, נאָר ניט זײַן הומאָר —
ער האָט אים אויפגעהיט דורך אַלע ניט־דערלעבטע יאָר.

ס׳גרוי־פאַרשפּיצטע בערדל איז מיט פלעקן רויט פאַרשפּריצט.
די לבֿנה, בלאַסער ווי מײַן שרעק, האָט זיך אַוועקגעגליטשט.

— כ׳וויס ווי שווער דיר פאַלט דער דאָ־וועלטיקער קלעם,
נאָר מיין ניט אַז לײַכטער איז יענוועלטיקער קידוש־השם.

און ס׳איז תּמיד מײַן פאַרלאַנג געווען באַשיידן, קליין, —
און פּלוצלינג אַזאַ פעטן חלק עולם־הבא נאָר פאַר זיך אַליין.

איז קום איך ניט באַקלאָגן זיך, אַרײַנגעכאַפּט זיך אַזוי סתּם,
זע איך גאָר — דו מאַטערסט זיך מיט אַ באַנאַלן אַלטן גראַם.

מעגסטו וויסן, אַז טויט איז אויך באַנאַל — און ווי נאָך!
נאָר קיין מאָל ניט געזוכן היימישע פון היי און בלעכן.

האָט פּשוט מיך די רײַפע שיכּרות הײַנט ווי ווײַן פאַרפלייצט,
ווען די לבֿנה האָט אין פעלד פאַרזילבערט אַלע סנאָפּעס ווייץ.

און ס׳ווינטעלע האָט דערמאָנט מיר אונדזער אַלטע שטוב —
האָב איך ניט געקענט מער איינליגן אַ רויִקער אין גרוב.

און צי קען מען זיך מיט עולם־הבא לאָזן ווילגיין סתם אַזוי,
ווען אויף די פעלדער פּאַלט, ווי פּערל, טראָפּנס קילער טוי?

און צוקאָפּנס ווערט מיט זיסע אַרבעסלעך פול דער גרינער שויט,
און באַשײַמפּערלעך כ׳פּיל, ווי גוף צעביטן ווערט אויף ברויט.

האָב איך די ברכה ערדישע די שׂונאים מער שוין ניט פאַרגינט —
און אַרויפגעכאַפּט זיך און אַוועקגעריטן אויפן ערשטן ווינט.

און אָט בין איך דײַן גאַסט —אַ נעכטיקער, אַ טרויעריקער ייִד.
טו איך תּפילה: ניט פאַרײַאָמערן מײַן טרויער זאָל דײַן ליד.

און דער עיקר: די מאַמע האָט אַ גרוס געשיקט. ווען דו וויסט?
אויף איר ליפּ מיטן בלוט — גליווערן נאָך טראָפּנס טרייסט.

נאָר ווי די אייניקלעך בײַ איר זײַט — דעם חורבן ניט באַנעמט
און קען צו זיך נאָך אַלץ ניט קומען פון דעם שאָק קידוש־השם.

זי פאַרשטייט ניט פאַר וואָס די מעשׂה־נורא האָט זיך אָפּגעשפּילט,
און פאַר וואָס מיט אַ מאָל איז געוואָרן אַלץ אַזוי פאַרשטילט.

און ווען מ׳האָט געטריבן צו דער הריגה יענעם זומערדיקן טאָג,
לאָזט זי זיך אין מיטן וועג אַראָפּ און ניט אַ וואָרט זי זאָגט.

בעט איך זיך: — כּײַליבע־קרוין, שטאַרק זיך... ווײ, אוי־ווײ!
זע נאָר, אַלע ייִדן, אַלע שכנים, ס׳גאַנצע שטעטל גייט און גייט...

ווערט איר בליק אויסגעלאָשן, טונקל. אַ, גאַטעניו, דער צער!
און איבער אונדז דער עולם ווי אַ שטורעמדיקע כוואַליע שפּאַרט.

און זי טוט אַ וואָרקע און אַ צאַפּל, ווי אַ געשאָכטן טויב.
גיב איך זיך צו איר אַ וואָרף און אויף די הענט אַ הייב.

און גלײַך דערפיל איך אין די אָרעמס גבֿורה פון אַ ריז,
און מיט קראַפט פון יונגשאַפט שפּאַנען ווײַטער מײַנע פיס.

און די מאַמע גרינג אַזוי און אויסגעהוילט, ווי אַ ליידיק זאַק.
און ס׳קרימט אַ שמייכל אויס איר ליפּ: — משה, מײַן בורלאַק...

גיט עס מיר אין האַרץ אַ צופּ און צוריק איך לויף. איך לויף
צו פּעטערבורג... צום וויגעלע... צום שטיינערדיקן הויף...

און פון אירע באַקן קניטשיק־גרויע די טרערן טו איך זופּן.
טאַטע־חתן טראָגט די מאַמע־כּלה צו דער שוואַרצער חופּה — —

ברררר... אַ סקרוך מיר גייט אַצינד נאָך דורך פון דער סומנער מעשׂה.
זיך פאַררעדט. זילבער־שטערן לעשן זיך. די וועלט ווערט ווײַסער.

אוי־ווי, ס׳טאָגט שוין. און ניט קיין פּראָפּוסק אויף צוריק.
דער מלאך קען פאַרהאַלטן מיך בײַ דער נעוויאַזשע־בריק — —

אלול־נאַכט. יזכּור־צאַנק אויף טאַטנס ליימיקן געזיכט.
דאָס ווינטעלע פאַרלעשט דעם קנויט פון לעצטן ליכט.

דער טאַטע אויפן ווינטעלע פליט אַהין צוריק. ער פליט.
אין ליטע לאַנג פאַרענדיקט איז דער שניט — —

אַ פֿײַערטיר

צוזאַמענגעבראָכן אין בלוט און אין מיסט,
ליג איך בײַ אַ וואַנט, פֿיבער און פֿריר.
פּלוצעם אַ האַנט אויף די ווונדן איך שפּיר —
מיט ליבשאַפֿט זי צערטלט און מיך דערפֿרישט.

פֿון חורבֿה דער חושך ווערט אָפּגעווישט
און ס׳עפֿנט אַליין זיך פֿון פֿײַער אַ טיר —
לויף איך מיט בראַנדיקע טריט און באַריר
די שוועל די פֿאַרקוילטע אין לופֿטיקן נישט.

ווערט די פֿלאַמיקע אימה אַ רייף אַרום מיר:
— מאַמע, אוי מאַמע! — אָן קול איך צעשרײַ זיך,
און פֿיל אַז די מאַמע שוין שטייט לעבן מיר.

— מײַן האַנט, ווי דאָס ליכט, האָט אַהער דיך געפֿירט.
און זי שעפּטשעט נאָך צו: — זײַ רויִק און גיי זיך.
ס׳איז אָפֿן, מײַן קינד, בלויז פֿון פֿײַער די טיר — —

מאַמע

נײַנצן אײן און פערציק. חודש מײַ.
אין ליטע שמעלצט די זון מיט רויטן בלײַ.

פון קאָוונע כ׳בין געקומען מיט דער באַן —
באַזוכן טאַטע־מאַמע, אין קײדאַן.

דער טאַטע זאָגט מיט טרויער אין זײַן בליק:
— אין שפּיטאָל די מאַמע נעבעך ליגט...

האָב איך אַ פּיצל רגע ניט פֿאַרזאַמט
און גלײַך צו פוס אַהין אַוועקגעשפּאַנט.

דער מאַמעס פּנים האָט געטאָן מײַן האַרץ אַ שניט —
אין אירע האָר די שרעק האָט ווײַס געגליט.

צעשויבערט, ווי אַ קראַנקער פויגל, שוואַך,
בגוואַלד האָט זי געטאָן צו מיר אַ לאַך.

און געלויכטן האָט איר בליק קינדיש־בלאָ
אין שײַן פון דער צעזונטער שעה.

— דודל... — געציטערט האָט איר קול.
ניט געוווּסט — ס׳איז דאָס לעצטע מאָל.

— מאַמעלע... — כ׳האָב געזאָגט דאָס וואָרט —
און די קלאַנגען האָבן זיך פֿאַרפֿאַרט.

איך בין געשטאַנען בײַ דער מאַמעס בעט —
כ׳פֿיל נאָך איצט איר לעצטן ציטערגלעט.

אַ קוש. און גאָר ניט מער געפֿרעגט...
מיטגענומען אָט דעם טרויערבילד אין וועג —

ער איז געבליבן אין מײַן אויג פֿאַרשטאַרט.
ער צאַפּלט אַלע יאָרן אין מײַן האַרץ.

אלול. זעלבן יאָר. אין קאַשמאַר האָב איך געזען —
טאַטן, מאַמען, שוועסטער און זיי קוים דערקענט.

די מאַמע, ווי אַ גרויע טויב ביים ראַנד פון גרוב,
איז די באַלעבאָסטע אין איר טויטער שטוב — —

און די אייניקלעך בשום־אופן קענען ניט פאַרשטיין
פאַר וואָס מיט רויטע טרערן היינט די באָבע וויינט.

אָט וועט זי גאָר דעם דייטש אַ פרעג טאָן באַלד:
— פאַר וואָס אַ מאַמען שיסטו, ווי אַ קרימינאַל?..

מיט אַ מאָל ווערן אַלע אייניקלעך ווייס און אַלט
און מיט זיי צוזאַמען אין דער גרוב זי פאַלט.

אין קעל אַ פראַגע שניידט — אַ שפּליטער גלאָז:
— אָ גאָט, פאַר וואָס? פאַר וואָס? פאַר וואָס?!
— — — — — — — — — — —

כ׳שפּאַן צוריק היינט מיטן וועג פון באַן —
צו דער קרעניצע, אין שטעטל מיינס, קיידאַן.

בלינדערהייט איך וועל אַהין דערגיין —
און זען מיין מאַמען אויפן וועג דאָרט שטיין.

אויפן וועג יאַסווענער — אַזוי, אין מיטן פעלד.
פון דער רויטער זון די אויגן זי פאַרשטעלט — —

דער טאַטע מיטן קריגל מילך

ליב געווען איז אים די שטוביקע, די זיסע האַרעוואַניע,
און ליבער נאָך מיט קינדער ווי אַ קינד פאַרשפּילן זיך.
צום לעצטן מאָל אין יענעם מיטאָג, גאָלדיקן און פיינעם,
כ'האָב געטראָפן אים — אַהיים ער טראָגט אַ קריגל מילך.

אין גאַס באַגעגנט האָב איך אים, דעם טאַטן מיינעם,
ווען כ'בין צו גאַסט געקומען אויף אַ שעה, אַ ווײַלע, —
און לאַנג געקוקט האָב איך אין די מידע אויגן אים —
קלאָר געווען: ס'עקבערט ביידן אונדז די זעלבע שאלה.

מיר האָבן ניט גערעדט, בלויז זיך אָנגעקוקט צו זאַט,
ווי מיר וואָלטן זיך אַצינד־דאָ שטומערהייט געזעגנט.
אונדזער גאַס געגרויט האָט, אין מיין האַנט — אַ בלאַט,
און מיר האָבן שוין פאַרשפּאָרט איצטער שאלות פרעגן.

האָט דער טראָטואַר געוואָרט, געוויינט צום טאַטנס טראָט,
אָבער פּלוצלינג האָט אַ פּלי געטאָן פון דאַך אַ קראַ־פאַררעטער
און פון זומערטאָג אַראָפּגעווישט מיט אַ פאַך ס'גאַנצע גאָלד —
אין דער לופט אַ קראַקע איז געבליבן הענגען: געטאָ...

ס'האָבן שוואַרץ געגלאָצט אויפן הויף די פענצטער,
און פון דער באָענט האָט די שול געשטאַרט מיט שרעק.
די שאלה אין איר גאַנצן גרויל איז געווען פאַרענטפערט
און מיר האָבן ביידע פון דעם אָרט ביט געקענט אַוועק.

די גאַס געגלימערט האָט — אַן אָנגעשאַרפטע שווערד.
אַ שטילקייט אַ פאַרטײַעטע אין טאַטנס אויג זיך בויערט —
אַ פאַרשטיינערטער ער קוקט, אין זיך אַרײַנגעקלערט,
ווי אַ לעבעדיקער דענקמאָל פון זײַן טרויער. —

יענע רגע, אויג אויף אויג צום לעצטן מאָל, —
אין דעם זומערטאָג וואָס האָט מיט בעז געבליט,
האָט דעם טאַטנס בליק — בלויער פינקלדיקער שטאָל —
זיך אַרײַנגעשניטן ביז אויף הײַנט אין מײַן געמיט.

— — — און די גאַס האַלט נאָך אַלץ דעם אָטעם אײַן.
איבער דעכער גליווערט נאָך דאָס קראָזשע געהילך.
און אין שאָטן, וואָס פאַרדעקט פון טאָג די שײַן,
דער טאַטע שטייט נאָך אַלץ דאָרט מיטן קריגל מילך.

דרײַ מאָל כּי טובֿ

צו מיר אין שטיבל שלײַכט אַרײַן מײַן אויסגעבלייכטע מאַמע
און פֿון איר העלן בליק צעפֿינקלען זיך די שאָטנדיקע ווענט,
איבער אונדז די סטעליע מיטן הימל פֿלעכטן זיך צוזאַמען
און דער שטערן־שימער פֿאַלט, ווי טוי, אויף מײַנע הענט.

איר גרויער קאָפּ כוואַליעט — אַ קאַסקאַד פֿון לויכטנדיקע שטראַלן,
איר קליינער גוף וואַקסט, ווי אַ טורעם, — איבער מיר זי וואַכט.
און ווען ס'הייבט די בענקשאַפֿט אין מײַן ברוסט אָן קוואַלן —
טרינק איך אויס אין דאָרשט די שטילקייט פֿון דער נאַכט.

פֿון דעם שטילקייטווײַן כ'ליידיק אויס די פֿולע בעכער
און דממה־שיכּור פֿליגל איך אַרײַן זיך אין אַ טיפֿן שלאָף, —
מיטן חלום שוועב איך איבער בלויע דורכזיכטיקע דעכער
און פֿון אויבן קלינגען שטערן צו: — כּי טובֿ! כּי טובֿ! כּי טובֿ!

דרײַ מאָל הילכט עס אָפּ, ווי פֿאַלן וואָלטן זילבער־טריפֿן —
דאָס האָט דער זייגער אויפֿן טורעם אויסגעקלאַפּט איינסן דרײַ —
דרײַצאַליק איז מײַן סימן־טובֿ, וואָס דורך צלמוות־טיפֿן
האָט מיר דורכגעלייגט אַ שטעגעלע אַ דיניקע צו דער פֿרײַ.

טוט מאַמעס האַנט אַ פֿלאַטער, מיט פֿינגער ליכטיק־ווײַסע
זי פּליקט זיך אויס די דרײַ שטראַליקסטע האָר פֿון קאָפּ:
— באַהאַלט עס, קינד, ווי אַ סימן־טובֿ פֿאַר דער פֿאַרכטיקער מעשׂה...
און איר קול קלינגט אומעטיק אין דער פּוסטקייט אָפּ.

און אין מײַן האַרץ די שטילקייט ווידער הייבט אָן צאַפּלען.
פֿליסטערט זי מיר ליב אין אויער: — שטערן־שומר מײַנער, זינג!
און איר האַנט צינדט אין שלאָף, ווי ליכטער, מײַנע אַפּלען
און פֿאַרעיגולט מיך דרײַמאַליק — רינג־אין־רינג־אין־רינג.

דער סאַמע ברייטסטער רינג איז פֿון כּולו פּז געמײַסטערט
און שליסט די דורות אײַן, מיט יִחוס זייערן און פּראַכט;
דער צווייטער איז געהאַמערט פֿון האַרטן, פּראָסטן, שווערן אײַזן;
און דער דריטער — אַרום מיר — אַ חורבֿה־היים אין נאַכט.

— ווי קען איך אין דער חורבֿה־היים אַ גאַנצע נאַכט נאָך זינגען ?
צי אפשר פירט פון דאָ אַרויס ערגעץ ווו אַ טראַקט —
כּדי מײַן עלנט ליד זאָל נאָך צו עמעצן דערקלינגען
פון הינטער חורבן־שלעסער, ווו יאָרן בין איך דאָ פאַרהאַקט.

— די צײַט זי היילט, זי מילדערט טרויערן און קלאָגן,
און ווי דער וואַסער־שפּיגל גלעט זי אירע רינגען אויס.
ווי אַ תּפילה דרײַ מאָל זאָג כּי טובֿ, אין די פאַרטאָגן, —
ווײַל יעדער מאָרגן אַ באַנײַונג איז און פירט פאַרויס.

— ניין, מײַן נעכטן כ'וועל צוליבן מאָרגן ניט פאַרגעסן, —
איך וועל כּי טובֿ ניט זאָגן אויף די הורבעס אַש און שטיין.
— דו מוזסט! יעדער מאָרגן מיינט פון צײַט דער נײַער חסד —
איז טו דעם חסד דעם באַשערטן הײַנט מיט זיך אַליין!

ס'וועט די מאָרגנליכט אַרויסטרײַבן דעם נעכטן פון דײַן שטוב
און די חורבֿה־היים פאַרוואַנדלט ווערן וועט אין גוטס.
— ניין! כ'וויל פאַרבלײַבן מיט מײַן צייכן פון דער גרוב
און זיך אָפּשליסן פון אַלץ — מחוץ. מחוץ. מחוץ.

און ווי כ'טו צעיאָמערן מײַן אײַנגעעקשנטע אַליינקייט,
עפנט זיך אין וואַנט אַ טיר אויף גאָלדענע זאַוויעסעס, —
און אויף איר שוועל די מאַמע שטייט אין לויטער ריינקייט
און זאָגט צו מיר דרײַ מאָל: — פאַרגעס! פאַרגעס! פאַרגעס עס!

אויף די שטילסטע צײַט ציטערט רינגיק, ווי אַ וואַסער, —
טאָ שלײַדער מער ניט חורבן־שטיינער אין איר גאַנג און בײַט.
ביסלעכווײַז די רינגען וועלן ווערן שטילער, בלאַסער,
ווײַל ס'מוז דאָס לעבן רוזק גיין זיך צו דער ווײַט.

און איך גיי אויך אַצינד. נאָר געדענק דעם שמועס־חלום דײַנעם.
באַלד וועלן שוין די פייגל אויפזינגען דעם מאָרגנלויב.
טאָ נעם די האָר די דרײַ — די ליכטיקסטע שטראַלן מײַנע —
צינד מיט זיי דײַן מאָרגן אָן און זאָג דרײַ מאָל כּי טובֿ.

אַורעמקע

אַזוי זיך חתמענען דו פֿלעגסט, מיט פֿראַסטן חן,
ווי אַ צייכן פֿון די ברויזיקע און נײַע צײַטן.
דײַן דור געמיינט האָט — ער וועט אַהין דערגיין,
וווּ מ׳וועט דאָס שלעכטס אויף גוטס צעבײַטן.

דערווײַל דער טאַטע אין מלחמה איז אַוועק,
און די מאַמע מיט די עופּעלעך — אין גירוש,
נאָכגעגאַנגען איז דער הונגער און די שרעק,
און דו — אַ פּיצל קינד, אַ נאַקעטער און באָרוועס.

האָסטו דעמלט אויסגעפּראַוועט קלומפּעלעך פֿאַר זיך —
אין יענער אָרעמקייט, דער ביטערער פֿאַרקלעמטער,
מקנא מ׳איז געווען דײַנע אויסטערלישע שיך:
— אוי, האָט ער פּוצן ליב זיך, דער אָורעמקע !..

און ווי נאָר די מלחמה האָט זיך אויסגעדולט —
מיט אַ חלום ביסטו שוין געווען באַגײַסטערט,
און מיט אימפּעט טועריש, שאַפֿעריש — פֿול,
און אויף דער בינע — שוין אַ גאַנצער מײַסטער...

איז געוואָרן ענג די גרויע אומעטיקע היים.
איצט האָסטו זיך אַליין געקנאָטן און געפֿורעמט:
געבראָדזשעט יעדע נאַכט אין בלאָטע און אין ליים
צו דײַן „קולטור־ליגע" — יונגלש אויפֿגעשטורעמט.

דײַן „גאַנצע שווײַג" — קלוג און דורכגעטראַכט,
ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער הכנעהדיקער בולקע־פֿילאָסאָפֿיע.
און „דרײַ מתּנות", „אויפֿן אַלטן מאַרק בײַ נאַכט" —
אויף וווּנדער זענען קינד און קייט צו דיר געלאָפֿן...

און אין אַ מיטן נאַכט געמוזט אַנטלויפן קיין פּאַריז,
נאָר די עלנט פון דער פרעמד האָט צוריק געטריבן...
און ווידער — קאָוונע איז געוואָרן היים. אַ זאַטער טיש.
ביז פלוצעם איז פון אַלעם דעם גאָרנישט ניט פאַרבליבן — —

כ׳דערמאָן זיך יענעם זון־פאַרפּלייצטן פינצטערטאָג
אין סוף יוני, ניינצן הונדערט איין און פערציק:
אין ווילקאָמיר האָט אונדז דער דייטש דעריאָגט...
כ׳לויף צוריק און טראַכט — וואָס ביי אַורעמקען הערט זיך.

ליסוועס אַלע 25. קוים אַהער זיך דורכגעגליטשט.
אין אַ בית־עולם־שטילקייט איז דער הויף פאַרנורעט.
אויף מיין אַקסל ברענט די לאַטע מערער ווי די היץ,
און ס׳טוט אַ בליץ הינטער זיין טיר די שוואַרצע בשׂורה:

— אין קעלער אים דערשאָסן... נאָר ס׳האָט פּאַסירט —
געראַטעוועט האָט לייזער זיך — אַ נס פון ניסים!
און כ׳האָב אַ קנויל אַ בריזקן אין האַלדז דערשפּירט
און ביז היינט אין מיר נאָך הענגען זיינע ריסן...

געגאַנגען כ׳בין צוריק. סלאַבאַדקע האָט געשוואַרצט.
יענעם פאַר נאַכט פאַרגאַנגען איז די זון אַ רויט־פאַרשעמטע.
און כ׳האָב דיין פאָלקישע געשטאַלט באַהאַלטן אין מיין האַרץ
און טראָג זי נאָך ביז היינט, ברודער ליכטיקער, אַורעמקע!

איך וויס ניט ווו עס רוט דיין הייליקער געביין,
נאָר איינגעפּאַסט דיין פאַקסימילע אין אַ שוואַרצע ראַמקע
האָט דיין זון — און עס שטראַלט פון דאָרט דיין עמך־חן,
וואָס דערמאָנט אין יזכור־טרויער, דיך, לעולם, אַורעמקע!

נס פון דאַכאַו

לייזערן (צירידן)

נס פון דאַכאַו, אין ייִנגלשער געשטאַלט, איז אָנגעפלויגן,
ווי אַ לעבעדיק גרוס פון אַלט־היימישער גענאָד:
מיט פונקען — אין דײַנע בלוי־צעשטראַלטע אויגן,
און אין פינגער דײַנע — ערדיש־שמעקעדיקער סוד.

פרילינג. זונשפרינקלעך — דײַנע אויפגעלעבטע בליקן.
די התגלות — אַזאַ פשוטע און קוים אַ רגע האַלט זי נאָר —
זי האָט זיך אין מײַן האַרצן יונג און פרום צעוויקלט,
די מגילה, וואָס אויף מײַן הויט פאַרזיגלט איז איר וואָר.

און הײַנט נאָך פלייצט מיך איבער יענע שטורעם־כוואַליע —
אין איר יעדן שפריץ בליצט־אויף דײַן קינדיש פנים
מיט גלויבן און געזאַנג, מיט האָפענונג און שטראַליק!
פאַר וואָר, אויסטערליש קומט אויף ווידער די דערמאָנונג:

ערדיש־זומערדיקע ריחות האָסטו יענעם טאָג אַרײַנגעגנבֿעט
פון פעלד דערבײַ — פון לעבן אמתן די וווּנדערלעכע צייכנס.
און דעמאָלט כ׳האָב דערפילט דעם גורל־קנופּ: זאַלבענאַנד־דאָ!
און ס׳האָט געוויזט די מאָרגן־פרישקייט פון דײַן פנים בלייכן.

פון גאָרטן האָסטו אויסגעריסן, קינד, אַ וואָרצל לעבן
און מיט דער פײַכטער גרודע געפּרווּוט עס מיר דערלאַנגען —
איך פיל נאָך איצטער דײַנע פינגער אין דער לופטן שוועבן,
און זע — אויף אַ פאַרפוילטן שטרוי האָט זיך די זון געהאַנגען...

און ס׳האָט די האָפענונג אויף מײַן לײַב פון דיר געאָטעמט.
די זון — אַ דעזערטיר — געלעגן איז אין קרײַטעכצער באַהאַלטן,
דו — מיט דײַן געשטרײַפּט קאַצעטיש רעקל האָסטו זי פאַרשאָטנט,
און אויף דײַן פנים האָט יענער פראָסטער נס זיך געשטאַלטיקט.

אוי, נס פון דאַכאַו! נס פון ייִנגלש־אומעטיקע אויגן!
האָסט אַ שטילער צו מײַן נאַרע באַרוועס צוגעפּויזעט
און דײַן דאַרער גוף האָט זיך ווייך איבער מיר געבויגן,
און פאַרשמעקט מיט גערוך געווירציקן פון אונדזער הויז האָט.

געשלונגען כ׳האָב דעם זיסן אָטעם און אַ טרער פאַרהאַלטן.
מיט אַ דינעם פינגער האָסטו אָנגעוויזן: כ׳לייג עס דאַרטן...
און האָסט די גרינוואַרג־בלעטלעך צוקאָפּנס מיר באַהאַלטן.
אין שטרוי — אַ זון געשטראַלט האָט, ווי ס׳וואָלט געבליט אַ גאָרטן.

האָסט גרינג צוריק געפלאַטערט. און פון גאָלד אַ בויגן
האָט אויף דײַן וויִע שמייכלדיק געשפּילט, אין מאָרגן קלאָרן.
אוי, נס פון דאַכאַו! נס פון גרינס! פון ייִנגלס בלויע אויגן!
כ׳בין פון רגע פרילינג־נס מיט אַ מאָל צעדולט געוואָרן —

ס׳האָט אין מאַרך געפלאַצט אַ פײַערקויל — דאַכאַויִשע פּאַטאַ־מאָרגאַנאַ:
אַ משוגענער משיח פּראָקלאַמירט דעם הייליקן, גרויסן ליגן.
און ייִדעלעך, הויט און ביינער, זינגען: גאָטעניו, הושע נאַ!
און ס׳האָט דער בלאָסער ייִנגל אויף דער זון מיט בלוט געשפּיגן — —

און אַלע מוזולמאַנען זענען מיט אַ מאָל אַראָפּ פון זינען
און ווי אַ האָרדע אַ געשפּענציקע צו מיר גענומען יאָגן —
זיי האָבן בלינדערהייט געבעטלט מײַנע גרעזעלעך די דינע
און זייערע געלע הענט געלאָשן האָבן זיך אין שײַן פאַרטאָגטן.

— — — — — — — — — — — — — —

אָ, נס פון דאַכאַו, אין ווײַטן פרילינגטאָג, דעם פרישן!
דײַן הימל־בלויער בליק וועט דאָרטן קיין מאָל ניט פאַרגיין.
פאַר וואָר, איך זע אים נאָך דעם פונק, דעם נס פון ניסים, —
לעולם־ועד זאָל דער זכות פון יענער חסד־רגע אונדז בײַשטיין!

ערשטער נאָך־חורבן־בריוו

אַ בריוו מיט טרערן אָנגעשריבן,
אין האַמעטנעם, אין פּראָסטן לשון.
איין וואָרט אַ פינצטערן אַרויסגעקליבן —
ער זאָגט שוין אַלץ: — דערשאָסן...

אונטער אים אַ לאַנגע שוואַרצע ליסטע,
ווי אַ זכר פון דעם רויך און פלאַמען:
די משפּחה האָט פאַרלענדט דער חורבן וויסטער.
אַ קויל געטראָפן האָט אין האַרץ דער מאַמען.

און אַ קויל צעריסן האָט דעם קלוגן טאַטן —
דעם ערלעכן און האַרעפּאַשנעם ייִד.
די אייניקלעך אַרום האָבן געפלאַטערט
און ווי שוועלבעלעך געפאַלן אין דער מיט.

די שוועסטער איבער זיי האָט זיך געוואָרפן —
ווי פון שפּאַרבערס שיצט אַ פויגל איר געזינט.
מיט אַ מאָל איז דאָס ליכט פון גרוב אַנטלאָפן
און די נאַכט האָט זיי אין אייביקייט פאַרשפּינט.

אויך דער שוויַיגעוודיקער ברודער איז געפאַלן
און זיַין געביין פאַרשלעפּט זיי האָבן ערגעץ ווו.
אַ פּיַיערמויל פאַרצוקט האָט זיי — אַלע. אַלע.
...צי מעג איך זיך פאַרגינען איצט אַ ביסל רו?

און לאָמיר אָט די ווערטער אויסקריצן, ווי אַ מצבֿה, —
אויף זיי קיין שליטה זאָל ניט האָבן דער פאַרגעס.
און מיַין טרער — אַ בלום אויף זייער קבֿר.
און מיַין חתימה — אויסגעוויינטער לעצטער נס.

תשובֿה־בריוו

פון אַריבער אָקעאַן דעם מאַכטיק־גרויסן,
פון אַ פרעמדן אומבאַקאַנטן לאַנד, —
אַ בריוו אַ צאַפּלדיקן הייסן
קלאַמער איך אין שוואַכער האַנט.

כ׳לייען נאָך אַ מאָל און ווידער
און איך גלייב די אויגן קוים —
מיט אותיות ליכטיקע אויפגעשריבן: ברידער! —
ווי אויסגעמישט זיך וואָלטן וואָר און טרוים.

און ס׳ווערט מיך אומעטיק און היימיש:
אָט זענען אָנגעקומען די ליבע געסט
צו מײַן טיש, וואָס טרויערט מיט חורבן־שמות,
ווי פון שטורעם אַ צעשטערטער נעסט.

נאָר די תשובֿה זינגט אויף מיט אַ ניגון
און ברענגט די עכאָס פון אַ ווײַטער היים,
הייבט מײַן עלנט אָן זיך וויגן, וויגן, —
אין בריוו איך טוליע זיך — און איך וויין.

כ׳וויין — און מײַן קול מיט תּפילה ציטערט,
און איך דאַוון אַלץ אַרויס פון מײַן חורבן־סידור:
— טאַטע זיסער, זײַ מיר הײַנט אַ גוטער היטער
און מיט משפּחה־פרייד פּיל אָן מײַנע גלידער!

און איך דאַנק דעם גורל פאַרן אויסגעבענקטן חסד
פון דעם פּשוטן און ברידערלעכן בריוול, —
מיט ניסים וועל איך יעדן וואָרט אָפּמעסטן,
און ווי האָניק אויסלעקן די טראָפּנס ליבע.

די צוואה

מיט ברכות ייִדיש־היימישע איך בין פֿאַרפֿאָרן
צו אײַער טיר — וואָס שטייט פֿאַר מיר צעפּראַלט,
און ברענג איבער דער שוועל מײַן שארית יאָרן —
צום טיש וואָס וואַרט מיט ברויט און זאַלץ.

און ווערטער וואַרטן — פּשוטע און קלאָרע,
איבער די קעפּ עס פֿלאַטערט זייער שײַן,
און דער אומעט טוט אין האַרצן יורען,
ווי עס יוירט אין קעלטער אַלטער ווײַן.

פֿלייצט צוריק דער עבֿר צום באַקאַנטן טײַך
און פֿאַרהאַלט זיך קעגן אונדזער כאַטע:
פֿון פֿענצטער קוקן אויגן — מאַמיש־ווייך,
און מיט אַ קלוגן שמייכל — קוקט דער טאַטע.

די פּנימער פֿאַרציט אַ נעפּל, נאָר מ׳הערט
ווי זיי בענטשן שטיל דעם טאָג פֿון טרעפֿונג:
— פֿאַר וואָר, ווען לעבן ווידער איז באַשערט,
זאָל די צוואה אונדזערע זײַן פֿאַר דיר צעעפֿנט.

מיר האָבן דורך קאַשמאַרן בלוטיקע געזען
ווי דו אַנטרינסט פֿון טויטנעץ, דער פֿאַרשפּרייטער,
און ברעכסט אַרויס זיך פֿון דעם קלעם...
און געבליבן זענען מיר שוין אָפּגעשיידטע — —

עס וויקלען זיך די שאָטנס זייערע אין רויך
און דורך די פֿענצטער שלאָגט אַ העליש שײַטער.
— זע, אין פֿײַער — די צוואה גליט דאָ אין דער הויך:
דער בוים מוז וואָרצלען טיפֿער, בליִען ווײַטער!

אַ מענטש פֿאַרבלײַב

ער שפּרײַזט מיט מיר פֿון הײַנט צום נעכטן
דורך די בלינדע לאַבירינטן פֿון מײַן גוף —
פּיל־פּנימדיק איז ער, פּיל־עכאָדיק זײַן רוף, —
און מיר קענען זיך ניט מער פֿונאַנדערפּלעכטן.

קדמון־מענטש אין מיר אויף דורות ברעכט זיך —
איך בין אַ לעבעדיקע מיל פֿון אַ געטלעך פּרוּוו —
ער שיט אין מיר די קערנער זײַנע — גוטע, שלעכטע, —
כ׳מאָל פֿאַר אים מיליאָנען יאָרן כּל־רע און כּל־טובֿ.

איך הער בראשית־ברום פֿון חיה אין מײַן לײַב,
איך פֿיל געררויש פֿון אורוואַלד אין די בלוטן,
פֿאַרבן ליכטיקע אין אויג, אין האַרצן — גלוטן,
איך בין גאָט און טײַוול, מאַן און שלאַנג און ווײַב.

נאָר ווער דעם קאָסמאָס אין די קרײַזן טרײַבט,
שעפּטשעט אומגעזען צו מיר: — אַ מענטש פֿאַרבלײַב...

אין מזל פון אַ שטערן

א

אויפֿן טורעמשפּיץ הענגט אַ שטערן אַ צעבליצטער — וואַך.
די נאַכט טיף אין זיך פֿאַרקראָכן און אַרײַנגעוויקלט.
טוט דער הימל שטיל אַ פֿלי אַראָפּ אויפֿן קלויסטערדאַך
און צעשפּרייט זיך איבער אים — טונקלבלוי צעפֿליגלט.
ווערט די שטילקייט טאָפּלט שטילער. אַלץ שלאָפֿט אײַן אין רו.
און דער שטערן זיך צעוואַקסט נאָך גרעסער און נאָך העלער,
ביז דער קלויסטער מיט וויכע שאָטנס דעקט זיך צו
און בלײַבט אין זייער בלאָסן סאַמעט אַ פֿאַרשטעלטער.
אין די שאָטנס, ווי אין חלום, כ׳טוליע זיך אויך אײַן
און קוק אַרויס אויף זילבער־סטעזשקעלעך — פֿאַראייבזאַמט,
ווערט מײַן לײַב פֿלוצעם דורכגעשטראַלט מיט שמעקעדיקער שײַן
און ווי צו אַ מויל אַ לעבעדיקן כ׳פֿאַל־צו צו דער וואַנט...
צי האָב איך דאָ דערפֿילט דעם פֿיבערדיקן אָטעם פֿון אַ לײַב ?
צי פֿײַן פֿון קלויסטער־שוועסטער אויף איר עלנטן געלעגער ?
צי אפֿשר איז עס גאָר דער גלי דער גופֿיקער אין גאַרונג צו אַ ווײַב —
פֿון כוואַליעדיקן בלוט פֿון קלויסטער־ברודער, ווי געדויש פֿון גלעקער ?
און ס׳קען זײַן דאָס איז בלויז אַ שאַרך פֿון זאַמענשטויב,
וואָס אַ ווינטל טראָגט קוים איבער פֿון אַ בלימל צו אַ בלימל ?
נאָר אָט האָט פֿלוצלינג אויפֿגעבליצט מיט ליכט אַ שויב,
ווי ס׳וואָלט אַ גאָלדן טירעלע געעפֿנט זיך אין הימל.

ב

דורכן טירעלע האָט אַ זיסער מוטערלעכער ווײ
געאָכצעט אין דעם אַלט־באַקאַנטן הײמיש לשון.
און פעלדער — מיט אַ ריחות־שטראָם פון פריש־געשניטן הײ,
די פרילינגנאַכט מיט זײער שפּע האָבן ביזן ראַנד פאַרגאָסן.
און ס'האָבן קרעכצן זיך צעאָיקעט מיטן תּחינה־נוסח,
ווי אַ מאָל אין קלײנע שטעטעלעך די נאָך יונגע באָבעס —
ווען אײניקלעך צו גאָט גערופן האָבן און פאַרכליניעט זיך
אין דער טרערנדיקער פרײד־און־ווײ פון קינדער האָבן.
דורכן גאָלדן טירעלע זענען זיפצן אײנס נאָך אײנס געפאַלן,
ווי ס'פאַלן עפל צײַטיקע און מאַכן גרינג דעם בוים;
און ווי אַ הימען וואָלט צעקלונגען זיך הילכיק, שטראַליק, —
האָט דער שטערן דורכן טירעלע אַ פלי אַרײַן געטאָן פון רוים.
און ס'האָט די שטילקײט זיך אױפגעריסן מיט אַ פרײדגעשרײ,
וואָס נאָך יאָרן פּײַן געקומען איז ער אומשולדיק און פרײַ — —
און מײַן האַרץ האָט מיטגעצאַפּלט: — אױ־ווײ... אױ־ווײ...
ווי אין אַ גלאָק צעוויגט זיך מיט אַ מאָל דאָס צינגל בלײַ.

...פון דער וואַנט האָב איך זיך אָפּגעריסן און געגאַנגען
דורך פעלדער פינצטערע, וווּ דער קאָרן טונקל האָט געגרינט.
און דער שטערן אויפן טורעמשפּיץ העלער האָט גענומען בלאַנקען
און אָנגעזאָגט אַ נײַעם מזל פאַר אַ ייִדיש קינד.

דײַנע יונגע פרילינגען

רייזעלען — צו 21

דײַנע יונגע פרילינגען — אַ סטאַדע שטומע שאָף —
הינטער דיר אָן אָטעם אײַנגעדרימלט ליגן,
און דער עכאָ פון אַ לאַנג פאַרקלונגען ניגון
וועקט־איבער זייערע חלומות אין דײַן שלאָף.

און דו הערסט ניט אויף צו שפּאַנען צום אַרויף
מיט צאַפּלדיקע טריט אויף ליכטיק־שמאָלע שטיגן,
נאָר דער אָפּקלאַנג פון די טעג ווערט פאַרשוויגן,
ווען די זון איבער דיר פריש גייט אויף. —

און באַנײַטע בענקשאַפטן טוען דיך פאַרוויגן
אויף דעם צעכוואַליעטן פרילינגדיקן דופט, —
ווערן די גלוסטעניש פײַערדיק צעפליגלט
און אין ווילדן שטורעם טראָגן זיי דעם גוף.

אַ געהיימע האַנט פלעכט אין בלוט די נעצן...
אַלע פרילינג־שׂרפות וועט די צײַט פאַרלעשן.

קינד

— משהלע־מאַריס —
צום 1טן געבוירן־טאָג

דײַנע אײגעלעך — זומערדיקער הימל,
מיט ליכט, ווי קאָרנבלימעלעך צעבלויט.
ס׳לעבן דײַנס — אַ גרין־זאַפטיקער שויט,
וואָס עפנט זיך נאָך סודותדיקן דרימל.

גייסט אויף מיט ברכה אין אַרום־געווימל,
ווי זאַנג אין פעלד — מיט זעט פון ברויט.
דײַן גאָלד־געלאָקט קעפעלע מיט פרייד באַטויט —
אַ פלאַטערל באַגינען אויף אַ פאַרביק בלימל.

און דורכן טאָג — אַ פייגעלע מיט פוכקע פליגל.
דו זויגסט זיך אָן מיט זונליכט אַזוי שטיל,
ביז מיט חלום־זאַפט ווערט פאַרפולט דײַן קריגל
און סטײַען פאַר אַ נאַכט וועט דער כישוף־שפּיל.

זע, לבֿנה זילבערט שוין אַרײַן אין וויגל
און פאַרחתמעט דײַנע טרוימען מיט איר זיגל.

דורך דיר

דײַן יונגע לאַסט צעפליגלט אויף מײַן פּלייצע,
ווי אויפן באַרג דער דורכזיכטיקער ווינט.
איך פֿאַרהאַלט אַ רגע גאַנג מײַנעם אַראָפּצו
און קוק אַרויף — צו דיר, מײַן קינד.

אַ רגע בלויז. כ׳וואַרט מיט אָטעם אַ פֿאַרהאַקטן.
דײַן בלויער בליק זעגלט מיר פֿאַרבײַ געשווינד
און צינדט־אָן דעם ליכטשטראַל אין מײַן האַרצן —
מיט אים גריס איך אַרויף צו דיר, מײַן קינד.

עכאָט דורך מײַן לײַב די פֿרייד — אַרויפֿצו.
נידער איך מיט וועגן — טאָליקע און בלינד.
דײַנע פֿליגל וואַקסן אויף מײַן פּלייצע —
מיט מײַן דור שטײַג איך דורך דיר, מײַן קינד.



וויגליד

ברום־ברום! צעבייזערט זיך דער גלאָק.
שפּעט, מײַן קינד, און שוואַרץ די נאַכט,
נאָר האָב ניט מורא, איך בלײַב וואַך
און היט דיך ביז עס קומט־אויף טאָג.

דעם הימלס ליכטיקסטן בריליאַנט
האָט אויפגעפּיקט די בלויע טויב...
ס'איז בלייכער צאַפּל פון מײַן האַנט —
אַן אומעט־שטעמפּל אויף דער שויב.

און איך קלײַב בײַם פענצטערראַנד
די זילבער־פעדעם — צופּ־צופּ־צופּ! —
און פלעכט פון זיי — צום חלום־לאַנד
פאַר דיר אַ לייטער — קנופּ־קנופּ־קנופּ!

שפּרייט אויס די הענטלעך — פּלי־פּלי־פּלי! —
זיי ווערן פליגל דיר, מײַן קינד.
ווען טרוים צעבליט איז אויף דײַן ליפּ,
דאַן פליט זיך לײַכטער פון דעם ווינט.

פּיק־פּיק! אין שנאָבל דעם בריליאַנט —
די טויב זי ברענגט דיר אַ געשאַנק.
און אפשר שימערט עס מײַן האַנט,
וואָס גלעט דײַן קעפּל צאַרט און באַנג.

ברום־ברום! אין שפּעטער שעה פון נאַכט
שוין ווידער הילכט דער בייזער גלאָק.
ניט שרעק זיך, קינד מײַנס, איך באַוואַך
דײַן שלאָף — ביז אויפקומען וועט טאָג.

בלויאויג

— עוועלין—חבֿיבֿה
צום 1טן געבוירן־טאָג

בלויאויג שפּרינגט אַרויס פון דרימל,
ווי אַ העזל פון אַ קופּע גראָז —
און זי טוט זיך פּלוצעם אַ צעלאָז
אויף די העכסטע טענער, ביז צום הימל.
זי גוואַלדעוועט מיט אַ דין־דין שטימל,
און דער באַגינען מיט אַ קאַפּעלע פּאַרדראָס
אַ בלאָסער שטאַרט אין מילכיקן פּענצטערגלאָז —
הלמאַי די קליינע האָט דעם חלום אים צעטומלט...

אָבער בלויאויג גראַגערט אָן אַ סוף
און טענהט־מענהט מיט צעפּלאָפּלטע געזאַנגען,
ביז דער פרימאָרגן ציט אַרויף
זײַנע ליכטיק־גילדענע פּאַרהאַנגען.
מיט אָן אָפּן מויל בלויאויג בליקט אַרויף
און זוכט דעם לייטער פון די קלאַנגען.

אין ווונדער פון דײַן קומען

צום געבוירן פון הערבערט־עליס —
צבֿי־אליהו

אויף דורות־הענט, פֿאַרשׂרפֿעטע אין קדושה־שײַטערדיקן בראַנד,
ווי אויף אַ טאַץ פֿון אַהבֿה און יסורים אויסגעהאַמערט, —
ווערט דײַן גופֿעלע אונדז צוגעטראָגן אַ געשאַנק.
און דו צאַפּלסט — אַ קנאָספּ אַ ציטעריקער קעגן זון —
מיט פֿרישן גרין אויף אַלטן נצחדיקן שטאַם.
אַ, זאָלן אונדזערע אָפּגעבליט־צעשטייבטע דורות נערן דיך —
דין און בייגיק צווײַגעלע פֿון פֿאַרקוילטן בוים, —
עס זאָל חלילה ניט פֿאַרלאָרן גיין ביז אין משפּחה־ווײַטעניש
דער זכר פֿון אונדזער אויסהאַלטעוודיקן זײַן.

איך — עינויים־גוף, פֿאַרוויקלטער אין חורבן־פֿאַרמעטן —
האָב דיך געטראָגן אומגעאַנט אין מײַן ברוסט,
ווי גלימערדיקער אידלשטיין אין טיפֿן שויס פֿון דער ערד.
מיט וואַקלדיקן טראָט האָב איך דורך שפּאַליערן פֿון טויט געשפּאַנט
און יעדע רגע האָט מיט גיפֿטגאַז נאָכגעיאָגט און נאָכגעדאַמפּט.
בין איך ווי אַ שטשור אַלע מיתה־משונה־לעכער דורכגעקראָכן
און דיך אַדורכגעגנבֿעט אין מײַן בלוט —
ווי דעם קוואַרן שימלדיקן פּענעץ ברויט
אין מײַן קאַדערדיקן העפּטלינג־מלבוש.
און ווען די סכּנה האָט זיך איבער אונדזערע קעפּ צעוויגט
און דעם בלוי־שוואַרצן הימל מיט אַ שיסערײַ צעדריבלט —
האָסטו דעמאָלט אין מײַן האַרץ פּחדימדיק געיאָגט. געיאָגט — —

...און הײַנט האָסטו צעליכטיקט אונדזער היים
מיט דײַן בלויען בליק און קינדיש שמייכל;
און אונדזער אומעטיקע שוועל אין העלקייט האָסט צעטאַנצט,
ווי מיט אַ כּישוף־שליסל וואָלסטו אויפֿגעעפֿנט
אַלע טויערן פֿון שײַן —
אין ווונדער פֿון דײַן קומען!
אין ווונדער פֿון דײַן זײַן!

זונהעזל

כ׳בין נאָך אַ קינד געווען, ווען די זון האָט מיר אַ העזל געבאָרן.
נאָך אַ ווײַלע האָב איך אים פֿאַרלאָרן און פֿאַרגעסן. נאָר אָפּגעפֿונען
האָב איך מײַן זונהעזל יאָרן שפּעטער אויף אַן אינדזל. געדרונגען
איז טרויער פֿון די דערשטוינט־קײַלעכיקע קוקערס. דער קאָרן
האָט גאָלדיק געוויגט זיך אין רײַפֿקייט, נאָר אַזוי ווי פֿאַרלאָרן
בין איך צוריק געלאָפֿן — און די זון איז קאָפּויער געקומען
מיך באַגעגענען. דאָס העזל איז געווען אין צער אײַנגענומען.
און איך האָב בײַם פֿעלדראַנד שטום געקליבן די בלויע יאָרן.

אויפֿן העזלס בלאָנד פֿעלכל האָבן זונבליטן געצאַפּלט שוואַך, שיטער,
און דאָס הערצל איז אים געווען פֿון בענקשאַפֿט און עלנט — מאַט.
נאָר די פֿיסלעך האָבן זיך נאָך געהייבן, ווי צום טאַנץ. ביטער־
גאַליק איז געווען די שפּיל. פּלוצעם האָט אַ קנאַק געטאָן אַ בלאַט
אַ טרוקענער — און ווי אַ מאָל האָט אַ יונגער ציטער דורכגענומען
זײַן לײַב — איז ער צוריק צו ליכטיקייט קינדערשער אַנטרונען.

די צײַט צום אַמאָל

ניט לאַנג צוריק ביסטו געווען די העלפט פון דײַנע יאָרן —
און אויף די פליגעלעך געשימערט האָט נאָך גאָלדשטויב־גלי
פון אַ יונגיטשק פייגעלע אין ערשטיקן און ציטעריקן פלי,
נאָר קינדערטעג האָבן געשווערט, ווי שטיינער אין זכרון,
און אָפּגעצוימט דעם פרײַען וועג. דאָך האָסטו ניט פאַרלאָרן
אויף אַ רגע דײַן מאַגנעטישן, בריליאַנטיק־בליציקן עספּרי.
און נאָך הײַנט אַפילו טוט דײַן קאַרנבלימלדיקער בליק אַ צי —
יונג־פאַרשײַט, מיט אַ זיסן שטאָך, ווי אַ שדל מיטן האָרן...

ווי לאַנג צוריק... דרײַ פינטלעך אומעט וואָס צערודערן ס׳האַרץ —
דו טראָגסט אים אונטער צוויי בעכערלעך פולינקע מיט ליבשאַפט
בלויע אויף אַ שמייכלטאַץ... שטעלסט יאָרן איבער און געניאַרסט.
און ווידער מאַכן מיר לחיים איבער דער אויפגעשוימטער קראַפט
פון טרויער. מיט צוואַנציק פאַרשיכּורטע פינגער גלעטן מיר צוריק
די צײַט צום אַמאָל — — און מיר שפּילן מיט רינגעלעך זונגליק.

צייכנס

לחיים איבער איינאונצואַנציק בעכערס פּרילינגוויַין האָט דער בכור
געמאַכט. און אַ מונטערער, אַ גלייביקער, אַ ליכטיק־אויפגעבליטער
האָט ער מיט יונגער גבֿורה, ווי זײַן טאַנק דער מידברדיק־צעגליטער,
זיך אַרײַנגעריטעמט אין דעם מאַרש פון ישׂראלס קעמפנדיקן דור.

מײַן טאַטע האָט צעקושט זיך מיט איר אייגן וווּנדערלעכער וואָר
פון זומערשײַן, וואָס אַכצן מאָל באַרירט האָט אירע צאַפּלדיקע גלידער.
און מײַן וואָרט אין זייער פרייד איז בלויז אַ זוניק שפּליטער,
וואָס מיט אים מאַך איך שהחיינו אויף יעדן נײַעם לעבעדיקן יאָר.

און דער מיטלסטער — מיט פּופּצן קרײַזן גילדענע אַרום זײַן וועלט —
אַ טײַער יינגל, וואָס טראָגן העלפט דעם עול פון היימיש־ליבע זאָרגן.
די יינגסטע — נײַן און צען — טויעלעך קרישטאָליקע אין פרימאָרגן.
און פון זייער אימפּעט ראַשיקן אָטעם מיך פאַרפעלט — פאַר־פעלט...

צום לויף פון קינדעריאָרן־ליכט כ׳וועל מער צוריק ניט גרייכן —
נאָר אין געיעג נאָך קינדערשײַן קלײַב איך צוזאַמען צייכנס...

אַכצן יאָר

אַ פּאַפּירל הײַנט געפֿונען. ליגט שוין יאָרן.
צוויי שורות — ווי בלימעלעך לאַנג פֿאַרבליט.
מײַן האַנטשריפֿט און די אותיות — בלאַס־פֿאַרפֿראָרן,
בלאָזן מיט אַ פּראָסטיק קעלט אויף מײַן געמיט.

און ס׳ווערט מיר יעדער וואָרט אַצינד דערווידער,
כאָטש די שורות טוען נאָך מיט ערשטיקייט אַ קלונג:
„איך האָב דערפֿילט דעם טעם פֿון וואָרט ברידער,
ווי האָניק וואָלט גערונען אויף מײַן צונג".

באַנאַל. און אפֿשר ניט אַזוי געמיינט גאָר.
טאָ פֿאַר וועמען אָפּגעהיט די שורות אַזאַ צײַט?
טו איך מיט נערוועזע פֿינגער ס׳פּאַפּירל גלעטן
און אַ דריי עס גיט זיך אויף דער אַנדער זײַט.
און דאָ — אַ רשימה נעמען אויף אַ ברית פֿאַרבעטן
און דאָס יאָר...
ווער איך מיט בענקשאַפֿט אָנגעזעטיקט
און דערמאָנונג — — ער איז שוין אַלט געוואָרן אַכצן יאָר.

אין אַ טרער

שולמית איציקסאָן (פון שקוד) —
די יונג־פאַרשניטענע — אַ מצבֿה.

פאַרלאָשן זיך האָבן די שטערן,
געשטאָרבן דאָס ליד.
אין אַ טרער — איר אייביקער אָרון —
רוט שולאַמית.

אַ פענצטער. און דאָרטן דער וואַלד —
אַ פאַרזייגטער אין גרין און אין צוויט.
אין זײַן טונקל־פאַרשטילטן באַהאַלט
דרימלט דורך טעג שולאַמית.

זי וועקט זיך אין גאָלדיקן פלאַם
פון צעצונדענע ביימער, ווי ליכט;
אין צעבלעטערטע קרוינען און שטאַם
זי שפּיגלט איר אַשיק געזיכט.

זי קומט פון דעם נעפּל אַרויס
און שוועבט אין פאַראומערטן טאָל.
לבֿנה — צעוואַקסן און גרויס —
באַגלייט זי צום לאַנד פון אַמאָל...

זי שנײַדט זיך אַרײַן, שולאַמית,
אין מיט פון דערוואַכטן זכרון.
דער וואַלד אויף איר קאָפּ טוט אַ שיט
אַ בלעטערפאַל — פעליקע יאָרן...

זעץ איך זיך צו לעבן איר:
— ווי קומסטו אַצינדערט אַהער?
ווי אַ ווינטל כ'פיל איר באַריר,
און אין אויג — דעם ברי פון אַ טרער.

— דו האָסט מיר געצויגן אַהער!
צו געדעכעניש דײַנער פאַרשקלאַפט —
אין דיר איך לעב און איך צער,
דײַן טרערישע בענקשאַפט — מײַן קראַפט.

כ'האָב איצטער פון טויט ווי דערוואַכט,
אַ שוועב בלויז — אַט איז די שטוב!
אַ פלאַטער נאָר — היימישער דאַך! —
ס'טראָגט מיך די יונגקייט פון גרוב.

פון ענגשאַפט איך רײַס זיך אַרויס
צו די נאַכטיקע תהומען — צעפּראַלטע,
יאָג זיך וואַלד־אײַן און וואַלד־אויס —
ווו כ'בין שוין אַן אייביקייט־אַלטע.

און אַז כ'קום אָן צו היימישער שוועל,
צום שטיבל ווו איך בין געבאָרן, —
צייל איך דורך נעכט און איך צייל
מײַנע פאַרשניטענע יאָרן.

כ'צייל זיי — אַ שטומע און בלינד —
די יאָרן די קיין מאָל דערגרייכטע,
און וואַרף זיי אויף הפקר צום ווינט,
וואָס טראָגט זיי צו פינצטערע הייכן.

קיינער ניט וויס אַזאַ צאָל
אין ערדישע יאָרן און מאָסן —
ווײַל יונגנט זי שטאַרבט ניט קיין מאָל,
מ'האָט אונדז ווי זאַנגען צעקאָסעט.

כ׳וועל דעריבער ניט זאָגן — אַ שאָד,
ווײַל כ׳מעסט ניט דאָס לעבן מיט יאָרן,
איצט מעסט איך מײַן יוגנט מיט גאָט —
וואָס כ׳האָב אים אין יונגשאַפט פֿאַרלאָרן.

ס׳איז דער הימל פֿאַר מיר נאָך פֿאַראײַזט —
כ׳וואָלט מיט אַ פֿויסט אים צעשטערן!
מיט אַ מאָל האָט פֿון וואַלד דער גײַסט —
איר אַרונטערגעוואָרפֿן צוויי שטערן.

— צוויי שטערן — אַ סימן פֿאַר מיר:
איך וואָלט אויסגעטראָגן אַ צווילינג...
נאָר ס׳האָט מערדערשע האַנט ניט קראַפּירט —
זי האָט מיך אין ווייען פֿאַרטיליקט.

אין שטוטהאָף אין לעצטיקער נאַכט,
מיטן לײַב צו דער ערד צוגעפּראָרן, —
געוויינט האָט אין מיידלשער טראַכט
מײַן קינד — וואָס איז ניט געבאָרן.

און ס׳האָבן באַלויכטן מײַן טויט
די הימלען — די בלויע סקעלעטן.
כ׳קום צוריק פֿון דער ערד מיטן ברויט.
אָ, טו מיר מיט פֿינגער אַ גלעט טאָן — —

פֿאַרלאָשן זיך האָבן די שטערן.
געשטאָרבן דאָס ליד.
אין אַ טרער — איר אײביקער אָרון —
רוט שולאַמית.

דײַן לעצטער לײַוונט

מײַן ברודער — ישׂראל ע״ה

דײַן לעצטער לײַוונט — אַן אַפריקאַנער זומערדיקער טאָג,
דײַן פּענדזל טאַנצט אויף אים מיט שאָטנדיקע פינגער.
אַ שלײַדער טוסט דײַן עלנט און ס׳ווערט דיר גרינגער,
ווען אַלע לײַדן פון אַ לעבן פאַלן אויף דער גורל־וואָג.

שטיל. קיין טרער. ניט מאַטערניש און ניט מער פּלאָג.
דער לײַוונט דעקט איצט צו דעם טרויעריקן שפּרינגער.
לאָז אָנטאָן דיר אַ פאַרבנקרוין, ווערן דײַן באַזינגער,
ווען אין אייביקייט צעזוניקטער גיסטו זיך אַ טראָג.

דער מאַמעס הענט כאַפּן־אויף דײַן אויסגעפּײַניקט גוף —
זיי צערטלען דיך, ווי דאָס ווינטל, פריש און לינד,
און ווייך ס׳ווערט די האַרטע ערד. פון ווײַט אַ רוף,
ציטערט ווי אַן עכאָ אין דער לופט: סראָליקל, מײַן קינד.

ניט יסורים. ניט קיין נעכטנס. נאָר אַ גרויסער הײַנט.
און אויף דײַן לעצטן לײַוונט — מאַמעס טרער צעשײַנט.

אין אַפריקע

א. אָנקום

דער עראָפּלאַן אין הייכן נאַכטיקע — אַ דינער פּאָדעם ליכט —
שנײַדט זיך דורך אַ שטעג אין סאַמעט־שוואַרצע רוימען...
דעם שכנס בלייכקייט רעפלעקטירט אויף מײַן געזיכט,
און אין האַרצן — מײַנע אויסגעבענקטע ציטעריקע טרוימען.

די מײַלן שרומפּן־אײַן מיט יעדן הימלדיקן שפּאַן.
זעכציק גורל־צעטלעך הענגען אויף משקולתדיקע פליגלען.
פּלוצעם, דער צעבליצטער פויגל — אונדזער עראָפּלאַן
אַ זינק ער גיט און הייבט זיך אָן צו וויגלען — —

איבער זעכציק לײַבער טוט אַ פּאָר אַ פּראַסטיק האַנט
און הערצער פרירן אײַן אין זעכציק טויזנט אימהס —
אַ רגע בלויז... און ווידער זשומט דער עראָפּלאַן,
ווידער בלײַען אויגן אויף מיט ערדישע חלומות.

און פּנימער צעשמײכלען זיך, מיט בראָוואַדאָ אַנגעגליט,
כאַפּט מען גלעזלעך וויסקי — מוט זיך אָנצוהויכן.
נאָר איך ווי קום אַהער — אַ רעשטל געטאָייד,
אַ ייִד — פאַרוויקלט נאָך אין דאַכאַוישע רויכן ?

און ס׳גיט אין האַרצן מיר אַ ברי אי גליק, אי שאַנד :
— אַט האָסטו דאָך געציטערט ערשט באַגלײַך מיט אַלע !
צי קען דער הימל־תהום זײַן טיפער פון דײַטשלאַנד ?
צי דאַרף דיך שרעקן טויט נאַטירלעכער פון פאַלן ?

אונטער אונדז די רייען ליכט — אין דער לענג און ברייט.
און אין האַלדז טרערן זיסע טוען מיך אַ ווערג —
צי אפשר איז עס גאָר מײַן שכנס אויפגעהײַטערט פרייד :
— באַרכעסעם, סיין געקומען ! איר זעט, יאָהאַנעסבערג...

ב. יאָהאַנעסבורג

אויף מאָרגן מײַן װעג אין יאָהאַנעסבורג־סיטי
געװען איז מיט זונגאָלד געפּלאָסטערט,
איך האָב דאָ געטראָטן אין ייִדישער ליטע —
מײַן ליטע אויף אַפריקעס גאַסן.

כ׳האָב דאָ געבלאָנדזשעט גאַס־אײַן און גאַס־אויסעט,
געמאָסטן מײַן היימשטאָט, מײַן נײַע,
נאָר הינטער צעזונגענע טריט און באָרװישטע
געהויערט האָט אומעט, פאַרטײַעט.

הימל געבלױט האָט — אַ שטריך אַזאַ שמאָלער —
פאַרדרענגט צװישן מויערן שװערע.
פלוצעם אַ שטים האָט געװעקט װי פון חלום —
איך האָב זי געהערט װי דורך טרערן:

— דערקענסט מיך? כ׳בין דער בית־מדרש, כ׳בין עס!
ניט קוק װאָס איך בין דאָ אין עושר צעשײַנט.
און דו האָסט פאַרבלאָנדזשעט — מסתמא אַ גרינער.
פון װאַנעט אַ ייִד איז — פון װײַט?

— אַ װײַטער... אַ פרעמדער... פון גורל פאַרװאָרפן...
די װערטער — זיי װײנען פאַרקלעמטע און שטום.
װערט שותפות פון עלנט נאָך מעסערדיק־שאַרפער
און כ׳פאַל צו דער װאַנט צו דערשראָקן און פרום.

גלעט איך די װאַנט מיט פאַרחלשטע פינגער,
כ׳טאַפּ אָן דעם קאַלטן, דעם אײַזערנעם שלאָס,
און פיל אין די הענט די שװערקייט פון זינקען,
און אויף מײַן האַרצן — דעם פּרוכיקן ראָסט.

ס׳וואָרקעט די שכינה הינטער ליכטיקע שויבן —
אַ טויב אין איר איינזיין פאַרשלאָפט,
און זון, ווי אַ הענגל פון פלאָמיקע טרויבן,
בריט אויף מיין קאָפ מיט פייערדיק זאָפט...

לאָז איך אַראָפּ זיך אַ מידער פון וואָגל
און קיל־אָפּ מיין קאָפּ אויף אַ שטיין.
פון הימל, פון בלויען, צעפלאָקערטער האָגל
שלאָגט איין מיין חלום פון היים — —

— ניטאָ מער! און וועב ניט קאָשמאַריקע נעפּלען!
איך שמייס זיך אַליין מיט צעביטערטע רייד.
— בטלן, צי קענסטו אויפריכטן דאָס שטעטל
אין האַרצן פון שטאָט — אַ צעשפּאַרטע פון פרייד?

און דו האָסט געהיט דען די אוצרות די אַלטע?
נאָר איצט בעטסטו־איבער דעם גאָט פון דיין שטאַם,
ווייל ס׳איז דיין נשמה מיט שפּאַלטן, מיט שפּאַלטן,
און ס׳איז זיך צעפּאַלן פון לעבן דיין ראַם.

נאָר די דאָזיקע יוגנט וועט וועגן פאַרלייגן —
זע זי — ווי מונטער און פריילעך און שיין.
און זיי זע — די טאַטעס, באַקאַנטע און אייגן —
די האַרציקע ייִדן פון נעכטיקער היים.

און ווידער פאַר שעהען געבלאָנקעט, געקוויקט זיך,
דורך גאַסן מיט זוניקן גאָלד איבערפלייצט,
און ס׳האָבן דאָ ריחות מיט היימישער שיכּרות —
דערמאָנונג און בענקשאַפט פון עבֿר געריצט.

ג. בענקשאַפט

עס ליגט דער באַשייד פאַר דער יידישער ליטע
אין שאַטנס פון ריזיק צעוואַקסענע הײַזער —
דאָ האָבן די טאַטעס מיט יונגע געמיטער
וואָרצלען געשלאָגן — פאַרעקשנט, באַגײַסטערט.

ווערט מיך אַזוי באַנג און פאַרדראָסיק, ביז טרערן,
און פּלוצלינג, מיר דוכט, פון אַ כּישופדיק לאַנד —
הילצערנע הײַזקעס, ווי זילבערנע שטערן,
שטראַלן־אַריבער מיט חלום־פאַרגאַנג...

שטייביקע וועגן, ווו איך האָב געוואַנדערט,
סטעזשקעס, ווי סטרונעס צו אָרעמער היים —
און יעדערע שפּילט מיר אַ לידל אַן אַנדערש,
וואָס ליוליעט מיך אײַן אין אַ טרוים.

טו איך אַ טרייסל פון שולטער די בענקשאַפט,
ווי ווינט טרייסלט בלעטער פון האַרבסטיקן בוים,
און איך דערפיל אין דער רחבֿות די ענגשאַפט, —
זי האָט מיך פאַרקרײַזט — אַ בית־עלמינדיק צוים.

ניטאָ מער... ניטאָ מער... צאַפּלט זכּרון —
אַ פויגל פאַרשמאַכט אין פאַרלאָזענעם שטײַג,
ניטאָ מער, איר שטעטעלעך, טײַער און אָרעם, —
אין אייביקער שטילקייט פאַרזונקען איר שווײַגט.

פון געדעכעניש אָבער ניט איינע פאַרוויט איז,
דאָ טראָגן נאָך יידן בכּבֿוד דעם רום
פון נעמען, ווי פענער אויף שאָטנס־סאָסנײַטיס —
זיי לעבן דאָ אַלע, זיי לעבן מיט אונדז.

שווער צו דערמאָנען די שטעטעלעך אַלע —
פערל פאַרזונקען אין בלוטיקן ים, —
אין הערצער פול ליבשאַפט זיי ווערן נתעלה,
ווי פעניקס זיי שטייַגן־אויף ווידער פון פלאַם.

אַט דאַכט זיך ניטאָ מער, נאָר ווי אַזוי קומט עס,
טוסט זיך אַ קער און דערזעסט אַ געבלינץ
פון היימישע בליקן מיט ייִדישן אומעט —
אַפריקעס גילגול פון ליטע־פּראָווינץ.

— מייַנע געבליבן, איר וויסט דאָך, אַט דאָרטן...
דאָרטן... אוי, דאָרטן... עס ציטערט די שטים.
און ייִדן צעזיפּצן זיך הינטער די קאָרטן...
דער שפּיגל גרימאַסיק האָט זיך פאַרקרימט.

און ס'טוט אַפּ אַ כּישוף דער שפּיגל דער קרומער:
אַט, און דער טיש אויף אַלע פיר שפּאַנט —
צום שטעטלשן מאַרק איז ער געקומען,
אַרום אים די ייִדן — מיט קאָרטן אין האַנט...

און איבער זיי אַלע — צעשמיסן די פּאָלעס,
פליט־אַן מנחם־מענדל אויף אַש־גרויען ווינט,
מיט פליגל פון פייַער דעם הימל זיי מאָלן...
אין די דערפער אַרום בילן די הינט...

— ראַ־טע־וועט !... האָט זיך דער שפּיגל פאַרלאָשן...
און עמעץ קלאַפּט אַפּ דאָס אַש פון ציגאַר.
איך פאַרנעם אַ גערייד, באַקאַנט איז דאָס לשון, —
שטיי איך פאַרגולמט, און הער צו — פאַרשטאַרט.

— דײַן פּיקציע אין פּײפּער געװוען אַלרײַט איז.
אַ ייִדישער פּײפּער, נאָר פּאַרט איז עס סײן...
צעשמײכלט זיך יענטע פֿון שטעטל װיװוײַטיז:
— כ׳פּלי מאָרגן קײן ישׂראל מיטן אל על־פּלײן...

און מײַן פּיקציע... טאַקע, דערלעבט אַזאַ נחת.
װי הײסט ער עס דאָרט, דער... דער רעדאַקטער?
סע צײגײט מיר מײַן האָרץ, װי סײן ער׳ט געמאַכט עס.
אַ, דערמאָנט זיך זײַן נאָמען, ער הײסט שמערל־בער...

אַט אַזױ זײַט איר אַלע, פֿאַרבליבענע רעשטלעך, —
אָריגינאַלן פֿון הײם, װאָס װעט מער ניט זײַן.
מיט ציפֿער אַלײן ניט גענוג דיך צו מעסטן,
עמך — מײַן פֿאָלק, װאָס װיל ניט פֿאַרגײן.

אין פֿעלדער, אין װעלדער, פּאַרצײַטיקע פּאָרטן —
דאָרט רוט זי מײַן גרױסע, מײַן ליטע־פּראָװינץ,
און דאָ ציט מען װײַטער דעם פֿאָדעם פֿון דאָרטן —
דער טאַטישער, מאַמישער המשך־פֿאַרדינסט.

דאָ גליִען די פֿונקען, פֿאַרטראָגן פֿון שטעטלעך,
שטעטלעך — װי װעלדער פֿון בליץ אױסגעברענט.
בין איך דאָ געקומען — אַן אײנזאַמער בעטלער —
און טראָפּנס שײַן קלײַב מיט פֿאַרטרױערטע הענט.

אױ, אַלע איר, אַלע, װי ליב און װי טײַער,
געשטאַלטן פֿאַרקריצט אין מײַן האָרץ, װי אין שטײן, —
מײַן שבֿט ליטװאַקעס אין אַ הױט אין אַ נײַער, —
מײַן ייִדיש געפֿונענע אַלטנײַע הײם.

ד. דער ניגון פון ליטע

דער ניגון פון ליטע זינגט אויף דײַן ערד דאָ
אַ זמר פון צײַטן פון װײַטע און ערטער,
געװען איז באַשערט אים אַנטרינען אַהער דאָ
פון לאַפּעס פון פינצטערע הענקער און מערדער.

אָ, װיפל פאַראַן דאָ נאָך טראָפּנס פון װײַנען,
װאָס קילן דעם מאַמינס פאַרשׂרפעטן גומען!
אָ, װיפל ברילִיאַנטן אויף אַפריקעס פלײַנען —
שפּליטערס פון ליטעס פאַרלאָשענע זונען!

ליטע — דער תּרגום טײַטשט: ליטװישע ייִדן —
עכטע ליטװאַקעס, מיט הויט און מיט ביינער,
װאָס האָבן „גוט־סבת" נאָך אַלץ ניט פאַרביטן,
נאָר געטװישט זייער שפּראַך — די ליכטיקע, שיינע.

דאָס היימישע לשון, דאָס ראָזעװע, פּראָסטע,
פון ייִדישע כאַטעס, פון טריבע און גרויע,
װערטער מיט ריחות פון בידנער פּרנסה:
אַ הערינג, אַ בולבע, אַ ציבלקע, זויערס...

װערטער, װאָס אונטער איין הימל געבאָרן —
בײַנאַנד מיט אַ יאַנקל, אַ יאַנאַס, סטעפּאַנאַס.
מיטן בינטעלע פלאַקס, חזיר־האָר, קאָרן,
און ברויט — נאָך פּשוטער אַ װאָרט צי פאַראַן איז?

ס'איז אַזאַ װייטיק דאָס אַלץ צו דערמאָנען,
נאָר װער קען דעם אמת בכּיוון פאַרפאַלשן?
אויב סטעפּאַן געבאָדט האָט אין אונדזערע דמים
אויף פאַרצײַטיקע דורות צי מעג מען זײַן מלשין?

דורות — צוזאַמען געלעבט און געשטאָרבן,
בשכנות — אַ קלויסטער, אַ קלויז, אַ בית־עולם,
כאָטש תּמיד געווען איז אין אויג זיי אַ דאָרן
דער ייִד, זײַן אמונה, אין הויז זײַנס דער שלום.

בריט מיך די בושה: אַליין טוסט זיך שענדן —
דערמאָנסט זיי לטובֿה אין דײַנע פּאָר גראַמען,
די דורות וואָס האָבן אין זייערע לענדן
געטראָגן דעם זאָמען פון בלוטיקע כאַמען.

טרייסל איך אָפּעט מײַן פּעדער מיט ציטער,
ווי אַ בלוטסטראָפּן וואָלט קלעפּן געבליבן,
און זאָל ווי בײַם אָנהייב זיך ציִען איצט ווידער
דאָס געזאַנג פון די ליטווישע האַרציקע ייִדן.

ייִדן, וואָס האָבן אַהער זיך דערשלאָגן
איינינק אַליין, אָט ווי שפּענדלעך, ביחידות,
יונגען אָן היימען, מיט ליידיקע מאָגנס,
וואָס ריכטן אָפּ גלות אין קאַפּעריטעס...

זיי האָבן גענאַרט מיט חלומות דעם הונגער,
מיט בענקשאַפֿט זיי האָבן פֿאַרשריִען דעם מאָגן ,
און ס'האָט זיך בטחון צעגרינט ווי אַ וווּנדער —
פֿאַרפֿלאַנצט אויף אַ דורותדיק זאַפֿטיקן באָדן.

עקשנות געשפּאַרט האָט, געזבריט האָט אין בלוט,
ווען זון האָט מיט פֿײַער געבראָטן די גלידער,
און ס'האָט ווי אַ פֿלאַם אויפֿגעשלאָגן מיט מוט
פֿון אַלע פֿאַראייניזאַמטע, עלנטע ברידער.

און ס׳איז היים זיך צעוואַקסן אַ ליכטיק־צעבליטע,
פאַרשוּרשט אין פרישן און זוניקן גרונט, —
אַזוי האָט די גײַסטיקע ייִדישע ליטע
מיט אַפריקע־לאַנד דאָ פאַרשניטן אַ בונד.

און ס׳האָט ליטע די נײַע געאַרבט דאָ דעם שם
פון יענע, וואָס איז ווי אַ שאָף שוין צעחלפט,
מאַך איך אַ ברכה אויף דעם נס וואָס געשען
און פאַרשרײַב עס לזכר אין תוו שין יוד אַלף.

צי איז עס אַנטפּלעקונג, וואָס האָט מיך דערשטוינט ?
צי איז עס חזיון, וואָס בלענדט מײַנע אויגן ?
כ׳האָב זי, מײַן ליטע, דערקענט, ניט דערקענט,
אַזוי ווי אַ מעשׂה וואָס איז ניט געשטויגן.

נאָר דאָך איז זי וואָר, ווי דער ליכטיקער טאָג, —
ליטע, געשפּאַנט אין הײַנטוועלטיקע ראַמען,
און פולע מיט תּוך, ווי דער לויטערסטער סאָק,
די ייִדישע הערצער פון טאַטעס און מאַמעס.

טאַטעס, וואָס היטן נר־תּמידס בקדושה,
פון ייִדישע שטעטלעך לנצח פאַרלענדט,
און טראָגן זי ווײַטער די אַלטע ירושה
אויף זייערע שטאַלצע, פאַריתומטע הענט.

און מאַמעס מיט שימער פון צניעות געבלייכטע,
און חנעוודיק־מאַטע — כ׳האָב זיי דערקענט,
זיי טראָגן אויף וועגן פון גורל געצייכנט,
ווי תּמיד — די קינדער אויף ליכטיקע הענט.

און קינדער, וואָס זענען אַ האָר ניט געבויגן,
נאָר פילן דעם טעם ניט פון לשון של ייִדיש,
כאָטש דערקענסט זי, די בענקשאַפט אין זייערע אויגן,
וואָס די ירושה פון אונדזערס אַ ליד איז.

ס׳האָט ווער זיי צעמישט דאָ די יוצרות אין לוח,
ניט עונג של שבת, נאָר זונטיק של פּאַרטיעס,
און מקפּיד מ׳איז על־פּי נײַ־שולחן־ערוך —
און קיינעם ניט קימערט, קיינעם ניט אַרט עס.

ווײַל טו נאָר אַ בלעטער אין אונדזערע ספרים:
תּוך איז דער עיקר און טפל די קליפּה —
אַ שאָל וואָס צעפּאַלט זיך איז דאָך בלויז פּאַרעם,
אָבער די יאָדרע — זי בלײַבט נאָך אַלץ ליטע!

און מיט פּרוכטיקע קערנער האָבן ייִדישע היימען
צעשפּרייט זיך אויף אַפריקעס גאָלדענע סטעפּעס,
און מ׳קומט נאָך אין דאָרשט צו די קוואַלן פון שמען
מיט דעם אַפריקע־מלבוש — געמאַכט פּאַסאָן יפת.

איז וואָס אויב אַפילו אין פרעמדן געוואַנט?
די נשמה שטראַלט דורך דורך די אַלע מחיצות
און אין ייִדישע הערצער אין אַפריקע־לאַנד
פינקלט נאָך אַלץ דער ליטוואַקישער ייִחוס.

אַשריך, ווי וויל דיר, אַ, ליטווישער ייִד,
דעם המשך פון פאָלק — אומגעקומען אין פײַנען, —
טרעטסטו אויס ווײַטער מיט גילדענע טריט
אויף אַפריקעס ליכטיקע, זוניקע פליינען.

השומר הצעיר

* *

די מאַמע טוט אַ קרעכצעלע: — אײַ, די סקויטלעך...
און איר צאַרטע ליבשאַפט צאַפּלט־אויף אין קלאַנג.
— סקאַטינעס... — לאַכט דער טאַטע. כ'ווער פאַררויטלט,
נאָר אין האַרץ דער חוזק ציטערט־איבער אין געזאַנג.

זיי קלײַבן הויפנס נחת פון מײַן כאַקי־העמדל —
און די בליקן זייערע אויף זיך איך שפּיר.
אויף אַ קול — אַליין מיר קינדיש־פרעמדלעך —
איך קוויטשע־אויס: — השומר הצעיר!

ס'עבֿרי קוועטש איך אָן אויף ריכטיקער הבֿרה.
די שײַן פון אויגן זייערע אויף מיר געווענדט —
זי הויכט אויף מיר מיט פריידן זוניק־קלאָרע,
פון כוואַליעדיקער לויטערקייט ווער איך פאַרבלענדט.

כ'וויס: ניט די בלוזע איז עס, נאָר דער חלום!
אויף זײַנע פליגל טו איך זיך אַ טראָג אַרויף,
און מיט זונגאָלד ווערט דער הימל אָנגעקוואָלן —
ער פלאַטערט אויף מײַן קאָפּ — ביטאָ צו אים קיין סוף.

— — — — — — — — — — — — —

איז מיר גוט צו זאָגן הײַנט — געווען איז...
איז מיר גוט צו זאָגן הײַנט — אַ מאָל... אַ מאָל...
איז מיר גוט צוריק אַריבערשפּאַנען יענע גרענעץ —
צו יונגע טעג... צום טײַכל... באַרג און טאָל...

איז גוט — אַ בליק טאָן אין זכּרון־שפּיגל...
איז גוט — דערפילן יענער צײַטס באַריר...
איז גוט — דעם כּישוף־קוואַל אויפזיגלען
און ווי יענעם טאָג אַ שרײַ טאָן: השומר הצעיר!

דער מאַמעס קרעכצעלע איז אין מיר נאָך וואַכיק.
דעם טאַטנס חוזקל קלינגט נאָך אָפּ אין מיר.
נאָר מײַן אייגן קול קומט־אויף זעקספּאַכיק
מיט ווײַטן יוגנטלעכן עכאָ: ה־שו־מר ה־צ־עיר!

א. דער ערשטער „זבאַר"

אויסטערליש געקלונגען האָט דער נאָמען לוסקע —
אויף קאַניקול האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט צום זיידן
אין הייזלעך קורצע און אַ גרינע בלוזקע.
דער שטומער טאַטע פון נחת האָט געגומען ריידן
מיט די פינגער... נאָר דער זיידע — אַבאַ־יודע
דער אײַזן־קרעמער — איז געווען אַ קאַפּעטשקע צערודערט
און ניט געקענט פאַר גליק אַרויסברענגען אַ וואָרט.
און לוסקע, ווי אַ פּאַווע אָנגעבלאָזן, אָנגעסטראָיעט,
האָט ניט געפונען זיך אין שטוב קיין רו, קיין אָרט.
האָט ער די גאַסן שטעטלשע געמאָסטן, האָט אַרומגעשמײַעט,
געקנאַקט אויף רוסיש, און אויסגעזען האָט ער גויִש:
מיט רימענדלעך און בענדלעך, ווי מיט פּאַטשערקעס געפינקלט.

און דעם ערשטן זונטיק, אין זייער זאַל אין ווינקל,
האָט ער צונויפגעקליבן יאַטן אַרום זיך — אַ גאַנצע כאַפּטע,
און פּאָלאָווינע ייִדיש־גויִש האָט ער געזאָגט יאַסנע־קלאָר:
— רעביאַטאַ, הײַנט מיר האָבן דאָ דעם ערשטן „זבאָר"...
(אויפן טאַפּטשאַן האָט דער טאַטע מיט אַ פּײַף געכראַפּעט).
— און דאָס איז אונדזער שעף: גענעראַל באַדען פּאָול!
און ער האָט אַ בילד געוויזן פון אַ גוי מיט בלאָנדע וואָנצעס.
חברה האָבן לוסקען פאַרגאַפט אַרײַנגעקוקט אין מויל,
ווען ער האָט דערציילט פון אַפריקעס בוש און אָקסן־פורן,
ווו סקויטן האָבן אויף די וועגן נאָכגעשפּירט די שפּורן
פון שׂונא. און געבראַכט צום שטאָב, ווו דער פראָנט איז,
ידיעות — בעת דער מלחמה פון די ענגלענדער מיט די בורן...

לוסקע האָט פײַערלעך גערעדט. צום סוף געמאַכט אַ מעלדונג:
— דעם קומענדיקן זונטיק אין וואַלד. אויפשטעלן אַ פּאַלאַטקע.
מיר וועלן זינגען לידער און פון צווײַגן צינדן אַ קאָסטיאָר.
ער האָט געפילט זיך ווי אַ העלד און זײַן קול האָט געטאָן אַ קלונג
(פון שלאָף האָט זיך געוועקט מיט מרוקעניש דער טאַטע):
— לאַדנאָ, רעביאַטאַ, קאָנטשענאָ איז הײַנט דער ערשטער „זבאָר"...

ב. די באַוועגונג

זבאָרן... זבאָרן... האָט זיך אָפּגעטומלט אַזוי אַ וואָכן פיר.
און ווי לוסקע איז אַוועקגעפאָרן — אַלץ געוואָרן איז פאַרשטילט.
נאָר אײדער נאָך די שטילקייט האָט באַוויזן זיך פאַרציִען
מיט אַ גליוועֶר — האָט עפּעס ניסימדיק פּאַסירט:
מיט קלאַנגען נײַע איז די לופט געוואָרן אָנגעפילט,
ווי אַ מחנה שוואַלבן געקומען וואָלט צופליִען
און צוריק געבראַכט דעם פרילינג אומגעריכט.
ווידער האָט גענומען טומלען, קאָכן, רוישן.
די גאַסן האָבן אויסגעפּלייצט מיט זוניק ליכט.
מיט יוגנט־קולות פול געוועזן איז וואַלד און טאָל
און טריט מונטערע האָבן פאַרהילכט דעם דרויסן —
אַ גאַנצע שטעטל איז פאַרכאַפּט געוואָרן מיטאַמאָל.
און מיט כּוח מאַכטיקן יונגוואַרג ברויזיק שפּאַרט,
ווי כוואַליעס אינעם ים, ווען שטורעם טוט זיי טרײַבן:
אַ שטופּעניש פון ייִנגלעך, מיידלעך, — זיך קוים דערוואַרט
אַז מ׳זאָל זיי אין קבֿוצות פאַרשרײַבן...
האָט די באַוועגונג צום אַרויף גענומען שטײַגן —
אַ בוים וואָס ציט זיך צו דעם בלוי מיט אַלע צווײַגן.

און ס׳האָבן נײַע ווערטער זיך געטאָן אַ טראָג
פון הויז צו הויז — צעליכטיקטע געפלויגן.
חזק! — האָט אויפגעקלונגען יעדער פרישער טאָג,
דעם פּאַראָל אין האַרץ אַרײַנגעוויט —
און ניצחון־שײַן אין יונגע אויגן.
מיט פרייד האָט אָפּגעענטפערט זיי אַ נײַער טאָן:
חזק ואמץ! — מיר שווערן און מיר זענען גרייט
געטרײַ צו בלײַבן אונדזער פאָן!

אויפן בלישטשעדיקן זײַד, ווי אויף אַ גרינעם לאָן,
אותיות גילדענע האָבן געבליצט: קן השומר הצעיר. קיידאַן.
מיט אַ ידיעה, ווי אַ בינשטאָק, האָט געזשומט דער הויף:
די פאָן וועט קומען איבערגעבן דער ראָש־התנועה — יעקבֿ.

ג. ערבֿ חג

געגרייט האָט זיך דער קן צום יום־טובֿ פֿון דער פֿאָן.
געמאָסטן העמדלעך בלויע. אײַנגעקנעלט דעם הימען.
ערבֿ חג! — אויף רעדלעך איז געגאַנגען דער מעון
און פֿריילעך האָבן דאָ געקלונגען יונגע שטימען:
— הבֿה נגילה! גיכער דריי זיך האָרע־ראָד! חזק־חזק!
און צו דער גאַס די עכאָס טראָגן זיך ביז שפּעטע שעהען.
און אונטן, אויף דעם טײַך, וואָס מורמלט צו געשמאַק,
אַ גרופּע בוגרים אין אַ דיקן בוך פֿאַרטאָן איז מיט הנאה:
„חולמים ולוחמים", דערציילט פֿון חלום, קאַמף און פֿליכט —
די גבֿורה־בילדער זייגן זיך אַרײַן אין הארץ און מוח,
און די העלדן — באַשײַנט פֿון דעם אַרעאָל פֿון ליכט —
וועקן בענקשאַפֿט און פֿאַרמעסט פֿון יונגן כּוח:
בוסל... כאַזאַנאָוויץ... זײַד און טרומפּעלדאָר...
יעדער נאָמען שטאַרקער טוט די האָפֿענונג צעקוואַלן,
אַז אין פּוסטריט זייערע וועט שפּאַנען אונדזער שומרים־דור
און אין מעשׂים איבערשמעלצן זייער טרוים און אידעאַלן.

און מיט אייגענע חבֿרים טוט מען אויך זיך קוויקן —
זיי זענען עס די יונגע וועגווײַזערס און לערער:
דניאל... יהודה... דוד... און נאָך נעמען־אַנטיקן —
ס'דוכט זיך אַז לעגענדעס האַלטן אין באַשאַפֿן ווערן.
און דער האָריזאָנט צעפֿלאַקערט ווערט אין בראַנד —
טונקען זיך אין שקיעה־גלי קעפּ פֿון מיידלעך, יינגלעך.
די לאָטקע, ווי די הערצער, זיך וויגט בײַם קאַנט
פֿון טײַך, וואָס די וועסלעס לעקט מיט רויטע צינגלעך.

...איך זע זיי ווידער — זיי קומען אָן פֿון אַלע וועגן
און דורך אַ שוואַרצן רויך מאַרשירן זיי צום חג הדגל.
אָ, שטאָלצע פֿאָן! שאָטנס דעפֿילירן אויף הענגענדיקע ווענט —
איך זע זיי מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, און מיט ציטעריקע הענט
טאַפּ איך אָן דײַן הייליק זײַד און פֿיל דעם באַריר
פֿון אַש — אַש פֿון שטעטל און פֿון קן השומר הצעיר.

ד. נאָמען — סימבאָל

פון פאַרגעסנקייט דערקײַקלט זיך אַן עכאָ: י־ע־קב.
די זילבן דרײַ, מיר דוכט, איך הער אַ לעבנלאַנג, —
ווי יענעם טאָג, אין מעון אויף דאָוקשאַס הויף,
ציטערן זיי נאָך הײַנט מיטן זעלבן יונגן קלאַנג;
ווײַל צום נאָמען געוואוען איז אויך זײַן געשטאַלט —
און ביידע אין זכרון זענען ניט געוואָרן אַלט.

איך געדענק נאָך אַלץ מיט אַלע קליפּערלעך און תּגן:
צוזאַמען זענען מיר געשטיגן צום זוניקן אַרויף —
און ער האָט, אינעם שטײַגן, די שליחות פון זײַן דור
אויף זײַנע יונגע אַקסלען, ווי גאָטס געבאָט געטראָגן.
איז פאַר מיר דער נאָמען הײַנט מער אמתדיק און קלאָר,
כאָטש פאַרלייקנט האָב איך דעמאָלט יענע תּורות אַלע,
נאָר אין האַרצן האָב איך שטיל זיי אויפגעהיט, פאַר וואָר,
און מיך געשיצט האָט זייער שײַן און לויטערקייט,
ווען אין געדיכטער פינצטערניש כ׳בין פאַרפאַלן — —

האָט געכפּלט זיך די הייך אויף ברייט און ווײַט:
צו הכשרה! צו עליה! צו דעם פאָלקס זעניט! —
איבערגעשמאָלצן מ׳האָט די אידעאַלן אין אַ האַרטן ווילן.
און די באַוועגונג איז געוואַקסן וווּנדערלעך און שיין,
ווי אַ יונגער דעמב געשלאָגן וואָרצלען און געבליט,
און הערצער האָבן זיך צעליכטיקט גאָלדיק־רייך
אויפן וועג צו פאַרווירקלעכן די שטרעבונגען און צילן.
ס׳האָט דער ליכטסיגנאַל געוווּנקען: פאָרויס! ווײַטער גיין!
און דער דור מאַרשירט האָט חלוציש, מיט אַ יונגן ניגון:
— אויב עס הייסט באַוועגונג — טאָרן מיר ניט בלײַבן שטיין!

אויף יעקבֿס קאָפּ, זע איך, רוען נאָך די לאָרבערן פון יענע זיגן,
און איך פאַרנעם נאָך הײַנט זײַן טראָט, איבער יעדע שטערונג,
און פון דער מחנה בלוי־באַהעמדלטע — דעם אָפּקלאַנג פון זײַן קול.
און יעקבֿ האָט זײַן שׂכר געקריגט אין ליבשאַפט און פאַרערונג —
ווײַל דעמאָלט שוין דערהייבן האָבן מיר דעם נאָמען צו סימבאָל.

ה. יעקבֿ קומט

שווער זיך אויסצומאָלן הײַנט דאָס אומבאַשרײַבלעך גליק,
אַז יעקבֿ וועט צום יום־טובֿ פֿון דער פֿאָן פֿאַרפֿאָרן.
אין האַוועניש האָט זיך געגרייט די גאַנצע שומרישע משפּחה —
געמײַסטערט און געפּראַוועט, אַז אַלץ זאָל אויסזען שיין,
און איידער וואָס און ווען איז דער נאָמען שוין געוואָרן
דער סאַמע קלאַנג פֿון אַ מין יוגנטלעך־ראָמאַנטישער מוזיק
און האָט איבער די קעפּ מיט אַ פֿאַרבענקטן הויך געפֿאָכעט.
אַ פֿאַרסאָפּעטער האָט לעצטע פּקודות געגעבן דער ראָש־הקן...

און אַז דער דינער בחור מיט די דיק־גלאָזיקע ברילן
איז געבליבן שטיין אין מיטן פֿון דער גרויער סטאַנציע —
האָט אים באַגעגנט אַ געקליבענע דעלעגאַציע, שטיק בײַ שטיק,
און ספּאָנטאַן האָט אויסגעבראָכן אַ רוף: חזק! מיט אַן אָוואַציע,
און סאַלוטירט האָט אַ משמר־כּבֿוד פֿון אויסגעפּוצטע כּפֿירים.
אויף עבֿרית האָט באַגריסט אַ צופֿה — אַ שעמעוודיקע־שטילע, —
און יעדער איינער האָט געשטופּט זיך עפֿענען די טיר אים.

און גלײַך אין די ידים פֿון איזוואָשטשיק. אַ כאַפּ ס׳פּעקל.
— מע מוזש זשיך אײַלן. שפּעט, קינדערלעך. הײַנט איז פֿרײַטיק.
קריכט שוין גיכער, ממזשרימלעך, מאַכט דאָ ניט קיין ספּעקטאַקל!
ראָסקאָשנע וועט אײַך זשײַן אַלעמען אין דראָזשקעס צוויי...
די זון — אין מיטן הימל. מיט בעז פֿאַרשיכּורט איז דער מײַטאָג.
דער באַלעגאָלע אויף דער קעלניע טוט אַ שפּרונג און אַ געשריי
צו זײַן קאָלעגע: — היי, דאַוויי... דער אַדרעס בײַ מאַסלעוואַטן!
און דו, פּגירה, ריר זשיך, אַ רוח אין דײַן טאַטנס טאַטן!..
און איינער פֿון דער חבֿרה דעם פֿורמאַן גוטברודעריש דיקטירט:
— פֿאַר אַ צוויטן מאָל פֿאַרצייכנט אונדזער אַדרעס: השומר הצעיר!
דעם באַלעגאָלע ס׳עבֿרי איז געווען האַרב, האָט ער זיך געשטיקט
און דעם יִנגל צוגעוואָרפֿן: — מ׳דערקענט דעם אינדיק באָכן פּיק...
נאָר וואָס בײַ אײַך — בײַ פֿאָניע־גנבֿ האָט קיין מאָל ניט פּאַסירט:
יונים פּראָסטע זשאָלן פֿאָרן אויף איין דראָזשקע מיט אַ קאָמאַנדיר.
נאָר הײַנט זשײַנען דאָך אַלע טאָוואַרישטשעס, כאַפּן זשאָל זשיי די קראַפּיר...

ו. די פאָן

אויפגעראָלט די פאָן. די קעפּ צום מאַסט געהויבן.
אַ האַנט אַ ליכטיקע רירט זי אָן: — זײַט גרייט!
יעקבֿס ווערטער — גלעטיקע און וואַרעמע און וויל,
און אין קול — די קלאַנגען פון אַ פעסטן גלויבן.
צאַפּלען אויף זײַן צונג די בענטשנדיקע רייד
און אַ שמייכל איז פאַרקנייטשט אין ווינקל מויל.

איך הער נאָך יעדן וואָרט — איצטיק־אַמאָליק,
און ס'ווערן די געדאַנקען הײַנטצײַטיק און קלאָר,
ווי אויסגעשליפן וואָלטן זיי די יאָרן פײַן־קרישטאָליק
פון דעם חלום נעכטיקן — דעם פאַרוואַנדלטן אין וואָר.
איך זע, עס פינקלען גליקלעכע אַזוי פיל קינדער־אויגן,
איך הער, עס שאַלן פריידיקע אַזוי פיל יונגע הערצער:
— עלה נעלה! דערטראָגן וועלן מיר די פאָן ביז אויבן —
אויב זײַן דער וועג אפילו וועט דער שווערסטער!

כ'הער דעם ד ו ם. אַ פלאַטער פון דער פאָן. אַ שאָרך.
און אין דער שטילקייט ווידער יעקבֿס ווערטער האַרך:
— די פאָן איז אידעאַל, אויפן וועג דער פאַקל!
פרעסט די זעונג אײַן אין הארצן שטאַרקער, שטײַפער,
און מאַרשירט צום ציל שטאָלץ און אָן געוואַקל,
קעמפט פאַר די אידעען אונדזערע מיט מוט און איפער
און מיט פלאַמיקער אמונה זײַט זיי מגשים —
און זאָל קיין קרבן אײַך ניט זײַן צו שווער!

פאַר וואָר, ווידער האָב איך הײַנט געהערט
ווי אָפּגעהילכט אין מיר האָט יענע ווײַטע שטים
מיטן עכאָ פון דעם מינדסטן וואָרט און זאַץ —
און ווי אין יענעם פריילינגדיק־צעזונטן מײַ
געקלונגען האָט צוריק דער רוף: חזק ואמץ!
און אין האַרץ געברויזט האָט אַ געוויטער.
די פאָן איז אייביק אַלט. די פאָן איז אייביק נײַ.
כ'בין הײַנט געווען בײַם חג הדגל אין דער ליטע — —

ז. צוויי באַגעגענישן

און נאָך אַ מאָל האָב איך באַגעגנט יעקבֿן אין שטעטל.
יאָרן האָבן דורכגעאַקערט אונדז, ווי יונגע בייטן.
איצט איז זײַן בליק געווען מער פּאַרעקשנט און מער קראַפּטיק,
און פון תּנועה געשריבן האָט ער נאָך דאָס גאָלדיק בלעטל.
און ווײַל געלעבט האָב איך פון חלום־מויל, אויף גרייטן,
האָבן זײַנע רייד מיך געוואָרעמט און געגלעט, וואַרהאַפּטיק:
— אין אונדזער שומרים־דור די כּוחות יוירן, שפּאָרן,
דאַרף מען גלײַך די בעסטע און די גרייטע אַרויסקלײַבן —
זיי וועלן זײַן פון ערשטן קיבוץ אונדזערן דער גרעין.
על־כּן, וועל איך דאָ טאַקע איבער שבת איבערבלײַבן —
דער היגער קן זעט מיר אויס אַ שיין־צעוואַקסענער, צעבליטער...
איבער אונדז האָט געשטראַלט אַ זומערטאָג אַ קלאָרער, —
ס'איז געווען סוף די צוואַנציקער אין ליטע.
יעקבֿ — אויף אַ ביקור, איך — פון הכשרה.
— צו מאָרגנדיקער פּגישה כ'בין אַהער פאָרפאָרן...

שפּעט. איך יאָג אָן אָטעם אויף די הילצערנע טראָטואַרן.
ס'קומען מיך אַנטקעגן זיסע ריחות פון די לאָנקעס.
דוד באַווילסקיס הויף. ס'טוט אַ בליאַסק הימיש־וואַרעם
אַ קרײַז פון פּנימער — חבֿרישע, נאָענטע.
אין מיטן יעקבֿ זיצט און אין אַ שמועס טיף פאַרטאָן איז.
נאָר פּלוצלינג האָט צעהודעט זיך אין מיר אַלאַרעם:
ברײַנקעס בליק האָט יעקבֿן אין אויג געטראָפן —
און יענער בליק האָט זיך פאַרקריצט אין מײַן זכּרון — —

יאָרן שפּעטער. אין מײַן אַלטן קיבוץ. יום־טובֿדיק פּנימער גלי׳ען.
אַנטקעגן איז מיר ברײַנקע מיט אַ ברוך־הבא אָנגעלאָפן:
— מיר פּראַווען גראָדע הײַנט אונדזער זונס בר־מיצווה...
כ'האָב דערפילט אין אָנזאָג אי אַ גורל־צייכן, אי מײַן זכיה.

...און זי האָט אָנגעקוקט יעקבֿן מיט אויגן מיידלשע־צעבליצטע.
און מיר האָט זיך געדוכט: איך שפּאַן צוריק, איך שפּאַן,
און זיץ מיט זיי אין קרײַז — אין דער חרובֿער קיידאַן — —

ח. ווּעידה אַרצית

די הנהגה ראָשית האָט אַ בריוו געשיקט: אַ דעלעגאַט קלײַבט אויס.
און ווײַל ס'איז אײַליק, לאָזט אונדז וויסן גיך.
די ווּעידה אַרצית וועט וויכטיק זײַן און גרויס...
און ס'האָט דער קן אויסגעקליבן מיך...

איך האָב ניט געקענט איבערוועלטיקן מײַן פרייד —
די שליחות האָט געמיינט אויסדערוויילטקייט און גענאָד.
לאַנגע נעכט געווען פּאַרטאָן אין וויכּוחים, רייד
און שוין געהאָט אָנגעפּאַקט דירעקטיוון אַ פולע טאַש —
נאָר פולער איז דאָס האַרץ פון שימחה־איבערלאָד.
דאָך איז לײַכט געווען צו קומען צו דער שמאָלער גאַס
און בלײַבן שטיין מיט אויגן אויפגעריסענע אין דער טיר,
ווו ס'האָט מיט אותיות בלויע געשײַנט דער טראַנספּאַראַנט:
ברוכים הבאים! — אין דער גאַנצער לענג פון וואַנט —
לוועידה הארצית החמישית של השומר הצעיר!
און איך קריג מײַן קאַרטל מיט אַ זשעטאָן: ציר...

יאָרן צענדליקער פון דעמאָלט זענען שוין אַוועק.
נאָר יענע נאַכט, ווי אַ חלום קומט צושוועבן.
איך זע ווי הענט אויף אַקסלען טוען זיך אַ שטרעק
און איך הער — ניגונים ווידער צאַפּלען אויף מיט לעבן:
אָנו נהיה הראשונים... עוד לא נותקה השלשלת...
און פיס מיט יונגן ריטעם קלאַפּן אָן אַ סוף.

שטיל. דער יושבֿ־ראש פײַערלעך ס'גרויסע נײַעס מעלדעט:
— דער שליח פון הנהגה עולמית — חבֿר מרדכי בן־טובֿ!
זײַן עבֿרית דעם אויער גלעט — בריליאַנטיק און פּערפעקט.
ווערט די שטילקייט טיפער נאָך און ס'געהער געשפּאַנט.
און בן־טובֿ ווי אַ שפּרודלדיקער קוואַל האָט זיך צעלאָזט:
אַנאַליזן און דאָקטרינען... ער צייכנט אָן אַ נײַעם פּלאַן...
און ווי פּאַרעך אַלע אַנדערע פּראָגראַמען ער צעבלאָזט...

די ווּעידה געווען איז גרויס — אַ מײַלשטיין אין באַוועגונג.
און פאַר מיר — טעג ליכטיקע אין מײַן יונג פאַרמעגן.

ט. עליה

עליה! כּישוף־וואָרט! — ניטאָ קיין צווייטער איז צו אים.
צעקלונגען האָט ער זיך אין אַלע שפּילעוודיקע טענער —
האָב איך זײַן ניגון אויפגעכאַפּט מיט יונגער שטים
און ס׳איז מײַן חלום־וועלט געוואָרן ליכטיקער און שענער.
מײַן וועלט! באַשאַפן וועל איך זי פון פּראָסטן ליים —
אירע ציגל קנעט איך אין מײַן בלוט און מוח —
זי וועט זײַן פון ברודערשאַפט אַ בונד — די קיבוץ־היים
און ליבשאַפט צו אַ נײַעם מענטש, וואָס אים געטרוי איך.

די ידיעה איז צו מיר געקומען שנעל און אומגעריכט
און מײַן האַרץ האָט ווי אַ קוואַל גענומען ריזלען...
כ׳האָב געמוזט זיך גרייטן אײַליק, אויף דער גיך,
ווײַל היינטער מיר האָט שוין געוואַרט דער פּריזיוו.
האָט צעקלונגען זיך דער קן, דאָס שטעטל האָט גערוישט,
ווי אַ פאַרביקער באַלאָן האָט זיך דאָס וואָרט געטראָגן:
עליה! און ס׳האָט די פרייד אין מיר געברויזט
און אויף חלום־פליגלען האָב איך זיך גענומען יאָגן.
כ׳וואָלט מיט מײַן לעבן אָפּגעצאָלט הײַנט פאַר אַמאָל
און אויף דער טוונג קיין חרטה מער ניט האָבן — —

טאַטע־מאַמע האָבן ניט באַנומען וואָס איז דאָ געשען,
נאָר אין מײַן פּנים האָט זיך גליק געשפּיגלט:
דער ערשטער שוואַלב מאַכט אַ נײַעם פרילינג פאַרן קן —
מיט יונגשאַפט און מיט ליכטיקן געזאַנג באַפליגלט.
ע־ל־יה! אויף די טראַפּן דרײַ כ׳האָב געשוועבט אַרויף —
ס׳איז געווען מײַן עראָפּלאַן און מײַן בלויער חלום.
ניט פאַרגעסן כ׳קען דעם אָפּשייד. דעם געפּאַקטן הויף.
חבֿרים. חבֿרטעס. פאַרשנייטע בערגלעך. גרינע טאָלן.
כ׳הער נאָך ווי דער לאָקאָמאָטיוו פײַפט — גרילציק־רײַסיק.
איך פאָר... דער חלום פליט... אָנהייב נײַנצן דרײַסיק.

...טרויער־פידלען וויינען כ׳האָב איך האַרץ געשפּירט —
ווען אַ שיף האָט צו מײַן גורל מיך צוריק געפירט

— — — — — — — — — — — — —

מײַן לאַנד

מיט ציטער שרײַב איך אויף די ווערטער צוויי
און זע, אַ נס — זיי ווערן ניט פֿאַרשוווּנדן!
אין מײַן האַרצן זענען זיי פֿאַרשניטן — ווונדן,
און אַ לעבן לאַנג פֿיל איך זייער שאַרפֿן ווײ.

כ׳האָב געשטומט, כאָטש געיאָמערט מיט געשריי
האָבן אַלע קעמערלעך אין לײַב און געבונדן
מײַנע בענקשאַפֿטן. מײַן בלוט האָב איך געצונדן
מיט חרטה־פֿולווער בײַם טויער פֿון פֿאַרגיי.

אומזיסט געמיינט: ס׳איז די וועלט מײַן לאַנד —
זי איז צעפֿאַלן אין מײַן אויג ווי צונטער —
און אויף איר חורבֿן, איר וויסטן ראַנד,
מײַן אַלטער חלום בליט מיט נײַעם וווּנדער.

מײַן לאַנד! — חלום גליקלעכער פֿון יונגע יאָרן —
אין דײַן אַלטגאָלד כ׳ווער אויף ס׳נײַ געבאָרן.

בלויער סאָנעט

בלויער סאָנעט — ווער מײַן אײנציקער חלום
און ברענג דעם אַמאָל אויף אַ פֿליגל פֿון קלאַנג,
פֿאַררונדיק אין עיגול, אין בלויען, מײַן גאַנג
אויף צוריק — צו דעריאָגן אין טאָל אים.

טאָל גרינער. אויבן — דאָס בלוי האָט געקוואָלן.
יונגשאַפֿט געיוירט האָט אין האַרץ אַזוי באַנג.
בין איך געלעגן — אַ גרייטער צום פֿאַנג,
און קען זיך ביז הײַנט פֿאַר דעם ניט צעצאָלן.

בלויער סאָנעט. און די ערד האָט געבליט.
ווײַנטרויב — געמיניעט אין גאָלד און אין רויט.
און דורכזיכטיק־בלוי האָט דער הימל געגליט —
און בלוי איז געווען מײַן בלוט און מײַן הויט.

בלויער סאָנעט — אײַנגעזאַפּטיקטער, שפּײַזיק!
(כּרמי הבאַרון. בנימינה. נײַנצן דרײַסיק).

יענע וועלט

* *

יענע וועלט אויף דער וועלט — ווער קען זיך עס פאַרגינען?
יידן אײַזערנע, וואָס צו להכעיס גייען ניט אַראָפּ פון זינען!
אין די טעג זענען זיי פאַרוויקלט אין די שאָטנס פון דער נאַכט.
אין די נעכט — אין פלאָנטער פון קאָשמאַרן ליגן זיי פאַרשמאַכט
און צעפּליקטע נערוון קאַרטשען זיך, ווי די שוואַרצע שפּינען.
אַלע אויסגענג פון גיהנום ברענען און ניטאָ ווי צו אַנטרינען.

יענע וועלט... דאָך ניט געקענט זיי האָבן אויסלעשן די זון.
זיי — די בלאָנדע בעסטיעס מיטן אָפּשטאָם־צייכן פון דעם הון,
מיט בלוט רײַן־ראַסיקן, וואָס אין אויגן פינקלט שטאָליק בלוי,
און שפּיזיק־שאַרף רײַסט זיך זייער בלוטיק־חיהשער געוווי,
ווי געהויל פוןביימער־קלעטערער וואָס יאָגן זיך נאָך פאַנג —
אַזוי דאָס „הערנפאָלק" האָט פאַרקריצט זײַן משוגע־ווילדן גאַנג.

יענע וועלט... צו איר אָפּגרונט האָבן זיי מאַרשירט טיף־טיף:
נאַכט פון לאַנגן מעסער און אַ וועלט דערשטיקט אין ציקלאָנגיפט.
קאַצעט און גאַזקאַמער. קרעמאַטאָריע. קינדערמאָרד. פּערווערזיע. —
וויסנשאַפטלעך־פּינקטלעך דײַטש האָט אַלץ באַרעכנט און באַקלערט עס.
מיט קרבנות יידישע געוואָלט אויסגלײַכן אייראָפּעס קרומע וואָר —
איז נאָך אַ נס וואָס געבליבן איז אַ רעשטל פון דעם חורבן־דור.

יענע וועלט... דאָ ליגט דער שאָטן פונעם שׂטן אויף דער שוועל
און ווי דו שפּרײַזסט אַריבער — באַדעקט אַ פראָסט דײַן האַרץ־און־זעל,
און דער טרויער הענגט אַריבער קאָפּ, ווי אַ פעלדז אַריבער תהום,
און אויף דײַן גוף פון שאול־תחתיה יאָגט אַ פלאַקערדיקער שטראָם.
און אַז דײַן שאָטן אייגענער גרימירט זיך אויס מיטן שוואַרצן שׂטן־פּוץ,
ערשט דאַן צעבושעוועט זיך יענע וועלט — מאָדערנער מאָן פון עוץ...

אַ חגא היינט

אַ חגא היינט ביי די זין און טעכטער פון מיין ליטע.
פון זייער פּנים פאַלט אַראָפּ מאַסקע־מענטש, ווי אָפּגעשפּאָלטן.
פּערקונאַס און טעווטאָן אַ בונד אַ פינצטערן האָבן פאַרשניטן —
צום מאַלצייט בלוטיקן זיי יאָגן, ווי אַ דונער אינעם וואָלקן.
מעסערס צווישן ציין. שיכּור פון הריגה איז מיין ליטע.
זאָל מיין קללה נאָכגיין דיר — פאַרשאָלטן זיי, פאַרשאָלטן!

שקיעה פון דעם יוניטאָג פאַרטרונקען איז אין צונטער.
צום „הייל״־געבריל זיי רעווען מיט משוגענער היסטעריע,
און צום דייטש די לאַפּעס שטרעקן — גיבן זיך אים אונטער,
און קריכן פון דער הויט צו געפעלן ווערן נאַצישער כאָלערע.
מוז ליטעס בלוט־חשבון פאַרצייכנט ווערן גאַנץ באַזונדער,
ווייל זי האָט אויפגעבויט איר אייגענע רציחה־מאַשינעריע.

אויף אַלע אירע שליאַכן האָט זי אויסגעשפּרייט אַ וויסטע שרעק,
און אַלע מיינע בלויע הימלען, ווי גלאָז האָט זי צעשפּליטערט.
איבער יידן־קעפּ צעפּאָכעט זיך מיט בליציק־בלאַנקע העק —
און גריבער זיי פאַרגרייט אין פעלדער זומערדיק־צעגרינטע.
דער צעקרימטער צלם, ווי אַ שפּין, האָט פאַרקלעמט מיין ליטע,
פאַרשוואַרצט איר זומערטאָג און פראָסטיק אים צעווינטערט.

געבוירן־לאַנד! נאַטירלעך ביסט געווען, ווי לייב מיט העמד,
נאָר כ׳קען ניט מער צונויפפּאָרן די ווערטער צווי געטריי,
ווייל דיינע גאָרגל־שניידער האָבן זיי אין בלוט געשענדט
און איבער זייער האַלדז פאַרכראָקעט זיך אין חזיריי.
פאַרשרייב איך היינט די רייד — צעבראָכן און פאַרשעמט,
ווייל איך געגלייבט האָב יע אין דיר, פאַררעטערישע חיה.

מיר האָט זיך געדוכט: ביסט פראָסט ווי ליַין און קאָרנבליט
און צו דיַין ערד — אין פראַצע ערלעך־שווער — אַ צוגעשמידטע,
נאָר מיט טעמפּקייט פּויערישער האָסטו אומרחמנותדיק, ווי קרויט,
ליַיבער ייִדישע געסעטקעוועט. אַ בראָך צו דיר, מיַין ליטע!
דיַין געוויסן פינצטערשוואַרץ, דיַינע טלאָען — בלוטיקרויט.
און די פלעקן ניט אויסוואַשן וועסט אין הונדערט שמיטהס.

און אייביק וועט דער שאָטן פון מיַין אויסגעקאָסעט פאָלק
איבער דיר הויערן — רויבעריש־פּרום־קלויסטערדיקע ליטע.
מיט דיַינע אומעטיקע הילצערנע צלמים האָסטו אונדז פאַרפאָלגט
אויף אַלע שיידוועגן — און ניט געוועזן ווי זיך אויסצוהיטן.
אין גרויסן חשבון־טאָג זאָל דיר זיַין גליַיך אויף גליַיך באַצאָלט.
לעולמי־עד דיַין נאָמען בליַיבט פאַרשמירט אין בלוט פון ייִדן־שחיטה.

טיַיווללאַנד — אויסגעוויקט אין עקלדיקער שאַנד און שמוץ —
ווען אין דיַין שעכטהויז האָבן זיך צעיאָמערט רעשטלעך קינדער,
האָסטו אין דיַינע בלוט־באַסיינען געעפנט שליוז נאָך שליוז,
כּדי דעם איבערפלייץ אָפּצוצאַפּן און זיך מאַכן גרינגער...
ווי אַ דבֿר־אַחר האָסטו זיך אָנגעשטאָפּט מיט ייִדיש האָב־און־גוטס,
בעת די קרבן־היימען האָסטו ביז אַ פאָדעם אויסגעפּלינדערט.

איז אַ חגא היַינט ביַי די זין און טעכטער פון מיַין ליטע —
זיי האָבן אין מיַין שטעטל שוין דעם לעצטן קאָפּ צעשפּאָלטן
און דעם לעצטן קידושין־רינגל מיטן פינגער אָפּגעשניטן.
איך זע די סעודה בלוטיקע איצטער דורך אַ רויטן וואָלקן
און הער די קלויסטער־גלעקער אין דער לופט צעגליטער — —
אויף אַלע אייביקייטן זיַי פאַרשאָלטן, ליטע, זיַי פאַרשאָלטן!

אַ שניי

אַ שניי. אַ ווײַסער צאַרטער שניי און ניט אין רויט,
ווי קיין מאָל וואָלט דאָ ניט שפּאַצירט דער שוואַרצער טויט, —
האָט אַ חופּה־קלייד אַ יום־טובֿדיקס צוגעדעקט די שאַנד
פון דעם טײַוולאָניש־פינצטערן, פאַרשאָלטן לאַנד.

מיט זילבער־נאָדעלעך די גרינע יאָלקעס האָבן זיך געצירט,
ווי זיי וואָלטן קיין מאָל ניט געזויגן, ניט געשפּירט
די זאַפטן מאַרכיקע פון מײַנע אומגעבראַכטע שוועסטער, ברידער
אין זייערע פאַרהאָלצטע אָדערן און פאַרהאַרטעוועטע גלידער.

און דער ווײַסער טעפּעך שימערט מיט אַן אימהדיקער פרייד,
ווי תּכריכים בלענדיקע אויף דער שוואַרצער ערד פאַרשפּרייט,
נאָר אין מײַן אויג מישט זיך די פאַרב מיט בלוט — אין רויט —
און דורך איר איך זע דעם הימל־שרײַענדיקן ייִדנטויט.

און דער שניי — ער פאַלט אַ רויטער אויף מײַן האַרץ,
ביז ער פאַרוואַנדלט זיך און שיט זיך פינצטער־שוואַרץ.
און די נאַכט, ווי אַ קעסל ברענענדיקע סמאָלע איז צעגלאַנצט.
און מעפיסטאָ, אין אַ שוואַרצן קיטל, אויפן רויטן שניי ער טאַנצט.

גערטאָג

אָ, געטאָג אַשיקער, בלינדער, גרויער,
פאַרוויקל גוף מײַנעם אין רויכיקן געהיל,
מײַן אָטעם שטיק־צו, איך זאָל בלײַבן שטיל, —
אַז פאַרשוועכן זאָל איך ניט דעם טרויער.

כ׳טו אַ קוש דעם ברענענדיקן געטאָ־טויער —
בריט ער אָפּ מײַן ליפּ און איך דערפֿיל,
ווי עס זעגט מײַן לײַב אַ פֿײַערדיקע גריל —
די גריל די ביאַליקשע הינטער געטאָ־מויער...

שפּיל זיך ניט מיט ווערטער הײַנט, ניט שפּיל!
זאָל ניט ווערן דײַן געזאַנג אַ חילול פֿאַרן אויער!
דײַטש געשאָכטן האָט און דער הימל איז געווען אַ בלויער
און גאָטס שטול האָט זיך ניט אומגעדרייט קאַפּויער.

אויגן גלאָצן הײַנט פֿון שחיטה־שטאָט און פֿון קאַצעט —
אין זייער קדושה־פּײַן פֿאַרשטום, פּאָעט!..



לעצטער געטאָ־גיבור

די נאַכט איז טויט.
אויף אירע הענט דעם יונגן גיבור
טראָגט זי אַרויס פון גרויסן שלאַכט,
און אויגן זײַנע שפּיגלען־אָפּ דאָס רויט
פון לעצטן אימהדיקן קריג
מיט גלאָזיקן און קאַלטן גליווער.
נאָר אויף זײַן פּנים, ווי ער וואָלט געלאַכט,
שפּילט נאָך אויף דאָס גליק פון זיג.
זײַן לײַב מיט אייביק רו איז אָנגעפּילט אַצינד.
און די טויטע נאַכט, ווי אין אַ שוואַרצן אָרון,
פאַרליוליעט אים ווי אַן אייגן קינד.

אויף זײַן ברוסט, ווי צוגעפּראָרן,
ליגט אַ קאָפּ פון אַ ייִד — גרוי און מיד,
ווי אַן אַלטער רופא וואָלט אַן אויער צוגעשטעלט
צו דעם יונגן האַרץ וואָס קלאַפּט שוין ניט,
נאָר דער רופא — אַ געדולדיקער האָרכט און וואַרט
אפשר... טאָמער... און מיט אַ מאָל דער העלד
עפנט זײַן צעשאָסן מויל און רעדט, —
און דער קאָפּ, ווי פון פּחד, שטומפּ און האַרט
אַ פאַל אַראָפּ טויט צו דער ערד:
— ניטאָ שוין קיינער. כ׳ווייס, ס׳איז שוין שפּעט.
די לעצטע שעה האָט לאַנג שוין אויסגעשלאָגן.
און אַרום — פאַרבלוטיקט און פאַרטרערט
אַלע גאַסן, אַלע חורבֿות, אַלע ראָגן.
איז אומעטיק צו בלײַבן דאָ אַליין,
ווען פאַרקלונגען איז שוין אונדזער לעצטע ליד דאָ,
ווי די רוּינען, אָנגעוואַלגערט שטיין אויף שטיין,
אַזוי אַ ייִד מוז זײַן צעווישן ייִדן.

און ס׳טוט דער העלד אַ הייב זיך און וויל גיין,
דערהערט ער הינטער זיך אַ שטילן ציטעריקן כליפּען, —
בלײַבט ער אַ פֿאַרשטאַרטער אין דערוואַרטונג שטיין
און הערט אַ שטים, ווי אַ געפּלאַצטער פֿידל וואָלט געסקריפּעט:
— אָן מיר דו טאָרסט ניט גיין! איך בין דער זקן
וואָס מיט מײַן דאָרן גוף האָב איך דיר פֿאַרשטעלט,
ווי מיט אַ פּאַנצער — לעצטער קעמפער פֿון דער געטאָ! —
ווען געבליבן ביסט אַליין אין אָפֿענעם און פֿרײַען פֿעלד.
און נאָך דעם, אַז דער שטורעם האָט מײַן גוף אַוועקגעטראָגן,
איז מײַן קאָפּ געבליבן אויף דײַן ברוסט, אָט דאָ!
אין מײַן אויער כ׳פֿיל נאָך פֿון דײַן האַרץ די לעצטע שלאָגן.
טאָ ווי קענסטו מיר דאָ איצטער לאָזן, ווי פֿאַרשניטן?..

ציטערט־אויף דער גיבור פֿון דעם זקנס נאָכאַנאַנדיק קלאָגן:
— איך, אַ שארית־ייִד וויל אויך זײַן צווישן ברידער־ייִדן!
בייגט זיך אָן דער העלד און טוט אַ הייב דעם קאָפּ
און ער נעמט אים — ווי אַ באַל אונטער זײַן אָרעם —
און ער לאָזט זיך לויפֿן אין גאַלאָפּ,
ווי דער ווינט איבער די פֿעלדער קאָרן.
אַנטקעגן קומען מחנות — גרוי, מיט בלוט און פֿלאַם, —
גיט ער זיך דורך זיי אַ שנײַד, ווי אַ שאַרפֿע קאָסע,
און זיי פֿאַלן אויס, ווי טויטער סם
וואָלט דורך געביין זייערן אַדורכגעפֿלאָסן.

און צום סוף — דער גיבור שטייט בײַם ציל:
עס עפנט אויף די ערד אַ פינצטער־שוואַרצע מויל
פֿאַר זײַנע פיס, און שוואַרצער נאָך און שטיל
פֿליסטערט טרויעריק אַ ייִדיש־לשונדיקער קול:
— ברוך הבא, לעצטער געטאָ־גיבור מיטן שארית־קאָפּ!
די טויטע עדה נעמט אײַך אויף אין אונדזער מיטן!
צאַפּלט־אויף דער אַלטער קאָפּ בײַם יונג אונטערן אָרעם:
— ווי גוט צו זײַן צוזאַמען מיט אַזוי פיל ייִדן,
אַפילו אין די ניט געראַומע גריבערדיקע קבֿרים — —

דער גיבור נידערט אין דער עפענונג אַראָפּ
און שטרעקט זיך אויס אויף דער מאַסע, אויבן,
און אויף זײַן ברוסט דעם אַלטנס קאָפּ, ווי אויף אַ קישן.
ער קלערט: — אַזוי פיל ייִדן! קוים צו גלייבן...
און ווי שווערע שלעסער פֿאַלן־צו די אויגן און פֿאַרשליסן
דאָס יונגע לעבן פֿון לעצטן געטאָ־קעמפּער — זײַן גבֿורה־בוך — —

די נאַכט — ווי אַ קברן מיט לבֿנה־לאַמטערן קומט פּויזענדיק צוקריכן.
דער הימל — אַ שפּיגל אין אַן אָבֿל־שטוב — פֿאַרצויגן מיט אַ טוך.
אירע קדיש־סטרונעס, ווי קאַנאַטן, סטראַיעט אָן די נאַכט און שפּאַנט,
און מיט שוואַרצע סקעלעטיש־ביינערדיקע פינגער און פֿאַרבראָכן —
ווי איבער אויסגעהוילטע שאַרבנס — טוט זי איבער זיי אַ פּיר.
און די טויטע נאַכט פֿאַרהאַקט מיט אַן אומזעעוודיקער האַנט
איבער דער גאַנצער שטומער עדה די שוואַרצע טיר.

קינדערמאָרד

אַ געוויטער האָט געבושעוועט אין דער געטאָס בלינדע גאַסן
און ווי סטײַעס הונגעריקע וועלף אין וואַלד — געברומט,
איז דער טאָג אוועקגעפאַלן אַ טויט־מידער און אַ בלאַסער —
צוגעטוליעט צו די חורבֿות האָט ער טרויעריק געשטומט.

פּלוצעם האָט אַ געבראַזג צעקוילערט זיך איבער די דעכער
און אין די קוימענס זיך פאַרקליבן, ווי אַ ווילדער לץ,
ער האָט צעשאָטן זיך אין אַן אימהדיק געשפּענציקן געלעכטער
און איבער שטיבער אַלע צעלייגט ער האָט זײַן טויטע נעץ.

מיט פינגער סקעלעטישע געקלאַפּט אין פאַרהאַקטע לאָדנס
און אָנגעכאַפּט העלדזער קינדערשע מיט ביינעריקע הענט, —
האָט די געטאָ זיך צעיאָמערט אין פאַרצווייפלט קלאָגן
און גערדיכטער האָבן שאָטנס זיך צעלייגט אויף די ווענט.

שאָטנס־„טאָטענקעפּף“ — מיט ביינער ווי דעם טײַוולס פליגל,
האָבן זיך אין דער פאַן דער האַקנקרעציקער אײַנגעהילט,
און ס'האָט גיהנום אין זייערע פרצופים זיך געשפּיגלט,
ווען זיי האָבן זיך אין קינדעריאַגד געשפּילט — —

אַרויסגעריסן עופעלעך פון די מאַמיש־וואַרעמע שויסן
און זיי צעפּליישט מיט גזלניש־קאַלטע טלאַיקע פינגער.
ס'איז די געטאָ אין אַ מידבר פראַסטיקן געוואָרן פאַרשטויסן
און מיט אַ תהום פון גלײַכגילט און פון בייז אַרומגערינגלט.

האָט אַ גאַנצע נאַכט געוויכער פינצטערער זיך געטראָגן
און ניט געקענט פאַרשטילן דעם הימל־שרײַענדיק געוויין,
און די קינדער־פרעסער — בײַם שימער פון פאַר טאָג —
האָבן אַרומגעלעקט די ביינדעלעך מיט אַ האַרץ פון שטיין — — —

האָבן פאַר שרעק די ווינטלעך זיך באַהאַלטן אין די ביימער
און דער הימל האָט פאַרפאַנצערט זיך און זיך פאַראײַזט —
ניט קיין פּיפּס געטאָן האָט דער אַלטיטשקער ישׂראל־שומר.
און נאָך קינדער ייִדישע האָט זיך געיאָגט דער דײַטש — —

פּישקע דער קרומער בײַם דײַטש אין די הענט

דורך דעם אויפגעפּראַלטן שער פון אַ דרימלדיקן בוך —
(פאַרלאַג „מענדעלע", וואַרשע, שנת תּרע"ג לפ"ק) —
דער קרומער פישקע, אַ ייִד אַ זקן שוין און גאָלע ברוך,
גיט אַ פּאַל — פאַרדריפּעט ווי אַ קאַדערדיקער זאַק —
דעם הויכן דײַטש גלײַך אין די זויבערע געפּלעגטע הענט.
— צום דאָנערוועטער! טויזנט מאָל פאַרפלוכט!
ווערט זײַן יוכע טרייפענע רציחהדיק צעברענט.
— פונוואַנעט האָט דער רויטער ממזר זיך דאָ אָפּגעזוכט?
פרעגט פישקע פון געל־בלעטערדיקן חלום אויפגעוועקט.
נאָר דער שער — אַן אָפענער און אויפגעריגלט —
שפּיגלט מוטנע אַ ווילד־פרעמדן פּרצוף, ניט קיין היגן,
וואָס שטייט איבער אים, ווי אַ געשפּענץ, און שרעקט,
אַזש די אַלטגאָלדענע שער־זאַוויעסעס הייבן אָן זיך וויגן,
ווי אין אַ שטורעם בײַ אַ פייגעלע די שוואַכע פליגלען...

און פישקען בויערן צוויי שטעכיקע, צוויי בלויע שפּיזן
דורך און דורך, ווי נעגל לעכערן אַ דין־צעפּוילטן ברעט.
פּלוצעם טוט אַ האַנט פון קאָפּ אַ ריס אים —
ווי אַ צוואַנג אַן אײַזערנע — זײַן שמאַלציקן קאַשקעט,
און אַ בלאַנקער שטיוול טאָרעט זײַנע אַלטע ביינער.
אויסגעוויקט אין אַנגסטן בלײַבט ער אײַנגעבראָכן ליגן,
און איבער אים דער געשפּענץ מיט בלישטשענדיקע ציינער
סווישטשעט אין זײַן טויבן אויער,
ווי אויף אַ קופּע מיסט אַ מחנה זלידנע פליגן:
— מיר וועלן אײַך באַזזיגן... זזיגן...

און אָפן שטייט דער שער פון אַלטן בוך, ווי דער געטאָ־טויער — — —

ווי אַ פערד וואָס פאַרלירט דאָס צאַמל
און פאַרפּלאָנטערט זיך אין וואַלדיקןווירוואַר,
אַזוי בלײַבט פּישקע איצט צעדולט, אַפילו אָן געשטאַמל,
ער וואָלט שווערן: ס׳איז אַדעס, אויפן בולוואַר...
ווײַל ווי זשע דען קומט אַהער דער בייזער פּריץ,
וואָס מיט שטיוול גלאַנציקע צערירט ער ווייטיקן אין אים?
און פון זײַנע ווײַסע ציינער, זעט ער, אימה שפּריצט,
ווי אין חורבה דעמאָלט — ס׳פּאַכעדיקע מעסער איבער אים...
ווײל פּישקע רופן הילף, שרײַען, נאָר אַ שטומע
גליווערט אים די צונג, אָן קלאַנג, אָן קול.
— ווי הייסטו, קריפּל דומער?
דונערט איבער אים אַן עקלדיק־פאַרקרימטע מויל.
— מיך... מיך... מיך גדענקט שוין קיינער.
איך... איך... איך בין נאָך פון אַמאָל־אַמאָל...
איך בין, פּריצל, פּישקע דער קרומער — —

דער דײַטש שטשירעט חיהש־פּײַכטע ציינער,
אַזש פּישקען ווערט פאַרקילט דאָס אינגעווייד,
און ער גיט אים מיט זײַן כאָלדער אַ פאַרפאַר
און וואַרפט אין אים, ווי מעסערס, גאַרגלדיקע רייד:
— אַמאָל־אַמאָל, מיר דוכט, איז אָנקל אַבראַהאַם
געווען דער פאָטער פון אײַער יודנשטאַם,
נאָר דאָס מאָל האָסטו רעכט: דײַן געשטאַנק
איז ווירקלעך פון אַמאָל — אַלט מסתמא שוין פיר טויזנט יאָר...
און אין זײַן מוח פינצטערן מיט אַ מאָל בליצט אויף אַ געדאַנק:
— לויפן! שנעל! שנעל! — צעברומט ער זיך ווי אַ בער.
נאָר פּישקעס פיס, מיט מידקייט אָנגעגאָסענע און שווער,
און אין זײַן אויג — אַ הייסע טרער.
און ער ווערט פול מיט הכנעה און געבעט:
— אַדוני פּריץ!.. האַרעלע, מײַן הער,
פּישקע קען ניט לויפן מער — —

— װעסט לױפן! כאַ־כאַ־כאַ, איך גײ אין אַ געװעט...
און בײַם דײַטש אין האַנט װאַקסט אױס אַ לאַנגע שװערד,
און מיט די שטיװאַלעס צעטופּעט ער זײַן צאָרן.
פּישקע ליגט, װי אַ שטײן אײַנגעגראָבן אין דער ערד,
און אין די אױגן פּחדים גלאָזיקע פאַרפראָרן.
— װעסט לױפן, װי אַ זײַלנטענצער, גראַציעז און פלינק,
דו קערל לױזיקער! דו שװײַנעהונט! דו בעטלער!
— אָבער פריצל, מײַן לעבן איז געװען דורכױס געהינק
איבער ייִדישע, אױ, טײַערינקע שטעטלעך.
— אַ בעטלער־מײַסטער האָבן גאָר די ייִדעלעך פון דיר געמאַכט,
נאָר איך קרױן דיך פאַרן מײַסטער פון אַלײדישן באַלעט...
נעמט ער אָן אַ מױל פול געשפּעט און לאַכט
און טוט דערבײַ אַ שפּיז־אָן פּישקעס גלאַנציקן קאַשקעט:
— נו, האָפּ־האָפּ־האָפּ מיט דײַנע פּיסלעך שײנע —
זײ זענען לײַכט װי עכטער בלײַ...
און איבער אים — דער דײַטש ער בײגט זיך
און װיל נאָך מיטן שפּיז אַ קאָלופּע טאָן אים.
אָבער פּישקע ברײטער נאָך צעלײגט זיך
און גיט מיט אימפּעט אומגעריכטן אַזאַ שפּײַ
דעם פּריץ — גלײַך אין אױסגעשײַערטן פּנים
און שטאַמלט צו דערבײַ:
— אַ קײנק אין דײַנע בײניע...
אָמן!

— צום דאַנערוועט...
גלײַך ווי אַ סטרונע בלײַבט דער דײַטש שטיין —
אויסגעצויגן אין זײַן גאַנצער גרויס —
און פאַר כּעס טוט ער פּישקען אַ קיצל מיטן גאַנצן כּוח
מיט דער לאַנגער שווערד אין סאַמע מיטן בויך.
פּישקע וויקלט זיך אײַן אין אַ גרויען טלית רויך,
און אויפן שטערן, אונטער זײַן שמאַלציקן קאַשקעט,
בליט־אויף אַ רויטער שטערן — דער של ראָש — —

אַך, ווי גוט אים איז אַצינדער...
זײַן האַרץ איז פול מיט זיסער אומעטיקער בענקשאַפט.
ער פילט — די וועלט ווערט ליכטיקער און גרינגער,
און אין אים שפּראָצט־אויף אַ נײַע קראַפט:
פליגלפיס אַזעלכע, וואָס טוען אים אַ טראָג
צו די שווינדלדיקע הייכן
אין אַ ווײַט־ווײַטן פאַר טאָג.
אויף אַ גראָז אַ שמעקעדיקן ווייכן,
ווי אויף אַ פערענע פון לופט
ער ליגט זיך ווי אַ נגיד. אַ האַנט אַ קליינע
גלעט זײַן קאָפּ, און אַ זיס קול רופט:
פּישקע!..
דאָס רופט זי. טאַקע זי, זײַן שיינע...
זײַנע — זײַן האַרבאַטע!

פרילינגטאָג. אַ בין אַ גאָלדיקע צעזשומט זיך: פפפי־ששששקע...
ליַיכט ווי אַ פעדער ווערט אים יעדער גליד,
און צוקאַפּנס — מענדעלע, זיַין געטריַיער באַשפּאַקולטער טאַטע,
קוקט מיט אויגן גוטמוטיק צעפינקלט, פון די זילבער־ראָמען,
און מיט אַ מאָדנער פיַיכטקייט זענען זיי צעפינטלט...
ער זיצט מיט אַ זאָק אויף די לענדן ביַים געטאָ־טויער
און זינגט אַ שפּאָגל ניַיעם וויגליד,
אַזוי געבראָכן און פול מיט טרויער,
ווי קיין מאָל האָט נאָך ניט געזונגען אַ יידישע מאַמע:
— אויפן גלופּסקער גרינעם קבֿר־באַרג,
אויף דעם גלאַנציק־פעטן גראָז,
שטייען אַ פּאָר ברוינע דיַיטשן
מיט די לאַנגע פיַיערדיקע ביַיטשן.
הייכע מאַנען זיַינען זיי.
לאַנגע שווערדן טראָגן זיי.
שלאָף מיַין פּישקע, שלאָף...

סוף —
קאַפּוט — —

דער דיַיטש שטיוולט אַוועק — נאָך אים אַ סליאַד פון בלוט.
אַ קראָ באַגלייט אים און קראַקעט נאָך:
— פאַררפלוכט! פאַררר־פלוכט!..
און זי מאָלט אַרום אים שוואַרצע רעדער אין דער לופט — —

דער שער טוט זיך אַ פאַרהאַק
און טאָוולט־צו אַ בוך:
„מענדעלע״־פאַרלאַג, וואַרשע, שנת תרע״ג, לפ״ק.

גלייביקע ווערטער

זאַלבעצוויט אין אַ גרויען באַגינען
אונטער די פליגלען פון טויט,
האָט עמעץ מיט ציטער פאַרטרויט:
— מיר וועלן פון דאָ ניט אַנטרינען...

אַרום האָט געפלאַקערט גיהנום.
ס'האָבן געסווישטשעט די שרויט.
האָט עמעץ געענטפערט: — פאַר נויט
לאָמיר מיט ערד זיך פאַרשפינען.

מיר האָבן די קעפּ צו דער ערד
געטוליעט מיט שרעק און דערוואַרטונג.
אַ פּשוטן וואָרט כ'האָב געהערט:
— לעבן מיר מוזן און פאַרטיק! — —

באַגינען האָט זיך אַ פאַרקלערטער
געלייטערט אין גלייביקע ווערטער.

אומקום און האָפענונג

איבער דעם לאַגער הענגט אַ פראַגע, ווי אַ טראַנספּאַראַנט:
וועט דער נס געשען? — —
די האָפענונג, אַ קנאַפּע און פאַרצאָגטע,
קוקט דורך פּחדים־פולע שלאָפלאָזע אויגן,
ווי די טריבע לאַמטערנס אין די ווינקלען פון אַפּעלפּלאַץ.
אין האַרצן האָט אַ וויסטער פאַרשאָלטענער אומעט
זיך איינגענעסט, ווי אַ שוואַרצער פויגל.
די אַנטוישטע האָפענונג שרייט טויזנט מאָל אַ טאָג
פון מינדסטן אָדערל און פון לויזסטן מוסקל:
— גענוג שוין! גענוג! ניט מער!!

הונגער —
דער תּלין וואָס ווערגט דיין יעדן גליד,
ביז ער פאַרכמאַרעט אויף דיין הימל ס׳לעצטע שטראַלכל ליכט
און פון דיין נשמה פליקט ער די לעצטע האָפענונג אַרויס.
דעמאָלט דערזעסטו זיי — דיינע מתים
מיט די איינגעשרומפּטע בייכער און געשוואָלענע פיס.
פון זייערע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן
פינצטערן הימל־שרייענדיקע גרוילן.
אָט טראָגט מען זיי מנינימוויין —
ווי עיפּושדיקע נבֿלות —
אָן אַ סימן טלית און אָן אַ קדיש
הינטער דעם עלעקטריזירטן שטעכיק־שוואַרצן צוים.
קופּעסוויין הויפן זיך אָן די קאַלט־פאַרגליווערטע גופים
און עס וואַקסט דער באַרג פון ברידער־קבֿרים
אויף אייראָפּעס קרעציק־צעפוילטן לייב,
וואָס האָט זיך שוין אָנגעזויפט מיט ימען יידיש בלוט.

אָ, מײַן פֿאָלק ישׂראל!
די טראָגבעטלעך פֿון דײַנע אױסגעדײװערטע מתים
אין די געזונטע שװערע הענט פֿון גױים,
ציט זיך — װי אַ שנירל פֿעך פֿון אַ געפּלאַצטער טון —
אָן אַן אױפֿהער און אָן אַ סוף.
ביז װען? ביז װען?
צי װילסטו די גאַנצע װעלט מיט דײַנע מתים איבערפֿלײצן?
צי װילסטו דעם װעלט־חלל מיט פֿוילע קערפּערס פֿאַרשטאָפּן?
אַזױ װעסטו דאָך אומקומען, מײַן פֿאָלק ישׂראל!
װעסט פֿאַרזינקען טיף און מער ניט קענען אױפֿשטײן — —

אָ, נײן!
װעסט נאָך װידער אױפֿקומען! װעסט צוריק אױפֿשטײן!
אין די טױזנטער באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע קבֿרים,
װאָס װאַקסן װי שװאָמען נאָך אַ רעגן
אױף די פֿעלדער פֿון דער צעפּלאָגטער אײראָפּע —
אין זײ ליגן באַהאַלטן, װי זריעה,
מיליאָנען טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שװעסטער —
די אונטערגרונטיקע טײַערע קדושים פֿון געפּײַניקטן פֿאָלק.
און די זון פֿון גאולה װעט באַלד אַ שײַן טאָן אױף זײ —
אױף די הײליק־ליכטיקע קערנער —
און די ישועה װעט אַ שפּראָץ טאָן
און אױפֿבליִען פֿון דעם סאַמע מיטן טױט —
װײַל פֿון מיטן פֿון פֿאַרלענד װעט דאָס לעבן זיך צעװאַקסן
און די האָפֿענונג װעט מקוים װערן!

שוואַרצער ווי תּמיד לויערט דער חושך אויפֿן אַפּעלפּלאַץ.
די שאָטנס קריכן ווי בייזוויליקע פֿאַרשווערערס —
פֿון יעדן שפּאַלט און ווינקל פּליִען זיי אָן.
מיט אַ מאָל שניַידט דורך אַ הילכיקער פֿיַיף
דעם חשכות־שלייער פֿון דער מוטנער נאַכט
און ווי דורך אַ כּישוף־שפּרוך
ציִגדן זיך אָן אַלע עלעקטרישע לאָמפּן אומעטום.
לויפֿן די שאָטנס זיך פֿונאַנדער און שפּאַרן זיך צו די ווינקלען.
און מענטשלעכע ברואים, ווי געשטאַלטן ניט דאָ־וועלטיקע,
שלעפּן זיך פֿויל צו דעם אויפֿגעלויכטענעם פֿענצטער,
ווו מ׳גיסט זיי אָן אין בלעכענע פּושקעס אַ פֿליסיקייט
ווי טונקל זומפּיקן וואַסער.
די רייען וואַקסן און ציִען זיך אויס לאַנג.
די פֿאַרעדיקע קאַווע ווערט אַראָפּגעשלוקט אויפֿן ניכטערן האַרצן.
און מידע פֿאַרמאַטערטע קערפּערס גלוסטן צום חלום־שלאָף פֿון אַמאָל:
אין ווייכע און וואַרעמע און קלאָרע בעטן — —

ווידער דער פֿאַרהאַסטער און גרילציקער פֿיַיף
וואָס ברענט זיך אַריַין אין ליַיב מיט גלי און מיט שאַנד.
די רייען גליַיכן זיך אויס, ווי סטרונעס,
און ברידער דיַינע — עשׂיוס פֿון אייגענעם געפּלאָגטן פֿאָלק —
קאַפּאָס אויף צענער, אויף פֿופֿציקער, אויף הונדערטער, —
טאַנצן רירעוודיק הין און הער, ווי אָנגעצויגענע ליאַלקעס,
און צו דער הילף פֿון טיַיוול פּלעכטן זיי אַריַין
זייערע קללות, זייערע זידלרייד און זייערע האַרטע קלעפּ.
און דער פֿינצטער־צופֿרידענער דיַיטש וואַרפֿט קרום־זיַיטיקע בליקלעך
אויף דער שמוציקער מלאָכה פֿון זיַינע שקלאַפֿן
און זיַין האַרץ קוועלט אויס פֿון נחת און שׂימחה.
און די הערצער פֿון דיַינע ברידער די נוגשׂים
ווער קען פֿאַרשטיין?

פלוצעם פאַלט איבער די קעפּ אַ געשריי און אַ בייזע קללה:
— יודענגעזעמעל!
דאָס האָט זיך אויסגעקראַקעט אַ נישטיק דינערל,
ווי אַ שוואַרצע ראָב אויף פּגרים.
און רעשטלעך פון נעכטיקע מענטשן
גלייכן אויס שטראָם זייערע געבויגענע רוקנס,
נאָכלאָזיק אַראָפּהענגענדיקע הענט און פיס
ווערן מיט שטייפקייט אָנגעצויגן אויף „אַכטונג".
שטיל!
רויק!
גרייט!

ווי דורך אַ שאָק ווערן די רייען אויפגעצאַפּלט.
שעפּטשעריי.
— וואָס האָט געטראָפן?
איינער האָט שוין ווידער ניט אויסגעהאַלטן —
געקניט.
געפאַלן.
טויט — —
— ווער?
ניטאָ קיין ענטפער.
נאָך אַ מאָל פאַלט אַ קנאַק, ווי אַ דונער,
און די פינצטערניש וואַקסט אָן געדיכטער.

מיט אַ מאָל טוט פון דעם חושך אַ שטראָם ליכט
און ס'טוט אַ בלאָז אַ ווינטעלע פון אָנקומענדיקן טאָג:
— פרייהייט!
אָט קוקט זי אויף אונדז, די פרייהייט,
פון די נאָך האַלב־אָפענע אויגן פון אַ מת,
וואָס ווערט געטראָגן אויף זיין לעצטן וועג — צום צוים.
אַ, ברודער! פון דיין קבֿר וועט אויפשפּראָצן
אַ בוים — ביז צו די הימלען הויך —
אַ מאַסט פאַר דער פאָן פון פאָלק!

און שטייענדיק אַזוי אין דער ריי
(היטנדיק דעם גוף פון די קלעפּ וואָס קומען אומגעריכט),
שליס איך די אויגן מיט כוונה
און זע דעם חזון פון אויסגעבענקטן מאָרגן.
מאָרגן־זריחה.
פרײַהייט!
ליכט!
און דאָס לעצטע הײַפל ייִדן־פּליטים —
קליין אין צאָל
אָבער געשטאַרקט און געהאַרטעוועט אין גײַסט,
ווי אײַזן־בעטאָן,
און אויסגעפּרוווט מיט טויזנט מיתות משונות —
מאַרשירט מיט זיכערע טריט.
און אַנטקעגן קומט אָן דאָס פאָלק —
עם ישראל איז עולה־רגל
צו די אין שײַן צעשטראָלטע קבֿרים
און זיי שטעלן אַרויף אויף זייער העכסטן שפּיץ די פאָן —
דעם אַלטן דגל מחנה יהודה — די שלום־פאָן.
און זיי שווערן אַ טרײַהייט־שבֿועה
צום עבֿר פון פאָלק און זײַנע קדושים — זיי צו געדענקען!
און צו דער צוקונפט פון פאָלק און זײַן האָפענונג —
דאָס לעבן! —
מיר שווערן צו אונדזער פאָלק ביז אין דער אייביקייט
נאָך טויזנטער דורות לעבן אויף דער ערד!
מיט אײַער בלוט האָט איר דעם עבֿר געהייליקט
און אָפּגעחתמעט דעם פּרק קידוש־השם
און מיר וועלן אים אין אײַער זכות געדענקען!

און אויף דער פאָן וועט דער עתיד פון פאָלק זײַן אויפגעשריבן:
האָפענונג!
ליכט!
פרײַהייט!

דאַכאַו — אָנהייב פעברואַר 1945
(געשריבן אָריגינעל אין עבֿרית)

ברויט

אַ קונסט געוואָרן איז דאָס שנײַדן ברויט —
דינער ווי פון האַנט די דורכזיכטיקע הויט.
אַ פּענעץ ברויט, ווי אַ פּוכיקל, אָן וואָג,
דעם גוף מאַכט לײַכט בײַם פּאַרגיי פון טאָג.

דער גוף גרינגער ווערט, קליין, פאַרווייניקט.
די פיס — שווערער, ווי אָנגעהאָנגענע מיט שטיינער.
און אויפן לײַב פלעמלען גלײַקע די ווונדן —
לעשט דאָס לעבן זיך און פּאַמעלעך ווערט פאַרשווונדן.

און כאַטש איך בין שוין ווי אַ שאָטן דין —
רוף איך הויך: זײַ ניט מצדיק את הדין!
אַ טראָפּן רחמים זוך־אויף און גענאָד —
אַפילו אין גיהנום ס'לעבן איז אַ שאָד...

טאָ זאָל מיר דינען כאַטש די לעצטע רגע רו
און זאָל דער טרוים מיר טאָן אַ פינקל צו —
וועל איך אין הונגערינג, וואָס פּײַניקט,
אַרײַנפּאַסן ס'לעצטע דימענטל פון לחם־עוני.

אַ דימענטל פון ברויט — באַוווּנדער עס, באַקוק,
דערפיל דאָס חלום־ברויט אין האַרץ, מיט יעדן צוק:
איין צוק — אָן אויוועלע, צוקן פיר — פיר ווענט!
און עמעץ ברענגט צום בעט דיר אַ פריש העמד...

און ס'פײַערל אין אויוון, ווי אַ כישוף ברענט...
נאָר ווי די וואָרעמקייט נעמט מיך אַרום מיט גוטע הענט,
גיט אַ שפּרונג אַ לאַנגע פײַערצונג — פלאַמיקרויט —
און אַ קרבן כ'וואַרף איר צו — אַ לעצטן פּענעץ ברויט...

פלאַקערט־אויף מײַן הייליק־הונגעריק קרבן־ברויט —
און ס'ווערט מײַן אָטעם דינער ווי מײַן פאַרמעטהויט.
איבער דעם תהום איך האַלט זיך ווי אַ פּוכיקל, אָן וואָג.
אויף אַש ברענט־אויס מײַן לעצטער ברויט־פּעליקער טאָג — —

דאַכאַו — מאַרץ 1945.

אין קרײַז פֿון טויט

א. דער וועג

...דער וועג איז געווען שטיינערדיק און זאַמדיק.
שטרויכלדיק און שווער דער גאַנג.
בײדע זענען מיר געגאַנגען אײַנגעקרײַזט
אין ראָד פֿון טויט.
אָפּגעשניטן שוין געווען אַלע וועגן,
נאָר מיר האָבן נאָך געהאַט דעם־אָ אײנציקן עיגול.
און אַזוי גוט־טרויעריק געווען צו וויסן
אַז ער איז נאָך אָפֿן — ווי דער גורל —
דער וועג דער אײנער
צוריק צו אײגן הויז.
אפשר וועלן מיר נאָך צום לעצטן מאָל דערגײן —
צו אײגענער שוועל.

און אפשר —
צום טויט.

דערגײן —
און בלײַבן שטײן אין דער אָפֿענער טיר.
און קוקן אויף די ווענט,
אויפֿן טיש און בעט,
אויף אַ בילד און אַ בוך —
אויף אַלץ וואָס אַ מענטש האָט ליב
ווײַל זײַנס איז עס —

זײַנס —
זײַן האַנט האָט עס באַרירט.
זײַן וואַרעמער אָטעם האָט עס געפֿילט.
זײַנע פֿינגער האָבן עס באַטאַפּט.
און זײַן גאַס קוקט צו אים
אין פֿענצטער אַרײַן.
די קליאַמקע פֿון טיר
ציטערט ווי זײַן האַרץ —
זי עפֿנט זײַן לעבן.

דער טויט האָט אַ ווײַלע געוואַרט.
זיך אָוועקגעשטעלט אָן אַ זײַט
און מיט דער שטילקייט פון מורא
אונדז געקוקט גלײַך אין די אויגן —
ווי אַ געטרײַער הונט.
און ער האָט באַשמעקט אונדזערע טריט —
ווי ווײַט וועלן מיר דערגיין?
נאָר דעם היגטישן לעבן
האָט גאָר ניט געאַרט איצט
חוץ אַרײַנכאַפּן נאָך אַן אָטעם,

נאָך אַ שפּאַן,

נאָך אַ גאַנג,

נאָך אַ טריט —

נאָך אַ טאָג,

אַ שעה,

אַ רגע. —

נאָך לעבן.

לעבן!

נאָך אַ קליין,

אַ קליין,

אַ קליין־קליין ביסעלע לעבן!

יעדער שפּאַן איז געווען פּײַן און פרילינג.
די וווּנדיקע פיס האָבן זיך פאַרגראָבן
אין די וואַסער־אויסגעשליפענע שטיינער
וואָס האָבן זיך געקײַקלט
מיט דער ליכטיקער גלאַטקייט פון זײַד.
הונדערטער יאָרן האָבן די שטילע וואַסערן פון ווילי'ע
אויסגעפּאָלירט די שטיינער און זיי ווײַס געפּוצט.
איצט זענען די וואַסערן רויק געפלאָסן.
און מיר האָבן געטראָגן אונדזער וויטיק
צו דער אומבאַקאַנטקייט פון טאָג.

דער טאָג האָט אַרײַנגעשפּילט אין וואַסער
מיט זונגאָלדיקע רינגעלעך און פּאַסיקלעך.
צי האָט די ווילז̄ע דאָ גאָר ניט געשפּירט
אַז מיר לויפן אַהין און צוריק —
אין אַ קרײַז —
אין קרײַז פון טויט —

זי האָט אַזוי שטיל געפּלאָפּלט.
געשעפּטשעט מיט בליצעלעך זילבער.
פישעלעך האָבן זיך אָוועקגעגליטשט
און דער טײַך האָט זיי געשפּיגלט אין זײַן שטילקייט.

מיר האָבן געניששטערט מיט צעוווּנדיקטע פּיס
סטעזשקעלעך פון מזל.
דער טויט האָט אונדז פאַררינגלט
און אויף אונדזערע יונגע קעפּ
מיט טרויער געבלאָזן זײַן קאַלטן אָטעם.
מיר זענען געלאָפן אין די אָרעמס פון טויט
מיט אָפענע אָרעמס פון לעבן.
די בלאָטערדיקע פוספינגער האָבן ווי צעשפּאָלטענע לעפצן
זיך געקילט בײַם טײַכברעג און געשניטן דינע שטעגעלעך.
וווהין זענען מיר געגאַנגען?
וווהין?
מיר זענען געלאָפן פון טויט צו טויט.
הינטער אונדז האָבן מיר אים געלאָזן
און פאַרויס פון אונדז וועלן מיר אים ווידער געפינען.
מיר זוכן אים ניט... ער האָט זיך אָבער אויסגעשפּרייט אויף אַלע וועגן —
שטעגן —
סטעזשקעס —
וועלדער —
פעלדער.
אומעטום.
אומעטום.

אומעטום טויט.
דער באַרגיקער אַראָפּהאַנג האָט אים פּאַר אונדז פאַרשטעלט.
און געמיינט האָבן מיר — ער האָט אונדז פאַרשטעלט.
אויבן איז געלאָפן דער אָפענער שליאַך.
דער שאָסיי —
דער וועג צו דער טיר פון הויז.
דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט.
פון ערגעץ האָט זיך דערטראָגן די שרעק פון שרעקן
און דאָס ניגונדל פון טויט האָט צוגעזשומט.
צי אפשר האָט עס געמורמלט דער טײַך אויף וואַסער־לשון:
— ס'איז דאָ קיל —
אונטן —
בײַ מיר —
און אַ מחיה זיך צו דערטרינקען...
קיל און — אַ מחיה.
דערפאַר איז די זון אַזוי הייס.
בראַנדיק.
קאַלכאַויוונדיק!
און אונטערן וואַסער איז קיל — —

עס קײַקלען זיך אונטער אונדזערע באָרוועס־ווייטיקדיקע טריט
די קײַלעכיק־געשליפענע שטיינדלעך.
מיר גייען טיפער מיטן וואַסערברעג — אין זאַמד.
פאַר וואָס גיבן מיר די פישעלעך ניט קיין רו?
פאַר וואָס גיט מען אונדז ניט קיין רו?
וויפל פאַרבאָרגענע שטעגעלעך האָט דער טײַך?
פאַר וואָס קענען מיר ניט גיין אויף זײַן וואַסערפלאַך?
וווּ איז רו?
און פאַר וואָס ענדיקט זיך דאָס שטעגל?
ענדיקט זיך?
שוין?!
שוין!

ב. אפשר וועלן מיר דערגיין

פאַר וואָס זענען מיר אַזוי יונג?

אַזוי אַלט?

אַזוי קינדיש־נאַיוו?

וואָס איז טויט אַז ער האָט אַ באַלד?

באַלד וועט גוט זײַן —

און אויס.

מײַן אייגן האַרץ ווערט מיר נאָענט־נאָנט.

צי איז עס איר האַרץ?

קען אַ האַרץ אַרויסשפּרינגען פאַר שרעק?

פאַר דעם טויט?

געבן דעם לעצטן קלאַפּ —

יונג־יונג.

קלונג־קלונג.

זון־זונג —

און אויס.

די מיידל מיט די שוואַרצע צעשויבערטע האָר
איז איצט אַזוי נאָענט צו מיר
אַז כ׳פיל דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ: פּויק־פּויק!
זי שווענקט־אָפּ אירע פאַרבלוטיקטע פיס
אין קלאָרן לעפּלעכן וואַסער פון ווילי׳ע.
פון וואַסער קוקט זי אַרויס מיט אומעטיקע אויגן —
ברוינע און צעשראָקענע אויגן, ווי פון אַ גאַזעל.
וויפל פאַר אויגן האָט זי?
ווי גרויס איז דער אומעט אין אירע אויגן? די שרעק?
דאָס וואַסער רינגלט אויס אַזוי פיל אומעטיקע שרעקיקע אויגן,
זיי פינקלען אין וואַסער ווי לעבעדיק —
און ווי די צאַפּלדיקע זילבערנע פישעלעך דערשרעקן זיי זיך
און גליטשן זיך אַוועק צו דער טיף.

זיי קומען צוזאַמען צוריק — די אויגן מיט די פישעלעך.
די פישעלעך לעקן דאָס בלוט פון דער מיידלס פּיס.
ווער האָט צוזאַמענגערופן די פישעלעך
צו דער בלוטיקער סעודה? ווער?
פאַר וואָס איז זיי דאָס בלוט באַטעמט און זיס?

די זון האָט געטאָן אַ גאָלדקוש דער מיידלס פּיס
און די פישעלעך האָבן זיך פאַרצאַפּלט —
אַ לעבעדיקער בלוט־רעגן־בויגן.
די מיידל הייבט אויף אירע אויגן —
צוויי צעשראָקענע גאָלדברוינע הירשעלעך.
ווי קומען היינט הירשעלעך אַהער?
וואָס וועט זי מיט זיי איצט טאָן?
זי וועט מיט זיי פאַרדעקן איר טרויער.
אָט צעשמייכלען זיי זיך — —
ווער וועט פאַרצוקן די לעבעדיקע הירשעלעך?
די לעבעדיקע פישעלעך צעלויפן זיך פאַר שרעק.

און זי איז צוגעלאָפן צום נאָענטן וועג.
אירע אויגן זענען געבליבן הענגען —
צוויי פרעגצייכנס איבער אַ תהום:
— גיין?
— גיין מיטן וועג?
די לופט האָט צוריקגעזשומט
אויף ווינט־לשון:
היימםם...
היים!
אפשר
וועלן
מיר
דערגיין — —

— אַ היים!

— אַ היים?

— אַהיים...

ווער האָט געפרעגט און ווער האָט געענטפערט.
די לופט איז שוין געווען אין שוויַגעניש פאַרקראַמפּט.
אין מיטן בלוי־לאַזוריקן הימל איז די זון געהאַנגען
און אויף דער ערד געפּלייצט מיט אַ בריליאַנטן־מבול.
די שטילקייט האָט אַלץ צוגעדעקט.
ס'איז געווען צו שטיל —
ווי פאַר אַ היימציטערניש — —
די שטילקייט האָט פון אַלע ערדשפּאַלטן אַרויסגעשריִען.

זי האָט אַראָפּגעצויגן דאָס גאָלדענע קידושין־רינגל
פון בראָנדזיקן, דינעם, לאַנגן און פּיַכטן פינגער —
אַ וויַלע געטראַכט און אים פאַרשטעקט
אונטערן קליידל, אין די אונטערוועש,
ביַי דעם וואַרעם־זיַדיקן פלייש.
אירע אויגן זענען געוואָרן טרויעריקער און שוואַרצער,
בליציקער און יינגער.

אַ שמייכל.

אַ רינגל.

און טויט.

די יונגע אַרט קיין מאָל ניט דער טויט.
זיי האָבן אים נאָר פּיַנט און קענען אים שפּיַען אין פּנים.
און זי האָט מיט איר גאַנצער יונגשאַפט ליב געהאַט די זון
און ניט געקענט קוקן דעם טויט אין די אויגן.
זי האָט פאַרזשמורעט אירע אָנגעשאַרפטע פיַערדיקע בליקן,
געקוקט אין דער זון איבער איר קאָפּ
און אויסגעלאַכט דעם טויט — —

ג. דער „שאַוליסט"

ס'איז אונדז געווען גוט צו גיין אויפן גלײַכן וועג.
זי האָט אַ שלײַדער געטאָן די צעריסענע שיך אין גראָבן.
די ווונדיקע פיס האָבן זיך דערפרישט פון דער גלאַטקייט,
ווי צווײ פרײַ־געוואָרענע פייגל.
דער טאָג האָט געשוויגן אַ זוניק־צעשמייכלטער —
האָט זי אויך געשמייכלט —
צום הימל —
צום גרינעם וואַלדשנירל בײַם האָריזאָנט.
מיט אַ מאָל האָט אַ וואַנדלונג צעריסן דעם שמייכל
און דער וואַלד האָט זיך איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ — —

פון וואַלד אַרויס איז ער אויף זײַן וועלאָסיפּעד
אָנגעפלויגן — ווי אַ שוואַרצער רויבפויגל —
מיטן פּאָדערשטן ראָד צווישן אירע פאַרמאַטערטע פיס.
ער האָט געלאַכט
און אירע ברוינע אויגן האָבן אויסגעשאָסן אין אים
אַ סעריע פונקען.
ער האָט אַ שטופּ געטאָן שטאַרקער דאָס רעדל אין איר,
זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך אויסגעגלײַכט שטײַף און שטום
און אַרײַנגעשאָסן אַ צווייטע סעריע פײַערפונקען אין זײַן פּרצוף.

אים האָט ניט געקימערט איר האַסבליק.
זײַן רויבעריש אויג איז געווען פינצטער און בלאַנקיק שוואַרץ.
ווי אַזוי קענען הימל־בלויע אויגן האָבן אין זיך אַזוי פיל נאַכט?
זײַנע געל־שטרויִקע האָר האָבן געפּאַסט צו דער סאָלדאַטסקער רובאַשקע.
ער האָט אַ טרייסל געטאָן מיט דער ביקס אויף זײַן פּלייצע
און געפרעגט אין ליטוויש — מיט אַ דאָרפישן אַקצענט:
— זייגערלעך ?! גאָלד ?!
קורץ.
אומגעדולדיק.

ער האָט איבערגעחזרט די ווערטער — ס׳איז געווען באַפֿעל.
רייד זענען איצט געווען איבעריק.
אויפֿן ווונק האָט מען אים געדאַרפֿט פֿאַרשטיין.
יעדער ווונק — אַ קויל.
דאָס האָט ביי אים געדויערט אַ סעקונדע.
זיין גזלנישע אומגעדולד האָט עקספּלאָדירט אין איינקלאַנגיקן געבריל; — נו!!
אין דער זעלבער רגע האָט זי געענטפֿערט מיט ציטער:
— מ׳האָט שוין אויפֿן וועג אַלץ צוגענומען. איי־ערע...
— ליגנערקע! איך בין דער איינציקער „שאַוליסט” דאָ — אַלץ געהערט מיר!
ער האָט כיטרע־פּויעריש געשמייכלט. שוין גערעדט רויקער. אַפֿילו אַ לאַך געטאָן.
— כ׳ווייס, אַלע זשידוווקעס פֿאַרשטעקן זייער גאָלד אין „סובינע”.
זי האָט זיך געמאַכט מוט און אויך אַ לאַך געטאָן:
— טו אַ שמעק, וועסטו וויסן...
ווילּיונגעריש האָט ער מיט דער שווערער דלאָניע
איר אַ פּאַטש געטאָן אויפֿן דאַרן הינטן
און מיט שטיפֿע ליפּן איר געגעבן אָנצוהערעניש:
— מאַך עס בעסער אַליין...
איך בין שוין צו פֿאַרמאַטערט פֿון קריכן אין ווייבערשע לעכער.
זיין קול האָט דערמאָנט אָן געסקריפּ פֿון די זשווירשטיינדלעך ביים טייך.
ער האָט כלומרשט גוטברודעריש איר צוגעאיילט:
— מיין עצה איז דו זאָלסט עס מאַכן גיכער.
ער האָט אַ באָמבל געטאָן אין די קעשענעס פֿון זיין מונדיר —
די שווערקייט פֿון גאָלד האָט אידל אָפּגעקלונגען —
ס׳איז געווען אָן אַנדייט פֿון זיין כוונה.
— אַ סך! האַ? און אַלץ פֿון איי־ערע...
ס׳האָט זיך אַ רגע געדוכט אַז ער איז געוואָרן צוגעלאָזן.
מיט אַ מאָל האָט ער ווידער אַרויסגעברומט: נו...
ער האָט מיט שפּאָט נאָכגעקרימט ווי ייִדן זאָגן „נו”.
ער האָט ווידער געלאַכט.
די זון האָט ווידער געשמייכלט.

אין איר בליק האָט די שרעק געגליט — קעגן זײַן שמייכל.
קעגן שמייכל פון דער זון.
— — — — — — — — — — — — —
איר שמאָלע האַנט האָט אַרײַנגעוואָרפן אין זײַן לאַפּע דאָס פינגערל.
ער האָט מיט אַ פלינקן זשעסט עס אונטערגעכאַפּט.
אַ סווישטש געטאָן אַ צופרידענער
און לײַכט זיך אָוועקגעטראָגן.
— אין דר׳ערד מיטן קאָפּ!
אַ קללה און אַ קרעכץ האָבן אים באַגלייט...

פאַר נאַכט.
די פאַרשטאָט איז געווען אין שקיעה־פלאַמען אײַנגעטונקט.
די זון — אַ רויט־גלײַקער דיסק —
איז געשטאַנען אויפן קאַנט פון האָריזאָנט.
כ׳האָב זיך דערמאָנט: אַזוי פלעגן מיר קינדווײַז אָוועקשטעלן מטבעות —
זיי פלעגן בײַם קלענסטן ציטער אַ וואַקל טאָן און אָוועקפאַלן.
אַזוי וועט באַלד די זון זיך אַ שאָקל טאָן
און אַראָפּפאַלן פון האָריזאָנט —
און מאָרגן ווידער קומען — —

די מיידל האָט געהינקט. געגאַנגען מיט די לעצטע כוחות.
אַזוי שלעפּט זיך אַ פאַרמאָרעט בלינד פערד,
וואָס דער אינסטינקט ציט אים צו זײַן שטאַל.
האָט זי דערשמעקט דעם ריח פון היים?
מיט די באָרועס־ווונדיקע פיס האָט זי זיך קוים דערשלעפּט.
זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַן אויסגעשעפּטע אויפן טרעפּל
און געקוקט מיט אַ פאַרשטאַרטן בליק צו דער טיר.
אַ קול, ווי געקומען פון אַ פרעמדער וועלט, האָט געזאָגט:
— נעכטן איז דאָ געווען אַ פּאָגראָם...
איז גוט אַז איר זײַט ניט געווען.
זי האָט זיך ניט אויסגעדרייט צום קול.
זי האָט געהערט איין וואָרט — גוט... גוט. גוט? גוט!
אין איר שויס איז געפאַלן אַ טרער.
און די טיר האָט קיינער ניט געעפנט.

ד. דער שליסל

צוריק פון וועג.
ניט געווען איז קיין אַנטרינונג.
צוויי מאָל געלאָפן הין און קריק
און דער קרײַז האָט זיך פאַרשלאָסן —
ניט געווען מער ווו צו גיין.
דאָ איז געווען דער פונקט
פון וואַנען אַ צירקל הייבט זיך אָן
ביז ער קומט צוריק צום זעלבן פונקט —
צוריק —
אָן אַ ווײַטער.

אַ ציטעריקער יונגער פאַרשלאָסענער קרײַז.
ווער האָט דען געקענט וויסן אַז אַזוי גיך וועט זײַן סוף —
יאָר־סוף —
טאָג־סוף —
רגע־סוף — —

איך האָב געבראַכט צוריק — די אומרו אין מײַנע גלידער,
און אין מײַן האַנט —
דעם שליסל פון שרעק.
ניט מיטן זעלביקן שליסל האָט איך די טיר פאַרשלאָסן.
איצטער האָט ער אַ שיפּע געטאָן אין מײַנע פינגער,
ווי ער וואָלט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שלענגל —
אַ שליסל־שלענגל —
ער צאַפּלט אין מײַן האַנט.
איך דריק אים אײַן אין מײַן פויסט —
שטאַרקער!
שטאַרקער!!
צי קען איך אים דערשטיקן?
איך פיל זײַן שטומקייט.
ווי אַ ביקס איז ער אָנגעצילט קעגן מײַן האַרץ —
שרעק קעגן שרעק.

אַ, ווי קען איך איצט עפענען מײַן טיר
אַז דער שליסל פּאַסט שוין ניט מער.
ער פּאַסט בלויז צו מײַן האַרץ —
און איז גרויס ווי מײַן האַרץ.
כ׳האָב אים אַ גאַנצן טאָג געטראָגן אין בוזעם באַהאַלטן —
אַז קיינער זאָל אים ניט באַמערקן.
דורך דער גרענעץ פון טויט האָב איך אים אַרײַנגעשוואַרצט.
אָבער ווי וועל איך איצט אויפשליסן מײַן טיר?
דער שליסל ציטערט אין מײַנע פינגער
מיט קאָנוווּלסיע־פּחדים
און די פרעמדקייט איז דורך נאַכט אויסגעוואַקסן
ווי אַ פינצטערער באַרג
וואָס הויערט איבער מײַן שטוב,
איבער מיר,
איבער דער מיידל מיט די שוואַרץ־זײַדיקע האָר
און קאַשטאַן־ברוינע דערשראָקענע אויגן —
איבער אונדז אַלעמען —
איבער אַלע ייִדן דאָ —

מיר ביידע האָבן זיך צוריק אַרײַנגעפינצטערט אין דער שפּאָגל נײַער געטאָ —
מיר האָבן זיך אַרײַנגעשלײַכט אויף די שפּיץ פינגער פון פאַרבלוטיקטע פיס.
די ייִדן אַרום האָבן אונדז אָנגעקוקט מיט חשד.
זיי האָבן ווויל באַמערקט
אַז מיר האָבן עפּעס אַ נײַע שרעקזאַך געבראַכט פון וועג —
דעם וווּנדער־וויטרעך פון גרויסער אימה
וואָס איז קאַפּאַבל אײַנצוברעכן אויך אין זייערע דערווײַליקע געמיט־סייפן,
צו דעם נאָך אויף זיבן נולן אַסעקורירטן בטחון —
צו דער לעצטער צעפּיצלטער האָפענונג —
צום לעצטן זיך־לעשנדיקן פונק לעבן.

ווען איך האָב זיך פריִער געהאַט דורכגעגליטשט די פּאָר געסלעך,
האָב איך באַמערקט אין די פאַרלוירענע צעשטרייטע בליקן
אַז זיי היטן אונדזער יעדן טראַט.
די וואָס האָבן געוווּסט אַז מיר קומען פון יענעם וועג
האָבן עפּעס אומפאַרשטענדיק געוואַרט אויף אַ בשׂורה.
אפשר האָבן זיי געזען דעם נס אין די סליאַדן פון אונדזערע בלוטיקע פיס —
זענען עס געווען משיח־צייכנס אין זייערע אויגן?
אַ ייִד האָט מיר שאַרף אַרײַנגעקוקט אין פּנים.
ווי אַן ענטפער האָב איך זיך צעשריִען אויף די שטומסטע קולי־קולות:
— דע־סאַנט!!!

איצטער איז מײַן שרעקשליסל געווען ווײַס —
ווײַסער ווי מײַן צעקרימט געזיכט.
דערימעך האָב איך אים פאַרשטעקט טיפער אין זיך,
ווי איך פלעג אין די שפּעטערדיקע יאָרן
פאַרבאַהאַלטן מײַן כזית ברויט אונטער דער שמוציקער דעקע.
איצט האָט דאָ טאַקע פון ערגעץ אַרײַנגעשלאָגן אַ ריח פון ברויט.
פריש ברויט.
ברויט און רו.
ברויט און חלום.
ברויט און לעבן!
אויף דער גויִשער זײַט גאַס, קעגנאיבער,
האָט מען געבאַקן. געקאָכט. געגרייט אַ מאָלצײַט.
דאָרט איז געווען היים. היים!
נאָר ווי קען דאָ זײַן היים
אַז דער שליסל פון שרעק קען ניט עפענען די טיר.
און דאָס האַרץ ציטערט מער ווי די האַנט.
ווען כ׳קען אַ וואָרף טאָן מײַן האַרץ — ווײַט־ווײַט — ווײַט־ווײַט — און אויס!
אויס מיט שרעק.
— און אויס מיט אַלץ — —

כ׳דערמאָן זיך: יאָרן שפּעטער. אַ פּראַסטיקע נאַכט.
דאַכאַו — אַ ברודיקע נאַרע. פינצטער. פּײַכט. קאַלט.
מײַן חבֿר האָט זיך אײַנגעוויקלט אין דער דינער שמוציקער דעקע.
איבערן קאָפּ זי אַריבערגעצויגן, ווי אַ שוואַרצן טלית.
בײַם אויסלעש פון לעצטן פונק
האָט ער אַ קוש געטאָן מיט אויסגעטריקנטע ליפּן דעם ניט מקוים געוואָרענעם חלום
און געבליבן ליגן מיט אַן אָפן מויל —
ווי אַן אָפענער קבֿר.
און דער שליסל פון שרעק איז אַרויסגעפאַלן
פון זײַן בלוי־קנאָכיקער האַנט און ערגעץ פאַרשוווּנדן — —
זײַנע פינגער זענען געווען לויז,
און זײַנע ליפּן — אין אַ שמייכל־גרימאַסע פאַרצויגן.
כ׳האָב זיך געשעמט וואָס איך בין ניט אַזוי שטאַרק צו שטאַרבן
און געפילט ווי מײַן שוואַכער גוף צעפאַלט זיך אויף שטרוי,
אויף פלעווע —
אויף גאָר־גאָרניט...

ווי אַ הונגעריק פאַרפרוירן מײַזל האָב איך יענע נאַכט
זיך געשלעפּט צו דער טיר פון דער ערדישער בודע.
די בלאָטע אויפן גרונט איז געווען אײַזקאַלט.
און איך האָב פאַרדריקט דעם שליסל פון שרעק אַזוי שטאַרק,
אַז כ׳האָב געמיינט אַז מײַן האַרץ שפּרינגט אַרויס פון ברוסט.
מײַן האַרץ האָט אַ סקריפּע געטאָן
און די טיר האָט נאָכגעגעבן — זיך געעפנט...
נאָר איך האָב ניט געקענט אַרויסגיין.
ניט געקענט אַפילו שרײַען. ניט געקענט רופן הילף.
ווײַל איך בין געהאַנגען אין דער לופטן.
אונטער מיר איז ניט געווען קיין שוועל — —

איך בין צוריק אַרויפגעקראָכן אויף דער נאַרע.
זיך צוגעדריקט צו מײַן טויטן חבֿר
און אים מקנא געווען —
וואָס ער דאַרף שוין מער קיין שוועל ניט.

ה. אַן אַ שוועל

ס׳איז נאָך געווען בײַם סאַמע אָנהייבשרעק.
מײַן האַרץ האָט נאָך געהאַט דעם כּוח אַ צאַפּל צו טאָן.
האָט עס זיך יענעם טאָג אַ ריס געטאָן —
און ס׳האָט זיך געעפֿנט די טיר.
טיר פֿון כּמו־היים —
ספֿק־היים.

נאָר תּיכּף האָב איך דערזען
אַז מײַן האַרץ וואַלגערט זיך אויף דער שוועל־ניט־שוועל —
אַ צעבראָכענער שליסל פֿון אַ היים.
כ׳האָב אַן אויפֿגעטרייסלטער אַראָפּגעקוקט צו אים,
ווי צו אַ קראַנק הינטעלע וואָס לעקט דײַנע פֿיס.
כ׳האָב דערפֿילט אַז מײַן אייגן האַרץ ווײַנט מיט ביטערע טרערן
איך זאָל רחמנות האָבן און אים אויפֿהייבן.
איך האָב זיך אַראָפּגעבויגן ביז צו דער ערד,
אָבער איך האָב אים ניט געקענט נעמען אין מײַנע ציטעריקע הענט.
און מײַן צימער האָט פּלוצלינג אַ כליפּע געטאָן (צי אפֿשר איך ?)
און אין זעלבן הרף־עין איז די שוועל ניט געוואָרן.
פֿאַרשוווּנדן.

אַ שטוב אָן אַ שוועל.
און איך בין געבליבן הענגען אין דער לופֿטן — —

אָ, מײַן אַנטלאָפֿענע שוועל פֿון יענעם פֿאַר נאַכט !
ווּ ביסטו געבליבן ?
ווּ ?

גאָט, שלײַדער צוריק מײַן גוף צו יענעם טאָג —
דעם טאָג פֿון נאַכט —
די נאַכט פֿון נעכט —
כ׳וועל אפֿשר דאָרט צוריק געפֿינען די שוועל —
שוועל פֿון היים.
און אויב ניט — וועל איך מײַן גוף אַרײַנגראָבן פֿאַר דער טיר
און אַריבערשפּרײַזן איבער זיך ווי איבער דער היימשוועל.

איך האָב זיך צוגעבויגן צו מײַן האַרץ
און געהערט זײַן פֿאַרציטערט קלאַפּן.
ער איז געהאַנגען אויף אַ דינעם פֿאָדעם איבער דעם שוועל־תּהום.
ער האָט זיך געפּרייט וואָס כ׳בייג זיך צו צו אים
און אַרויסגעצאַפּלט זײַן טיקטאַק: — איך לעב־לעב־לעב נאָך...
— ווי קענסטו זײַן אַזוי האַפֿערדיק
אַז די שוועל פֿון אונדזער היים איז פֿאַרלוירן געגאַנגען —
— פֿאַרזונקען
ניטאָ מער לעולם־ועד!

און מײַן האַרץ האָט זיך מיר אין פּנים צעשרײַען,
מיך פּשוט פֿאַר אַ ליגנער געמאַכט:
— ניטאָ אַזאַ זאַך אַז אַ שוועל זאָל פֿאַרלוירן גיין,
פֿאַרזינקען אין אָפּגרונט, ווי אַ שטיין,
און מ׳זאָל זי אויף אייביק פֿאַרגעסן, —
אַז ס׳איז נאָך דאָ אַ טיר איז ערגעץ פֿאַראַן אַ שוועל. מוז זײַן!
מײַן האַרץ האָט געשטורעמט ווי אַ קטיגור קעגן מיר — זײַן היטער.
איך האָב זיך אַ פֿאַרצווייפֿלטער געבעטן:
— הער אויף מאַכן לײַטיש געלעכטער. קוק אַרונטער אונטער דיר. זע אַליין!
האָט דאָס האַרץ זיך נאָך מער צעליאַרעמט:
— איך זע עס ניט. ניין! אָבער שטיי ניט אויף אַן אָרט. גיב אַ גיי.
שפּרײַז אַריבער דעם תּהום, וואָס אונטער אים איז די שוועל.
גיי! וועסט טרעפֿן ייִדן — דעם און יענעם...
— ווו וועל איך זיי טרעפֿן? — האָב איך צוריקגעשרײַען —
אַז אויך בײַ די אַנדערע איז ניטאָ קיין שוועל —
אין קיין ייִדיש הויז איז מער ניטאָ קיין שוועל. —
ניטאָ!

איך בין געשטאַנען אין ראַם פון דער אָפענער טיר,
אָבער ניט אויף דער שוועל — בפירוש ניט!
איך ווייס עס!
מעג מײַן האַרץ מיך אָנקלאָגן וויפל עס וויל —
גערענק איך: ניטאָ קיין שוועל!
מ׳קען מסתמא אַ מאָל שטיין אין אַ טיר אָן אַ שוועל —
דעמאָלט האָט מען געקענט.
אַ סימן: אָנטקעגן האָט אונדזער שויב
זיך פאַרגאָסן מיט רויט פײַער.
דעם גאַנצן זומערבלוי פון הימל האָט אויפגעפרעסן דער שקיעה־פלאַם,
וואָס האָט געשטשירעט אין פענצטער מיט בלוט־צייניקער אימה.
קעגן ווּעמען?
ווער איז געווען דער זינדיקער? —
און אויף דער שויב האָבן זיך פלוצלינג
פאַרצאַפּלט בלוט־טריפנדיקע פליגלען —
צוויי —
פיר —
טויזנט —
אָן אַ צאָל —
און מלאכים האָבן אין צימער אַרײַנגעפלאַטערט און געוויינט —
אויף די ווענט זענען גערונען רויט־גאָלדענע טרערן —
רוביניק־פונקיק —
און דער גאַנצער חלל איז פול געוואָרן
מיט פײַערלעכן טרויער.
די זון האָט געשיקט אַהער אַלע אירע מלאכים פון פאַרגאַנג —
מלאכים פון שקיעה.
איז עס דײַן לעצטע שקיעה —
גאָט פון אַלע גיהנום־בראַנדן?
איז עס אונדזער לעצטע שקיעה?
מײַן לעצטע? — —

יענער טאָג האָט געהאַט אַ שקיעה
ווי דער לעצטער ליַיוונט פון אַ גרויסן מיַיסטער,
וואָס האָט שטראַליקרויט אויסגעמאָלט איבערן גאַנצן האָריזאָנט —
סוף.
און זיַין פענדזל האָט ער געטונקט אין דער זון־פּאַליטרע
און אויף מיַין שויב איין וואָרט אָרויפגעשמירט:
אויס — —
דעמאָלט האָב איך דערפילט, ווי גוט איז צו האָבן נאָך אַ ברעקל טאָג
איידער די שקיעה איבער מיר פאַרגייט —
און איך האָב תפילה געטאָן:
אָ, גאָט, לעש ניט אויס די שקיעה!
פאַרלענגער מיַין טאָג!
נאָך איין פענעצל זון —
איין קערנדל ליכט.
כ׳האָב פון גאַנצן האַרצן געוויינט,
וואָרעם כ׳בין געווען אַזוי עלנט און פאַרלאָזן —
איינער אַליין —
ביז די שקיעה האָט מיך אין זיך אַריַינגעזויגן
און איך בין געוואָרן אַ טרער פון איר בלוט — —

מיַין בענקשאַפט איז געלעגן אַ פאַרשוויגענע,
ווי די שטילקייט פון פאַר נאַכט אין מיַין צימער.
דער טויט האָט געשוויגן מיט פאַרפרעסטע ליפּן.
זיַין שטילקייט האָט אַרומגעשוועבט
אין בין־השמשותדיקן איבערבײַט.
איך האָב זי געפילט ריזלען אין מיַינע בלוטן —
אין די אָדערן —
אין האַרצן.
וויפל מאָל קומט דער טויט צו אַ לעבעדיקן מענטש?
צו מיר איז ער יעדע סעקונדע געקומען אין אַן אַנדער געשטאַלט —
און די געשטאַלטן זענען געוואַקסן —
אַ טויטבאַרג האָט פאַרשטעלט דאָס לעבן.

אין צימער האָבן אַרומגעפלאַטערט די נשמות
פון נעכטיקן פּאָגראָם אין סלאָבאָדקע
און זיי האָבן בלחש געשריִען:
שמע־ישׂראל!
זיי האָבן אַזוי שטיל געשריִען —
אַז מ׳האָט געקענט טויב ווערן.
דאָס געיאָמער האָט זיך געטראָגן פון איין עק וועלט צום אַנדערן.
און דער רבֿ — וואָס די „שאָוליסטן" האָבן אים צוגעטשוועקעוועט צו דער וואַנט —
איז איצט געהאַנגען אין מײַן פענצטער
און אַרײַנגעבלוטיקט מיט זײַן אָפּגעשניטענעם קאָפּ — —
כ׳האָב זיך אַ וואָרף געטאָן און אויפגעריסן דעם פענצטער.

מיט אַ מאָל איז דער הימל געוואָרן ליכטיקבלוי
און אַלע שוואַרצע פלאַטערלעך
זענען צו דער זון אַרויסגעפלויגן.
דער גרויסער גאָלדרויטער באַל האָט זיי אײַנגעזאַפּט.
און די לופט האָט זיך צעכוואַליעט מיט זומער־ריחות —
לאָנקע און ביימער און בלומען —
פעלד און היי־שיכּרות —
ס׳איז געווען אַ חלום־רגע
וואָס דאָס געשריי האָט זי ווידער צעריסן מיט זײַן שטילקייט:
— שמע־ישׂראל!
— אַנטלויף!
לאָנקע און מאָרד!
בלומען און אימה —
פעלד און טויט —
וואַלד און גרוב —
בוים און תּליה — —
דער שמע־ישׂראל האָט אָפּגעכאַפּט צוריק פון די הימלען
און געפאַלן אין פענצטער ווי די שיסערײַ אַרום געטאַצוים.

די נאַכט האָט זיך שוואַרץ געגאָסן פון הימל.

ו. אימה פון אַ זומערנאַכט

שוואַרצע פליגלען פון אַ פלעדערמויז־אומגעהײַער
האָבן צוגעדעקט הימל און ערד.
אין מײַנע גלידער איז די אימה אַרײַן.
כ׳האָב געשלונגען איר סם אין דער לינדער זומערדיקער נאַכט.
עס האָט געהאַט דעם טעם פון משוגעת־פילן
און פאַרצויגן דעם מוח מיט רויכיקן גאַז.
קיין לעבעדיקער מענטש קען זיך גאָר ניט אויסמאָלן
אַזעלכע קאָשמאַריקע האַלוציניאַציעס.
אין מאָל בלויז קען מען זען אַזאַ געשפּענץ —
פילן דעם טויט־טעם —
און דורכלעבן די גסיסה —
אויף אַן אמת זי דורכלעבן — —

דער איינמאָל — צוליב געטרײַקייט —
איז געווען: זומער 1941.
די זומער־אימה פון דײַטשע פילאָסאָפן פון ראַסן־הריגה —
די יודענרייך־לערע פון טײַוולאָנישע דענקער —
דער פויערישער רויבגיר פון כיטרע־כאַמסקע ליטווינער —
צוזאַמען: דער הינטערליסטיק־וואַנזיניקער מערדערבונד
פון דער גרויל־וואַקכאַנאַליע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אַ בלינדער זונשטראַם האָט זיך אויסגעטאַפּט אַ וועג צו דער נאַכט.
אַלע שוואַרצע פלאַטערלעך זענען צוריקגעפלויגן
פון דער זון צום פענצטער
און זיך צעשאָטן איבערן צימער.
געקלעפּט אויף די ווענט. אויפן בעט. אויפן סופיט.
מיט די אויגן פון מײַן הויט האָב איך זיי געזען.
אין מײַן מאַרך האָט זיך זייער נעגאַטיוו אָפּגעדריקט.
טונקל־ערדיקע זעונגען האָבן רענטגענירט דורך מײַן לײַב,
ווען די זון האָט זיך פאַרלאָשן הינטערן האָריזאָנט.
אין האַרצן האָבן רויט־פײַערדיקע אויגן זיך געטוקט.
אין בלוט זענען געשווומען און געבליצט אַנגעגליטע באַגנעטן.
ס׳איז געווען די נאַכט פון גרויסן טרויער.

די ליכטיקע אויגן אין הארצן האָבן דעם טרויער
נאָך מער צעברענט און דער נאָיענדיקער ווי איז געוואָרן דורכזיכטיק.
נאָר די אויגן אין קאָפּ זענען געווען אויסגעלאָשן
און די בלינדע אומרו איז מיר איבערגעוואַקסן.
איך האָב זיך געצויגן צו דער טיר
און מיט קאַלטע פינגער געזוכט די קליאַמקע.
און די טיר איז גאָר געשטאַנען אָפן —
רציחהדיק אָפן — —
וויפל יאָר בין איך אַזוי געשטאַנען פאַר דער טיר ?
וויפל חדשים —
טעג —
רגעס ? —
און ערשט איך דערזע אַז ס'איז גאָר קיין טיר ניט —
נאָר אַ טויער — —
אַ געטאָ־טויער.
אַ משונהדיקער טויער — אָפן פאַר שאָטנס פון אַלערליי מאָסן און אויסזען.
זיי שאַרן זיך און שטופּן זיך פון אַלע זייטן.
זיי פליִען אַן ווי ריזיקע פלעדערמייז — אין גאַנצע האַרדעס.
אַ שווערער שאָטן קראַכט אַריין גלייך אויף מיר.
— איך קום אויף באַזוך... — לאַכט ער מיר אַריין אין פּנים.
— דאָ אויף באַזוך ? — וווּנדער איך זיך. — צו וועמען ?
— צו אַלעמען !.. — לאַכט ער ווידער, דריבלדיק, אָן אַ קול.
— פאַר וואָס לאַכסטו אַזוי מאָדנע ? ס'ווערט מיר פון דעם קאַלט...
— האָסט מיך ניט דערקענט ? — פרעגט ער. — אַלע דאָ קענען מיך שוין.
כ'פיל ווי די האָר אויפן קאָפּ ווערן מיר שטייף, ווי דרעטלעך.
ער וואַרט ניט אויף מיין ענטפער און שטעלט זיך פאָר :
— האָבע די ערע ! די דייטשן האָבן מיך אַהער געבראַכט. שטרענג געהיים...
— כ'ווייס שוין ! — שריי איך אויס. — ביסט דער מלאך־המוות !..
— יאַוואָל ! כ'פיר דאָ אויס קריגספּלענער... און דאָס איז מיין מעדכען...
זי שטייט ביי זיין זייט מיט צעפלאָשעטע פייער־רויטע האָר.
— זייער אומאייַנגענעם אַזאַ באַגעגעניש... — זאָג איך כלומרשט אַפּאַטיש.
— כ'קען ליידער גאָר ניט העלפן. באַפעל ! און איך טו מיין מיליטערישע פליכט.

מיט דיקע פליישיק־תּאוודיקע ליפּן פאַלט ער צו צום מיידלס קאָפּ
און קושט אויס די רויטע פאַרב פון אירע האָר.
זי ווערט אין גאַנצן ווייס, ווי קרייד.
— איך לאָז דיר איבער מיין פּאַרקאַלכטע פרינצעסין — אַ סוווענירן...
ווי וואָלט איך איצט וועלן שרייען אויף די העכסטע קולות!
נאָר איך פיל אַז איך בין שטום און שוואַך.
און דער מלאך־המוות דראָט מיר מיט אַ לאַנגן שפּיציקן פינגער:
— יונגע, יונגע, ניקס צו מאַכן... — און ער ווינקט־אָן אויף דער מיידל.

מיך וווּנדערט בלויז וואָס ער האָט ניט קיין פליגל...
ער איז שיין און עלעגאַנט.
מיט בלויע אויגן און אַ קרומלעך שקאָצעוואַטן שמייכל.
אַנשטאָט פליגל — הענט מיט ווייסע זיידענע הענטשקעס,
און אַ פּאָר גלאַנציק־שפּיגלדיקע שטיוול אויף די לאַנגע פיס.
איצט דערפיל איך אַז דער שליסל פון שרעק וואַרפט זיך אין מיין האַנט
און אָט־אָט וועט ער אַרויסשפּרינגען.
דאָס האָט אים אַמוזירט און ער האָט אַ שמייכל געטאָן.
אָבער אין זאַך האָט ער אַ פּנים ניט באַמערקט —
אַז ביי מיין טיר איז קיין שוועל ניטאָ.
און צו וואָס דאַרף דער מלאך־המוות בכלל אַ שוועל,
אַז ער קומט אַריין דורך אומעטום —
דורך אַלע אומעטומס — —

ער האָט זיך אומגעדרייט און כ'האָב באַמערקט דעם שוואַרצן פּאַסעק פון היטל —
און די זון איז גלייך געוואָרן פון רויט שוואַרץ
און צוויי אויגן־לעכער איבער זיין קאָפּ האָבן געשמייכלט...
אַ מלאך־המוות אין אַ סאָלדאַטסקע היטל און ער שמייכלט ?!
און פון שמייכל האָבן גענומען קריכן קאַלטע נאַסע ווערעם אויף מיין רוקן.
אַ פראָסט האָט געבראַנדיקט אין מיינע ביינער
און ס'האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן — —

כ'האָב זיך דערמאָנט אַז מיט אַ פּאָר טעג צוריק
האָב איך זיך צום ערשטן מאָל מיט אים באַגעגנט פּנים אל פּרצוף —

ז. דעסאַנט

דער וועג איז דאָרטן געווען אַ ברייטער און געפּלאַסטערט.
ער איז אונדז אָנגעפאָרן אַנטקעגן
אויף אַ שוואַרצן גלאַנציקן אויטאָ —
אַ פאָלקסוואַגען.
פאָרנט איז געווען אויסגעשפּרייט זײַן פאָן —
אַ שוואַרצע שפּין —
שוואַרץ אויף רויט.
די שפּין האָט זיך אַרײַנגעדרייט אין מײַן מוח —
מײַן האַרץ —
מײַן גוף.
דער אויטאָ איז געלאָפן דורכן וואַלד,
אין שמעקעדיקן שאָטן פון דיביימער.
ער האָט צו אונדז אַרויסגעקוקט דורך דער אויטאָשויב און געשמייכלט —
צום ערשטן מאָל האָב איך דעמאָלט געזען דעם מלאך־המוות שמייכלען.
עמעצער האָט אים מיט אַ מאָדנעם אומשולדיקן נאָמען אָנגערופן:
דעסאַנט...
דעסאַנט־מלאך־המוות!

אין ווילקאָמיר האָבן מיר אים באַגעגנט —
אויף דעם וואַלדשליאַך.
ער האָט מיט זײַנע שוואַרצע שפּיננעגל אָפּגעשניטן דעם וועג.
ס'איז מער ניט געווען קיין אַהין —
דער אַהין פון האָפענונג —
און דער צירקל פון טויט האָט זיך אָנגעהויבן.
מיר זענען צוריק געלאָפן —
צוריק געקראָכן —
צוריק געפויזעט —
צו קאָוונע —
צו סלאַבאָדקע —
מיט דער ווילִיע — צו ווילִיאַמפּאָלִע —
צו דער געטאָ —

אין וועג האָט ער שנעל און כּסדר די מאַסקעס פון טויט געביטן —
אַ מלאך־המוות אין אַלערליי געשטאַלטן:

דייַטש —

אוקראַיִנער —

ליטווינער —

אַ קאַליידאָסקאָפּ פון גזלניש קרום־צעשמייכלטע פּרצופים —
אַלע מאַכן זיך לוסטיק מיטן טויט —

אַלע טאַנצן —

אַלע לאַכן —

אַלע שיכּורן —

אַן אַרגיע פון פיל־פּנימדיקן טויט —
פאַרבן און ניואַנסן פון אומקום —

טויטבויגן־קאָלירן —
זומערטויט אונטער אַ זיַידבלויע הימל־חופּה —
גסיסה אין זיסן ריח פון היי —
לעצטער אָטעם אויף אַ זאַפטיק געלעגער פון קאָנעטשינע —
אַזוי פאַרגינט זיך אַ גאַנץ פאָלק צו גיין אויף קידוש־השם
מיט די סאַמע גרויליקסטע און פאַנטאַסטישע טויטן —
פאָלק ישׂראל אין ספּעקטרע פון אַ פינצטערן פאַרלענד
אונטער אַ גאָלד־צעשטראַלטער זון איבער גאַנץ ליטע.

און פון זוניקן טויט קייַקלען זיי זיך אַראָפּ אין טאָל פון די שאָטנס.
שאָטנס אין שאָטנס —

און אַלע שוויַיגן שוין —

ווייַל שאָטנס ריידן ניט —

שאָטנס וויינען ניט —

שאָטנס פילן ניט —

דאָ זענען זיי אַליין —

אַ ראַנדעווו מיט זיך אַליין —

אויף אייביק.

און דער מלאך־המוות האָט באַפּאַרט דעם אַשמדאַי מיט לילית
און אָנגעפלאָדיעט אַ חבֿרותא טויט־מלאכים
וואָס שפּאַצירן באַקעטע איבער ייִדישע גאַסן און ייִדישע היימען
און זויפן בלוט און שנאַפּס.

דער דעסאַנט גייט פאָרויס.

מיר — צוריק.

איצט זענען שוין אַלע פריידן איינגעשטילט.

די לעבעדיקע — אויף דער ערד — גנבֿענען נאָך אַ פּאָר צי אָטעם.

די טויטע — אין דער ערד — פאַרליוליעט מיט זייערע אָפּגעשניטענע יאָרן.

און דער טויט גייט־אויף מיט לעבעדיקע גראָזן —

און אַ מילד ווינטעלע שמועסט זיך דורך אויף גראָז־לשון

מיט די פאַרבאַהאַלטענע וועגן אַמאָליקע ווייטע טעג —

דער זומערטויט חלומט מיט זכרונות פון לעבן.

זיי פליִען אַרויס אין די לבֿנה־נעכט פון די אומבאַקאַנטע קבֿרים,

ווי אומגעזעענע וויַיס־דורכזיכטיקע גייסטער,

און לעבן־איבער דעם חלום פון לעבן אין זייער טויט־גילגול — —

פאַר די לעבעדיקע עפענען זיך די שרעקטויערן פון זיך אַליין —

ברייטע און זון־פאַרשוואַרצטע —

און אונטער זיי בושעוועט אַ פייער־תהום.

דער תהום שפיגלט־אָפּ אַן אונטערשטן הימל — אַ גרינעם,

און אַ ברוינע לבֿנה מיט שוואַרצע שטערן אַרום.

אַ מאַקאַברישער מאָלער שטייט דאָרט

און גאַנצענע טעג מאָלט ער דאָס בילד.

זיַין פּענדזל איז רויט. בלוטרויט.

ער מאָלט מיט בלוט און מיט פייער.

מיר לויפן פון טויט. פון מלאך־המוות.

די זומערנאַכט שמעקט מיט לעבן.

די זומערנאַכט שמעקט מיט טויט.

מיר הענגען אויף אַ תּליה

צווישן צוויי מאַגנעטישע פּאָליוסן.

און אומעטום דעריאָגט אונדז דער מלאך־המוות —

אין זיַין שוואַרצער האַנט דער בלאַנקער חלף.

ח. די זילבערנע שלאַנג

ניטאָ קיין צוריק.
ניטאָ.
ניטאָ.
די נאַכט איז דאָ אייביק.
אייביק.
אייביק.
מיט טויזנטער עכאָס יאָגן זיך די קלאַנגען אין מײַן לײַב.
מיט שטומען געשריי —
מיט שטילע קולות —
שרײַען זיי איבער אַלע וועלטן,
דעם קאָסמאָס.
...אין צימער הערט ניט אויף יאָמערן דער טויט.
און אין מיטן דיל ליגט אַ זילבערנע שלאַנג
מיט אויסגעשטאָכענע אויגן.
זי האָט אַליין פאַרשלונגען איר גיפטיקע תאווה.
פון דער הויך פאַלט אַ פײַערדיקער שטיין אויף מײַן קאָפּ —
פון הינטן שטעכט זיך מיר אַרײַן אַ שפּיז אין רוקן —
לויט דער פּשוטסטער לאָגיק בין איך שוין לאַנג טויט.
אָבער ווי קען אַ טויטער שטיין? — —

דער שכן קומט צו און דערמאָנט מיך:
— וויפל איז דער שיעור צו שטיין אין טיר אַזוי ווי געליימט?
— וויפל יאָר שטיי איך שוין דאָ?.. — פרעג איך מבֿולבל.
— ביסט משוגע צי וואָס?.. — שרײַט ער מיר אין אויער. —
ווען דו וואָלסט דאָ נעכטן געווען — וואָלסטו שוין געלעגן...
מיט העק און מיט רציחה זענען זיי געקומען צולויפן —
די גוים פון אַרום — און זיי האָבן דיך אַרומגעזוכט...

אין האַרצן טראַסקעט די שרעק אויף שוואַרצע פויקן —
אַ סימן אַז איך לעב!..

די זילבערנע שלאַנג דרייט זיך און קאָרטשעט זיך אויפן דיל.
זי זוכט דעם אַרויסגאַנג.
טאָמער הייבט זי אָן קריכן צו דער טיר,
פאַלט זי אַרײַן אין תּהום ווו די שוועל איז געווען.
דער שלאַנגס רוקן שימערט אין דעם נאַכט־חושך.
איך בייג זיך אַריבער איבער דעם שוועלאָפּגרונט.
די תּהומיקע טיפקייט צעציטערט מײַנע אָדערן —

זיי וועלן באַלד פּלאַצן.

אַזוי טיף!

איך טו זיך אַ כאַפּ־אָן אָן דער אימה.
דער מלאך־המוות שמייכלט.
ער פאַרקײַכט זיך פון געלעכטער פון מײַן שרעק.
ער טוט אָן אָן אײַזערנע הענטשקע און פּאַכט זיך אויס —
מיט איין קלאַפּ זעצט ער אויס ס׳לעצטע אויג אין מײַן האַרץ — —
די שלאַנג האָט צו מיר אַ שיפּע געטאָן: — קוק מיטן אויג פון קאָפּ און זע!
און איך האָב מיט אַ מאָל אַלץ דערזען.

יעדע זאַך אין צימער איז געשטאַנען אויף אַן אָרט:
דער אַלמער און די בעט.
אַ בילד אויף דער וואַנט. אַ געעפנט בוך אויפן טישל.
פּונקט אַזוי האָב איך עס געלאָזן מיט עטלעכע טעג צוריק.
איך האָב אַראָפּגעקוקט צו דעם גרוי־בלאָטיקן שטויב
וואָס האָט געקלעפּט אויף מײַנע פיס.
איצט האָט זיך אַלץ געדרייט צוריק —
ווי אין אַ פילם וואָס לויפט פאַרקערט:
די מיידל מיט די צעוווּנדיקטע פיס.
די זילבער־פישעלעך אין זון.
די גלאָטווײַסע שטיינדלעך בײַם ווילי׳ע־ברעג.
אויף מײַנע פיס איז געלעגן די פּײַן פון שווערן וועג.
די מידקייט אין די ביינער — ווי בלײַ.
איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזן בײַ דער תּהום־עפענונג
און צוגעשפּאַרט מײַן קאָפּ צו דעם טרויער — —

דאָס זילבערנע שלענגל איז געקראָכן נעבעטער
און געבלינצלט צו מיר מיט אַ פײַערדיק אײגל.
ווען כ׳האָב אויסגעשטרעקט מײַן האַנט
און אים געוואָלט אַ גלעט טאָן —
האָב איך זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ חלום.
דורך די פאַרזשמורעטע אויגן האָב איך באַמערקט
ווי דאָס שלענגל גליטשט זיך אַוועק...
ווי לאַנג שלאָף איך דאָ אַזוי, שטייענדיק?
און מיר דוכט אַז דער שכן האָט מיך געוועקט — —

פון פענצטער האָבן זיך אָפּגעשלאָגן גאָלד־שטראַלכעלעך
און אַרונטערגעטאַנצט אונטערן בעט, אויף מײַן ברוינעם טשעמאָדאַן.
כ׳האָב געקוקט אויפן נאַרישן אוצר מיט די אָן אַ סדר אַנגעוואָרפענע כּתבֿ־ידן.
אַזוי פלעגט די מאַמע פאַרשליסן אירע אָנגעפּרעגלטע פּרוכט
אויף „מ׳זאָל עס ניט באַדאַרפן“ —
און ווי כ׳פלעג זיך צוכאַפּן און שלינגען בשתיקה פולע לעפל נאַשוואַרג,
אַזוי פלעג איך בגנבֿה עפענען דעם טשעמאָדאַן
און לעקן דעם האָניק פון אײגענעם טרויער.
ווי דער מאַמעס מחיהדיקער אײַנגעמאַכטס
איז עס געווען פאַרן אײגענעם געזונט — ניט פאַר פרעמדע...
און ער פלעגט אַזוי שטײן אַן אָפּענער
(קײן בעלנים אויף דער פּאַפּיר־נאַשוואַרג האָבן זיך ניט אײַנגעפונען...)
און מיט יעדן יאָר פלעגט ער פולער ווערן — מיט בענקשאַפט. מיט חלום.
די באַזווע יונגע יאָרן האָבן געיובלט —
דער דאָן קיכאָטישער משוגענער ריטער
האָט געמײנט אַז ער נעמט אײַן וועלטן...

איך האָב געהאַלטן דעם טשעמאָדאַן לעבן זיך און געטראַכט:
וואָס זאָל איך טאָן אין אַזאַ לאַגע מיט דעם פּאַפּירענעם געץ?
און ס׳האָט זיך מיר פאַרגלוסט אָנטאָפּן די טײַערע שמות, פילן עס.
כ׳האָב אַרײַנגעטאָן מײַן האַנט צווישן די בלעטלעך
און עפּעס וואַרעם און לעבעדיק האָט מיט אַ מאָל אַ צאַפּל געטאָן.
איך האָב האַסטיק אַרויסגעכאַפּט מײַן האַנט
און פון צווישן די פאַרקוועטשטע פינגער האָט זיך אַרויסגעגליטשט
דאָס זילבערנע שלענגעלע וואָס איז געבליבן ליגן אין זון — —

ט. איבערן תהום

דער שכן האָט אַ פּנים אַלץ געזען דורכן פענצטער. ער היט מיך.
ער וויל פּטור ווערן פון מײַן פּאַפּיר־לאַגער, ווי ס׳וואָלט געווען דינאַמיט.
אויף די שפּיץ פינגער האָט ער זיך אַרײַנגעשאַרט.
ווי אַן אַלטער פרײַנד זיך נאָענט צו מיר צוגערוקט
און איבערן אַקסל רוימט ער מיר אײַן אין אויער:
— פאַרגעס אַז דו האָסט עס געשריבן. פאַרגעס !
און וואָס פאַר אַ ווערט האָט פּאַפּיר איצט ?..
ווען דו זעסט ווי מ׳האָט דאָ נעכטן געקאָסעט לעבעדיקע מענטשן...
נאָך גוט וואָס כ׳קען זיי — האָבן זיי דײַן טיר ניט אויפגעבראָכן...
— אַ דאגה איך האָב. מיר דוכט אַז כ׳האָב סײַ ווי קיין טיר ניט...
— נו, רעדסט שוין ווידער דבֿרי שטות... זע, מיר הייצן די פּליטע — —

דער פרימאָרגן האָט אַרײַנגעטאַנצט אין פענצטער אַשיקבלוי.
אין די פאַרקראַמפּטע פינגער האָב איך געהאַלטן אַ פאָטאָגראַפיע.
כ׳האָב זיך ניט דערקענט אויפן בילד אין מײַן האַנט.
האָב איך טאַקע ניט לאַנג צוריק געלאַכט אַזוי זאָרגלאָז, פריידיק ?
פאַר וואָס ציטערט דאָס יינגלשע פּנים מיט די ווײַסע ציינדלעך
און פון זײַנע אויגן קאַפּען טרערן ?
זינט ווען קען אַ בילד וויינען ? — —

ווי אין אַ ציטעריקן חלום האָב איך געעפנט פּאַפּירן און פאַרמאַכט.
בלעטער. מגילות. בענקשאַפט און גליק. טרוים און טרויער.
אַזוי פיל יאָרן עס געהיט און באַלד ווערט עס זײַן אַש.
יאָרן אַש —
אַלע יאָרן אין איין רגע.

אַן אָפענער האָט געוואַרט דער טשעמאָדאַן. איך האָב געוואַרט.
און אונטער אונדז איז די ערד געווען אָפן.
איך האָב אַראָפּגעקוקט אין תהום
און אַ וואָרף געטאָן דאָס בילד אַהין —
נאָך דעם האָב איך זיך אַראָפּגעבויגן
און געזען ווי אין רויטן אָפּשײַן פלאַטערט מײַן געזיכט — —

איך האָב אַ שפּרונג געטאָן און געוואָלט אַנטלויפן.
דער שכן האָט אויסגעשפּרייט זײַנע הענט ווי אַ מחיצה.
איך האָב דורך זײַנע הענט אַריבערגעטאַנצט די תּהום־שוועל
און געוואָלט לויפן זיך ראַטעווען —
נאָר ס׳איז שוין געווען צו שפּעט...
דער שכן האָט געטראָגן היגטער מיר דעם טשעמאָדאַן,
ווי דער קברן טראָגט אונטער דער פּאָלע אַ טויט קינד.

די פּליטע איז געווען צעפּלאַקערט.
כ׳האָב גאַנצע שטויסן פּאַרשריבענע בויגנס געשטאָפּט אין דער עפענונג —
און אונטן איז געפאַלן דאָס גרויע פינצטערע אַש —
בערגלעך חלום־אַש.
דאָס שלענגעלע האָט זיך צוגעשלײַכט לעבן דער בראַנדיקער פּליטע.
ער איז איצט געווען פון זילבער־אַשיקן קאָליר
און זײַנע פלאַמיקע אייגעלעך האָבן אַרומגענישטערט אַרום טשעמאָדאַן,
ווי אַ הונט וואָס באַשמעקט די לופט.

דער בלאָנדער יינגעלע פון שכן,
וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שייגעצל,
האָט געטאַנצט מיט שימחה קעגן פײַער —
אַ יום־טובֿ פון פייער —
אַ פײַערשפּיל.
און דאָס פײַער האָט באַוויליקט מײַן פּאַפּיר־קרבן —
עס פאַרצערט מיט טײַוולאָנישער הנאה —
און דער טשעמאָדאַן איז געוואָרן פּוסטער.
פּוסטער.
ליידיק.
ליידיק ווי מײַן האַרץ.
און מײַן האַרץ איז אײַנגעפראָרן ווי אײַז —
קעגן דעם צעפּלאַקערטן פלאַם.
די פּליטע האָט אויסגעשפּיגן אַרומגעסמאָליעטע שארית־הפּליטה־חלומות.
פלוצלינג איז אַ פײַערצונג אַרויסגעשפּרונגען פון טירל
און דער שכן האָט אַ געשריי געטאָן:
— גוואַלד, ראַטעוועט ! די שוועל ברענט !!
— חורבן דאַרף קיין שוועל ניט... — האָט אַ קול געענטפערט.
כ׳האָב זיך אַריבערגעבויגן איבערן שוועל־תּהום און הענגען געבליבן — —

חלום־ברויט

דער מלך געדענקט:
דער הונגער איז מיט זשעדנע און גיריקע ליפּן
אַרײַנגעקראָכן אין אַנגעשוואָלענעם בויך פון זײַן חלום
און אויסגעגריזשעט אַ בקשה: — מאַך זאַט דײַנע אונטערטאַנען!
האָסט איבערגענוג אומזיסטן ליכטיקן ברויט
וואָס וואַקסט ניט אויף קיין פעלדער —
און קיינער קען דיר ניט פאַרבאָטן עס צו שנײַדן.
האָט דער גנעדיקער מלך שוין מער ניט געקענט צוזען
דעם גרויסן צער פון זײַן הונגעריק פאָלק
און ער האָט זײַנע אַלע בירגער פון די נאַרעס
צונויפגערופן צו דער מלכותדיקער סעודה
וואָס ער האָט פּראָקלאַמירט אונטערן טיטל:
די לעגענדע פון ברויט — פרײַ פאַר יעדן!
און פון די יאָרן־פאַלדן האָט דער מלך אויסגעוויקלט
די מגילה פון זײַן זאַטן און איבערפולטן מלכות
און זי געלייענט מיטן אמתן טראַפּ און הנאה —
ווי ער וואָלט מיט זײַנע פינגער געקניפּן פרישן געשמאַקן ברויט.

און הײַנט איז דער באַל אין מלכס הויף.
די שפּײַז־קאַמערן זענען ווידער פול.
און דער מלך אַליין העלפט באַקן דאָס ברויט —
אַזאַ ברויט וואָס בלויז אין חלום איז עס פאַראַן.
ער גיט אַכטונג אַז די קיכן זאָלן בראָטן און קאָכן
דעם בעסטן מײַסטער־מעניו פאַר די הונגעריקע געסט.
דער מלך אַליין וויל שוין ניט עסן —
ער איז זאַט פון מאָלצײַט וואָס ער גרייט.

שטיל און פאַרשעמט האָט דער הונגער־מיניסטער
זיך אַוועקגערוקט אין אַ ווינקל און געשוויגן.
ער האָט געשלונגען די שפּײַעכץ — ווען ער האָט זיך צוגעהערט
צו דער ברויט־לעגענדע וואָס דער מלך אַליין האָט פאַרפאַסט:
— אַ מאָל איז געווען אין לאַנד פון ברויט אַ מלך — —

דעם מלכּס ליפּן האָבן מיט אַפּעטיט און גלוסטונג געשמאַקעט ס׳חלום־ברויט.
צו דעם האָט ער ניט געדאַרפט קיין ציין. (און וויפל דאַרף אַן אַלטער מלך ?).
די פאַרשמאַכטקייט האָט זיך אויף אים אַ וואָרף געטאָן מיט ברויט־בענקשאַפט.
נאָך דעם לאַנגן הונגער־תּענית האָט זיך אין זײַן מאַרך צעפּלאַקערט
אַ שגעון אויסצודערציילן וועגן אַלע זאַטע שפּעדיקע יאָרן
אין זײַן רײַכן און שיינעם לאַנד פון פעטקייט און גערעטעניש׳ן.
זײַנע סוביעקטן האָבן אים געקוקט אין די צעגליטע צעיונגטע אויגן
און אים מקנא געווען די ליכטיקע לעבלעך פאַנטאַזיע־ברויט
וואָס ער לייגט אויס אין רייען אויף די שמוציק־קלעפּיקע ברעטער
פון דער פּריטשע — ווי אויף אַ יום־טובֿדיקן ווײַס־געדעקטן טיש.
ס׳איז נאָר געווען צו באַוווּנדערן די עקזאַלטאַציע און הנאה פון מלך.

דער מלך האָט אַ ברכה געמאַכט איבערן ברויט.
די שטילקייט האָט זיך אַן אָטעם צוגעהערט
און אויסגעשוויגן דעם פון קיינעם ניט־געזאָגטן אָמן —
ווי אַ ווײַטן עכאָ פון די פאַרפלויגענע גוטע יאָרן.
איצט קומט דעם מלך אויפן זכּרון
אַ זיס־קימלדיקער ברויט־ריח —
וואָס ער וועט איבערלאָזן פאַר זײַן קיניגרײַך
און זײַנע אונטערטאַנען צום אייביקן אָנדענק
(אַזוי פלעגט ער אויך אונטערשרײַבן זײַנע פאָטאָגראַפיעס —
וואָס זענען געהאַנגען אין אַלע הײַזער — צום אייביקן אָנדענק פון מלך...)

אַ דינער טראָגט אים אונטער אַ באָקאַל מיט טרוקענעם ווײַן.
דעם מלכּס אויגן ברענען ניט ווייניקער
ווי דער דאָרשט אין זײַנע אינגעווײדן.
ער רירט אָן מיט די צעשפּאָלטן־פאַרשרפעטע ליפּן
דעם אויסגעדאַמפטן בעכער רויטן ווײַן
און מיט שיכּורער אימה וואַרפט ער אַליין אין זיך אַ שפּיז
און שטעכט אַדורך דעם חוצפּהדיקן אומגעזעטיקטן הונגער.
דער הונגער פאַלט אַ פאַרשולדיקטער אויף די קני פאַר דעם מלכּס טראָן.

אין מלכס אויגן שפּילט אויף דאָס גליק פֿון נצחון.
איצט דאַרף ער שוין ניט מער קיין ברויט פֿאַר זיך.
און דער געדעקטער טיש פֿאַר די געסט ווערט איבערפֿולט.

דעם מלכס דיקע קאָכביכער זענען אויפֿגעפּראַלט־אָפֿן.
ער קוקט אין זיי אַרײַן און באַפֿעלט מיט מאַיעסטעטישן טאָן:
— געבעקס מיט ראָזשינקעס. אייער־חלה. געפֿלאָכטענע קיטקעס.
געהאַקטע הערינג און לעבערלעך מיט הינערשמאַלץ.
גאָלדענע יויכן מיט פֿלייש־פּיראָגן.
קלאָרע זופּן מיט מאַנעלעך און קרעפּלעך.
געפֿילטע פּופּיקלעך און מיט זיסן זאַפֿט באַגאָסענע געלכלעך.
געפּרעגלטע פֿליישן און געשטאָפּטע קישקע.
געבראָטענע קאַטשקעס און גערייכערטע אינדיקעס.
זיסע און האַרבע ווײַנען. כּל־המינים ביר.
בראָנפֿן און ווישניק און אָקעוויט. נײַנציקער ספּירט.
שטרודלען און פּלעצלעך, טייגלעך און בלינצעס.
קוגלען. צימעסן. עפּל־ און פֿלוימען־קאָמפּאָטן.
טאָרטן און לעקעכער און קיכלעך.
רויט־פּלאָקערדיקער טיי מיט לימענעס און אײַנגעמאַכטסן.
ביטער־שוואַרצער טערקישער קאַווע
און פּרוכטן, פּרוכטן, פּרוכטן, — עקזאָטישע און שמעקעדיקע.
און אַלץ מוז זײַן אויפֿן קיניגלעך־היימישן שטייגער. כּיד המלך!

שעהען האָט געדויערט דאָס דעקן דעם טיש פֿאַר די פֿאַרבעטענע געסט.
אַלע נאַרעס האָבן זיך צעליכטיקט פֿון מלכס קיך־כּישוף
און אַלץ איז סערווירט געוואָרן לויטן פּראָטאָקאָל פֿון הויף־סעודות.
די אונטערטאַנען האָבן געגאַפֿט אויף דעם מלכס עשירות.
מ׳האָט געוווּסט אַז דער מלך האָט אַ ברייט און גוט האַרץ,
אָבער אויף אַזאַ איבערפֿלייץ פֿון מאכלים האָט זיך קיינער ניט געריכט.
אַפֿילו דער מלך אַליין האָט אַזאַ גרויסע סעודה ניט געדענקט.
ס׳איז געווען דער לעצטער חלום־פּאַראַד פֿון מלך —
ס׳האָט זיך געענדיקט דאָס ברויט פֿון אַ לעגענדע —
ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די לעגענדע פֿון ברויט — —

קיינער פון די אונטערטאַנען האָט ניט פאַרשעמט דעם מלך
און געקומען אויף זײַן גראַנדיעזן פּײַערלעכן מאַלצײַט —
וואָס ער האָט מיט פרייידיקן טרויער געפּראַוועט צום לעצטן מאָל.
דער הונגעריקער מלך איז געזעסן אויף זײַן ברעטערטראָן
און אַנגעקוואָלן וואָס אַלע הערן זיך צו צו זײַנע רייד.
די לופט איז געווען פול מיט געווירציקע זיסקייטן
און די פאַרבענקטע ווערטער האָבן געפלעמלט ווי פאַרביקע לעמפלעך.
דער גרויסער אָפּשיידפעסט פאַר דעם נאָבעלן באַליבטן מלך
און זײַן אונטערגעגאַנגענער קיניגרײַך פון זאַטן לאַנד,
האָט צונויפגעבראַכט אויף די נאַרעס זײַן גאַנצן פאָלק.
איז קהל בלבֿ־ונפש געבליבן אויף דער משתה־הוליאַנקע פון מלך —
און דער מלך האָט מיט געשוואָלענע ליפּן געטרונקען אַ טאָסט פאַר אַלעמען.

און אַז דעם מלכס הארץ איז שוין זאַט געווען מיט חלום־ברויט
איז אים וואַרעם געוואָרן אין אַלע אבֿרים
און זײַנע אויגן האָבן זיך צעברענט מיט שימחה,
ווי דער אויוון ווו ער באַקט זײַנע קעזקוכנס און מאַנבאַבקעס.
ער האָט זיך צוגעהערט צום געפּרעפּל פון די פּעטע זופּטעפּ,
ווי זיי וואָלטן זיך געקאָכט אין זײַן האַרצן.
ער וועט מסתמא באַלד פּלאַצן פון דעם צו שטאַרקן פלאַם —
ער וועט עס ניט אויסהאַלטן. ער פילט עס. ס'ווערט אים ענג.

דער בשׂמים־ריח שטײַגט אים אין מוח: זאַפּראַן־צימרינג־נעגעלעך.
אַלץ איז אויסגעמישט. און זײַן בליק איז פאַרנעפּלט.
צי האָט ער שוין אויסגעזויפן דעם טרוקענעם טאָסט־באָקאַל?
ער גייט לאַנגזאַם דורך דער טיר צום ברייטן וועג.
דאָס גיין פאַלט אים אַזוי שווער, אַז ער וואָלט ליבער קריכן.
אָבער אים קריכט איצט דער חלום אַלץ טיפער אין בויך...
איז עס אַ שלאַנג אַזאַ? בויך־גרימעניש? צי אפשר די קעסטלעכע ריחות?
אָבער זײַנע אונטערטאַנען פאַסמאַקעווען זיך נאָך אַלץ פון די מטעמים.
— מעדני מלך! גן־עדן־שפּײַזן!.. — לויבט מען פון אַלע זײַטן.
— דאָס ברויט איז מאכל מלכים! — זאָגט אים דער באַרוועסער פּאַזש.

די ריחות פון ברויט דרינגען טיפער אין זײַן מוח אַרײַן
און דער מלך הערט אַ טומל און אַ מישמאַש פון געשרייען...
— קען דען ברויט שרײַען? — פרעגט ער זיך.
ניין! דאָס שרײַט גאָר זײַן מאַרך אַ וויוואַט פאַר אים:
— הוראַ פאַר דעם מלך און זײַן מלכות פון חלום־ברויט!
ער פילט אַז ער וועט באַלד משוגע ווערן פון דער זעלטענער סעודה.
דער ברויט־חלום האָט זיך שוין בײַ אים אין מאַרך
ביז גראַנדיאָזיטעט־וואַנזין אַרײַנגעשרויפט.
אויף אַ סעקונדע פאַרגעסט ער זײַן מלוכהדיקן מעמד
און גיט שנעל אַ לעק די שמוציקע ברעטער...
— נאַריש־קלוגער מלך!
ווי האָט זיך דיר גאָר געקענט דוכטן
אַז דאָ האָט זיך אַ ברעקל אמת ברויט פאַרוואַלגערט? — —

נאָכן חלום־ברויט דרייען זיך אים איבער די קישקעס.
דער הונגער־דאָרשט גריזשעט אויס זײַנע אינגעווײדן.
— זײַ שטאָלץ, מלך! לאָז דעם וואָרעם פגרן פון הונגער־כאָלערע
און דו דערצייל ווײַטער פון דײַן מלכותדיקן באַנקעט.
זעסטו ניט ווי די פאַנטאַזיע פאַרשרפעט מיט איר פלאַם די ברויטן —
ווי די שקיעה דעם האָריזאָנט אין אַ האַרבסטיקן פאַר נאַכט.
ווער ניט משוגע, הונגער־מלך! ניין! ניין!
אַ מאַנאַרך מעג זיך אויסבאַקן אַ חלום אויף האַלוציניאַציע־קוילן.
צי אַרויס פון אויוון די פאַטאַ־מאָרגאַנישע לעבלעך ברויט
און לאָז זען — אפשר האָט אַ נס פּאַסירט און ס׳איז גאָר דער מן
וואָס איז אין די חומש־צײַטן געפאַלן פאַר די בני־ישׂראל אין מידבר — —

דעם מלכס אויגן זענען מיד און רויט.
אַזוי זעען אויס די פאַרברענטע ברויטן אויפן פעלדראַנד.
ווער מאָלט עס דאָרט די בילדער? פאַנטאַסטיש!
ווער מישט אים די פאַרבן פאַר די ברויט־קאָמפּאָזיציעס?
דער מלך נעמט די בילדער און הענגט אויס אַרום אים, ווי אין אַ מוזיי.
ער חתמעט די בילדער מיטן קיניגלעכן אונטערשריפט: צום אייביקן אָנדענק...
זײַן האַנט איז שוין מיד.
דער חלום שלאָפט בײַם זײַט פון אָנגעמאַטערטן מלך
— — — — — — — — — — — — —

אַלע זשיראַנדאָלן אין פּאַלאַץ זענען אָנגעצונדן לכּבֿוד דעם מלך.
דאָס ליכט פּלייצט אויף די גאָלדוועגט — באַהאָנגענע מיט די געמעלן.
די דינער לויפן אַרום מיט פולע טאַצן פּאַטראַוועס און געטראַנקען.
דער פּאַלאַץ איז פול מיטן געררויש פון די הויכע פּאַרפּוצטע געסט.
פון צווישן דעם געדראַנג קומט דעם מלך אַנטקעגן זײַן פרוי —
די מלכּה — ווי זי וואָלט שוועבן אויף אַ וואָלקן־טעפּעך...
זי טראָגט אַ הימלבלוי זײַדענע קלייד מיט רויכיקע שפּיצן
און אַ רויט געפלאָכטענעם באַנד אויף דער טאַליע, ווי אַ פלאַם.
— ווי פּראַקטיק־שיין דו ביסט! — קאָמפּלימענטירט איר דער מלך אַנטציקט. —
און דאָס ברויט איז טעם גן־עדן. פּאַרזוך עס, מײַן טײַערע...
— ביסט שוין אויף אַן אמת משוגע! — שרײַט זי אים אין אויער. —
צו וואָס ווילסטו אײַנריידן דײַנע געסט אַז דאָס איז ברויט —
ווען אַלע זעען אַז דער טאַץ איז ליידיק. פּוסט־ליידיק...
— דאָס איז ניט־פּאַראַניק ברויט... — מורמלט ער אַ גליקלעכער.
— משוגענער! — שרײַט זי איבערן גאַנצן זאַל. — ווער דאַרף עס?..
ער פּרוווט זי אײַנגעמען מיט גוטע רייד, ווי תּמיד בעת אַ מחלוקת.
— ס׳איז בלויז חלום־ברויט... אַזאַ מין לעגענדע־ברויט...
— דאָס ברויט איז סם. ס׳וועט דײַן מאַרך אויפפרעסן... הער אויף!
— ביסט אַ ייִדענע... קענסט עס ניט פאַרשטיין. — שמייכלט ער נאַרישוואַטע.
זעסט דאָך אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך מיט אַ מאָל איבערגעקערט —
איז אַ סבֿרא אַז מײַן מלכות הענגט אויך קאַפּויער —
און אין אַ וועלט מיטן קאָפּ אַראָפּ
מעג אַ ייִדישער מלך עסן ניט־פּאַראַניק ברויט.
און דערפאַר טאַקע דערצייל איך וועגן דעם אויך צו מײַנע בירגער,
כּדי זיי אויך אויף אַ ווײַלע אָנזעטיקן, ווי זיך —
מיט דעם חלום פון ברויט. כאַ־כאַ־כאַ, סם רופסטו עס...
און אפשר ביסטו גערעכט. מיר דרודלט זיך די גאַנצע צײַט עפּעס.
זאָג מיר נאָר — כ׳וויל זיך דערמאָנען וואָס איז דער גראַם צו ברויט?..
טויט — —

אַ האַנט פאַרמאַכט דעם מלך די אויגן.

נס מאָל נס

ווי זאָל איך הײַנט באַרעכענען דעם נס מאָל נס,
וואָס האָט פֿאַרטראָגן מיך צו דעם גאולה־ברעג?
פּלאַי־פּלאָים איז — ווידער ציילן לעבעדיקע טעג
נאָכן זײַן שוין חי מאָל חי בבֿחינת מת.

און ס׳טאָר אין חשבון זיך ניט אַרײַנגנבֿען פֿאַרגעס —
ווײַל תּמיד שטיי איך דאָך בײַם סוף פֿון יענעם וועג!
און ווי דער קמצן — אַזוי אויך איך פֿאַרשטעק
יעדן אָפּגעשפּאָרטן, שרפֿעדיקן, רויכיקן מעת־לעת.

און אַלץ נאָך גאַף איך אויפֿן סוד פֿון ווידערזײַן —
אַ באַשייד כ׳זוך פֿאַר מײַן מינדסטן צאַפּלדיקן ריר.
און וויטיקדיק כ׳פּיל פֿון זון די פּיצלעך שײַן,
וואָס זי שיט ווי רענדלעך פֿאַר מײַן טיר...

און בעת איך טרינק מײַן וואַסער און איך עס מײַן ברויט —
פּרווו איך אויס די רגעס לעבן אינעם ליכט פֿון טויט.

תפילה אין מאָרגנשײַן

אַ טעות איז געווען פון לאַנגער נאַכט מײַן איבערבלײַב —
די איובֿ־פּײַן האָט ניט באַלוינט די בענקשאַפט צו גאולה.
אין חושך פון די טעג רײַס איך קריעה אויף מײַן לײַב
און אַ חבֿר מיט אַ טרייסטוואָרט קומט צו חלום ניט אַפילו.

פון נבֿיא און פון גואל איז געבליבן בלויז אַ הײַפל אַש
און זייער שפּור לאַנג שוין איז פאַרוויט פון אַלע וועגן,
נאָר איך — אַ לעצט־געפּלאַצטע סטרונע פון פאַרברענטן באַס —
ברום אין שטורעם נאַקעטן מיט עכאָס פון געוועזן לעבן.

און פונקען גלויבן אויף די גרויע שטעגן פון מײַן זײַן
איך קלײַב, ווי שטערנדלעך אין שעהען פרײַקע און טריבע,
און מיט זיי זאָגט־אויף מײַן תפילה אין דער מאָרגנשײַן:
אָ גאָט, העלף מיר טאָן דעם הײַנט אַ שפּרײַז אַריבער!

שאָטן־נאָכציטערס

* *

שאָטן־נאַכציטערס, טאַנצט אַרײַן אין שוואַרצן שפּיגל!
דער שפּיגל טיפער איז ווי תּהום פון בלינדער נאַכט. —
און דער חושך שליסט מיך אײַן הינטער אַ פאַרהאַקטן ריגל
און אין פּנים מיר דעם שפּיגל — אויף פּיצלעך ער צעקראַכט.

ער — דער שוואַרצער אומגעהײַער־שפּין, וואָס האָט צעדריוועלט
מײַן האַרץ און מאַרך אין שרעקפעדעם און ער שפּאַצירט
ווי אַ מענטש — אין גלאַנציקע און שוואַרצע שטיוול —
און זײַנע שווערע טויבע טריט הילכן אָפּ אין מיר.

ווי שׂטן־טריט פון אַ שאָטן קענען ווי אַ דונער קנאַלן!
דער שפּין באַשטיוולטער אין מײַן האַרצן פּויקט —
זײַנע טריט ווי נאָדלען אויף מײַן הויט זיי פאַלן
און זייער נאַכציטער ווערט אין מײַן לײַב פאַרזויגט.

און דער שפּין אַ פּרצוף האָט ווי טויזנט מאָנסטערס —
ער שיילט, ווי שאָטנס, מאַסקעס גרויליקע פון זיך אַראָפּ,
און פון אונטער אַלע מאַסקעס שטשירעט דער באַקאַנטסטער
זײַנע אימה־ווײַסע ציינער — סקעלעט ט אָ ט ע נ ק אָ פּ.

אין זײַנע פינגער עפּנט זיך אַ צוגעגרייטער שלייף.
צופוסנס פון דער תּליה אַ שוואַרצער טעפּעך ליגט.
ווערט מײַן האַלדז פאַרקלעמט אין אַ פײַערדיקן רייף,
און איבער מײַן קאָפּ — זײַן שאָטן ציטעריק זיך וויגט.

כאַרכל איך אַרויס מײַן תּפילה מיט פאַרשטיקטער שטים:
— אָ, גאָט, ליכטיק־אויף איבער מיר דײַן רו און פרידן!
איך זע: אין שפּיגל קאַרטשעט זיך דער טויטער שפּין — —
און אַ מלאך גלעט מײַן קאָפּ דעם מידן — —

געשענקט לעבן

ווער האָט מיר געשענקט דאָס פּיצל לעבן
ווי אַ נאָכשלעפּ פון שוואַרץ־פאַרשׂרפעטע טעג ?
מיט צעבראָכענעם האַלדז־און־נאַקן
לאָמען די יאָרן איבער מיר
אויף הילצערנע פאַרפוילטע קוליעס,
ווי אַלטע פאַרעיפּושטע בעטלערס.

אין די נעכט שלאָפן מיר
צונויפגעדרייט צוזאַמען,
ווי אַ שלאַנגענראָל —
איך אין מיטן.
אָבער ווען דער פרימאָרגן קומט,
פּוץ איך זיך אויס אין טרויערפראַק
און שטעל אַרײַן אַ שוואַרץ בלימל
אין זײַדענעם גלאַנציקן לאַץ
און גיי די לוויה פון דער נאַכט באַגלייטן —
ווי צו אַ פּאַראַד.
נאָר ווי איך וויל אין דרויסן אַרויסגיין
פאַרהאַלטן מיך פינף פאַרברענטע פינגער
און אַ פאַרשטיקט קול
קײַכט מיר אין אויער מיט אימה־געלעכטער :
— גיט נאָר אַ קוק און זעט
דעם לעבעדיקן מאַנאַרך
פון אונדזער טויט !..

אַ שטום־פּאַרציטערטער שטיי איך
און וואַרט אויף דעם צייכן,
אַז כ׳מעג אַ צי טאָן מײַן אָטעם
וואָס איז אויסגעגאַנגען — —

און אַז איך עפֿן די אויגן ווידער —
פֿיל איך נאָך אויף מײַן נאַקן
דעם גלײַכן גלעט פֿון די פֿײַער־פֿינגער.
צי איך אַרײַן אין זיך די פֿרישע לופֿט,
ווי דער שיכּור די שאַרפֿקייט פֿון ספּירט.

דאָס גראָז איז גרין.
די זון — גאָלדיק.
אַ פֿליגעלע זשומט מיר אין אויער.
נאָר דאָס שוואַרצע בלימעלע איז פֿאַרשוווּנדן
און אויפֿן לאַץ
איז פֿאַרבליבן אַ סימן פֿון אַש
און אַ צייכן פֿון פֿאַרברענטע פֿינגער.

איך לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ.
כ׳גיי מיט די שטיל־שטילסטע טריט.
כ׳טראָג אַוועק צו מײַן באַהעלטעניש
נאָך איין שרעקצאַפּל
פֿון מײַן פּיצל געשענקט לעבן.

דער פאַררעטער

ער איז דער קאַנדידאַט וואָס האָט פאַראַטן —
אַנטלאָפן אין דער סאַמע לעצט־לעצטער מינוט
פון אונטער בלאַנקער קאָסע אינעם גרויסן שניט.
געלאָזן שוועסטער, ברידער, מאַמען, טאַטן, —
און די הויט די אייגענע פאַרהיט.

אײַ־אײַ־אײַ, ווי ווויל אים איז, ווי גוט —
ער לעבט דאָך ווײַטער. ווײַטער. ווײַטער!..
יאָרן שוין אַזוי. נאָר דער צייכן פון פאַרראַט
פלאַמט־אויף אין די נעכט — אַ שײַטער.
הייבט־אָן לויפן דער ניט דערברענטער קאַנדידאַט
צוריק צום שײַטער.

ער לויפט צוריק.
אַרום איז פוסטע שרעק.
עס וויגט זיך אום אַ שטריק.
עס שאָקלען זיך די ווענט.
אַ וואַלד אַ בליציקער פון העק.
און פול מיט גריבער איז דער וועג — —
אָט איז שוין דער שײַטער־הויפן!
און ער טוט אַ שטרעק די ציטעריקע הענט — —

עמעץ וועקט אים
און לעבן איז אין שטים:
— וועסט צו זיי שוין קיין מאָל ניט דערלויפן.

די הימלען טוען זיך אַ קנייטש, ווערן אויסגעבויגן,
און אין פענצטער פאַלט אַרײַן אַ זוניקער באַגינען.
ער עפנט אויף די אויגן:
אויף די שויבן קאַרטשען זיך פײַערדיקע שפּינען.

מיט פאַרשוויצטע טרייסלדיקע הענט
רײַבט ער גיך אַראָפּ דעם צייכן,
טאָמער, חלילה, עמעצער דערקענט
אין זײַן פּנים בלייכן
דעם פאַררעטער — —

און שפּעטער:
דער טאָג אַ זוניקער, אַזאַ מין בלויער.
ער גייט דורך גאַסן טומלדיקע
און אין זײַנע אויגן שײַנט דער טרויער
אַזאַ מין אומעטיקער.

פאַלן שמייכלען אויף די טראָטואַרן —
ווי קופּערמינץ אין די שמוציקע היט
פון די שוואַרצע בעטלער.
נאָר ער פּאַזע די הײַזער טוט זיך שאַרן
און פאַרנעמט די ניט־דאָיִקע טריט
וואָס יאָגן דעם פאַררעטער — —

װעלף שפּאַצירן דאָ

קינדערלעך — האַנטעלעך און פּריצעלעך,
אויסגעפּוצטע אין בײַערישע טראַכטעלעך,
באַצירט מיט רויט און גרין —
גרינע הירשעלעך און רויטע אָדלערלעך.

קינדערלעך — מיט בלויע אײגעלעך
און בלאָנדע הערעלעך.
און די זון שײַנט אויף זײערע קעפּעלעך —
זי שפּילט אין די אײגעלעך
און פֿרילינגט איבער זײער װעלט.

איבער גאָר דער װעלט —
גריבעלעך פּולינקע
מיט משהלעך און שלמהלעך —
פֿאַרפּוילטע גלידעלעך
פֿון קלײנע ײדעלעך —
צוזאַמען מיט טאַטעלעך
װאָס פֿירן מער ניט קינדערלעך
פֿאַר הענטעלעך שפּאַצירן —
װײַל די װעלף שפּאַצירן דאָ —
די װעלף שפּאַצירן דאָ —
װעלף שפּאַצירן דאָ —

וועלף שפּאַצירן דאָ —
וועלף — גרויסע:
אַדאָלפן.
האַנסן.
פריצן.
אויסגעפּוצטע אין בײַערישע טראַכטן,
באַצירט מיט גרין און רויט:
גרינע אָדלערס און רויטע הירשן.

און די וועלף קוקן
מיט בלוי־פײַערדיקע אויגן.
זיי טראָגן בלאָנדע פעלן.
די זון שײַנט אויף זייערע קעפּ —
זי שפּילט און פרילינגט
איבער גאָר דער וועלט.

די וועלף פירן די וועלפּעלעך שפּאַצירן.
און מיט אַ ברוינער לאַפּע
טײַטלען זיי און ווײַזן
זייערע וועלפּעלעך:
— קוק, דאָס איז אַ ייִד! —
איבערגעבליבן — —

אַ קינד אַ בלאָנדס

דורך שטרעקעס העל־צעזונטע,
דורך רחבֿות און דורך ליכט,
דורך פעלדער פאַרביק־בונטע —
מײַן באַן צעיאָגט איז גיך.

פאַר מיר די רעדער קלינגען
אַן אַלט־פאַרגעסן ליד —
נאָר ס׳האָט אַ בלוי געפינקל
מיך פּלוצעם אָפּגעבריט. —

אַ קינד אַ בלאָנדס, אַ זוניקס —
פון ווינקל קוקט אַרויס...
און טאָג פון גאָלד און האָניק
אין אומעט רינט מיר אויס.

ליכטיקע פּײַן

די באַן דערפֿירט מיך צו דער זעלבער קלײנער סטאַנציע...
צו די הײמען זײערע די פּאַסאַזשירן אײַלן זיך אויף גיך.
בלויז איך אײנער גײ צום פֿעלד, וואָס די זון באַשײַנט עס,
און בײַ זײַן גבֿול צי איך אַראָפּ אין פּאַרכטיקײט די שיך.

איך מעסט מיט טריט מיט באָרוועסע דעם יאָמערטאָל פֿון לײַדן.
דער בלײַער טאָג אין אויג מיר בלענדט — מעסערדיק־צעשטראַלט,
און מיט שאַרפֿן ווי טויט ער אַ שפּיגל מיר אויסשנײַדן —
און אין שפּיגל פֿלאַקערט־אויף מײַן אײגענע געשטאַלט.

און אונטער מיר ברענט דער גראָז־צעגרינטער קבֿר.
און איבער מיר הענגט די זון — אַ בלאַנקע שווערד,
וואָס בויערט זיך מיט שפּיזלדיקן גלי אין יעדן אבֿר —
און ס'האַלט די פּײַן די ליכטיקע מיך צוגעשמידט צו דײַטשער ערד.

מינכענער וואָקזאַל אין אַ מײַנאַכט 1946

די פרילינגנאַכט האָט מיטאַמאָל אָוועקגעפּלאַצט
און זיך צעפּלאָסן ווי אַן איטערדיקע ווונד —
געאָטעמט שווער האָבן די טונקעלע טראָטואַרן
און די גאַס געפּרײַכט האָט ווי אַ פוילע לונג.

האָט צעטראָגן זיך אַרום אַן איבלדיק געשטאַנק —
און אין נאָז געקיצלט מיטן שווייס־ריח פון לײַב,
האָבן הונגעריקע בליקן זשעדנע דאָ באַטאַפּט
אַ יעדע זיך דורכשאַרנדיקע פּיסל פון אַ ווײַב.

פון צעקרישלטער, שוואַרץ־פאַרריכערטער וואַנט
האָט דער אָדלער מיט אַ פינצטער בליק אַראָפּגעקוקט,
זײַנע פליגל, אוממאַכטיק, אַלץ נאָך אויסגעשפּרייט
און אויפגעריסן — זײַן ווילד שנאָבלדיקע שנוק.

זײַן שטאָלצער קאָפּ צום אונטן איז אַראָפּגעבויגן —
ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט בייז, פאַרקלעמט,
צו פליסטערדרייד וואָס קומען צו אים אויבן
אין אַ מאָדנער שפּראַך — אומבאַקאַנט און פרעמד.

און זײַן אײַזנהאַרץ — פאַרזשאַווערט און אַלט —
צעטיאַכקעט זיך אויף דער משקולתדיקער וואַנט.
— העלאָ, גערל... — קאָמינג, מײַן שאַץ, באַלד...
און רייין אַריש, דוכט אים, איז דער קלאַנג.

אָבער זײַן אײַזנקאָפּ פון היץ גליט אַ גאַנצן טאָג
און מישט זיך אים — ער קען ניט מער באַגרײַפן
פאַר וואָס לבֿנה זילבערט גרעטכענס בלאָנדן טראָט,
ווען זי שלעפּט סאָלדאַטן פרעמדע אין די הויפן.

ברעכן זיך אים פון פאַרדרוס די פליגל אײַן:
זײַן הערנפאַלק ראַסן־שאַנדע מיט די נעגערס טרײַבט.
אַ לאָקאָמאָטיוו קומט אין דער סטאַנציע אַ פאַרסאָפּעטער אַרײַן —
און בײַ דער וואַנט גלוסטיק סאָפּעט אַן אַריש ווײַב...

אויף וועגן פון פינצטערן לאַנד

שוואַרץ איז די נאַכט אויף די פעלדער
ווו מײַן וועג אין דעם חושך צערינט —
איך בלאָנדזשע דאָ אום אַ פאַרשטעלטער,
ווי ס׳בלאָנקען די היימלאָזע הינט.

מיט אומרו דערטאַפּ איך דעם וועג,
אויף אים איז מײַן פאָלק דורכגעגאַנגען —
איך שטעל דאָ מײַן טראָט מיט געשרעק
און בלוטיק־אויס יעטווידן שפאַן.

איך הער דאָ דעם שטילסטן פאַרגיי
פון ברידער — פאַרגאַזט און פאַרפּלאָנטערט, —
אין צאָרן פאַרפרעס איך מײַן ווײ
און פויסטיק אין אוממאַכט מײַן האַנט!

דאָ האָט מען געבראָטן, געברענט
מײַן פאָלק — אים פאַרצערט דאָ צו טויט.
צום יאָרצײַט — כ׳קום דאָ, פאַרקלעמט,
און צינד־אָן מײַן האַרץ ווי אַ קנויט.

און כ׳טו, ווי אין מידבר דער דאָרן,
אַ כאַפּ זיך פון אייגענעם בראַנד —
און לעבעדיק ווער איך פאַרלאָרן
אויף וועגן פון פינצטערן לאַנד.

מײַן צימער

מײַן צימער איז פֿאַררוקט אונטער אַ שווערן דאַך.
אַ טישל און אַ שטול, אַ לעמפּל און מײַן טרויער.
דאָ האָט יאָרן לאַנג געוווינט אַ דײַטשער מאָנאַך —
פֿון אַלע ווינקעלעך אויף מיר זײַן שאָטן לויערט.

די טוכלע לופֿט מיט זײַנע תּפֿילות אָנגעזאַפּט.
אין נישע, אין דער וואַנט, זײַן אָטעם גליווערט.
צי וואָלט ער מיר בײַם האַלדז נישט אָנגעכאַפּט,
בעת זײַן פֿאָלק האָט מיט ייִדנהאַס געפֿיבערט.

טו איך נערוועז דעם האַלדז אַ ריר, אַ גלעט,
און דערפֿיל ווי יעדער אָדער זיך צעכליפּעט.
יודע! — הער איך ווי זײַן שוואַרצער שאָטן רעדט.
און אויפֿן טורעם — דער זייגער זיך צעכריפּעט.

אין דער לופֿט די קלאַנגען — הייזעריק צעוויגט.
די מורא איז אין מיר — ווי ראָסט אַרײַנגעפֿרעסן.
די נאַכט — מיטן גלאָקנבר‍ום ווערט באַלד דערשטיקט
און פֿאַר שרעק די שטערן אײַנציקווײַז זיך לעשן.

אָט האָט אויסגעשלאָגן שוין די צוועלפֿטע שעה,
נאָר אײדער לעצטער קלאַנג בלײַבט אַ פֿאַרשטילטער,
ווערט דער צימער אָנגעפֿילט מיט אומעט — גראָ,
און דער קלויסטער אין געדיכטן חושך — אַ פֿאַרהילטער.

פֿאַר די אויגן, ווײַס פֿון פּחד, ליגט פּאַפּיר,
און קיין וואָרט כ׳קען פֿון זיך ניט אַרויסקריגן.
כ׳הער — זײַן שאָטן דראַפּעט זיך שוין איבער מיר
און דער צימער הייבט זיך אָן סכּנהדיק צו וויגן.

כ׳וויל זיך זעצן, ווערט שטײַף מײַן גוף — אַ קאַלאָס בלײַ,
נאָר סײַווי ט׳ער מײַן שטול פֿריִער שוין פֿאַרנומען,
אין דער פּוסטקייט בקולי־קולות שרײַ איך, שרײַ
און די גוואַלדן מיט געוואָרג צוריק צו מיר זיי קומען.

און ער זיך סטאָיִש זיצט. די סוטאַנע טונקל פֿאַלט
אין ברייטע פֿאַלדן, ווי דיונעס אין אַ מידבר.
און אויף זײַן פּנים פּרירט די פֿראַגע, אײַזיק־קאַלט:
— ווי קומט צו מיר אין צעל הײַנט אַ ייִד גאָר?

טוען זיך אין מיר שרעק און צאָרן בייז אַ צינד
און מיט פֿינגער זוך איך אים אַנשטאָט מיט אויגן —
און טו מיט ציינגעקריץ אויף אים אַ הוק: פֿאַרשווינד!
נאָר ער — אויף מײַן בעט ליגט שוין אויסגעצויגן.

טו איך זיך מיט צעברויזטן ווּט אויף אים אַ לאָז —
גיט ער זיך אַ קאַרטשע: שוין. אַוועק. פֿאַרשוווּנדן.
פּלוצלינג כ׳זע זײַן שאָטן — ווי פֿון שוואַרצן גלאָז —
רעפֿלעקטירט ווידער פֿון דער נישע, פֿון דער רונדער.

און זיבן קאַלטע שווייסן גיסן אָפּ מײַן לײַב —
טו איך צו אים אַ שפּרונג מיט פֿאַרקראַמפּטע פֿויסטן
און פֿון זײַן שאָטן ניט אַ דוך עס בלײַבט...
נאָר ווער ציט דאָרטן איצט די טיר — פֿון דרויסן?..

ער עפֿנט אויף די טיר (איך בין משוגע־דול — —)
און מיט אַ ווײַסע האַנט ער ווינקט: אָפּווידערהערן...
און די צווייטע האַנט רוקט אונטער מיר אַ שטול — —
און דורך דער טיר זיך שיטן שוואַרצע שטערן — —

באַלאַדע פון מענטשלעכע ווערטער

מײַן פענצטער אַנטקעגן דעם קלויסטער דערשרעקט זיך,
אין בלײַ פון דעם הימל פאַרגלאָצט איז די שויב —
איר זילבערנער שפּיגל מיט וואָלקנס באַדעקט זיך,
אין אים לויכט דער וועג — אַ פּאַסיקל שטויב.

מאָנאַכן, ווי פליגעלעך שוואַרצע, פאַרשווינדן —
דער רעגן אַ שמיץ טוט און שווענקט זיי אַראָפּ.
און ס׳כאַפּט־אויף די שויב די בליציקע ווינטן —
זיי שנײַדן אין גלאָז אויס אַ מיידלשן קאָפּ.

דער קאָפּ טוט אַ ציטער מיט כוואַליעס פון לאָקן —
און ס׳פּלייצט־אויס דער צימער מיט בלענדיקן בליאַסק.
די לופט ווערט צעוויגט, ווי פון קלויסטער די גלאָקן,
און ס׳קראַכט־אויף די טיר מיט אַ דונערדיק טראַסק.

כ׳בין אין דעם ווונדער פאַרקוקט, ווי באַנומען,
און פיל אויף מײַן האַנט שוין איר צאַרטן באַריר...
און ווערטער זיך צאַפּלען אָן קלאַנג אויף מײַן גומען.
אַ שטומע און פינצטער שטייט אָפן די טיר. —

די ווערטער אין קעל בלײַבן שטעקן, ווי קנוילן —
אַט־אָט, נאָך אַ רגע... איך פיל עס, איך שפּיר —
איך וועל ווי אַן איינזאַמער הונט זיך צעהוילן,
אין ווינקל פאַרקריכן אויף לאַפּעס אויף פיר...

און כ׳וועל צו דער אָפענער טיר זיך צעבילן
מיט מענטשלעכע ווערטער פון בלוטיקן גרויל.
וועט עמעצער קומען מײַן ווייטיק פאַרשטילן
און איך וועל אין קראַמפּן פאַרשליסן מײַן מויל.

שקיעה־טרער

ווי דער טאָג האָט אַ לעצטן טראָפּן בלוט נאָך אויסגעשפּיגן,
איז די ציינערדיקע נאַכט אים באַפאַלן מיט געוואַרג
און מיט פינצטערניש זיך איינגעביסן אין זיין קאַרק —
דעם מינדסטן שפּרינקל זוניקייט פון אים אַרויסצוקריגן.

און ווען ביים האָריזאָנט איז טאָג געלעגן אַ דערשטיקטער —
מיט אַרויסגעשטרעקטער שוואַרץ־פאַרקוילטער צונג, —
האָט אַ יונגער ייִד אויסגעשפּיגן ס׳לעצטע שטיקל לונג
און אויף זיין ווײַע געבליבן גליִען איז אַ שקיעה־טרער — —

אין אַ זילבערנאַכט

פון יונגער זילבערנאַכט, ווי פון אַ סודות־בעכער,
איך טרינק זיך אָן מיט אַלטער זיסער בענקשאַפט
און טו אַ לאָז זיך איבער חלום־אָנגעזאַפטע דעכער
אויף לבֿנה־יאַגד, — אַט ווי אַ מאָל, — פאַרגאַפט.

אויף שטאַפּלען בלויע שטײַג איך, ווי פאַרצויבערט,
און ציִ זיך שמאַכטיק צו דעם פרישן זילבערגלוט, —
נאָר מײַן בלייכע האַנט, פון ערגעץ אויסגעקבֿרט,
אויף דעם לבֿנה־פאַרמעט אַ צייכן מאַכט — מיט בלוט.

בלינדנס קללה

דער מאָרגן רײַבט זיך אויס מיט קילע הענט די אויגן
און ווי אַ בלויען וווּנדער עפנט ער זיי אויף —
דורך שטאָרן זילבערנע, ווי אַ רויכוואַל פאַרצויגן,
וואַרפט ער בליקן גאָלדיק־ליכטיקע אין פוסטן הויף.

די מילכיקע מחיצה צערינט פאַמעלעך איבער אַלע דעכער
און צו דער הייך די בלויע טיפקייט וואַקסט אַרויף.
און אַ יונגער ייִד מיט אויסגעפינצטערטע אויגן־לעכער
וויינט זײַן ביטערע קללה אַרויס צום בלויען הויף.

אין שרעק־צעבליצטע נעכט

אין שרעק־צעבליצטע נעכט
לויכט־אויף דער שליאַך פון בלוט:
עס ציִען אין מאַרשרוט
שאָטנס — טויטע קנעכט.

כ׳וועך מיט זיי פאַרפלעכט.
מײַן גוף איז לויטער גלוט.
עס יאָגט די אימה־רוט
צו אומקום, צו געשעכט.

די בלינדע גאַס שרײַט שטום:
— יודע! יודע! יוד — —
פלאָם כאַפּט מיך אַרום:
— קאַפּוט! קאַפּוט! קאַפּוט — —

מײַן קאָפּ האַקט אָפּ די שרעק
מיט פײַערדיקע העק.

ברענענדיקע שלאַנגען

אויפֿן קאָפּ אַ זון פֿון ברענענדיקע שלאַנגען —
מיט צינגלעך גאָלדענע אין סאַמע האַרצן בײַסן
זיך אַרײַן. אין טרויער שימערדיקן, ווײַסן
געסלעך פֿלאַטערן, ווי שפּינגעוועב צעהאַנגען
אין דער לופֿט. און די שטילקייט איז פֿאַרגאַנגען
מיט געשריי אין זיך. פֿון אַלע דעכער רײַסן
זיך די שרעקן — טשאַטעס פֿייגל, וואָס קרײַזן
אין אַ שׂרפֿה אַרום נעסט. ס׳פֿאַלן גרינע זאַנגען. —

און שניטער זײַן סערפּ שאַרפֿט ביז פֿאַרבלענד.
זוניקער שלײַפֿשטיין צעשפּריצט זיך מיט פֿונקען.
די גאַסן מיט גינגאָלד־און־אימה פֿאַרטרונקען
און עס שטײַגן די כוואַליעס אַריבער די ווענט.

אויף סטרוניקע צוימען די זון ווערט צעשפּרונגען —
און די זוניקע שערבלעך פֿון שלאַנגען פֿאַרשלונגען.

דער דולער זינגער

יונגע טעג. הימל פֿלייצט מיט זוניקע געזאַנגען.
פֿון פֿעדעם ז״דענע סאָנאַטן פֿלעגט ער שפּינען,
אָן אָטעם זיך אין טענער פֿאַרביקע פֿאַרכלינען
און ווי אַ פֿויגל אין אַ זונבעק ז״ן געפֿאַנגען.

מישט ער ה״נט די טעג וואָס לאַנג פֿאַרגאַנגען.
דער ניגון אין ז״ן האַרצן איז אַראָפּ פֿון זינען,
און די זון פֿון הימל ר״סט זיך, וויל אַנטרינען,
ווען דער דולער זינגער וועקט די טויטע קלאַנגען.

די לאָקן די גרוי־גאָלדענע פֿאַרקאָמט ער. ס׳איז באַגינען.
און ער שטעלט זיך דיריגירן אין אַ פּאָזע, ווי אַ מאָל.
אויפֿן שפּיץ פֿון שטעקעלע פֿינקלט ה״נט ז״ן טרער
און אַ פּעטליע פֿלעכטן אַרום איר צווײ שוואַרצע שפּינען.
און די מוזיק פֿון טיפֿקייט טונקעלער קומט אָן אַ קול.
אויף דער חסד־תּליה הענגען צוויי — זון און ער.

לאַגער־מיידל

א

גלייִען טרויעריק די אויגן...
ס׳איז אַ פּאַווע דורכגעפלויגן
און מיט איר פּײַערעק — צעפּעכערט —
אָנגעצונדן אַלע דעכער.

די דעכער האָבן ווי הבדלות אויסגעברענט.
בלויז געבליבן חורבות — און בלאַסע הענט
מיט אַ נומער, ווי אַ מתים־קניפּ,
וואָס אַ רויבפויגל האָט אים אויסגעפּיקט.

ב

גלייִען טרויעריק די אויגן...
די פּאַווע פליט אין אַ גאָלדיקן בויגן
אַרום לאַגערס כמורנע ווענט
און באַגילדט די פאַרבענקטע הענט.

לייגן זיך די הענט צונויף צו אַ תפילה —
און צום הימל ליכטיקע זיי שטראַלן.
און די פּאַווע — אַ פאַרגאַנגענע, אַ שטילע, —
שפּיגלט זיך אין צוויי קלאָרע קוואַלן.

חלום און טויט

אַ מעלדונג ווערט אַרויסגעשאָסן זילבנוויַיז:
— דער
— קיניג
— קומט
— אָן!
רובינען־קוילן רײַסן אויף אין זײַן פענצטער
און בלײַבן שטעקן אין קיניגס קרוין —
געפּלאַצטע שטערן.
דער קיניג גייט אַרײַן אין זײַנע שאַצקאַמערן
און שעפּט זיך אָן אַ האַרץ מיט בריליאַנטיקער אימה.
די לבֿנה האַלט עס ניט אויס
און פֿאַלט
ווי אַ שטייניקער פויסט
אויף זײַן שאַרבן:
— פֿאַלשער
פֿאַרשטעלטער קיניג —
דו לעבסט נאָך אַלץ אויף מײַן חסד,
וואָרעם אַלע אמתע קיניגן זענען שוין לאַנג טויט — —

אָן ווערטער דערלאַנגט מיר דער קיניג
דעם שליסל —
פֿאַרשטיי איך:
ער וויל אַ טיר זאָל איך אים עפֿענען,
וועט ער אַנטלויפֿן.

דערווײַל האָבן אַלע גלעקער צעקלונגען זײַן שרעק.
אָבער ביז דער אַלאַרעם איז דערגאַנגען צו אַן אויער
זענען שוין אַלע שאַצקאַמערן געווען פאַרברענט.

ווײַל דער קיניג זיך אַליין ראַטעווען —
רײַסט ער אויף אַ חושך־טיר
און לויפט.
קולות — שאַרפע ווי שווערדן — יאָגן אים נאָך:
— דער קיניג האָט פאַרראַטן!
און די טיר קלאַפט זיך צו
מיט דער שטילקייט פון ווייכע גראָזן —
ווי אַ חלום.

דער קיניג לויפט.
אַ מעסער בלאַנקט אין זײַן גאַרטל.
כאַפּ איך אַרויס פון אים דאָס מעסער
און דערפיל זײַן גלאַטקייט
ווי אַ קיצל אויפן האַלדז — —

די נאַכט מאַכט־צו אַ פינצטער אויג.
די שרעק פון קיניג איז ווײַס ווי קאַלך.
אַלע טירן שטייען אָפן
און איך הער ווי דער קיניג אַנטלויפט — —

נאָך דעם רײַב איך אויס די אויגן
און מאַך אַ ברכה אויף חלום און טויט.

דער שליסל פון שרעק
(וואַריאַנט פון אַ קאַפּיטל)

הײַנט האָב איך ווידער דערפילט צווישן די פינגער
דעם שליסל פון שרעק.
דער שליסל איז גרויס ווי מײַן האַרץ.
טראָג איך אין די טעג דעם גנבֿישן שליסל
אין הויפן צוזאַמענגעדריקט —
אַז קיין פרעמד אויג זאָל אים ניט באַמערקן.
איך האָב אים אין מײַן היים אַרײַנגעשוואַרצט
דורך די פאַרבאָטענע און פאַרהאַקטע גרענעצן
מיט וועלכע דער הײַנט איז אָפּגעצוימט פון נעכטן — —
פונקט אַזוי פלעג איך אַרײַנפינצטערן
אַ לעבעדיקע בולבע דורכן געטאָ־טויער
און שפּעטער זי אויסגעקושט
מיט ליפּן פון הונגעריקער ליבשאַפט.

הײַנט שאַר איך זיך אויף די שפּיץ פינגער
און די מענטשן אַרום קוקן מיך אָן מיט חשד.
גאָר נאָענט־באַקאַנטע ווייסן וויל
אַז כ׳טראָג בײַ זיך פאַרבאַהאַלטן
דעם שליסל פון שרעק —
מײַדן זיי מיר אויס —
קערן זיך אָפּ פון מיר —
איך זאָל, גאָט באַהיט,
ניט אײַנברעכן צו זייערע פאַרזיכערטע געוועלבן.
זיי ווייסן ניט, די נאַראָנים וואָס היטן מײַן יעדן טראָט,
אַז איך אַליין היט זיך מער פון זיי.
מײַן פויסט דריקט שטאַרקער דעם שליסל.
איך לויף אַהיים.
אין מײַן האַרצן באַמבלט זיך דער טיקטאַקישער קלאַנג
פון פאָרויסזאָג פון אַ קאָשמאַרנאַכט.

דערימעך באַהאַלט איך ביי נאַכט דעם שליסל
אונטערן ווייסן ווייכן קישן.
און כ׳מוז יעדע ווילע, פון שלאָף, אָנטאַפּן דעם שליסל.
דעמאָלט ווערט דער קישן האַרט און שוואַרץ, ווי ערד,
און מיין קאָפּ הייבט אָן ברענען —
ווי אַרומגעקלאַמערט פון פייערצוואַנגען...
ס׳טרעפט אויך: אַז כ׳פיל אין מיין האַנט
אַ פענעצל ברויט, וואָס איז האַרט און פאַרשימלט
פון יאָרן פאַרגעסנקייט — —

די פּראָסטיקע נאַכט בריט אָפּ מיט איר גלימער
מיינע געשוואָלענע ווונדיקע פיס.
מיין חבר לייגט־צו זיינע בלוי־קאַלטע ליפּן
צו מיינע אויסגעצערט־איינגעפאַלענע באַקן
און ער בלייבט ליגן מיט אַן אָפן מויל —
טיף ווי דער תהום פון דער שוואַרצער גרוב אין פעלד.
אין יענער נאַכט איז דער שליסל פון שרעק
אַרויסגעפאַלן פון זיין קנאָכיקער קאַלטער האַנט
און געבליבן פאַרקראַמפּט צווישן מיינע פינגער.
ווי דעמאָלט פיל איך ווי מיין אָטעם ווערט קורץ.
— ווער שלעפּט דעם קישן פון אונטער מיין קאָפּ?
— איך קום אָפּנעמען מיין שליסל...
— אָבער איך בין דאָך דער שומר פון שליסל.
— ער איז אָבער מיינער! מיינער!
— כ׳בעט דיך, לאָז מיר אים איבער.
כ׳וועל אים היטן ווי אַ הייליקן פּקדון, ווי מיין לעבן!
— גוט. היט אים ווי זיך! זאָל ער זיין דיין יזכור־שליסל...

מיין חבר האָט אַזעלכע ווייסע ציינער — אַז כ׳זע זיי אין דער פינצטער.

דער קישן צעפּאַלט זיך אויף פּלעווע.
מײַן קאָפּ ליגט אויף דער האַרטער נאַרע.
איך זינק אין אַ תּהום אַראָפּ —
אונטן איז שוואַרץ און בלאַטיק־ווייך און שטיל —
טויט־שטיל.

כ׳גיב זיך אַ ריס אויף
און לויף זיך ראַטעווען.
איך פּויזע צו מיט געשוואָלענע פיס
צו דער מיסטיק־פאַרפרוירענער שוועל.
אַ גרויער רויך קרײַזלט זיך הינטער מיר.
ווי אַ הונגעריק מײַזל טוט דער שליסל אַ סקריפּ — —

ווער האָט געעפנט די טיר?
אַ געקנויל וואָרעמקייט קומט פון אונטער דער ערד.
איך בין פאַרמאַטערט פון טראָגן דעם שליסל.
זאָל איך אים אַ וואָרף טאָן אין תּהום?
פּלוצלינג קלאַפּט זיך די טיר שטיל צו.
— פאַרליר ניט דעם שליסל!..
מײַן חבֿר שרײַט פון יענער זײַט —
נאָר זײַן מויל איז פאַרמאַכט ווי די פינצטערע טיר.
— דו שרײַסט מיט אַזעלכע מאַכטיקע גוואַלדן,
אָבער דײַן קול קען איך ניט הערן.
מײַן חבֿר לאַכט מיט ווײַס־קאַלכיקע ציינער:
— דאָ הערט מען קיינעמס קול ניט —
אַבי דו פאַרשטייסט וואָס איך זאָג.
מער צו חלום דיר וועל איך ניט קומען,
נאָר דו היט דעם שליסל ווי דו האָסט צוגעזאָגט —
מײַן אײנציקער אָנדענק.
ביסטו נאָך אַ מאָל מבֿטיח?!
— איך שווער דיר בײַ מײַן לעבן...
— איך טרוי דיר אים אָן — —

...דער שליסל קלינגט מיט שרעק אונטערן קישן.

הושיעה נא

הושיעה נא! אותיות צעקנייטשטע, צעשריגענע, גרויסע אין סידור,
ווי אַן אַלטער פֿאַרגעלטער פּלאַקאַט אין אַ שטורעם צעפֿלאָכטן —
מיט דעם דײַנע ייִדן געהאַלטן זיך האָבן אויף פּעדעם בטחון.
און שטײַגן געפּרוווט צו הימלישע הייכן פֿון ערדישן נידער.

הושיעה נא! קריעה זיי האָבן געריסן אויף אייגענע גלידער
און אויף נאַקעטע קני צו דײַן טויער פֿון רחמים געקראָכן —
נאָר ס׳האָבן זיך הימלען אַ וואַלגער געטאָן מיט פֿינצטערע בראָכן
און איבער די קעפּ דײַן גזר איז געהאַנגען — אַ שווערד אַ צעגליטע.

הושיעה נא! האָט אַן עדה געיאָמערט צו דיר בײַ פֿאַרשאָטענע שוועלן,
מיט טרערן, — ווי טראָפּנס פֿאַרגליווערט אויף האַרבסטיקע שויבן —
און זייער ביטער גערוף איז געפֿאַלן אויף אויערן טויבע.

הושיעה נא! די אותיות האָבן דײַן זון גענומען פֿאַרשטעלן
און זיך צעוואַקסן אַריבער דעם בייזן פֿאַרצאָרנטן הימל —
און דײַן חלל פֿאַרדעקט מיט שאַנד און מיט מענטשלעכן שימל.

האַרבסטיקע מאַטיוון

האַרבסטיקע מאַטיוון —
בײַ די שוועלן פֿון אומעטיקע, וואָלקנדיקע היימען
וועלקן מער ניט גראָזן אין לעצטיקן פֿאַרגיי.
געשאָרך פֿון קופּער־רויטן בלעטערפֿאַל פֿוןביימער —
אַנטשוויגן.

האַרבסטיקע מאַטיוון —
אין גלי פֿון בעריאָזעוון האָלץ אין אויוונס
זיפֿצן מער ניט מאַמעס אַרײַן זייער ווינד־און־ווי.
און געקרעכץ בטחונדיקער פֿון טאַטעס בעלי־אמונה —
אַנטשוויגן.

האַרבסטיקע מאַטיוון —
עס ציִען זיך ניט מער די לאַנגע גרוי־טרויעריקע וועגן —
און געבראַזג פֿון פֿורן מיט רעדער אײַזערנע אויף זיי.
און דאָס מרה־שחורהדיקע ליד פֿון מאָנאָטאָנעם רעגן —
אַנטשוויגן.

האַרבסטיקע מאַטיוון —
עס שטייען מער ניט דרײַפֿוסן איבער קוילן־קופּעס —
מיטן ריח פֿון הערינג וואָס פּרעגלט זיך אויף זיי.
טײַבעלעך פֿאַרליבטע, וואָרקנדיקע אין שלאָקן פֿון בוידעמס —
אַנטשוויגן.

האַרבסטיקע מאַטיוון —
ניטאָ מער די באַקאַנטע שליאַכן — צווישן כאַטעס דאָרפּישע,
ווו מאַטע שוואַכע ייִדן שלעפּן פּעק מיט צרות אין זאַווי.
און דאָס שמײַעניש פון האַרציקע און גוטע טאַטעס —
אַנטשוויגן.

האַרבסטיקע מאַטיוון —
ניטאָ מער די שטיוול יוכטענע אויף פּיס אַלטע און מידע,
וואָס קנעטן דעם קלעפּיקן ליים אין געוויטערשן געדריי.
אַלע טײַערע וואָכעדיקע ייִדן אין דער ערד ליגן —
אַנטשוויגן.

האַרבסטיקע מאַטיוון —
ניטאָ מער די סומנע שײַבעלעך, ווו בלישטשעדיקע אייגעלעך
זאָלן אויפלויכטן מיט קינדישן דערפרייַ הינטער זיי.
ייִדיש געפּלאַפּל פון זיידעס און באָבעס אין געסלעך בלאָטיקע —
אַנטשוויגן.

האַרבסטיקע מאַטיוון —
בײַ די ניט־פּאַראַניקע טרעפּ פון די חרובֿע היימען
בלײַב אַ רגע שטיין מיט אַ וואַרעמע טרער אין דײַן אויג.
און זאָל דײַן האַרץ אויסוויינען אַ קדיש פון האַרבסטיקע מאַטיוון —
און ווער
אַנטשוויגן...

דער שאָטן פון איר האַנט

איך שפּרייז אויף גיך אין רעגן —
די נאַכט איז טאָפּל שוואַרץ.
רויִכיק בלאָסט דאָס שטעגל —
זי שטייט פאַרהילט און וואַרט.

איך לויף פאַרביי דערשיטערט —
זי טוט אַ שוועב פאַרויס,
פון נאַכט אַרויסגעשניטן —
זי שטרעקט אַ האַנט מיר אויס.

אַ שאָטן־האַנט אַ יונגע —
(דערמאָנט אָן ווײַטע טעג) —
ווערט מײַן האַרץ צעשפּרונגען,
ווי אין אַ ווילד געיעג.

כ׳טו די טיר אַ פּראַל־אויף —
אָן אָטעם פאַל אַרײַן,
טוט אין אויג אַ שטראַל־אויף
אַ פרעמדע דאָ — די שײַן.

ס׳איז די שײַן פון אומעט.
ווו קלאַפּט עס דאָ אַ האַרץ?
איז עס דער שאָטן שטומער
בײַ דער טיר — וואָס וואַרט?

זי שטייט אין מיר פאַרטוליעט —
אַ וואַרקענדיקע טויב.
איר פּחד אײַנגעליוליעט —
אַ שאָטן אויף דער שויב.

אַרום מײַן האַלדז זי וויקלט
איר האַנט — גראַציעז און צאַרט.
מײַן בליק אין אימה־שפּיגל —
גלאָז אין גלאָז פאַרשטאַרט.

איר האַנט, צעוויגט אין שפּיגל,
אין אוממאַכט פאַלט אַראָפּ —
ווי אַ צעבראָכן פליגל
אויף מײַן מידן קאָפּ.

און ווידער טוט אַ פלאַטער
איר שאָטנדיקע האַנט —
און מײַן קאָפּ, פאַרמאַטערט,
שאָטנט אויף דער וואַנט...

און איר האַנט כּסדר
באַמבלט הין און הער —
דער אומרו פון אַ זייגער
וואָס קומט ניט צום געהער.

ווערן שטילער רגעס —
טיף און פול באַטײַט,
אַריבער שאָטן־ברעגעס
פליסט איבער מיר די צײַט.

און אויף אַ בריק פון סודות
איך טו אין שרעק אַ שפּאַן —
און די בריק צעהוידעט
דער שאָטן פון איר האַנט...

אַ שאָטן לאַכט בײַ נאַכט אין מינכענס גאַסן

...איר געלעכטער קלינגט אין מײַנע אויערן
אַ גאַנצע נאַכט.
ווי פּראָסטיקע שטעכערלעך צעשיט ער זיך
אויף מײַן לײַב.
מײַנע טריט זינקען אין גאַנג.
זי גייט מיר נאָך —
אַליין. און שווײַגט —
בלויז איר שאָטן לאַכט.
אַלע יונגע ציינדלעך אין שאַרבן קלימפּערן
און זי לאַכט אַ יידישן געלעכטער
פון שרעק —
און הונגער —
און טויט.

איך פיל דעם פראָסט אין מײַנע ביינער.

איר שאָטן ציט זיך אויס לאַנג —
פון פּרינץ־רעגענטען־שטראָסע ביז די פעלדער פון שטוטהאָף —
און איר געלעכטער קײַקלט זיך איבער דער גאַנצער לענג.
כאַ־כאַ־כאַ —
צעפאַלן די עכאָס איבער די פּוסטע גאַסן.
קיינער הערט איר ניט —
נאָר איך אַליין.
איר שאָטן גייט מיר נאָך פאַרגליווערט־שטײַף איבער די ליידיקע חורבֿות.
קיינער זעט איר ניט —
נאָר איך אַליין.
און מיר גייעןביידע —
אַ שאָטן פון אַ יונגע פרוי
און איך.

איר שאָטן איז דורכזיכטיק —

דיך־צאַרט —

שפּינוועביק־פּלאַטעריק —

איך גיי.

זי שוועבט מיט —

און באַרירט קוים די ערד.

ביידע שעפּטשען מיר —

מיר פירן אַ שטיל שמועס.

— פאַר וואָס פליסטו מיר נאָך, באַקאַנטער שאָטן?

— האָסט דאָך מיך אַרויסגערופן —

מיך און מײַן געלעכטער.

איך בין פאַרוווּנדערט:

— ווי אַזוי האָב איך געקענט דיך אַרויסרופן

אין מיטן נאַכט —

אין אַ מינכענער ליכטיקע גאַס?

— מיט דײַן געדאַנק־געדענק האָסטו מיך אַרויסגערופן.

ווילסטו דען איצט חרטה האָבן און אַנטלויפן פון מיר?

האָסט סײַ ווי ניט ווו צו לויפן מער!

— איך ווייס עס און פיל עס גוט־גוט.

און איך וויל ניט אַנטלויפן.

— דערקענסטו כאָטש מײַן שאָטן? —

מײַן געלעכטער?

— איך דערקען איצט אַלץ.

— און ווילסטו הערן מײַנע רייד?

— איך וויל. אַוודאי וויל איך. צוליב דעם בין איך דאָך דאָ.

— איך בין געקומען צופליען צוזאַמען מיט דער שלעכטער בשורה

וואָס דו האָסט הײַנט געקראָגן —

ווײַל איך האָב געפילט ווי שווער דיר וועט זײַן.

אפשר קען איך דיר מיט עפּעס העלפן?

— ווי קען אַ שאָטן פילן

און ווי קען אַ שאָטן העלפן?

— אַ שאָטן וואָס דו האָסט אַרויסגערופן קען פּילן.
דערמאָנונג איז מײַן רעצעפּט —
און מיט מײַן געלעכטער האָב איך געוואָלט דיר העלפן.
— אָבער דײַן געלעכטער שוידערט מיך אויף.
— דאָס איז ווײַל דיר איז אומעטיק געוואָרן
און האָסט ווײַן אַ גאַנצע פלאַש אויסגעטרונקען.
— פון וואַנען ווייסטו עס אַלץ אַזוי גוט?
— כ׳האָב עס טאַקע פריִער ניט געוווּסט,
האָט מיר דער ווינט פלוצלינג די ידיעה געבראַכט
אַז דו ווילסט אַנטלויפן פון זיך.
האָב איך פאַרשטאַנען ווי שווער דיר איז
און האָסטיק געקומען צופליִען.
—יע, ס׳איז מיר שווער. זייער שווער!
— טאָ לאָמיר גיין צוזאַמען —
אַ לעבעדיקער מענטש און זײַן טויטער שאָטן.
— ווילסטו מיך פאַרפאַלגן?
— כאַ־כאַ־כאַ...
וואָס דיר קען אײַנפאַלן!
מיינסטו אַז איך פאַרגין דיר דאָס לעבן ניט?
כאַ־כאַ־כאַ...

פון די חורבֿות אַרום הילכט אָפּ דאָס געלעכטער
ווי צעבראָכן גלאָז וואָלט זיך געשאָטן.
מײַן האַרץ שטעלט זיך אָפּ — —
— וווּהין ווילסטו גיין?
— פון מײַנט וועגן ביז עק וועלט.
— אָבער איך גיי אין מײַן צימער, דאָ דערבײַ —
צו זיך אַליין.
— איך ווייס. כ׳קום גראָד פון דאָרט —
אין דײַן צימער הענגט אַ בילד.
— יע, איר בילד איז עס — דאָס איינציק געבליבענע.
אין דאַכאַו האָב איך עס אויף מײַן לײַב געטראָגן.
— בין איך איצט פון דער רעם אַרויס — —

— כאַ־כאַ־כאַ — — — —
טראָגט זיך דער ווידעררוף
איבער מינכענס שטילע מיטנגאַכטיקע גאַסן.
מײַנע טריט יאָגן אײַליקער.
איר שאָטן פּלאָנטערט זיך אין מײַן גאַנג.
— דערקענסטו מיך איצטער?
איך בין דער שאָטן פון בילד
וואָס דו האָסט געהאַט באַהאַלטן — —
מײַן האַרץ הייבט ווידער אָן קלאַפּן.
— אַוודאי דערקאָן איך דיך.
דער שאָטן ווערט דינער —
טונקעלער —
די אויגן גלאַנצן פרייליכער —
פײַערלעך שוואַרצע.
— אָבער פאַר וואָס געדענק איך ניט מער דײַן נאָמען —
און צוליב וואָס גיי איך דיר נאָך?
דער שווידער אין מײַנע ביינער גליט און כ'טו אַ געשריי:
— צי האָסטו טאַקע פאַרגעסן מײַן נאָמען?!
— כאַ־כאַ־כאַ. סאַראַ מאָדנע זאַכן עס טרעפן.
טאַקע פאַרגעסן. כאַ־כאַ־כאַ... פאַרגעסן... כאַ־כאַ־כאַ...
— דו שרעקסט מיך מיט דײַן אויסגעהוילט געלעכטער —
הער, אַלע מינכענער חורבֿות לאַכן מיט.
— שרעק זיך ניט. איך בין אויך אַ חורבֿה —
אַ טויטע חורבֿה —
און פאַר טויטע איז זיך ניטאָ וואָס צו שרעקן.
— כ'וויס עס. דו ביסט טויט —
און איך טויט־שיכּור —
נאָר פאַר וואָס פאַרט האָסטו מײַן נאָמען פאַרגעסן?
וועל איך דיר דעם נאָמען ניט זאָגן —
דאַרפסט זיך אַליין דערמאָנען.

— איך דאַרף זיך ניט דערמאָנען אַזאַ זאַך,
וואָס איז מיר באַקאַנט און נאָענט —
נאָענט ווי דער טויט —
ווײַל דײַן נאָמען האָבן מײַנע ליפּן געשעפּטשעט —
ווען לעצטער פונק פון לעבן האָט געברענט
אין מײַנע טרוקענע ביינער.
נאָר איצט האָב איך אַלץ פאַרגעסן.
כאַ־כאַ־כאַ... כאַ־כאַ־כאַ...
פון די חורבֿות הילכט אָפּ דאָס געלעכטער ווי געוויין.
— דו לאַכסט דאָך ניט — דו וויינסט גאָר!
איר שאָטן קאָרטשעט זיך צוזאַמען אונטער מײַנע פיס —
ווי זי וואָלט מיך געפּענטעט.
איך הער ניט מער דעם קלאַנג פון מײַנע טריט.
איר בלאַסקייט ווערט דורכזיכטיק ווי אַ דין רויכל
און איך דערקאָן זי מער ניט.
— ווער ביסטו? אָקערשט ביסטו מיר געווען אַזוי באַקאַנט!
מײַן געשריי מישט זיך צוזאַמען מיט איר געוויין־געלעכטער.
— איך בין אָן אַ נאָמען —
ווײַל איך בין מער ניטאָ —
אין ערגעץ ניט —

חוץ אויף אַן אָפּגעריבענעם בילד —
כאַ־כאַ־כאַ —
אַ בילד —
כאַ־כאַ־כאַ —
ניטאָ —

איך מיינבענס גאַסן לאַכט בײַ נאַכט אַ שאָטן —
מיט געוויין —

— כאַ־כאַ־כאַ —
ניטאָ — —

אַ בילד

הענגט אין מײַן צימער אַן אָפּגעבליאַקט בילד,
נאָר ס׳פּנים איז ליכטיק, צאַרט איז און מילד,
די אויגן נאָך יונגע, שיינע און פריש —
די צײַט האָט דעם שמייכל פון זיי ניט פאַרווישט.

געגעגן איך צום בילד אין דער שטילקייט פון נאַכט,
איר פּנים אַ גלעט טו — די מיידל דערוואַכט.
זי עפנט דאָס רעמל — איבער תּהומען אַ טיר —
און זי גייט און זי גייט און דערגייט ניט צו מיר.

ניט זי גייט, נאָר זי שוועבט — פון איר שאָטן באַגלייט,
און די הענט, ווי צוויי גילדענע פליגל צעשפּרייט,
זי כוואַליעט זיך בייגיק און ווינטיק און לײַכט
און גליטשט זיך גראַציעז — אַ שוואַן אויף אַ טײַך.

אָט קומט זי שוין אָן. איך זיץ און איך וואַרט...
די לבֿנה די ראָם האָט מיט זילבער באַפאַרבט —
און איר פּנים פאַרכישופט, מיט בלאַשײַן באַמאָלט,
און זי שפּילט אין דער לופט אויף אַ האַרפע פון גאָלד.

אירע פינגער, צעשטראַליקט, באַרירן די סטרונעס,
איר קול, ווי אַ פידל, אַ ניגון טוט ברומען:
— אַ מאָל איז געווען... געווען... און אַוועק...
די סטרונעס זיי וויינען — און פּלאַצן אַוועק — —

ס׳הענגט אין מײַן צימער אַן אָפּגעבליאַקט בילד. —
איך האָב נעכטן זײַן רעמל מיט בלומען באַצירט.
איך האָב נעכטן געהערט אַ געזאַנג פון אַ מאָל.
איך האָב נעכטן געקליבן די שערבלעך פון גאָלד.

לאַנד פון שטאַרבן

זי קומט — פאַרוואַנדלט אין אַ גרינעם שוים
און די פוסטע אויגן־לעכער פול מיט שקיעה־פאַרבן.
זי זאָגט: — מײַן יינגל, כ׳האָב געבראַכט אַ טרוים —
מײַן מתנה דיר פון אייביקלאַנד פון שטאַרבן.

ענטפער איך: — דײַן טויט האָב איך נאָך ניט פאַרשריבן,
נאָר כ׳פיל אים אַלע יאָרן אין די שפּיצן פינגער.
כ׳וואָלט זיך ווידער ביז צום טויט אין דיר פאַרליבן,
ווען כ׳קען די מורא פאַר אַ נײַעם טויט באַצווינגען.

און כ׳וויל דערזינגען נאָך די טרויעריקע לידער
און דעררײדן די ניט דעררעדטע אומעטיקע רייד —
ביז מיר וועלן ווערן אין דער נאַכט פאַרגלידערט
און מער ניט דאַרפן זוכן פאַר דעם חלום אַ באַשייד.

כ׳האָב דערהערט איצט אין דײַן קול די אַלטע קלאַנגען,
און טויעלעך דערזען אין דײַנע יונג־פאַרברענטע האָר,
אָבער ווי זאָל איך צו דיר אין יענעם לאַנד דערלאַנגען,
אַז איך ווייס פאַר וואָר — דו ביסט שוין מער ניט וואָר!

זי לאַכט: — ניט פּרווו גאָר! כ׳וויל דיך ניט פאַרפירן,
נאָר משוגענע פּאָעטן פירן מיטן טויט דעם ביזאָרן פלירט.
כ׳בין מקנא דיר — וואָס לעבעדיקן אָטעם טוסטו שפּירן
און מיט אַ נאַכט אַ שיכּורע קײַקלסטו זיך פאַר דער טיר...

איז לייג אַן אויער צו און הער: אין הימל שטערן זינגען
און מלאכים פּײַפן־צו צום ליד אויף פליטן פון קרישטאָל —
אַז קינדער־יאָרן זאָלן קומען אויף צוריק צושפּרינגען
און ווידער צודעקן מיט גראָז־און־חלום באַרג און טאָל.

טאָ לאָמיר גיין צוריק צו די אַלט־באַגערטע ערטער —
זיך אָנוועקהוידען ווי אויף אַ פוסטער וויג צוריק —
און אין דער חלום־נאַכט, די איינציק נאָך באַשערטע,
די לעצטע פלאַטערלעך פאַרביקע — פאַרכאַפּן מיטן בליק.

און צוריק. סטאָפּ. שטעל אַוועק אַ שוואַרצן פינטל.
איך קען ניט לענגער בלײַבן הײַנט מיט דיר...
איבערלאָזן וועל איך דיר אַ גלעט פון ווינטל
און דעם סקריפּ פון דער פאַרמאַכטער טיר — —

— אָ, לאָז מיר איבער אויך דעם ציטער פון געזאָגנגען,
וואָס טויט זיי זעגנען שוין, ווי דו — אַזוי פיל יאָר!
ווײַל צו דײַן שאָטן קוים איך קען דערלאַנגען —
און פאַר וואָר איך וויס: דער חלום איז ניט וואָר...

טויט זיך אַ קײַקל איר געלעכטער, ווי דער גרינער שוים,
און פון אירע אויסגעהוילטע אויגן רינען אויס די פאַרבן.
זי זאָגט: — כ׳וועל ניט איבערלאָזן דיר מײַן טרוים —
מ׳טאָר אים ניט אַרויסטראָגן פון לאַנד פון שטאַרבן!..

טרערנוויַין

אַ פֿינצטערער הענגט איבער קאָפּ מײַנעם דער בוידעמדאַך,
אין נישע שטייט מײַן בעטל, דערבײַ — אַן אַלטער שטול.
אין די נעכט פֿאַרשפּאַרט איך בין ווי דער עלנטער מאָנאַך,
וואָס יאָרן איז געזעסן דאָ און ניט געוואָרן דול.

און ווען דער צוועלפֿטער קלונג פֿון טורעם־זייגער פֿאַלט,
דאָס ליכטל איך פֿאַרלעש און נענטער רוקט זיך אָן די נאַכט, —
דאַן צום פֿענצטערל צווישן קומט אַ מיידלשע געשטאַלט,
כ׳וואָרעם אָן איר מיט מײַן אָטעם און פֿלוצעם זי׳ דערוואַכט — —

הײַנט איר געפֿלאַטער טו איך ווידער דאָ דערהערן
און איך ווייס: איר בענקשאַפֿט וויל צו מיר אַרײַן...
פֿאַלן פֿון די אויגן מיר אַראָפּ וואַרעמע צוויי טרערן
אין די צוגעגרייטע, אויפֿן טיש, צוויי גלעזער ווײַן.

און די טרער, וואָס האָט צו איר אין כּוס אַרײַנגעקאַפּעט,
ברענט אויפֿן דעק איר נאָמען אויס, ווי אַ זיגל.
אויפֿן פֿענצטערל איר בלינדער שאָטן אַלץ זיך דראַפּעט,
און כ׳וועל פֿון ווײַן די טרער מער ניט אַרויסקריגן!

ווערט מײַן האַרץ מיט פּחד און דערוואַרטונג פֿול:
ווי אויף דער לופֿט איז זי צו מיר דערשוווּמען!..
און ס׳טוט אַ רודער זיך, ווי זעגל אין אַ ווינט, דער שטול
און ליידיק בלײַבט ער — זי האָט אים ניט פֿאַרנומען.

שטאַמל איך: — ס׳איז מײַן היים דאָ... נײַע צײַטן...
בלײַב מיט מיר... כ׳פֿיל — עס קלאַפּט דײַן ברוסט...
וווּנדערלעך דײַן קומען פֿון אַזעלכע ווײַטע ווײַטן...
און מיט דיר צוזאַמען טרינקען האָט זיך מיר פֿאַרגלוסט...

זי נעמט דעם כּוס אין איר שאָטנדיקע האַנט־ניט־האַנט,
און איך — דעם צווייטן, אין טרייסלדיקע פינגער.
סאַרקאַסטיש רופט זי אויס, ווי צו דער וואַנט:
— מיר וועלן טרינקען פאַר די טרערן פון מײַן זינגער...

טרוקן איז מײַן אויג, דו זעסט, ווי ווײַסער ביין,
געשטראָפט בין איך און קען שוין מער ניט וויינען...
— איך פאַרשטיי... נאָר פאַר וואָס זאָלסטו שטיין?..
אויפן שטול מיר קענען זיצן הײַנט אין איינעם.

זי שיילט זיך אָפּ פון פענצטערל. כ׳פיל אַ שאָטנגלעט.
איך הער דאָס קול — באַקאַנט און ניט־פאַרגעסן:
— דעם אמת זאָג, ניכטערער צעשראָקענער פּאָעט,
ווער איז אויף דעם שטול הײַנט בײַ דיר געזעסן?

דערמאָנונג טוט אַ קלעם און כ׳בין זיך מודה באַלד:
— ...מיך האָט געשטיקט אַליינקייט אינעם צימער.
נאָר ס׳האָט מײַן בענקעניש געלעכצט צו דײַן געשטאַלט...
זי לאַכט: — דײַן תּירוץ טוט מיך ניט אַ קימער!

נאָר פאַרדראָסיק איז דאָס לידל אויפן טיש.
פאַר איר אַ ליד — און פאַר מיר די טרערן...
מיט פוסטן מויל זי זויגט דעם טרערנווײַן־געמיש
און עמעץ זאָגט: — לחיים פאַר דעם כּוס דעם לערן — —

די קלאָנגען צוועלף אין קלויסטער־טורעם ווערן שטיל.
מײַן בענקשאַפט וואַך בלײַבט, אויפן דאַך — די שטערן.
אין איר שאָטן ליג איך, ווי אין אַ צודעק אײַנגעהילט,
און פון אַליין זיך מישט דער טרערנווײַן אין כּוס אין לערן.

דײַן נאָמען

מײַן קינד האָב איך נאָך דיר אַ נאָמען ניט געגעבן —
גיב איך אַ נאָמען איצט נאָך דיר מײַן ליד.
ווײַל אַרײַנבלאָזן איך וויל אין דײַנע אותיות לעבן
און בצרור החיים זיי פאַרפלעכטן — שולאַמיט!

און זאָל דײַן נאָמען ניט ווי רויך פאַרבלאָסן
און אויף מײַן ליפּ צאַפּלען זאָל ער מיט אַ שטילן קלאַנג.
כאָטש ניט דערקענען וועלן אונדז די נײַע גאַסן
און קיינער וועט ניט זען — מיר שפּאַנען זאַלבענאַנד.

ס'איז גוט אין שווײַגעניש און ניט־דערקענטקייט
צוזאַמען גיין — מיט ליכטפּעדעם צונויפגעוועבט.
פון די שפּליטערס פון דײַן יונג־פאַרלענדטקייט
וויל איך דײַן בילד פאַרגאַנצן — ביז אין מיר דו לעבסט.

און זאָל דײַן אַטעמהויך אַרײַן אין מײַנע לונגען
און אויסגעלײַטערט ווערן זאָל דײַן דערשטיקטע וועלט —
פאַר וואָר, דײַן געשטאַלט איז אין מײַן האַרץ פאַרטרונקען
און אין מײַן לײַב וווינסטו — אומגעביטן און פאַרשטעלט.

און אפשר גאָר פאַרקערט — איך לעב אין דיר אַצינדער
און פאַרוואַנדלט האָסטו זיך אין מײַן געשטאַלט
און דײַנע זענען מײַנע קינדער — —
ווײַל אין מײַן בלוט דײַן נאָמען זינגט און שאַלט.

און ווען אומרו טראָגט מיך דורך צערוישטע גאַסן,
הער איך דײַן נאָמען ריטעמט אין מײַן וואַקלטראָט —
מענטשן יאָגן אונדז פאַרבײַ אין געאײַל און ראַשיק
און ווי אַ בלינדע קוקט אויף אונדז די שטאָט.

ניט קיינער האָט באַמערקט מײַן לויף געשווינדן,
און אונטער וואָרעם העמד — מײַן ציטער־סוד...
ווי אַ רוח טראָגט צו הייכן מיר די ווינדע,
און איך אין בוזעם טראָג — אַ טויטן גאָט...

פאַל איך אַרײַן אין צימערל אין קליינעם —
ס׳פענצטער ווי אַ פינצטער אויג צום אַראָפּצו גלאָצט.
כ׳הער מײַן אייגן קול — נאָר מיר ביידע וויינען,
און צו דער טיר צוריק — מיר גיבן זיך אַ לאָז.

ביידע מיר! מיר קענען זיך שוין מער ניט שיידן,
אַז געראַטעוועט מיר האָבן זיך אין פרעמדער שטאָט.
און יעדן אינדערפרי אונטער די פאַרשטעלטע קליידער
תחיית־המתים וועקט זיך אויף מײַן טויטער גאָט — —

פאַר וואָס האָב איך מײַן קינד נאָך דיר אַ נאָמען ניט געגעבן —
ווען ס׳לעבן האָט געהאַט דעם בלוטיק־פרישן שניט?
אין זכות פון מײַן אָרעם ליד הײַנט — זאָל מיר זײַן פאַרגעבן,
און זאָל דײַן חסד איבער אונדז זיך שפּרייטן, שולאַמית!

פרײַהייט

א

חודש — ניסן, יאָר — נײַנצן פערציק פינף.
אין לאַגער שמעקט מיט פרילינג און מיט נס.
דער דײַטש דאָ כאַלדערט אויס זײַן לעצט געשימף,
און צו להכעיס פרווּוט אַ ייִד — ניט ווערן מת...
ס׳הוליעט זײַנע לעצטע טעג דאָ דער באַצווינגער,
נאָר ייִדן קלאַמערן זיך נאָך צום בטחון־ראַנד
און מיט פאַרחלשטע, פאַרבענקטע פינגער
זיי רירן אָן דעם חלום־ברעג פון פרײַהייטלאַנד.

און עס קלינגען־אויף אין האַרצן גוטע בשורות
פון פרייד און לעבן, זעטיקייט און ברויט,
ווען צום לעצטן מאָל פון די צעשטויבטע שורות
דער מלאך־המוות שנײַדט זיך פענעצן פון טויט...
גייען ייִדן אויס אָן אַ קרעכץ און פאַלן —
אויסגענאָגטע און צעוואַלגערטע אין לעצטן גאַנג,
אַזוי ווי אונטער זוניק־צאַרטע שטראַלן
ברעכט זיך אײַן אין פעלד אַ שוואַכע זאַנג.

ערבֿ־פרײַ. אַ פוכיק־ווײַסער שניי טוט שיטן
און ווינטן נעמען דורך דאָס אויסגעצערטע לײַב,
נאָר צווײַגן נאַקעטע שפּראָצן שוין מיט יונגע בליטן
און אַ פרישע קראַפט צום לעבן ווידער טרײַבט.
אויבן זעגען נאָך די הימלען שווער צעהאַנגען —
פאַרכמאַרעט און פאַרצאָגט, טריב און טונקלגראָ, —
נאָר אונטער זיי רוישן די פראָפּעלערשע געזאַנגען
און פאַרקריצן מיט אַ כתבֿ־של־אש די גאולה־שעה.

גאולה! פויקן הערצער ייִדישע — מוזיק־קאַפּעלעס.
און פאַרן דײַטש — סירענעס, ווי שאַקאַלן, יאָמערן מיט קלאָג.
אין הימל טראָגן זיך אַמעריקאַנער — זילבער־טויבן העלע —
און מיט פײַער צייכענען פאַר אונדז דעם שלום־טאָג.

פלאַמט דער הימל, אין זײַן אייגן בלוט פאַרטרונקען.
אויף שׂרפֿה־פּיס אַ האַפּקע טאַנצט דער האָריזאָנט
און מיט טויזנט רויט־צעבליצטע פינגער טוט ער ווינקען:
— ניט געדאגהט, לאַגער־ייִדן, די אויסלייזונג איז נאָנט!
פּילט נאָר: דורכן טויער ווייט אַרײַן אַ זיסע שיכּרות
און אַ גאָלדענער באַגין אויף אײַער שוועל שוין וואַרט!
זעט נאָר: אויפן צוים האָבן קנאָספּן זיך צעוויקלט
און ווי אַ כּישוף — אײַך אַ נײַעם פרילינג דאָ געבראַכט!

פילן ייִדן — אויף אַן אמת מילדע ווינטלעך בלאָזן!
זעען ייִדן — אויף דער וואָר שטראַלט־אויף אַ נײַער טאָג!
דאָך קען די אַלטע בענקשאַפט אויף אַ רגע ניט נאָכלאָזן
און שפּילט אַרײַן אין ציטער פרייידיקן איר ניגון־קלאָג.
קומען אויף די ליפּן תּפילות — לויטערע, צעגליטע, —
כאַטש אין האַרצן בושעוועט נאָך אַלץ דער וויסטער בראַנד.
בײַם ברעג שוין שלאָגן לעצטע כוואַליעס פון געוויטער
און לויזער ווערט דער פאַרקלעמטער צוואַנג פון פרעמדן לאַנד.

אַ לאַנד פאַרזונקענע אין מאָרד, אין טיפסטן תּהום געפאַלן,
אין דײַן באַזיגטן רײַך שטייט הײַנט אַ שטאָלצער ייִד
און פרילינג יונגער לאַשטשעט זיך צו אים, ווי אַ שיינע כּלה,
און פייגעלעך אים צווויטשערן אַ ליכטיקע גאולה־ליד.
ער הערט עס אין די אָפּהילכן פון דונערן און קנאַלן,
וואָס קײַקלען זיך פון קלאָרן הימל אויף די שׂונאים קעפּ,
און עס צעטראָגט זיך דער סירענע־יאָמער מיט נצחון־שאַלן
איבער די שלאַנגנעסטיקע, די אויסגעבאָמבטע שטעט.

אַ, ליבע פּסח־נאַכט, ווײַטער יום־טובֿ פון די קינדער־יאָרן!
מיט געדיכטע שאָטנס ביסטו הײַנט פון אונדזער אויג פאַרשטעלט.
און דער בן־חוריק, וואָס אויפסנײַ איז הײַנט געבאָרן,
זיצט אויף דער לאַגערשוועל הײַנט שיבֿעה נאָך זײַן וועלט — —

ב

מײַ. פריש אַרויסגעקראָכן איז דאָס נײַע לעבן
פון אונטערערדישן און פאַרקלעמטן לאַגערשן פאַרשיט —
און ס׳האָט די נײַע וואָר דורך קאָשמאַרישע געוועבן
אַ בלענד געטאָן איר ליכט צו דעם פאַרשקלאָפטן ייִד.
און צום אויג געשפּאַרט האָט וואָרעם אַ געוויין,
ווען שאָטנס האָבן נאָך געהויערט איבער זײַן געצעלט, —
האָט דאָן די וועלט אים שוין געוואָלט פאַרבײַגיין
און לאָזן איינזאַם — ווי אַ שטיין אין פעלד...

נאָר גאולה־נס איז אין די בלוטן שוין געשווומען,
ווי אַ זוניק שפּליטער אין אַ ים פון פּײַן און נויט, —
און דערפילט האָט ער די ברכה אויף זײַן גומען
מיטן טעם פון ערשטן זעטיקן און פּראָסטן ביסן ברויט.
ברויט — וואָס געהייליקט איז געוואָרן אין יסורים —
איז ווידער אויפגעקומען מיט אַ לעבעדיק געזאַנג,
ווען פון זײַן אַקסל בלוטיקן דעם בייזן שטורעם
האָט אָפּגעלאָדן לאַגערייִד בײַם ערשטן גואל־טאַנק.

און פרײַהייטלאַנד האָט אויפגעפּראַלט דעם לאַגער־טויער
פאַר די אויסגעדאַרטע קוואַרע רעשטלעך מענטש־און־ייִד,
וואָס האָבן אַ כּזית לעבן און אַ באַרג מיט טרויער
דערשלעפּט צום אויסלייזטאָג פון לעצטן שניט.
און ס׳האָט זיך ווי אַ פלאַם אין זיי געצונדן גלויבן,
אַז ניט אומקערן וועט זיך מער די שווערד אין שייד,
ביז אויסגעראָט וועט זײַן דער לעצטער נאַצי־רויבער
און ס׳וועט געשטאַנק פון לעצטן ייִדן־מערדער זײַן פאַרווייט.

און מענטשן וועלן מער ניט זײַן ווי די שטויבן,
און וועלט וועט מער ניט זײַן אין בלוט פאַרטערט, —
נאָר ווי טשאַטעס זוניקע און ליכטיק־ווײַסע טויבן,
וועט פרײַ־און־פרידן קלינגען איבער גאָר דער ערד.

אָ פרײַהייטלאַנד! גן־עדן הערלעכער פון שקלאַפן!
אָדם־ייִד אויף די פליגל פון זײַן לײַדנטרוים
פליט הײַנט אַרײַן אין דײַן צעזונטן האַפן —
פויגל־פרײַ אין אָפענעם און אויסגעשפּרייטן רוים.
ניטאָ מער צוימען פאַר דעם פּוס דעם מידן!
ניטאָ מער שוואַרצע שאָטנס פאַר דעם אויג!
ניטאָ מער תּפיסהס פאַר די קראַנקע גלידער,
און פאַר דעם מידן אַקסל — הכנעהדיק געבויג.

און זיי כאַפּן זיך אין פרייד און גליק אַרום —
דאָס לעבן און די פרײַהייט, וואָס האָבן זיך געטראָפן
אין לעצטער רגע, ווען דער שוואַרצער מלאך פון אומקום
געוואָלט האָט אויסצאַפּן פון זיי דעם לעצטן טראָפּן.
יאָרן פריִער האָט די פרײַהייט אַלץ געמאָנט:
— אָ לעבן, וואַרט אָ ווײַלע, ווער נאָך ניט פאַרלאָשן!
דעריאָג מיך, לעבן, בײַ דעם ראַנד פון תּהום —
ווען מיט גאולה־ליכט דער לאַגער ווערן וועט פאַרגאָסן.

האָט פרײַהייט הײַנט אויפסנײַ צעגליט דעם לעצטן פונק
און צעפּליקט ווי שפּינוועבס האָט זי אַלע טויטע צוימען!
דאָס לעבן און די פרײַהייט — פון סאַמע קוואַל דער טרונק!
דאָס לעבן און די פרײַהייט — זיך אָפּגעפונענע זון־און־מאַמע!
האָט מאַמע די פאַרשמאַכטע ליפּן פון איר געליטן קינד
באַנעצט מיט דעם אויסלייזזאַפט — דעם ווײַן פון חיות,
און די ווונדן זײַנע אויסגעגלעט מיט בלויען ווינט
און מאַמיש־ליב אים אויסגעקושט די טרערן פון די וויִעס.
און דעם ייִד איז גרינג געוואָרן — אָ פויגל אין דער לופט,
ווען ער טראָגט זיך צו זײַן וואַרעם נעסט אין פרילינג —
ער איז אַרומגעפלויגן מיט פאַרזענגטע פליגל און פאַרצערטן גוף,
ווען לעבן־פרײַהייט האָבן זיך אין אים פאַרצווילינגט.

בערכטעסגאַדן

א. פרימאָרגן

צום טאָל זי קוקט אַראָפּ, די אַלטע טמאה, בערכטעסגאַדן,
ווי אַ בילד אין גרין־און־גרוי — באַרגיק אײַנגעראָמט, —
און אַרויף זי ווינקט מיט ברוינע שלענגלדיקע סליאַדן —
צום טײַוולס פּאַלאַץ אויף איר שפּיץ, אין זון צעפלאַמט.

שפּרייט זיך ווײַסקייט פון קאַיאָר אַריבער בערכטעסגאַדן
און מיר איז אומעטיק פון דעם און מאָדנע באַנג —
עס דערמאָנט מיך בלוט־און־פּענער, שטורעמס, באַריקאַדן,
און מאַכט שטרויכלדיק און אומזיכער מײַן מידן גאַנג.

איך גיי מיט בלינדע אויגן — פינצטער־צוגעזשמורעט —
און ס׳לאָזן אוממאַכטיק אַראָפּ זיך מײַנע שוואַכע הענט.
די העלע נאָרע אויפן שפּיץ אין שאָטן איז פאַרנורעט
און איך גיי — פון דעם מבול ליכט פאַרבלענדט.

אונטער די פיס — געפלאַקער פון מילי־מיליאַסן זונען,
און אין האַרץ — אַ ווײַס געוויטער האָט אַרײַנגעקראַכט!
ווער האָט די שיינקייט דאָ אַזוי געדיכט געשפּונען —
אַז נאָר דער טײַוול זאָל הנאה האָבן פון דער פּראַכט?

יעדער פעלדז דאָ שיסט מיט שאַרפע שפּיזן אין די אויגן
און מיט ברילִיאַנטן־שימער איז באַשאָטן גאָר דער שניי.
אויף דעם ליכטלײַוונט, וואָס איז מיט בלוי פאַרצויגן,
טאַנצן רויטע פלעקן פאַר די אויגן. טאַנצן. און איך גיי...

צי גיי איך טאַקע צום אַרויף, צי אפשר גאָר אַרונטער?
כ'בין פאַרקלעמט אין שפּאַלטן ריזיקע פון פעלדזנוועגט.
שוין לאַנג ווי די זריחה האָט דאָ פלאַמיק אויסגעצונטערט,
נאָר איך שטעל ניט אָפּ מײַן גאַנג — און גייענדיק איך ברען...

מאָרגנפרי מיט פלאַקער בלאָזט. בערג — מיט ליכט פאַרשיכּורט.
אין רויטע טײַכן אויבן — טובֿלט זיך דער „אָדלערנעסט".
דער באַרגשפּיץ אין אַ גרויען רויכל אין אַ סמיקן פאַרוויקלט
און עס שטינקען אַלע בונטע פאַרבן דאָ מיט שוואַרצן פעסט.

די טמאה קוקט אַפּער פון אַ בליציק־ווײַסן הײַבל,
מיט פאַרקאַמטע בלאַנדע קרויזן — גאָלדפונקען אין שניי,
אַנטקעגן איר אין אַ קאַראַהאָד אַ זוניקן טאַנצט דער טײַוול.
און איך — אין ליכט פאַרפּעכיקטן איך גיי... און גיי...

צי גיי איך נאָך אַרויף? צי אפשר שוין אַרונטער?
מיט איר בלאַנקען שאַרף די הייך גיט מיר אַ שניט
און איך בלײַב אָן אָטעם. איינזאַם. אָפּגעזונדערט.
און דער שניי ביז ווייטיק סמאַליעט מײַנע טריט.

איך גיי... פאַר די אויגן מיניען פאַרביקע פאַראַדן.
איך לויף... אַראָפּ... אין לאַבירינטיש־גאַסיקן געדריי.
און זי יאָגט מיר נאָך, די טמאה, בערכטעסגאַדן, —
ביז זי פאַרשאָטן ווערט מיט ליכטיק־שוואַרצן שניי.

ב. בײַ טאָג

װי אַ העפּט אַ גרױסער ליגט זי אָנגעמאָלן:
שטיבלעך — צאַצקעס פֿאַרביקע אין אַ מיטן װעג,
און שנירלעך בלענדיקע — די װאַסערפֿאַלן,
רינען װי צעשמאָלצן זילבער פֿון די בערג.
קוקן איבער זיך די בערגהײכן מיט גאװה
און מיט בליקן קאַלטע — פֿון פֿאַרשנײטע קעפּ,
אין זײער שױס — אַ פֿעלדזיקע, אַ שטײַפֿע, —
בערכטעסגאַדן רױט אױף ברײטע גרינע טרעפּ.

גרינע טרעפּ שלענגלען זיך אַרױף, צו די הײכן,
און פֿאַרפֿירעריש לאָקן זײ — ביז דו פֿאַרקריכסט
אױף זײער רוקן — און דו קענסט דערגרײכן
דאָס ליכט װאָס איז צעשטראַלט אױף באַרגיקן געזיכט.
דאָ זעסטו כאַטעס — הענגען איבער אָפּגרונטן און טיפֿן,
װי זײ װאָלטן װיגן זיך, פֿאַרשטילט אין רוים, —
און אונטער זײ — לױפֿן קינדערלעך, שפּילן, שטיפֿן,
װי שפּרינגערלעך קאַלירטע אױפֿן דעק פֿון תּהום.

אָ, תּהום צעתּהומטער, ניטאָ אַ מאָס װי דיר צו מעסטן —
ניט די הײַזער דײַנע, ניט דײַן באַרג און װאַלד, —
אונטער דײַנע רױטע דעכער װימלען נאָך די רױבער־נעסטן
און כ׳הער מײַן אײגענעם פֿאַרצװײפֿלטן געשרײ: גװאַלד!
גװאַלד, װי בין איך דאָ אַהער צום אַשמדאַי פֿאַרקראָכן?
אָט באַקוקט מיך אײנער מיט אַ בליק, װי פֿון אַ בעטלער, —
און דער שטאָלצער אַריער שטײט פֿאַר מיר הכנעהדיק, געבראָכן,
טשיקאַװע איז ער: — אַך זאָ, זי זינד יוד׳... קאַצעטלער...

איך שטיי אַנטקעגן אים פֿאַרגאַפּט. צעמישט. פֿאַרגליווערט.
עס טרייסלען מײַנע פֿיס זיך — בײַם סכּנה־ראַנד...
ער שמייכלט. און איך — ציטער, ווי כ׳וואָלט געפֿיבערט.
ער גייט... איך גיי... דער האָריזאָנט ווי אויף דער האַנט.
די הײַזער דאָ — אײַנגעטוליעטע אין טיפֿער שלווה.
דער דײַטש — צעתּענוגט איז, ווי נאָך אַ גוטן שלאָף.
די זון דאָ קריכט דורך אַלע באַרג־קנייטשן און פֿאַלבן
און צום ליכטפֿאַרפֿלייץ אַרום נעמט ניט קיין סוף.

אין שריפֿט אין גאָטישן אויף יעדער ווילעוואַנט איז אויסגעפֿורעמט
דער נאָמען דער ריין־אַרישער פֿון ווירט — דעם באַלעבאָס,
און אונטער דעם נאָך אָנגעמאָלן ריזיקע העלדן־פֿיגורן:
קריגער — מיט שווערד־און־שילד. גלחים — מאַכנדיק אַ כּוס...
און יעזוסלעך — פֿון היץ און רעגן אײַנגעשרומפּן —
בײַ יעדן ראָג, אין יעדער לאָך, אין יעדן שטיינפֿאַרשטעק,
קומען אָנגעקראָכן אַלטע דײַטשקעס, מיט בליקן שטומפּע,
און צו די פֿיס געקרייציקטע בלימעלעך לייגן זיי אַוועק.

שפּיגלט זיך די זון אין אַלע טאָלן און אויף אַלע בערגלעך —
ביז צום לעצטן טראָפּן האָט זי אויסגעלעקט פֿרימאָרגנדיקן טוי,
גלימערט אויף די פֿעלדזן אַ הויט אַ שטייניקע, ווי פֿײַער־שערבלעך,
וואָס מיניעט זיך אין גרין און געל, אין רויט און בלוי.

און די דײַטשן אין גרינע פּליושהיט, ווי אויף פּאַראַדן,
מיט מעדאַלן אָנגעהאַנגען — פֿאָלקיש־בײַערישער טראַכט. —
פֿאַר זיי זי ליגט צעשפּרייט אין זון, די טמאה, בערכטעסגאַדן,
ביז מיט פֿײַערלעך צעפֿינקלט זיך די שוואַרצע נאַכט.

ג. נאַכט

מיט פֿײַערלעך צעפֿינקלט זיך די נאַכט —
ווי אויגן וועלפֿישע אויף שניי צעפֿינטלט.
דער ברוינער טײַוול האָט דאָ שלעכטס פֿאַרטראַכט
און אויף זײַן קייט ער פֿירט די הינט דאָ.

ווילד זיי יאָגן דורך דעם וויסטן תּהום —
אײַנגעוויקלט אין תּכריכים שוואַרצע —
און פֿון פּיסק שלאָגט זיי אַ רויטער שום.
די טײַוול־מחנה אויף זיי וואַרט שוין.

זיי ליגן אַלע הינטער טויבע ווענט —
פֿאַרשפּינט אין פֿינצטערע לעגענדעס —
און אין די לײַבער דער גיהנום ברענט.
און די שוואַרצע נאַכט האָט ניט קיין ענדע.

דער אַשמדאַי דאָ ריטשעט מיט געוווי
און וועקט־אויף פֿאַרשטילטע שרעקן.
און שדים קלײַבן זיך — שוין אַלט און גרוי, —
ווי פֿלעדערמײַז הענגען זיי אין אַלע עקן.

געשפּענציק טאַנצן זיי אַנטקעגן טויט —
ווי שוואַרצע קראָען איבער פּגרים.
און אַלע שײַבלעך בליצן־אויף אין רויט —
ווי אויגן וועלפֿישע אין נאַרעס.

צוויי ביינער דורכגעקרייצטע — פֿון אַ מת
און צוויי אויגן פּוסטע — פֿון אַ שאַרבן,
און די נאַכט — די פֿאָן פֿון דער עס־עס
הענגט איבער טומאַת־בערכטעסגאַדן.

דער לעצטער קאָפּ

דער מידער שקלאַף פֿאַלט אַוועק אָן טרייסט.
גוט און דערבאַרעמדיק איז די האַרטע ערד.
אַ וועכטער שטייט בײַ אים, ווי אַ הונט צערייצט,
און פֿאָכט איבער זײַן קאָפּ מיט בלויזער שווערד.

פֿאַר שרעק האָט דער חלום צום גוף זיך צוגעקלעפּט,
ווי דאָס צעפּליקטע, שוויס־דורכגעווייקטע העמד.
טוט די שווערד אַ בליץ און זי קעפּט
זײַן לעצטן ערדיש־ליכטיקן מאָמענט.

די זון אַרום זײַן קאָפּ ווערט אַ שוואַרצע קויל,
און שוואַרצער ווי פּעך — שפּראָצט דאָס גראָז.
נאָר דער חלום, ווי דורך אַ וווּנדיק מויל ,
בלוטיקט אויפֿן האָריזאָנט אין צאַרטן ראָז.

ס׳פֿאַלט דער לעצטער קאָפּ . ווי אַ מײַלשטיין
בלײַבט ער ליגן אויף דעם וועכטערס וועג.
בײַם גרענעץ פֿון זײַן סופֿיקן פֿאַרגיין —
דער וועכטער טוט די שווערד אין דער ערד אַ שטעק.

עפֿנט זיך אין דער ערד די פֿינצטערע גרוב
און אַ חלום טראָגן אַרויס צוויי בלויע הענט —
זיי ברענגען אים צו אַ חרובֿער ייִדישער שטוב
און לייגן אים בײַם קאָפּ — צווישן פֿאַלנדיקע ווענט.

אַ נאַכט אין אַ דײַטשער אַכסניא

האָט אַ דײַטשיש מיידל מיר די בעט געמאַכט —
בלאַנק און גלאַט.
העפלעך זיך פאַרנייגט,
געטאָן חניפהדיק אַ לאַך
און געזאָגט: — גוטע, אָנגענעמע נאַכט,
מײַן הער!..

שטיל.
דאָס צימערל איז קליין.
אַלץ איז פײַנלעך זויבער
(ווי דער געווױנטער דײַטשער שטייגער).
צוגעטוליעט ליגט ס׳פענצטערל צום דאַך —
שפּאַר איך דורך אים מײַן קאָפּ אַפּער
און זאַפּ אַרײַן
די ריחות שיכּרותדיקע פון פעלדער וואָס אַרום,
פון פריש־געשניטן היי...
און ס׳גיט אַ שמעק מיט היים —
מיט אַלטע היים, ווי אַלטער ווײַן,
און קאָפּ טוט שווינדלדיק זיך אַ פאַרדריי
פון גליק —
וואָס איז געווען און אייביק שוין פאַרגאַנגען...
גיט די פּײַן אַ שלאָג צום האַרצן
און אין ברוסט פּלאַצט־אויף אַ דין געיאָמער —
אַזוי פאַרשטיקט,
ווי ס׳וואָלט מיר עמעצער דעם האַלדז פאַרוואָרגן.

וויל איך שרײַען ווי משוגע.
וויל איך ווי אַ ווילדער רעווען,
אַזש צעבראָזגען זאָל די שטילקייט
פון דער שמעקעדיקער נאַכט אויף פּיץ־פּיצלעך
און אין אויער זאָל אויפהערן קלינגען:
גוטע, אָנגענעמע נאַכט...

אָ, ווּ איז שולטער מאַמישער
אויף זיך אויסצוּווייִנען?
און ווּ איז פרײַנדשאַפט שוועסטערשע
פון טיפן האַרצן?
און ווּ איז שויס פון פרוי
פאַר אַפּרוּ און פאַר טרייסט?

ליג איך אויף דעם פרעמדן ציכטיקן געלעגער
און מײַן לײַב ווערט פאַרצערט
ווי אויפן טומאה־שײַטער.
די שפּיצן, איידעלע און צאַרטע, —
בײַם זוים פון לײַלעך, —
שנײַדן זיך ווי בלאַנקע מעסערס אין די גלידער,
און דער פוכיקער אויסגעגלעטער קישן
פון די וואַרעמע מיידלשע שׂינאה־הענט,
צינדט־אָן מײַן קאָפּ אין פלאַמען.
די ווײַסקייט שנייִיקע פון די בעטוועש
בריט ווי גלימערדיקער פראָסט
און אַלע אבֿרים ווײנען און שרײַען
און מאָנען אַ פּתר:
— אָ, זאָג, פאַר וואָס דאַרפסטו ליגן
אין אַ בעט — ווייך און ווײַס,
און זיי אַלע, דאָרט,
אין גריבער — האַרט און שוואַרץ,
און אויך פון הענט פון דײַטשישע פאַרגרייט?

אַך, ווען כ׳קען איצט אַראָפּשפּרינגען צו אײַך —
אַ ווײַטן שפּרונג אַזאַ
פון שטאָק דעם פערטן
און מיט איין מאָל אויסלעשן דאָס פײַער
וואָס ברענט איר מיר...

אַנדערש — ווער איך סײַ ווי פֿאַרברענט
יעדע שעה,
יעדע רגע,
יעדן מאָמענט,
ווי נאָר איך זע די הענט —
די לעבעדיקע הענט —
און אַלע פֿון דעם זעלבן טייג געקנאָטן...
אָ, ווו זאָל איך זיך אַהינטאָן
מיט מײַן איינזאָם לעבן
צווישן אַזוי פֿיל בייזע הענט
און שוואַרצע שאָטנס?

דער הימל בײַם האָריזאָנט ווערט מיט אַ מאָל פֿאַרלאָשן,
ווי אַ ווײַסע פֿאָן וואָלטן רײַטער אין גאַלאָפּ אַוועקגעטראָגן.
ווערט שוואַרץ די נאַכט — מיטן בליק ניט דורכצודרינגען —
און די הייכע ביימער קעגנאיבער
ווערן שוואַרצער נאָך, געדיכטער,
נאָר אין צימערל איז שטיל
און פֿײַנפֿול ליכטיק.
מעסט איך אָפּ דרײַ טריט אַהין,
דרײַ טריט — צוריק,
און ווידער בלײַב איך שטיין בײַ דער בעט.

איבער דער בעט הענגט אַ בילד אַזאַ:
אַ דאָרנבוים מיט נאָדלען טרוקענע —
האַרט און שאַרף —
און צווישן זײַנע צווײַגן ליגט אַ שעפּעלע,
פֿאַרשטאָכן און פֿאַרפּלאָנטערט.
אַ שעפּעלע אַ קליינס, צאַרט און ווײַס,
מיט אַזוי פֿיל צער און געבעט
אין מילדע הימלדיקע
גרויסע אויגן.

און אַ מענטש אַ באַרוועסער קניט בײַם דאַרנבוים —
און אַ לאַנגער הירטן־שטעקן איז אָן זײַן שולטער אָנגעלענט.
זײַן לײַב דעקן צו ראָזע און הימל־בלויע פֿאַלדיקע העמדער
און מיט אַ רינג פֿון ליכט איז אַרומגעהילט זײַן קאָפּ.
ער האַלט דאָס שעפּעלע פּאַר אַ פּיסעלע מיט איין האַנט,
און זײַן האַנט די צווייטע
וויל עס באַפֿרײַען פֿון די שטעכעדיקע דערנער.
הינטער אים — אַ זאַמדיק־געלער דורכגעברענטער מידבר,
און אַ ציגל־פֿאַרביק דורכגעטריקנטער הימל
אָן אַ ברעקל בלוי —
איבער זײַן קאָפּ.

איך ווייס:
ס'איז יעזוס.
און דאָס שעפּעלע — איז ווער?
און די דערנער?
— ווייסט דען ניט? — יאָמערט ווידער דאָס געשריי אין מיר.
און פֿון ברוסט גיט זיך אַ ריס די פּײַן,
ווי אַ הונט וואָס רײַסט זיך אָפּ פֿון קייט,
און ס'גיט שגעון זיך אַ צינד אין מוח — —
און שוין גיב איך אַ דריי אום די בעט,
דעם שפּיגל צעטרימער איך אויף פּיצלעך,
און דעם יעזוס פֿון ליבשאַפֿט און רחמנות
צעפּליק איך אויף ברעק־ברעקלעך — —
נאָר דאָס שעפּעלע איז סײַ ווי טויט,
לאַנג שוין טויט —
צווישן דערנער אין קלויסטערדיקע לענדער
האָבן זיי אים ערשט נאָך אַמאָל געשאָכטן —
וואַלגערט זיך עס איצט אויפֿן דיל,
צעבלוטיקט און פֿאַרגאַנגען, אין אַ דײַטשער אַכסניא.

לייג איך מײַן קאָפּ אויף דער גלאַטער
פּורפּל־רויטער וואָל פון שעפּעלע —
און ס'ווערט נאַס און דורכגעווייקט אין בלוט מײַנע האָר
און מיר קלעפּן זיך צוזאַמען —
דער סאַמע לעצטער ברית החדשה —
ברית הדם — —

גלעט איך דאָס טויטע שעפּעלע
און זינג מיט אַ צעבראָכן האַרץ:
אַ מאָל איז געווען אַ פּאַסטעכל,
אַ פּאַסטעכל,
איז בײַ אים פֿאַרלאָרן געגאַנגען
זײַן איין־איינציק שעפּעלע —
זײַן שעפּעלע — —

נאָר יעזוס וויל ניט נאָכגעבן.
ער קניט אויפֿן דיל, ווי אויפֿן בילד,
רירט זיך צו מיט צווײ פֿינגער
צום טויטן שעפּעלע
און זאָגט אַזוי:
— דאָס פּאַסטעכל בין איך!
דו קענסט דאָך זען
אַז איך בין אין יעדער שטוב,
אויף יעדער וואַנט,
איבער יעדער בעט —
אין דעם לאַנד און אומעטום —
און ס'וועט ניט העלפֿן דײַן צערײַסן מײַן בילד
אויף פּיץ־מאַנעלעך די קלענסטע.
וואָרעם איך געדענק נאָך —
אַז אַ מאָל, אין די צײַטן פֿון אונדזער בית־המיקדש,
איך אויך אַ שעפּעלע געווען דער קרבן —
און איך האָב געשטרײַט שוין דעמאָלט
וועגן די קרבנות — אומשולדיקע־אומזיסטע...

האסטו איצטער דאָס אַלץ מיך דערמאָנט...
וואָלט איך וועלן נאָך אַ ווײַלע בלײַבן ליגן דאָ,
לעבן שעפּעלע — דעם קרבן!
נאָך ליגן דאָ — אין דער דײַטשער שטוב,
ווײַט פאַרוואָגלט פון מײַן אַמאָליקער,
מײַן הייליקער היים — —

— ליג דאָ אַליין!
טו איך אַ געשריי צו אים
דורך פאַרקריצטע ציין.
— איך וועל דיר מיט מײַן אויסגעבלוטיקט שעפּעלע
ניט לאָזן ליגן מער!
דיך קען איך בלויז פון הענגען אויף אַ קרייץ,
אויף ווענט
און אונטער הייכע קלויסטערדיקע סופיטן,
ווי אויפן הימל,
אָבער כ׳האָב דיך קיין מאָל ניט געזען
זיך וואַלגערן אויף שטייביקער וויסטער ערד
צוזאַמען מיט מײַן פאָלק!
און כ׳טו אַ כאַפּ דאָס שעפּעלע אויף מײַנע שוואַכע הענט.
— דו זעסט: פון מײַנע פינגער טריפט בלוט,
ווי טרערן רויטע — פון אויגן אויסגעשטאָכן, —
דאָס איז בלוט וואָס רינט
פון מיר און שעפּעלע...
דאָס שעפּעלע איז נאָך אָן אַ קבֿר,
און איך — אָן אַ היים.
און דיך האָט זייער גאַנצע וועלט אין גאָלד פאַרשפּינט.
טאָ גיי! אַוועק! אַרויס פון דאַנען!
— ווילסטו אַרויסטרײַבן דעם גואל?
אַרויסטרײַבן דעם דערלייזער פון זײַן אַכסניא?!
— יע! יע! גיי!!
— — — — — — —
די נאַכט איז שטיל.
רויק שלאָפט אַ דײַטשיש שטעטל
אין שויץ פון קלויסטערדיקן גאָט.

די חרובֿע בריק

יאָרן —
אַ בריק וואָס האָט זיך אָפּגעבראָכן
און געבליבן הענגען איבער דעם תּהום.
שאָקלען זיך די רעשטלעך פֿון דער בריק
און אין אָפּגרונט פֿאַלן געלע בלעטער.
זי צינדט זיך אין די שקיעה־פֿונקען
און לעשט זיך אויס אין שוואַרצן שפּיגל
פֿון דער אומזעיִקער נאַכט.

כ׳קען ניט צוריקשטעלן די רויטע ווײַזערס.
די אײַזיקע האַנט פֿון פֿרעמדקייט
האַלט מיך איבערן ניט דערפֿאָרשטן תּהום
אויף אַ לעצטער האָר.
איך הער מײַן אָפּגעשפּאָלטענעם עכאָ
און פֿיל ווי דער גורלדיקער ריס
ווערט ברייטער
און ווײַטער,
ווי אַ פֿונאַנדערגעריסן אָנציינערדיק מויל.
כאַפּ איך זיך אָן, ווי אַן אַקראָבאַט,
אָן לעצטן פֿעדעמל פֿון האַרצן
וואָס צאַפּלט נאָך —
ובזכות דעם בטחון
און גלויבן אין וווּנדער,
בלײַב איך הענגען
און וויג זיך ווידער אויף אַ האָר — —

די יאָרן ווערן שווערער,
ציִען אַראָפּצו און ברעכן זיך
ווי סע ברעכט זיך אָפּ אַ צווײַג פֿון בוים.
אָבער הענגענדיקע אויף אַ האָר פֿרעגן ניט —
ס׳איז דער כּוח אין הענגען גופֿא.
ניט פֿרעגן קיין קשיות!

שטאַרק, גאָר שטאַרק זיך אײַנגעוווינט צום לעבעדיקן נס
פון הענגען אויף ממש גאַרניט. בלויז אויף אַ פּעדעמל נס.
און ווידער און אָבער וויגט דער שטורעם די חרובֿע בריק —
וויג איך זיך מיט ווי קיין מאָל גאַרניט.
וואָרעם אַפילו אויף דער חרובֿער בריק
איז גרינגער צוריקצולויפן צום טרויער
און צו בענקשאַפטן און צו נעכטנס —
דאָס מאַכט אַ ביסל לײַכטער ס׳לעבן אויף דער בריק.

איך בין פאַרליבט ביז משוגעת
אין די טעג פון פאַר־בראָך.
זיי זענען פון מײַן זעלטן צעבליטן בוים
וואָס זײַנע וואָרצלען גרייכן ווײַט צוריק —
ביז צום אָנהייב פון ליכטיקן שליאָך.
זיי שפּײַזן מיך נאָך איצט
מיט די זאַפטן פון חלום —
אויף וועלכן איך הענג צווישן תהום און תהום —
און ער לאָזט מיך ניט פאַרשלונגען ווערן.

און מיט חלום־ליים פאַרקלינעווע איך
דעם גורלדיקן ריס פון די יאָרן
און ווי ניט איז לאַטע איך צונויף
די חרובֿע צעשפּליטערטע בריק.
און אַז איך גיי אויף־הינטערווײַלעכץ
אויף די שוין אָפּגעטעמפּטע קאַנטן —
בלײַב איך אַליין אויף דעם וועג פון טויטע אַלעען.
דאָ טרעף איך מײַן טרויער —
ער זיצט נאָך אַלץ אויף דעם זעלבן שטיין
און זינגט מײַן אַלט אומפאַרגעסן ליד.
איך שפּאַר זיך ווידער צו צום שטיין —
ווײַל כ׳קען זיך מיט אים קיין מאָל ניט שיידן.
און עמעץ אומגעזען שעפּטשעט מיר אין אויער:
— פאַרברענג זיך גוט! ס׳איז אונדז אַלעמען טרויעריק...

דער אַלטער שטיין אָטעמט אויף מיר וואַרעם —
כ׳פֿיל און ווייס אַז ער מיינט עס אויף אַן אמת.
ער איז צוגעלאָזן און פֿרײַנדלעך.
ער איז גוט און וויכהאַרציק
(ניט ווי די שטיינערנע הערצער פֿון מענטשן)
און מיר נעמען זיך אַרום.
ס׳איז ווייך בײַ אים צו ליגן.
ער איז מער ניט שטיין.
דאָס האָט אים די משוגענע צײַט אַזוי פֿאַרשטיינערט.
ער שמייכלט צו מיר...

די אויסגעלאָטעטע בריק איז לאַנג.
זי איז פֿאַרצויגן מיט אַ נעפּל פֿון פֿאַרביקע קאָלירן.
— ווי לאַנג מעג איך דאָ בלײַבן?
דער שטיין ענטפֿערט מיט דער לאָגיק פֿון אײַזערנער קלוגשאַפֿט:
— די אייביקייט פֿון אַ רגע!

די זון בויערט זיך אין מײַנע גלידער.
זי איז איצט אַזוי נאָענט —
ווי זי וואָלט טאַנצן אויף מײַן דלאָניע.
און די ערד איז אַ קײַלעכיקע ניטאָיִקייט —
אַ רינג פֿון טרויער וואָס דרייט זיך
ווי ליכטיקער רויך.

די בריק הענגט אויף רויכפֿעדעם
איבערן צעפֿראַלטן תּהום.
כ׳קען איצט גיין איבערן תּהום אָן סכּנה.
מײַן טראָט איז לײַכט,
ווי דער וואָלקן איבער דער בריק.
מיר וויגן זיך צוריק.
די בריק האָט אַ שטענדיקע לענג —
ווי דער טיפֿער פֿאַר נאַכט
בעת אַ פֿאַרשפּעטיקטער שקיעה.

פֿאַר וואָס איז בלויז אַ רגע
דער צוריק? — —

אין אייגענעם שאָטן

אין אייגענעם שאָטן פֿאַרפּלאָנטערט, פֿאַרוויקלט,
דאָך קענטיקט אַרויס זיך אין רויט יעדער שניט,
זינט ס׳האָבן מיך יאָרן אין ליכטיקסטן מיט
פֿאַרכאַפּט און צעריסן, צעברעקלט, צעשטיקלט.

און כ׳גיי אינעם שאָטן אין שוואַרצן — פֿאַרזיגלט,
שטעל אויף צוריק, ווי פֿאַרשאָלטן, די טריט,
נאָר כ׳בין צו דעם זעלביקן אָרט צוגעשמידט
און האָב ניט די זכיה דערגיין צו דעם טיגל.

דער וועג אויף צוריק אַ קאָשמאַריקער זומפּ איז —
דאָ קײַקלט די שרעק זיך אויף תהומיקע טרעפּ
און אַלץ איז פֿאַרגליווערט, ס׳קול דאָ פֿאַרשטומט איז,
און שאָטנס דאָ שוועבן — סקעלעטישע קעפּ.

און כ׳פּיל ווי די לופֿט דאָ מײַן אָטעם פֿאַרסמט.
אין אייגענעם שאָטן מײַן קאָפּ ווערט פֿאַרראַמט.

פרעגצייכנס

* *

איז דאָס דער וועג ? וווּהין פירט ער ? וווּהין ?
צי האָבן איבער הויפט נאָך פרעגצייכנס אַ זין ?
אַ גאַנצן לעבן כ׳האָב געוואָלט זיך מאַכן קלאָר :
וווּהין אך גיי ? וווּהין עס גייט מײַן דור ?

האָב איך געפּלאָנטערט זיך אין פוסטע רייד
און קיין מאָל ניט געפונען דעם באַשייד —
איז פאַר שרעק אַנטלאָפן מיר דאָס וואָרט
און בלויז אַ פרעגצייכן כ׳האָב זיך אָפּגעשפּאָרט.

האָט ער פאַרבויערט זיך אין מײַן געמיט.
אין געדאַנק אַרײַנגעקאָרבט זיך מיט אַ שניט.
שלעפּ איך ווי אַ לאַנגע באַן מײַנע נעכט און טעג
און שטעל אַוועק אַ פרעגצייכן בײַם סוף פון וועג — —

פראַגעס

כ׳קען די פראַגעס ניט צונויפגראַמען,
ווײַל דער לירישער זײַד
האָט מער קיין האַפט ניט.
יעדע פראַגע האָט טויזנט ציינגער —
רויט־בלוטיקע,
פלאַפּלדיקע,
ערנסט־פילאָסאָפישע
און שטעכיק־חוזקדיקע.
זיי שלענגלען זיך אַרויף צום מאַרך,
גראָבן זיך אַרײַן אין מוח —
ווי אין אַ פאַרזשאַווערטן פּאַנצער
לעכערן זיי זיך אַרײַן —
יעדע פראַגע אין איר קעמערל.
וויפל פראַגעס קען דער שאַרבן־חלל אויפהאַלטן ?

פראַגעס —
וויפל שטערן אין הימל —
דרייען זיך אין מוח־אוניווערס.
זיי זענען די שרעק־און־גליק־פּלאַנעטן פון מאַרך,
וואָס דרייען זיך אין זייערע אָרביטן —
איינע איבער דער אַנדערער, —
און קענען זיך ניט איבעריאָגן.
דאָס זענען די קאָנסטעלאַציעס געדאַנק־שטערן,
וואָס פליִען אין מוח־רוים
אין מיליאָנען ליכטיאָרן
פון איין טאָג,
איין מינוט,
איין סעקונדע, —
און דערציילן דעם וווּנדער
פון אייביקייט פון לעבן.

אייביקייט פון לעבן?
די פראַגע פון פראַגעס
וואָס דער גוף קען עס ניט פאַרענטפערן.
ענטפערט אַ קול פון אינעווייניק:
— די קייט פון לעבן איז אייביק!
דער פאַרענטפער איז די קאַלטע לאָגיק
וואָס שטיקט צו דעם בלוטלויף
און שנורעוועט איַין די אייביקייט
אין מאָסן,
אין צאָלן,
אין ציפער פון טעג,
חדשים,
יאָרן.
אָבער ניט ליכטיאָרן!
ווערט עס אומזין —
נאַריש —
הבֿל־הבֿלים.
ספעקולאַציע פון אייביקייט?
און די פראַגעס צירקלען שוין
ווי אָפּגעקילטע און געשטאָרבענע וועלטן.
ס'איז אַ רינגעגקייט
וואָס שוואַרצע פייגל
קריַיזן מיט איר
אין אַ רונדיקן אָנהייב־סוף —
סוף־אָנהייב.
און אַ קייט פון פראַגע־שטערן
קריַיזט דורך פון איין מוח־אוניווערס
צום אַנדערן.
די וואָס פרווון זיך אַרויסריַיסן פון קריַיז
פּלאַצן גליַיך אַוועק —
חרובֿע טויטע וועלטן.

די טעג פלאַטערן אַוועק
און פאַלן אויפן מידבר־דעק
פון ברילִיאַנטן־זאַמדיקע נעכטנס.
די טעג־און־נעכט לייגן זיך אויס
איינע איבער די אַנדערע
אין בערגיקע קופּעס
פון גלימערדיקן חלום־שטויב —
צוזאַמענגעקלעפּט מיט אַ טרויעריקן בענקשאַפט־ליים.
ווער בויט די אַלוועלט פון הײַנטן
אויף די צעריבענע שטערן פון נעכטנס?
ביסטו עס, באַשאַפער,
וואָס קלעפּט צוזאַמען פון צעריסענע שטערן
דעם קאָסמוח פון געדאַנק און פאַרשטאַנד?
טאָ קלעפּ צונויף מיט דײַנע כּישופדיקע פינגער
מײַנע מוח־צעלן און מאַך זיי גאַנץ,
נײַ,
פריש.
איבערפלאַנץ זיי
און באַוועג זיי
און זאָלן זיי פלעמלען ווי דימענטן
אין אויג פון מײַן זכּרון.
בוי־אויף די בילדער פון מײַנע חרובֿ־געוואָרענע פלאַנעטן —
מײַן וועלט —
מײַן שטאָט —
מײַן גאַס
און מײַן הויז —
אײן הויז —
איין וויגעלע —
איין שוועל — — —

פאַרשליס זיך אין הויז איינאַליין
און רינגל זיך אַרום מיט די אַלט־באַקאַנטע פּנימער פון אַמאָל.
און ווידער וועלן די שטויב־פּנימער לעבן —
זיי וועלן לעבן אין זייער גיטזײַן.
אָט קוקן זיי פון אַלע ניטאָיקע ווינקעלעך
מיט פולע אויגן פראַגעס.
זיי לוישן פון הינטער זייערע חרובֿע וועלטן.
בלאָז אַראָפּ דאָס אַש פון זייערע קאַלטע פּנימער
און טאַפּ זיי אָן מיט פינגער
וואָס זענען ניט פון פלייש־און־ביין.
איצט זע ווי די פּנימער קוקן צו דיר
פון הינטער אַלע צעפאַלענע שטערן.
זכּרון־ציטער איז אין זייער אויג.
זיי האָבן דערפילט די מחשבֿה־פינגער
און קומען צושוועבן
אויף די שטראַלן פון לאַנג־פאַרלאָשענע שטערן.
אַלע זייערע פראַגעס זענען שטום —
ווי ניט אויסגעזונגענע ווערטער.
פרעג דו פאַר זיי.
רייד דו פאַר זיי.
באַהויך און דערוואַרעם זיי.
אפשר וועט אַ פונק אַ גלי טאָן
מיט אַ נײַעם תּחית־המתים.
רייד צו זיי מיט די ווערטער
מיט וועלכע דו טראַכסט.
זיי שיקן צו דיר גאַנצע בונטן שטראַלן
פון זייערע אויסגעלאָשענע שטערן —
און אַלע שטערן אין דײַן מוח
צינדן זיך ווידער מיט גליִקע געדאַנקען.
פאַר וואָס האָב איך ניט אַזוי פיל ווערטער
וויפל שטערן אין מוח?..

אָט קוקן צו דיר די פּנימער און זעען גאָר ניט.
אָבער דו זעסט זיי — אַזוי פיל ווײַטע באַקאַנטע,
אומבאַוועגלעכע בלוטלאָזע פּנימער,
ווי פון פּאַפּיר אויסגעשאָרן.
זיי שפּרינגען אין דײַן מאַרך.
ווי עלעקטרישע לעמפּלעך צינדן זיי זיך —
טונקעלע, העלע און ליכטיקע,
אַנדערע אַפילו זוניקע,
מיט פריידיקע שמייכלדיקע אויגן.
זיי זענען אַ מאָל געווען, געלעבט,
גליקלעך און יונג,
אומעטיק און פאַרליבט אין לעבן.
דו קענסט יעדן בײַ זײַן נאָמען.
זענען זיי הײַנט נעמען געבליבן.
בלויז נעמען. בילדער.
און דו האָסט זיי אַ מאָל געליבט,
געגלעט זייער הויט,
געהאַלדזט און געקושט
און אין די נעכט געבענקט נאָך זיי.
זיי אַלע זענען געווען דײַנע. דײַנע.

אויך די וואָס דו האָסט פײַנט געהאַט,
ניט געקענט פאַרטראָגן זיי,
אַנדערע אין פּנים געשפּיגן, —
אויך זיי טאַנצן אין דײַן מאַרך.
אַלע מישן זיך אין איין קנויל —
די געליבטע און די געהאַסטע.
זיי זענען ווי ווײַס־פרעסטלדיקער אײַז
וואָס פּלאַצט אין בראָכן און ריסן.
זיי קוקן מיט צעשפּאָלטענע בלינדע אויגן
דורכן נעפּל פון ווײַטקייטן.

די פּנימער זענען איצט בלויז פֿראַגעס.
אַלטע פֿראַגעס וואָס זענען געוואָרן נײַ.
באַלד וועט דײַן פּנים ווערן ווי די אַלע —
אַ פֿראַגע.
אין וועמענס מאַרך וועט ער שפּרינגען נײַ?
צו וועמען וועט ער קוקן
מיט זײַנע שטומע פֿראַגעס?
איז דײַן פּנים בלויז אַ פֿראַגע?
אַ קליינע אומוויכטיקע פֿראַגע פֿון דער צײַט?
און די פֿראַגע שטעמפּלט זיך אָפּ אין דײַן מוח —
בײַ דײַנע קינדער —
אין אַלע מוחות פֿון דײַן דור —
דורות —
אייביקייט.
און נאָך דעם צעשיט זי זיך ווי אַש —
די אויסגעברענטע אייביקייט
פֿון דײַן מיקראָצײַט.
איז עס טאַקע אייביקייט —
אין הײַנט?
אין מאָרגן?
אין אַ מיליאָן יאָר אַרום
וועט די אייביקייט אויך זײַן?
און דײַן פּנימס אייביקייט?

אַן אומגעזעענער פֿינגער
טונקט זיך אײַן אין צײַטגרוי
און דריקט־אָפּ די קאָפּיע
פֿון פֿאַרמעקטע פּנימער —
די פּנימער־שטערן
אין חלל פֿון חרובֿע וועלטן.

צײַט

דער טאָג —
אַ פולער קאָסמאָסקרוג
מיט ליכטיקן ווײַן.
אַ פויגל טראָגט אים
אויף זײַנע ווײַסע ווינטיקע פליגל.
ער שפרייט זיי אויס
איבער מײַן קאָפּ
און פליט גיך אַריבער איבער מיר.
זײַן בונטער שנאָבל פּיקט־אויס
די רגעס אין מײַן האַרצן.
איז די צײַט גאָר אַן אומזעיִקער פויגל
וואָס איך פלי אויף זײַן רוקן ?
ווער ציילט זײַנע סעקונדעס ?

דער טאָג ברענט —
אַ ליכט מיר צוקאָפּנס.
צײַטבלעטלעך פאַלן —
געל און טרויעריק.
אויף מײַן באַק
קײַקלט זיך פון אויג
אַ טרער —
צו דער ערד.
וואָס איז אַ טרער ?
וואָס איז ערד ?
איז עס ניט דאָס זעלבע ?
ניטאָ וועמען צו פרעגן —
ווען אַלע ווינטלעך שווײַגן !
זיי פלעגן אַ מאָל ריידן צו מיר
ליכטיקע רייד —
נאָר אַלע זייערע ווערטער
זענען מיד געוואָרן.
און די בלום מיטן פאַרוועלקטן קאָפּ
זינקט צו דער ערד.

פאַר וואָס רינט קיין מאָל ניט אויס
דער ווייַן פון קאָסמאָס־בעכער ?
פאַר וואָס בייַט דער ווייַן זייַן טעם —
פון זיס ביטער ?
זייַן ליכט — פון העל טונקל ?
פאַר וואָס האָט דער ווייַן אַ ריח פון ערד ?
קיינער ענטפערט ניט.
אַלע ווערטער האָבן אויסגעפלאַמט
אויף דעם פויגלס פליגל —
אָבער ער פלאַטערט נאָך אַלץ איבער מייַן קאָפּ.
וווּהין פליט ער ?
פאַר וואָס שרעק איך זיך ?
איז טאַקע אייביקייט בלויז נאַכט ?

די ערד קאָרטשעט זיך צוזאַמען.
זי ציט זיך צום טאָגס פאַרגאַנג.
און אין מייַן אויג איז געבליבן
אַ שפּרינקל ליכט פון טאָג —
דאָס מאַכט מיר אומעטיק.
דער ווייַן פון קאָסמאָסקרוג
טריפט מיט לעצטע טראָפּנס אויף מייַן גומען.
זיי טריקענען גיך אויס.
איך שטרעק אויס מייַנע פינגער
אין דער אומגעזעענקייט
און פיל קעלט. איך שוידער.
וואַנדער איך צו דער נאַכט ?

— דאָ קומט מען אום אַליין —
דער מלך ווי דער בעטלער.
דאָס קול צעבערעכט מייַן לעצט ברעקל טרויער.
— ווו נעמט מען אַ טראָפּן ליכט ?
שרייַען אין מיר צעשפּליטערטע עכאָס.
— ליכט איז נאָר אין אויג. אין אויג. אין אויג.

די נעכט זענען געדיכט און שוואַרץ.
די שאָטנס שלינגען אײַן די נעכט
און פאַרשוואַנגערן מיט טיפער פינצטערקייט —
קופּעס פּעכיקע שלאַנגען.
איך נעם מײַן ליכטאויג
אין ציטעריקער האַנט
און שנײַד זיך דורך די שאָטנס.
אַ לאַנגער דינער ליכטפּאַס
פאַלט אויף אַ שמאָלן וועג
וואָס פאַרלירט זיך אין דער נאַכט.
ס׳איז דער ליכטשאָטן פון אַ בוים.
— ווער האָט פאַרפלאַנצט אַ בוים
אין מיטן נאַכטוועג?
קיינער ענטפערט ניט.
כ׳לייג אַוועק מײַן קאָפּ
אונטער דעם בוים.
מיר וואַרטן —
און בײדע ווערן מיר אַלט — —

קײַלעכיקע צײַט־פּירות
וואַקסן אויס איבער מיר
אין קרוין פון בוים —
ווי זונען.
זיי דרייען זיך איבער מײַן קאָפּ
און ווערן אַלץ ווײַטער —
ווײַטער —
ווײַטער.
אַ מהלך רבֿ זענען זיי שוין אָפּגעפלויגן.
כ׳וווּנדער זיך: פּירות זאָלן פליִען?
כ׳וויל זיי פרעגן: — וווּ איז דער פויגל פאַרבליבן?
נאָר זיי פליִען אַוועק אין אײַלעניש.

דער בוים ווינטלט־אויס אַ שמייכל
און כ׳וועך אַ קליין ווײַלכעלע דערפרישט —
שוין לאַנג ניט געפילט אַזאַ מחיהדיק ווינטל.
אין אַלע גלידער צעגייט זיך אַ תּענוג
און איך הער דעם ציטער פון מײַן קול:
— מיר דוכט אַז די צײַט האָט זיך אָפּגעשטעלט...
— נאַרישקייטן. ס׳איז נאָר אַזאַ זיסע מידקייט
וואָס געדויערט אַ מיליאָנטשטל פון אַ סעקונדע.
און איצט איז שוין אַלץ אַוועק — —
רעדט דער בוים אין בלעטער־לשון
און זײַן עכאָ אין די צווײַגן מורמלט צו:
אַוועק — אַ־וועק — וועק — —

כ׳בין פאַרגאַפט אין וווּנדער:
— קענסט גאָר ריידן — ווי איך...
אַ בוים זאָל ריידן!
און פאַר וואָס שווײַגן די ווינטלעך?
— די ווינטלעך קענען מער ניט ריידן.
איך רייד איצטער —
מיט דער צונג פון דײַן צײַט.
— און וווּ איז מײַן צײַט?
— זי ליגט אונטער מיר —
אַ שטומע.
איך רייד פאַר די שטומע —
אויף זייער אַמאָליק לשון.
איך דערפיל אַ גרינעם גלעט פון די גראָזן
און ווער אויפגעגרוילט פון מײַן מראה:
כ׳בין געוואָרן גרין —
אין גאַנצן גרין
און אַליין —
אַליין אונטערן בוים.

כ׳קען מער ניט טראַכטן.
גראַזיקער אויפּציטער ווערט מײַן געדאַנק.
דער בוים בייגט זיך צו צו מײַן פּנים:
— איך וועל בלײַבן מיט דיר...
— און מער איז קיינער ניט געבליבן?
פרעג איך ווי אַ צעשראָקן קינד
וואָס די מאַמע האָט אים איבערגעלאָזט אַליין.
— קיינער איז ניט געבליבן —
נאָר איך איינער.
— און די צײַט? די גאַנצע צײַט ווו איז געבליבן?
— די צײַט וועט שוין בלײַבן מיט אונדז —
ווײַל מיר זענען צוזאַמענגעוואַקסן —
אויף אייביק —

דער פולער קאָסמאָסקרוג טריפט אויפן בוים
מיט ליכטיקן ווײַן.
די ערד פליסט אַרײַן זאַפט אין זײַנע אָדערן.
שטראַלן פון ווײַטע פאַרלאָרענע וועלטן
הערן ניט אויף צו קומען —
זיי ראָלן זיך צוזאַמען אין ליכטיאָרן
און מעסטן מיט פרישע מאָסן
די נײַע צײַטן —
זייער בענקשאַפט און טרויער —
דעם וועג צום מאָרגן
וואָס איז געפלאַסטערט מיט בלומען און פרייד.
נעכטן איז אויך אַזוי געווען.
נאָר הײַנט איז מײַן שאַרבן טרוקן
פון אַזוי פיל טויטער צײַט.
איך שווײַג און פרעג מער קיין פראַגעס ניט.

און ווידער ריידן די ווינטלעך.
איצט סודן זיי זיך איבער מײַן קאָפּ.
זיי שאָרכן שטיל אין די ווײַסע
אויסגעליכטיקטע ביינער.

דער שאָטן פון לעצטן מידן וואָרט
שלאָפט אויף מײַן ליפּ.
מײַן ליפּ איז אויך אַ שאָטן —
אַ שאָטן אויף אַ שאָטן
אין אַ שאָטן.
און די ליפּן שווײַגן
מיט דער שווײַגעניש פון נעכטן.

ווען איז ער געוועזן — דער נעכטן?
ווײַט־ווײַט־ווײַט.
אָט קוקט אַ קינד פון נעכטן
דורך מײַנע אויגן־לעכער.
פאַר וואָס געדענקט ער מיר ניט?
ווער האָט אַרויסגעוויקלט
מײַן זכר פון זײַן מאַרך?
אַלע הײַנטן קומען זיך צונויפֿמען
אונטערן בוים — ווי אויף אַ פּיקניק —
און צאַפּלען פריש־זאַפטיק.
זיי פּילן אָן דעם קאָסמאָסקרוג
מיט באַנײַטן בלענדיקן טרויער.
די צײַט איז ווידער פאַרשטעלט
מיט די ליכטיקע שאָטנס פון טאָג.
דער האָריזאָנט איז בלוי
און זוניק
און ווײַט.
ווײַט־ווײַט.
וואָס איז דען ווײַט פאַר אַ בוים.
ער מעסט דעם מהלך פון נעכטן
צום מאָרגן
מיט ליכטשטראַלן —
און פאַרבאַהאַלט זיי אין גרונט. אין די וואָרצלען.

ווער האָט פון אַלע נעכטנס
די גרינע קעפּ אַראָפּגעהאַקט ?
ווער האָט בײַם וועג
אַ בוים פאַרפלאַנצט
און מיט זײַן קרוין
פאַרדעקט מײַן זכר ?
דערמאָנט מיך טאַקע קיינער ניט ?

די צײַט קלאַפּט־אָן צו מיר
אין פּוסטן שאַרבן.
פאַר וואָס קען איך ניט זאָגן
אַ ר ײַ ן ?
מײַן שאָטן וואַלגערט זיך
איבער מײַן קאָפּ
אָן אַ שאָטן.
דאָס איז בלויז שאָטנ׳אָש
וואָס די צײַט האָט אַרויסגעשפּיגן,
חוץ דאָס מיד־פאַרוויאַנעט וואָרט
וואָס איז געבליבן קלעפּן צו מײַן ליפּ
ווי אַ לעצט־פאַרוועלקטער בלאַט.

ווען איז געווען האַרבסט ?
ווי לאַנג האָט ער געדויערט ?
פאַרגליווערט איז אין קאָסמאָסקרוג
דער ליכטווײַן.
די זון קלאַפּט גאָלדענע טשוועקעס
אין אָרון פון דער צײַט.
דער טאָג שלינגט אײַן זײַן ליכטיקן שאָטן
און פירט זיך אַליין צו קבֿורה.
דאָס מידע וואָרט חלומט ערדיק אויף מײַן ליפּ
און וואַרט אויף משיחס צײַטן — —
פאַר וואָס גייט ניט מער די צײַט ?
ווי לאַנג וועט עס דויערן ?
ווער אָטעמט פון בוים ? — —

דער וואַלד

געווען איז אַ וואַלד אַ געדיכטער —
ניט געהאַט האָט קיין אָנהייב, קיין סוף.
ניט געקענט האָבן שטורעמס און וויכערס
אים וועקן פון אייביקן שלאָף.

פאַרקלאָמערט אין טונקעלע סודות
זענען ביימער געשטאַנען בײַנאַנד,
און ווינטלעך, אין שרעקיקן פלוידער,
פלעגן לויפן אַ מײַל פון זײַן ראַנד.

בלויז מענטש ניט געקענט האָט אויסמײַדן
צו זען אים — פון ווו נאָר ער קוקט.
האָבן חכמים געגלייבט: דער גן־עדן
איז אין זײַן חושך פאַררוקט...

איין וועג האָט געפירט צו זײַן אָנהייב...
איין וועג האָט געפירט צו זײַן סוף...
דערפאַר האָבן די חכמים געגלייבט:
עס גייט בלויז אין לענג פונעם שלאָף

פון די, וואָס דערגייען זײַן טיפקייט — —
נאָר ס׳פלעגן די נאַראָנים אַלץ טענהן:
— דאָרט פוילט דאָס געבלעטער פון צײַט
און די ביימער אין פוילעניש וויאַנען.

האָבן חכמים געוואַרט און געהאָפט:
אַ ליכטיקער בעטלער וועט קומען
און וועקן די ביימער פון שלאָף — —
...און ווער וועט וועקן די נאַראָנים די פרומע?

האַר, פאַר וואָס

האַר, פאַר וואָס פאַרפליִען מײַנע פלאַטערטעג אָן זוניקן באַטײַט ?
ס׳פרעגט קיין קשיות ניט ס׳פלאַטערל, אַ פאַרביקער צעגלאַנצט,
פאַר וואָס איין טאָג בלויז אין דער זון איז ער צעטאַנצט.
נאָר איך פרעג : פאַר וואָס מיר צוגעמאָסטן האָסטו קורץ די צײַט ?

און אויף צו להכעיס האָסטו אָפּגערוקט אַלע צילן מײַלן־ווײַט —
אַז אַפילו איינער ניט מקוים ווערן זאָל און זײַן דערגאַנצט.
און פאַר וואָס אין חלום־שפּיל האָסטו בונטע פאַרבן אײַנגעפלאַנצט —
אַז ניט דערטראָגן וועל איך אים אויף מײַן וועג צו אייביקייט ?

ס׳איז ניט קיין וועג — אַ פּרוזדור נאָר און קוים די לענג אַ שפּאַן,
כ׳קריך דורך אים און דײַנע דימענטלעך קלײַב אַרויס פון דר׳ערד.
פאַרבײַ מיר אָן אויפהער יאָגט די אומעטיקע, לאַנגע, שוואַרצע באַן, —
און אַלטע ייִדן שאָקלען זיך צום סקאַרבאָוון ריטעם מיט טרויעריקע בערד.

האַר, פאַר וואָס זעט אויס מײַן פּרוזדור הינטער מיר אַזוי לאַנג ?
האַר, פאַר וואָס פאַרויס פון מיר איז געוואָרן קורץ מײַן גאַנג ?

געבלענדיקער

געבלענדיקער! דײַן פּנים איז פֿאַרהוילן, הימל־ווײַט,
נאָר די מורא נאָענט איז — אַרײַן־אַרויס, טיר־אײַן־טיר.
— ווי לאַנג וועט ציִען זיך מײַן שטרויכלוועג צו דיר
אין שטח פֿון דײַן אומפֿאַרסופֿטער צײַט?

פֿון זיגזאַגן איז די בלאָנדזשעניש און אָן באַטײַט.
נאָר וואָס זוכט אַ מידער גייער? — פֿריידיקן פֿאַרפֿיר
און דעם עקסטאַז אויסגעדוכטן פֿון דײַן בלענדיקן באַריר —
ווען די שוואַרצע ערד ווערט זײַן פֿאַרבײַט.

און איך טאַפּ נאָך אַלץ אין פֿינצטערניש אַ וועג צו דיר.
פּרוווסטו מיך? ווי קען איך טאַנצן קדוש הויך־פּאַראַדיק,
אַז איך טראָג ניט אויף די פּלייצעס אַ מאַנטל פֿון אַ צדיק
און קען ניט אויסהויכן די נשמה אין הייליקן דעליר?

אָ, געבלענדיקער! פֿאַר וואָס דעם עונש קען איך ניט אַנטקומען,
אַז אין מײַן בלוט זאָלן כּסדר פּלאַצן מײַנע פּראַגעס — דײַנע זונען...

מײַן געשענקטער טאָג

אויף אַ דורכזיכטיק־בלוי̈ען קאַנדעלאַבער
שמעלצן זיך קרישטאָליקע זונליכט־טראָפּנס.
דער טאָג שײַנט אַרײַן דורכן פענצטער
מיט וואַרעמע צעשמייכלטע שטראַלן.
און איך שטיי בײַ מײַן צוקאָפּנס
מיט פײַכטע אויגן.
ווײן איך? — —
אַן אַלטער פאַרגעסענער פרײַנד סודעט מיר אין אויער:
— דײַן אייגענעם טויט קענסטו ניט באַוויינען,
ווײַל האָסט דאָך געלעבט מיט אים
אַזוי פיל שוואַרצע יאָרן...
האָסט אים געהאַלטן אויפן שויס,
ווי אַ קינד;
אים אַרומגעטראָגן אַ צאַפּלדיקן אין בוזעם,
ווי אַ כּלה;
אים געגלעט און געצערטלט,
ווי אַ חלום;
האָסט אים אַליין אויסגעהאָדעוועט אויף דײַן קאַרק,
ווי אַ שלאַנג —
ביסטו זײַנער!
האָט ער דיך גענומען און אַוועק מיט דיר...
— אָבער איך האָב נאָך אַ סך זאַכן צו טאָן.
און ביז הײַנט האָט ער מיך געשאָנעוועט —
נאָכגעגעבן אַלע מײַנע גלוסטעני̈שן און תּאוות.
און זע: די זון גאָלדיקט אין פענצטער
און דער טאָג איז שיין ווי גאָר די וועלט —
וואָלט איך וועלן כאָטש נאָך דעם איין טאָג...
— ביסט אַ טיפּש! און קיין ברעקל פאַנטאַזיע ניט —
דערפאַר האָסטו קיין פעטע תּאוות ניט געקענט פאַרדײַען.
אָט, אַ פינטל מיטן אויג און דער טאָג איז אַוועק — —

— מיך אַרט ניט ווי לאַנג ס׳וועט דויערן.
נאָר אײדער די שוואַרצע ערד
וועט מײַן נײַ־פאַרביטענע זון ווערן,
וויל איך זיך נאָך איין מאָל באַגריסן מיטן טאָג
און מיר וועלן צום לעצטן מאָל
שמייכלען איינער צום אַנדערן.
— אויף דער שוועל פון טויט
רעדט קיינער ניט אַזעלכע רייד.
און שמייכלען ?
שמייכלען צום טויט !
מ׳וועט דיר האַלטן פאַר אַ משוגענעם.

— אָבער אָט פרייען זיך דאָך קינדער אומעטום —
אויף מײַנע קינדער
און מײַנע קינדס־קינדער —
טאָ פאַר וואָס זאָל איך הײַנט זײַן טרויעריק ?
ווען זיי וועלן טאַנצן אויף דער ערדס האַרטער קאָרע,
וועט אויך אונטערשפּרינגען פאַר נחת
מײַן בערגל ליים.
און ווען זיי וועלן אַרויסאָטעמען נײַע דורות
פון זייערע אויסגעצײַטיקטע לײַבער,
וועט איבער מיר אויפגיין דער ריח פון קאָרן אין פעלד ;
און דער זיסער אַראָמאַט פון רויטע עפּל
אין סוף־זומערדיקע סעדער.
און ווען זיי וועלן זיך אײַנבײַסן
איינער אין אַנדערנס לײַב
מיט געזונטע ווײַסע ציין —
וועל איך פילן ווי עס שפּריצט די זאַפטיקייט פון לעבן
ביז אין די פאַרבאָרגנסטע ערד־טיפענישן.
נישקשה, זאָלן זייערע יונגע פיס טראַמפּלען
אויף מײַן גריך־צעזונטן בערגל ערד.

— אַזוי ריידן בלויז די זיכערע אין לעבן.
ערבֿ־טויט רעדט קיינער ניט אַזוי האַפּערדיק.
און עפּעס פלעכטסטו צוזאַמען טויט און לעבן,
ווי דו וואָלסט זייער שײַכות דערגרונטעוועט.
דאָס איז בלויז נאַרישע פילאָסאָפיע —
קענסט ניט זײַן טויט און אין דער זעלבער צײַט לעבן.
ניטאָ קיין לעבן אונטער דער ערד —
אַפילו ווען אַלע ביימער פון דער וועלט
וועלן אַרומוויקלען דײַן האַרץ מיט זייערע וואָרצלען.
— האָסט מיר עפּעס איצטער דערמאָנט —
און אפשר איז עס די שײַכות צווישן די צוויי
וואָס איז מיר געבליבן אײַנגעבויערט אין געדאַנק:
אין מײַן שטעטל האָט געלעבט
אַ באַרימטער אַלטער מאַן פון דער צאַרישער עליטע —
גראַף טאָטלעבען!
האָט דער נאָמען אַ לאַנגע צײַט באַשעפטיקט
מײַן אויפגעוועקטע קינדישע ספּעקולאַציע פון געדאַנק:
טויט און לעבן צוזאַמען
און שטענדיק!
און ס'האָט זיך מיר געדוכט אַז די פראַגע איז פאַרענטפערט...

מײַן קאָפּ ווערט מיט רוישיקע כוואַליעס פאַרגאָסן.
דער טאָג איז מיר געגעבן און כ'טרינק זיך אין אַ ים זונליכט,
וואָס פאַרפלייצט מיך צום לעצטן מאָל.
מײַן אויג בלאָנדזשעט אין ווײַט־ווײַט־אומדערגרייכטן —
כ'זוך דאָרט וואָס כ'האָב אַ גאַנץ לעבן געזוכט —
נאָכן טויט, שטייט ערגעץ געשריבן, געפינט מען עס.
און מיך וועט קיינער מער ניט זען
און מער ניט זוכן.
נאָכן טויט זוכט קיינער קיינעם ניט.
מ'דאַרף נאָר אַ ברעטל איבערן קאָפּ — דאָס אייביקע וויזיט־קאַרטל...

— איז דיר אַ שאָד דאָס לעבן?
— ניין, קיין זאַך ניט מער.
איך פריי זיך נאָר מיט דעם צוגאָב־טאָג
וואָס איז מיר געשענקט געוואָרן.
כ׳וויל הײַנט הערן
ווי די יוגנט זינגט דאָס גרויסע ליד פון לעבן —
וואָס איך האָב אַלע יאָרן אימיטירט
און זיך מיר געדוכט אַז ס׳איז עכט...
און ס׳איז מיר אויך גוט
אַז זיי האָבן אַ פול מויל מיט ליד — אַ נײַ ליד
פון לעבן און ליבע און חלום.
זאָלן אַלע וואָס לעבן דאָס ליד זינגען!
איך האָב אויך דאָס ליד אַ מאָל געזונגען.
— טאָ ווי קען עס זײַן נײַ
אַז דו האָסט עס שוין געזונגען?
— נאָכן טויט ווערן אַלע לידער
פון דאָס נײַ געבוירן — —

איבער מײַן קאָפּ האָט אַ בלויער גלאָק
אויסגעקלונגען דאָס נײַע ליד —
אַ מתנה פאַר מײַן געשענקטן טאָג.
כ׳האָב צום לעצטן מאָל געהערט
דאָס נײַע ליד פון לעבן.
אויף מײַן שוועל זענען געשטאַנען קינדער
און געזונגען דעם הימלישן געזאַנג.
כ׳האָב זיי געוואָלט אַ גלעט טאָן. לויבן.
נאָר מײַן האַנט און מײַן צונג
זענען געווען געליימט.
און דאָס ליד האָט זיך געטראָגן ביז איבערן האָריזאָנט —
די גאַנצע וועלט האָט עס פאַרקלונגען.

דאָס ליד איז געוואָרן העל —
און ווייך —
און שטיל —
און ווי אַ גאָלדענער פויגל
געבליבן הענגען מיט אויסגעשפּרייטע פליגל
איבער מײַן דאַך.
די מוזיק האָט מיט פאַרבענקטע טענער געשפּילט
מײַן ניגון פון די יונגע יאָרן
וואָס איך האָב אַזוי ליב געהאַט!

מיט אַ מאָל איז די זון קאַלט געוואָרן —
און ווײַט —
און קליין —
ווי אַ קערנדל —
דער פויגל האָט זי אַ פּיק געטאָן
און מיט איר אַוועקגעפלויגן —
אין פאַרטונקלטן הימל האָב איך געזוכט
וואָס איך האָב אַ גאַנץ לעבן געוואָלט געפינען —
די אַנטפּלעקונג וועט קומען —
ער וועט מיר קומען אַנטקעגן — — —

די ערד איז געווען באַשווערט
מיט מײַן טויט —
ווי דער עץ־החיים אין גן־עדן
מיט גאָטס עפּל.
אַ פאַרהוילן האַנט האָט פון מײַן אויג
אָפּגעווישט אַ טרער —
און דער אַלטער פאַרגעסענער פרײַנד האָט מיר אײַנגערוימט:
— דײַן טאָג איז אַוועק —
ווי אַ פינטל מיטן אויג.

דאָס געזאַנג פון די קינדער
האָט זיך שטראַליק געקײַקלט אונטער מײַן וואַלקנדיקן טראָט — — —

באַשײַנטקייט

באַשײַנטקייט — אויסטערלישע פֿאַרב פֿון בוראס ווילן.
דער באַשאַפֿער לײַטזעליק האָט אײַנגעטונקט
מײַנע אַפּלען אין זײַן ליכט — און יענער פֿונק
הערט ניט אויף אין אויג מיר אומעטיק צו שפּילן.

אָ, ווי שטאַרק איך וויל די אייטלקייט פֿאַרשטילן! —
ברעך איך זיך אַליין די קני צום טיפֿסטן זונק,
כ׳אָטעם — מידבר, זאַמד — מײַן גלײַק טרונק,
נאָר מײַן בליק זיך בונטעוועט: נאַכטיק ניט פֿאַרקילן!

און בײַם האָריזאָנט, דער מאָנער — פֿון מויל אים סמט:
— ווער האָט געמאַכט דיר פֿאַר אַ האַר איבער פֿרעמדער שײַן?
און ער טוט אַ זשליאָקע מײַן אויגנליכט, ווי ווײַן,
און ווערט אין שיכּרות־תּאווה פּורפּורדיק פֿאַרפּלאַמט.

די באַשײַנטקייט אין מײַן אויג צעפּולווערט ווערט...

— צי ווייסטו, יוצר, דעם קאָליר דעם אמתן פֿון ערד?..

צוויי פסוקים

לא תעמוד על דם רעך — (ויקרא יט׳ טז׳)
ואָהבָת לרעך כמוך — (ויקרא יט׳ יח׳)
אֲני אֲדוני!

און פּלוצלינג האָבן די צוויי פּסוקים
זיך אַרײַנגעבוירעט אין מײַן געדאַנק
מיט דער האַרבער התראה:
אֲני אֲדוני —
וואָס שטייט הינטער יעדן פון זיי.
דאָס הייסט: דו, רבונו־של־עולם,
גאַראַנטירסט מיט דײַן געטלעכער אויטאָריטעט
זייער פונדאַמענטאַלן פּרינציפּ.
און דײַן ר׳ עקיבָא
האָט שוין אונטערגעשטעלט
אַן אײַזערנע פּלייצע
פאַר דער ליבשאַפט פון חבָר
ווי אַ יסוד אין דײַן תורה.
וויל איך הײַנט ריידן צו דיר פשוטע רייד,
ווי פשוט און מענטשלעך דײַן תורה איז.

ווידער קום איך הײַנט צו דיר —
וואָרעם איך ווייס נאָר דעם איין וועג.
כ׳קום תמיד
ווען מײַן האַרץ איז פול,
און די הימלען — פאַרשלאָסן,
און די ערד — שווײַגט.
בלויז דו איינער ביסט נאָך דאָ
צו הערן די בלחשדיקע רייד —
וואָרעם דו מוזסט הערן!
קום איך מיט מײַן שטומער תפילה
צו דיר —
ממעמקימדיק־שווײַגיק
און אַן געעפנטע ליפּן.

כ׳וויל ניט הײַנט זוכן
דעם אַלטן אויסגעדאַווענטן סידור
וואָס הייבט זיך אָן מיט מודה אַני
און בעט זיך: שפתי תפתח —
עפן מײַנע ליפּן, גאָט!
און איז פול מיט פּלערליי
למנצחס און מזמור לדודס,
אָבער קיין ענטפער אויף מײַנע פרעגענישן
וועל איך דאָרטן ניט געפינען.
און פרעגן וויל איך הײַנט
ניט אין גראַמען און חרוזים
און ניט אין סתם מליצות —
וואָרעם כ׳בין נאָך אונטערן רושם
פון דײַן חומש
וואָס כ׳האָב צופעליק געבלעטערט
(און כ׳טו עס גאָר־גאָר זעלטן).

אַזוי ווי אין די קינדער־יאָרן
האָב איך ווידער געהאַלטן דײַן תורה
פאַר מײַנע אויגן און געזען:
אַלע אײַנגעלערנטע אַלטע פסוקים
שטייען נאָך אויף אַן אָרט.
און פון די בלעטער
שפּרינגען שפּיזיק פאַר די אויגן
די צוויי אותיות ל א —
קאַלט און ערנסט און שטרענג.
און צום הונדערטסטן מאָל
האָט מיך געפּלעפט און געררופעט
די זיכערקייט פון אָנזאָג לא —
טאָרסט ניט און טאָרסט ניט!
מיט אַ מאָל האָב איך זיך אָנגעשטויסן
אויף די צוויי לא־פסוקים
וואָס זייער שכנותשאַפט פּאַסט זיך אַזוי גוט צוזאַמען.

לא תעמוד על דם רעך!
ואָהבֿת לרעך כּמוך!
וואָרעם איך בין דײַן גאָט!
דו טאָרסט ניט באַגערן
דײַן חבֿרס בלוט —
נאָר דו מוזסט אים ליב האָבן
ווי זיך אַליין!
און מיט אַ מאָל האָט מיר
איבערגעבליצט איין וואָרט
אין דײַנע הייליקע פּסוקים
און כ׳האָב דײַן אייגענע תּורה
אויסגעדרייט קעגן דײַן פֿײַערדיקן פּנים:
לא תעמוד על דם ע מ ך!
ואָהבֿת ל ע מ ך כּמוך!
צי מעגסטו יע עובֿר זײַן אויף דעם לאָוו?
און מיט וואָס ביסטו וויניקער
פֿון סתּם אַ ייִד —
אַ געצוווּנגענער קידוש־השמניק?
און וואָס ער טאָר ניט —
מעגסטו יע?
פֿאַר וואָס? ווער איז עס דיר מתּיר?
האָסטו ניט ליב דײַן עם ישׂראל
ווי אַן אָבֿ רחמן?
זאָג עס אָפֿן! זײַ זיך מודה!
האָסט אויסגעקליבן דײַן פֿאָלק
און אים אויסדערוויילט מכּל העמים
און אַ תּורה אים געגעבן
און צוגעזאָגט שׂכר פֿאַר זײַן אַ ייִד —
אָבער דו אַליין האָסט דײַן תּורה מחלל געווען
בדם עמך הקדוש — מיט אַ געפּלייץ פֿון ייִדיש בלוט!
אַזוי ליבט עס אַ טאַטע זײַנע קינדער?
אַזוי היטסטו עס דײַן תּורה הקדושה?

כ׳וויס: פֿאַר דיר איז ניטאָ קיין חטא און קיין עונש.
און ווי עס זינגט זיך אין פֿאָלקסליד:
אַלץ וואָס דו טוסט ביסטו גערעכט —
און מ׳טאָר קיין מאָל ניט זאָגן
אַז גאָט טוט שלעכט.
און דווקא דאָס אַרט מיר —
דײַן בלײַבן תּמיד גערעכט
ווען דו טוסט אַפֿילו שלעכט...
דו האָסט עס געטאָן — צי ניט דו?
און וויפֿל ייִד־קרבנות דאַרפֿסטו
אויף צו בלײַבן אַ גאָט פֿון קדושים?
און קענסטו באמת הנאה האָבן
פֿון אַזאַ בלוט־קדושה?
און ציטערט דײַן אויער ניט אויף
ווען דו הערסט דעם שהלכו על קידוש־השם?
האָסטו דאָך געפֿירט אַ ביטערן קאַמף
מיטן בלוט־דאָרשטיקן מולך,
צו ווען דײַן אָפּטריניקער ערבֿ־רבֿ
האָט אין מידבר מקריבֿ געווען אַ קינד — —
און וויפֿל פֿון דײַנע קינדער
האָט דער מאָדערנער מולך
פֿאַרשׂרפֿעט און פֿאַראַשט און אויסגעשטיקט אין גאַז?
דאָס אַלץ — נאָר דו זאָלסט זיך קענען וויקלען
אין די פֿלאַמען פֿון זייער קדושה?
פֿאַר וואָס האָט געקומט כּרת דײַן פֿאָלק?
איז עמך ווייניקער ווי רעך?
מעגסטו אָפּוואַשן דײַנע אָדוני־הענט
און זאָגן: ידי לא שפכו את הדם הזה?
פֿאַר וואָס האָסטו געגעבן טמאים דעם רשות
צו צינדן פֿאַר דיר דעם קדושה־שײַטער
מיט די ביינער פֿון דײַנע קינדער?

כ׳רײַס שטיקער פֿון זיך פֿאַר דײַנטוועגן
און קען זיך ניט מוחל זײַן
פֿאַר וואָס דו האָסט עס געטאָן —
אָבֿ רחמן ונורא!
און איך בין מער ניט שטאָלץ
אויף די גבֿורות און ניסים
פֿון פֿאַר צײַטן —
ווען איך זע דײַן שוואַכקייט
קעגן רוצח פֿון דײַנע קינדער!
פֿאַר וואָס ביסטו ניט געווען
אין גרויליקסטן אומגליק
אַן אל מלא רחמים אויף אַן אמת?
קענסטו עס בלויז זײַן נאָכן טויט?
ביסטו ניט מער ווי אַ שוכן במרומים —
וואָס האָט צו טאָן מיט אומזעעוודיקע נשמות
אָבער ניט מיט זייערע לעבעדיקע גופֿים?
און פֿאַר וואָס עפּעס בין איך טײַערער פֿון זיי —
פֿון די פֿרומע און רעכטפֿאַרטיקע,
פֿון מײַן טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער?
פֿאַר וואָס האָסטו מיך אָפּגעזונדערט פֿון זיי?
אָנערקענסטו מיך ניט פֿאַר קיין ייִד?
אַף על פּי שחטא — בין איך עס דאָך!
און עס אַרט מיר גאָר שטאַרק:
פֿאַר וואָס האָסטו מיר ניט מזכּה געווען
מיט דער גרויסער בלוט־קדושה?
בין איך ערגער און ווייניקער פֿון די אַנדערע?
און דער אמת: די אַלע ייִדן
וואָלטן זיך דאָך געוואָלגערט פֿאַר דיר אין שטויב
און דיר אָפּגעצאָלט כּפֿל־כּפֿליים מיט קדושה —
ווען דו וואָלסט אויסגעשטרעקט צו זיי דײַן אָרעם.
פֿאַר וואָס האָסטו זייער לעבעדיקע קדושה ניט געוואָלט?

פאַר וואָס האָסטו דײַן פאָלק ניט געקענט באַוואַכן —
באַוואָרענען —
פאַרהיטן —
שומר ישׂראל ?!
פאַר וואָס האָסטו געקענט מאָנען
פאַר איין מענטשן פון איין מענטשן :
— אי הבֿל אָחיך ?
און פאַר אי עמך ישׂראל
איז קיין אָרט אין דײַן תּורה
מער ניט געווען.
און ווען יידיש בלוט און פאַרגאַזטע נשמות
האָבן ביז צו דײַן כּסא הכּבֿוד זיך אָנגעטורעמט
און אָנגעשטורעמט מיט יללות און תּחנונים,
מיט תּפֿילות און זיפֿצן און יסורים —
ווו ביסטו דעמאָלט געווען
געאַכפּערטער שומר ישׂראל ?

קום איך הײַנט ווידער צו דיר
מיט די צוויי פּסוקים פון ליבע און בלוט
אין דײַן אַלטער אומפאַרענטפערטער תּורה —
און קיינעם חוץ דיר קען איך ניט פרעגן
און קיינער חוץ דיר קען מיר ניט ענטפערן.
ווען דײַן ענטפער קומען ?

און כ׳זע אַז ווידער זענען דײַנע הימלען פאַרשלאָסן.
און מיט נײַע נסיונות פּרוווסטו דײַן פאָלק.
און הימל־און־ערד שווײַגן נאָך אַלץ.
און דו שווײַגסט נאָך אַלץ — —

צווײ צײכנס

דער פֿרעגצײכן גיט עזותדיק אַ שפּרונג
און װאַקלט זיך אַרױף —
גליטשיק און קרומפֿוסיק —
צום מיטן פֿונעם מוח.
ער מוז אַרײַנפּיקן זיך
אין די געהירן
מיט זײַן שאַרפֿן אױסגעדרײטן שפּיץ —
װי אַ האַק —
װײַל קײן זאַך אױף דער װעלט
איז אים ניט קלאָר.
נישטערט ער און זוכט
און װיל פֿון סאַמע מאַרכקװאַל
אַרױסקריגן דעם קלוגן ענטפֿער.

דער אױסרוף־צײכן
בלײַבט שטײן אַקעגנאיבער
אױף אַ גלײַכן שטײַפֿן פֿוס —
אַ מאַסט!
און צו פֿאַרשטאַרקן זײַן געשטעל
רופֿט ער צו אַ צװײטן —
אין צװײען איז שטאַרקער —
און בײדע שרײַען אױף אַ קול,
מיט זיכערקײט אין זיך:
— ניטאָ קײן פֿראַגעס
און ניטאָ קײן ספֿקות!
מ׳דאַרף נאָר אױף דעם מאַסט
אַרױפֿצי׳ען די פֿאָן פֿון גלױבן —
מ׳זאָל זי קענען זען
פֿון אַלע װײַטקײטן.
איבער אַלע געמערק
װעט ער הױך שטײן —
ער איז דער צײכן!

אונטערטעניק בייגט דער פרעגצייכן
זײַן אויסגעדרייט קרומקעפּל,
ווי ער וואָלט זיך אונטערגעבן
דעם סטראַשונעק פון דעם לאַנגן־דאַרן
זיכער־צעקלינגער.
נאָר הינטן־אַרומעט
שטעלט ער אים אונטער
אַ קרום פרעגפיסל:
— אַלמאַי ווילסטו מיט אַ שאַרפן פינגער
אַרײַנבויערן אין מײַן פרעגקעפּל
דײַן ספקדיקן אמת?
איז דען נאָך פאַראַן אַן אמת —
ווען אַלע אמתן
האָבן זיך אַליין פאַרלייקנט?
שטעלט ער אים אונטער
חוזקדיק און חוצפּהדיק
און סאַרקאַסטיש
זײַן פילאָסאָפיש פראַגעלע.
זאָל ער נאָר פאַר אַ רגעלע
ווערן אומזיכער און וואַקלדיק —
דער יאָלדעוואַטער דראָנג, —
וועט ער זיך צוזאַמענדרייען
אין זײַן גאַנצער לענג
און אפשר
אָנהייבן
צווייפלען:
— טאַקע, טאַקע,
ווי שיקט זיך עס
אַז מײַן אמת
זאָל זײַן דער איינציקער אמת?..

אָבער דער אויסרוף־צייכן
האַלט ניט פון שפּילן זיך
אין גריבלעניש און ספּעקולאַציעס,
אין חקירהוואַטע שטימונגען,
אין מאַי קאָ משמע לנס.
דאָס איז גוט פאַר דרייפינגער
און דרייקעפּלדיקע
קרומרוקנדיקע חכמי־לעזשאַנקע,
וואָס זייער גאַנצע קלוגשאַפט באַשטייט
אין בלויז פרעגן פראַגעלעך.
און ער טוט אַ צי העכער
און שטײַפער
און שטאָלצער
זײַן פעסטן געשטעל
און קוקט אַראָפּ
מיט באַדויער און ביטול
צום פאַרקנייטשט־שטערנדיקן פרעגצייכן.
ווערט דער פרעגצייכן
נאָך מער מעלאַנכאָליש,
נאָך מער נאָכטראַכטעריש און סקעפּטיש,
נאָך מער פּעסימיסטיש און קוהלתדיק, —
און מיט נאָך מער אומזיכערקייט
קוויטשעט ער אַרויס:
— און פון וואַנען קען דײַן אמת וואַקסן,
אַז אַלע גרונטן זענען חרובֿ ומוחרבֿ?
— דער אמת וואַקסט אַרויס פון מיר גופא!
טוט דער אויסרוף־צייכן
אַן אויטאָריטאַטיוון געשריי:
— זעסט דאָך ווי מאַכטיק איך שטיי —
אַז קיין כּוח אין דער וועלט קען מיך ניט צעטרייסלען!

דער פרעגצייכן טוט אָן זײַן סקעפּטיש מאַנאַקל
און מיט אַ פרעגאייגל גלאָצט ער צום אַרויף:
— פון וואַנען ביסטו עס אַזוי זיכער אין זיך?
מחמת זיכער איז דאָך — ניט זײַן זיכער.
אַדרבא, זאָג מיר: פאַר וואָס איז קרום ניט גלײַך?
און פאַרקערט: פאַר וואָס איז גלײַך ניט קרום? האַ?
— בטלן, דאָס איז דײַן קרומקייט
וואָס פאַרשטעלט מײַן גלײַכע ליניע.
— איז פאַר וואָס קענסטו ניט
אויסקרימען דײַן שטײַפן רוקן
און אויך פרעגן קשיות —
פרעגן איז בעסער
ווי צו זײַן אײַנגעגלייבט און זיכער —
מ׳קען קיין מאָל קיין טעות ניט מאַכן.
אָט, אַ שטייגער, פון וואַנען איז געדרונגען
אַז דער הימל איז אויבן
און די ערד — אונטן? האַ?
און דער פרעגצייכן דרייט נאָך מער אויס
זײַן קרום קעפּל און קוקט אַראָפּ —
אַלע וואָס זענען פאַרשעריש
און פרעגעריש
און קשהדיק —
קוקן אַראָפּ —
זיי ווילן וויסן:
פון וואַנען וואַקסן די פיס?
זיי ווילן דערגרונטעווען זיך
צו די וואָרצלען —
צו דער טיף פון דער שאלה —
צו דעם סאַמע עיקר — צום שורש:
מה למטה ומה למעלה?
און וואָס איז די ערשטע סיבה?..

דער אויסרוף־צייכן
צעטאַנצט זיך אויף זײַן אונטערשטן פּינטל
און צעליאַרעמט זיך —
באַפעלעריש —
דיקטאַטאָריש:
— טיפּש מיטן קרומען קעפּעלע!
אַלע פּיס וואַקסן פון מיר
און איך בין די ערשטע סיבה!
אָנוכי!..

דער פרעגצייכן טרייסלט זיך אָפּ:
— טפררר, שפּרינג ניט פון די האַלאַבאַליעס,
דראָנג שבדראָנגען.
ווי קענסטו עס גאָר אַרויפּברענגען
אויף דײַן באַרימעריש־ליגנערישער צונג?
אַדרבא, בייג זיך אויף טשיקאַוועס צו צו מיר
און זע...

דער אויסרוף־צייכן
טוט זיך שקאַצעוואַטע אַ בייג אַראָפּ.
— זע ווי דײַן רוקן
איז מיט אַ מאָל אויסגעקרימט געוואָרן.
— ווי אַזוי ?!
שרײַט דער אויסרוף־צייכן אויף
מיט אַ פראַגע —
און בײדע זענען אָנגעשפּאַרט איינער אָן אַנדערן.

און בײדע זענען איצט זיכער —
אַז כּדי צו וויסן
דאַרפן זיי אָן אַסמכתּא,
אָן אָנלען איינער אויף דעם אַנדערן —
זיי זאָלן קענען האָבן אַ קיום.

ווי אַלט ?

די קינדער שקאָציש פרעגן דיר : ווי אַלט ביסטו, ווי אַלט ?
און קענסט זיי ניט גענאַרן — זיי ווילן עס דערפילן.
גליטשן זיך פון דײַנע ליפּן ציפער — אײַזיק־קאַלט,
ווי מיט שניי מיט ווײַסן זיך די יאָרן ליכטיק שפּילן.

ליכטיק־קאַלט. די ראיה פון אַ נעפּל ווערט פאַרווישט.
ווי אַלט ? און טוסט אָן אויף דער נאָז די דיקע ברילן.
ניט די יאָרן ווילסטו זען, נאָר נײַגעריק דו ביסט
צו דערהערן דעם זעלבן ווײַטן שאָרך, דעם שטילן. —

ווי אַלט ? ערשט נעכטן האָסטו עס אַליין געפרעגט !
קוקסט די קינדער אין די אויגן, זיי — דיר אין די ברילן.
די צײַט צו דיר אַ לאַנגע צונג מיט חוזק שטעקט
און אַלע יאָרן קנאַקן אין דײַן מוח — זעכציק גרילן.

אַלט ? איך בין יונג אַ זעכציקער, צוציקעס פאַרשײַטע !
און פילסט — די רייד אויפן גומען פּריריק קילן
און אַ יינגעלע שרײַט נאָך הינטער דיר פון ווײַטן :
— ווי אַלט ?.. און זעכציק טויזנט עכאָס מיטן ציפער שפּילן.

אַנטליכטיק ניט

אַנטליכטיק ניט מײַן אויפגעשטראַלטן ווײ,
ווען איך דערשפּיר אים וואָרצלדיק און ערדיק.
פּראַגעס פּאָכען מיר אין פּנים — שאַרף און שווערדיק —
און מײַן האַרץ ענטפערט מיט פאַרשטומט געשריי.

ס׳קול אין בלוט וויעט — אַ סירענע אין זאַווײ:
— ווער האָט אויסגעלייגט איבער דעם תּהום אַ בריק?
ווי קען איך גיין אויף איר זיכער, האָפערדיק,
אַז זי פירט צום אומגעוויס — אויף יענער זײַט פאַרגיי?

שטיי! ביים האָריזאָנט גליִען־אויף קאָלירן אַלע
און ס׳דרייט דער רעגן־בויגן זיך, ווי אַ קאַרוסעל.
אָ, ליכטיקער, ניט אַנטנעם פון מײַן אויג די לעצטע שטראַלן,
וואָס מיט זיסן ווייטיק זענען קוים באַהעלט.

לאָז כאָטש איבער דעם איין פינקל — צו זײַן גלייביק,
ווי דו לאָזסט מיר איבער בלויז איין וועג צום אייביק.

טובֿ — זה המוות

ווי לאַנג וועט דויערן דײַן אויסגעדוכטע אייביקייט?
זי איז, נעבעך, אַ פּאַפּירענע און האַלט זיך קוים...
און ווען פֿאַרמעקן דײַנע שורות וועט די צײַט,
וועסטו פֿאַרלוירן ווערן ווי אַ שטייבעלע אין רוים.

ווי לאַנג וועט דויערן דײַן וואָרט און דײַן געזאַנג?
געזשום פֿון ווינטל אויף אַ ווײַטן פּוסטן פֿעלד...
בלויז דו אַליין וועסט מיטנעמען מיט זיך דעם קלאַנג
אין נצח־טויטער, שוואַרצער, שטומער וועלט. —

און דויערן וועט אייביקייט אָן אייביקייט — פֿאַר דיר אַליין.
אין צײַט — אַ טלומיק ביסט געווען פֿון פֿלייש־און־בלוט.
איז אויף צו להכעיס טו באַווייזן דײַן איינמאָליק פֿאַרגיין
און זאָג: טובֿ — זה המוות — און עס מוז זײַן גוט!..

קיידאַן

א

ס׳איז מער ווי סתּם אַ וואָרט פֿאַר מיר, כ׳ווייס עס!
ס׳איז וויג און וועג, ברויט און חלום, היים און מאַמע.
די שטאָט די קליינע איז מײַן וועלט די גרויסע,
וואָס דערהייבט זיך ווי אַ פֿעניקס פֿון די פֿלאַמען.
קום איך צו דיר אַצינד געפֿינען מײַנע יונגע יאָרן
און פֿון זייער אַלטגאָלד דיר אַ קרוין אויסשמידן,
אַז ווידער זאָלסטו אויפֿגיין אין קאַיאָר דעם קלאָרן
און אַרײַנבלאָזן אַ נשמת־חיים אין די טויטע ייִדן.
אויף צוריק כ׳שפּרינג אַריבער אַלע שוואַרצע גריבער
און לאָז זיך לויפֿן דורך די גרינגאָלדיקע פֿעלדער,
קומסטו מיר אַנטקעגן אָן — אַ יונגע און אַ ליבע,
אַרומגערינגלט רונד אַרום מיט טײַכן און מיט וועלדער.
און דײַנע ווינטלעך אין מײַן פּנים טוען ווייען,
און דײַנע ייִדן — מיט אַטעם ברויזיקן און הייסן —
אין אַ קאַליידאָסקאָפּ אַ פֿאַרביקן זיך דרייען,
מײַן קיידאַן שטייט אויף תּחית־המתים.

מײַן קיידאַן! איך רוף דורך יאָרן וואָס פֿאַרגאַנגען
און בויער דורך די גליווערצײַט מיט בלויזן קוק,
עפֿענען זיך תּקופֿות — שטויביקע פֿאַרהאַנגען —
און מײַן טראָט צעהילכט זיך ווידער אויפֿן ברוק.
אויף די שטיינקלאָווישן קלאַפּן מײַנע וואָגלטריט,
איך מוז מײַן אַלטן ניגון ווידער דאָ געפֿינען —
ס׳האָבן דורות ייִדן אים אין מיר אַרײַנגעגליט, —
וועט דער ניגון זײַן, קיידאַן, דײַן הימען.
זײַן שליסל פּשוט איז: פֿליגלען פֿון אַן אַלף —
ערשטער מעשׂהדיקער אַלף פֿון „אַ מאָל געווען“, —
אַ, פֿרייד ערשטמאָליקע ווידער שטראָל־אויף
און די יונגע יאָרן לאָז מיר הײַנט דערזען;
פֿאַרוואַנדל זיי אין אַ כּישופֿדיקן וווּנדער,
אַז שפּאַצירן זאָל איך אויף די גאַסן קינדיש־ווײַטע,
די — וואָס ווערן קיין מאָל ניט פֿאַרשווּנדן
די — וואָס קיינער קען זיי ניט פֿאַרבײַטן.

ב

פון דעם אַלף לאָז איך זיך צוויי פליגל פלעכטן
און פון אַ וויגליד מאַך איך זיך אַן עראָפּלאַן —
אַז דערטראָגן זאָל ער מיך צום יונגן בעכטן
און דערציילן נאָך אַ מאָל די מעשׂה פון קיידאַן.
ס'איז אַ מעשׂהלע פון וואָלקנס אין די הייכן —
און לאַנדן דאַרף מען ניט, ווײַל ניטאָ די ערד,
נאָר איר מאַפּע אין מײַן האַרצן איז פאַרצייכנט
און יעדער פונקט איז צוגעשפּיליעט מיט אַ טרער.
לאָז איך זיך אַרונטער אויף אַ גרויען שטיין —
און ער דערקענט מיך, ער איז פון אונדזער לאַווע,
קען איך זײַן טרויער עלנטן פילן און פאַרשטיין,
נאָר מיט מײַנעם קען איך זיך ניט ספּראַווען.
שוועבט דער שטיין אַרײַן מיט מיר אין וואָלקן
און ס'טוען איבער מיר אַ פּאַך שאָטנדיקע פליגל —
זיי האָבן זיך פון דער חורבן־וואָר אָפּגעשפּאָלטן
און טראָגן מיך אַוועק צום אויסגעבענקטן וויגל.

דער שטיין קײַקלט זיך אַראָפּ צו אונדזער היים.
אַ מיטן וואָך. דאָס קורצע געסל איז פאַרהאַוועט.
עס האַפּקעט אַן מײַן אַנקל חיים האָפּענהיים,
אַנטקעגן אים, פאַרריסן, גייט רבֿקה די פּאַווע.
אירע טריטעלעך ס'גאַנצע געסעלע פאַרקלינגען —
זי גייט שטאָלץ און קוקט ניט אין זײַן זײַט,
נאָר ער טוט איר טענצלדיק נאָכשפּרינגען,
שפּרייט זי די פליגל אויס און פליט אַוועק אַ מהלך ווײַט...
כאַפּט ער ס'פידעלע און שפּילט פאַר איר „די סאָכע",
נאָך דעם „רייזעלע דעם שוחטס" — ס'איז אין מאָדע.
פון מאַנטל־קעשענע שטעקט אים אַרויס „די וואָכע",
און ס'דײַטשקעלע אויף „לײַפּציגער מעסע" איז אַ שאָד אים...
פּלוצעם טראָגט אַ שטורעם אַן אַ טראַסקעדיקן וואָגן.
אויף די קאָזלעס, מיט אַ שמײַסער, מאיר זאַווערוכעס.
חיים, ווײַס ווי קאַלך, שרײַט אים נאָך צעטראָגן:
— ר' מאיר, פאַרט ניט, די דײַטשן מעגן גיין צו אַלדי רוחות...

ג

אַ צאַפּלדיק געקנויל שטראָמט צום מאַרק פון אַלע וועגן.
עס שמעקט מיט פערדיש מיסט, מיט היי, מיט פּוטער־קוכן.
דער מאַרק ווערט פול, פּלייצט איבער אַלע ברעגן, —
אַ האַלאַבליע־וואַלד פון דראַנגען שפּיציקע צום הימל דוכנט.
און פערד — אומגעדרייט מיט קאָפּ צום וואָגן —
כראַמשטשקען האָבער פון די טאָרבעס, מיט הנאה,
און אַ קולותדיק האַרמידער אין דער לופטן איז צעטראָגן,
ייִדן מיט בערד — לאַנגע, קורצע, שוואַרצע, גרויע, —
אין כאַלאַטלעך פאַרשמאַלצענע און צעפלאַטערטע,
טאַנצן אום פאַרשמייַעטע פון פור צו פור.
איבער בייַדלעך — טיכלעך געפאָרבענע און גלאַטע,
און הענדלעך בלעכענע זיך וויגן אויף אַ שנור.
מיט אַ מאָל איינער טוט צו מייַנע פיס אַ פאַל גאָר,
גיב איך אים אַ כאַפּ, אַ קריי, און איך דערשפּיר
ווי אַ וואַגנראַד טוט מיך צו דער ערד אַ וואַלגער — —
איך בין דעמאָלט אַלט געווען קוים יאָרן פיר.

אַ מויל־האַרמאָשקע האָט מען מיר אין בעט געבראַכט,
ווי נאָר איך האָב די אויגן ווידער אויפגעעפנט.
ס'איז געווען בייַ באָבע לאהן, אויף דער נאַכט,
ווו מיר האָבן זיך אַרייַנגעקליבן נאָך דער שׂרפה.
איך האָב געדענקט די פייַער־צונגען אויף די ווענט,
ווי געשפּרונגען וואָלט אַ שד מיט רויטע לאָקן,
און כ'האָב בייַ נאַכט געחלומט, אַז ער מיך פאַרברענט,
נאָר מער נאָך ווי דער שד האָט מיך דאָס ראָד געשראָקן;
איך האָב געפילט זייַן קאַלטן אייַזן אויף מייַן קאָפּ
און ווי די פאַרבן פון די הענדלעך מישן זיך צוזאַמען,
און אויפן מאַרק — מיט פויערישע פורן אָנגעשטאָפּט —
שטייט און יאָגט די הענדלעך אָפּ, מייַן מאַמע...
און באַגינען, ווען די זון אין פענצטער איז אַריין,
האָב איך פון האַרמאָשקעלע גענומען ציִען טענער, —
הייַנט נאָך זענען מייַנע קלאַנגען פאַרוועבט מיט יענער שייַן —
פאַר וואָר, קיין מאָל איז מייַן ניגון ניט געווען שענער!

ד

לאַנגע־גאַס — פון נעוויאַזשע ביז דער צערקווע אַרויף, —
דאָ לאָזט זיך יִחוס באַלעבאַטישער האַפּטיק שפּירן,
און די גאַס, ווי זי וואָלט ניט האָבן גאָר קיין סוף,
ווען אין אָוונט ציט זיך דאָ אַ לאַנגער שנור שפּאַצירער.
מײַן ערשטע סטאַנציע איז — אונטער אַ הילצערנעם באַלקאָן
פון אַ הויז מיט אַ סעדל — אַנטקעגן דער קאַזאַרמע.
די מאַמע מיט איר קליינוואַרג איז פאַרטאָן —
און קוקט אונדז אָן מיט בליקן טרויעריקע, וואַר׳מע.
קוויטשען מיר פון גליק. מ׳קען פון דאָ סאָלדאַטן זען.
און די מאַמע מוסרט אונדז, מיר זאָלן זײַן אָנשטענדיק,
ווײַל אָט קומט צוריק דער טאַטע באַלד פון פעלן —
טאָ זאָל ער נחת האָבן. די מלחמה איז געענדיקט...
פאַרשטיי איך ניט וואָס די מלחמה האָט מיט דעם צו טאָן,
און אויף מאָרגן שליאַנדער איך זיך איבער אַלע גאַסן,
און ווען כ׳קום אַהיים זאָגט די מאַמע מיר אַ בשׂורה אָן:
— מאָרגן נעם איך דיר אין חדר, צו דעם קלויזנעם חזן.

מיט חשק פלעג איך אין חדר לויפן — געלערנט און געשריבן.
דער מאַמעס אומעט האָט געיאָגט, אין האַרצן זיך פאַרגראָבן,
נאָר מער נאָך האָבן אירע טרערן מיך אַהין געטריבן —
אפשר וועט זי ווייַנען אויפהערן און פון מיר הנאה האָבן.
אין יענע טעג האָב איך אַנטדעקט אַ קעסטל ביכער אין אַ ווינקל,
האָב איך גענישטערט, ווי פון אַן אוצר אַלץ אַרויסגעקליבן,
ביז אויפן דעק האָט אַ דינינק ביכעלע געטאָן אַ פינקל —
און אויפגעוועקט אין מיר די ערשטע ציטעריקע ביכער־ליבע...
ס׳איז געווען אַ ווינטערטאָג. אַ שניי. אין צימער טונקל.
און כ׳האָב די בלעטלעך נענטער צוגעדריקט צו די שויבן,
ביז אין אַ ווײַסער ליכטיקייט געוואָרן כ׳בין פאַרזונקען —
אין שטילן דרויסן האָט אַרומגעשוועבט שׂרה בת־טובֿים.
זי האָט געפלאַטערט, ווי אין אַ חלום, ווײַס־דורכזיכטיק,
ביז די מאַמע האָט אין לעמפּל אַ גאָלדן פלעמל אָנגעצונדן,
איז די געשטאַלט אַרײַן אין מאַמעס אויגן, זילבער־ליכטיק,
און איז שוין פון איר פנים קיין מאָל ניט פאַרשוונדן.

ה

סמילגע־גאַס. געסעלעך אַרום. פרייד און קלאָגן.
דלות און עשירות לעבן דאָ בשלום ביַי אַנאַנד —
אַן אויסגעפּוצטער זאַל מיט אַ טעפּעכל אויף דער פּאָדלאָגע,
און דילן ערדענע, לכּבֿוד שבת ליכטיקן מיט גאָלדיק זאַמד.
דאָ זשומען, ווי די בינען, כאַפּטעס יונגען, מיידן,
און הינטער די ווילגאַטנע ווענט זיי וועבן זוניקע חלומות,
נאָר די מאַמעס ציטערן: גאָט באַהיט, מ׳טאָר ניט ריידן...
און די גאַס ביַים סמילגע־טיַיכל געוואָרן אונדזער היים איז!
איז ווו איך קום, אין יעדן לאַנד און פרעמדער שטאָט,
האָב איך ניט אויפגעהערט אויף סמילגער גאַס צו טרעטן —
צוגעטוליעט וואַרעם איז זי צו מיַין וואָגלדיקן טראָט,
ווי אַן אייגן קינד וואָס איך טו אין ליבשאַפט גלעטן.
איז מיר קיין קונץ ניט ווען איך וויל אַהין דערגיין
און אַריַינקוקן אין אירע אַלטע היַיזער, קליינע קראָמען,
אויף פּראָסטן יידיש קען איך זיך מיט איר פאַרשטיין,
און חוצן לשון איז באַקאַנט מיר יעדער פּנים, יעדער נאָמען.

ווי נאָר דער טאַטע פון געפאַנגענשאַפט איז אָנגעקומען,
האָט די מאַמע אים געלאָזט די קראָם מיט אַלע גליקן
און זיך מיט נײַער בריהשאַפט צו סעדעריַי גענומען,
אַז ניט פעלן זאָל אין שטוב די פייגעלעך צום פּיקן...
פלעגט זי נאָך אַ לאַנגן זומערטאָג אין קיך אַריַינפאַלן
און אירע האַר געשמעקט האָבן מיט עפּל־ריחות זיסע,
און די אויגן ווי פּיאַלקעס טויַיקע פלעגן ליכטיק שטראַלן,
און געוווּנקען פון די קוישן האָבן עפּל רויטע, פרישע.
און מיט פריידן זאַטע פלעגט די שטוב פולער ווערן,
און דער טיש — מיט עפּל, באַרן, פלוימען אויסגעשפּרייט,
און אין מינוטן פלעגן מיר אַלץ פאַרשלינגען און פאַרצערן —
זייער זאַפטיקייט מיר נאָך היַינט אין מויל צעגייט...
יענעם זומער אַ פאַרגעלטן ספר אין אַלמער כ׳האָב געפונען
און אַ מאָדנעם נאָמען — צאינה וראינה האָט ער געהייסן,
און ווי די פרוכטזאַפט זענען זיַינע מעשהלעך אין מיר גערונען —
איך האָב אויף עבֿרי־טיַיטש דעמאָלט אָנגעהויבן פון בראשית...

ו

בית־מדרש, שול, תלמוד־תורה און טאַטולעס כאַטע —
פון דעם קוואַדראַט רײַס איך זיך אַרויס אין מיטן שפּיל,
צום טײַכל אונטן, וואָס ציט זיך דין און גלאַטיק, —
פון בערגל צו דער סמילגע ראָל איך זיך אַרונטער שטיל.
דאָס וואַסער מײַנע פּיס טוט אַ גלעט זײַדיק־וואַרעם
און מחנהס פישעלעך יאָגן זיך אַוועק — צעסטראַשעט,
כ'גיי פּאַזע פּאַזשאַרנע, שטיינדלעך גליטשיקע זיך שאַרן,
ביז כ'קום — ווו די סמילגע פאַלט אַרײַן אין דער נעוויאַזשע.
כ'בלײַב שטיין. דאָס טײַכל טיף איז דאָ, סכנות.
בײַם ברעג אַ ייִנגל — קונציק פאַרוואַרפט אַ ווענדע,
אַ גוי, אין מיטן טײַך מיט קערב און נעץ פאַרטאָן איז —
אין טײַך אַ בלויער הימל שטראַלט און בלענדיקט.
מיט אַ מאָל אַ הייב זיך טוט אַ טשאַטע טויבן אין דער לופט —
זיי קרײַזן אַרום בערגל, ווו עס שטייט די באָד, —
פון דער ווײַט אַ שאַרפער סווישטש צוריק זיי רופט
און זיי דרייען זיך אין קרײַז ווי אַ פאַרכישופט ראָד.

טויבן! מסתמא רופט דער פײַף אויך מיך, ווי זיי, —
לויף איך צו דעם דאַך, ווו זיי לאָזן זיך אַרונטער,
און זיי פאַלן צו דער ערד, ווי באַלכלעך שניי —
אַ טויבנשניי זיך שיט פון בלויקייטן צעזונטע.
בײַ דער בוידעמקלאַפּע וואַרטן אויף מיר צוויי —
אַ ייִנגעלע מיט אַ טויב, אין בוזעם טיף פאַרנורעט,
און אַרום טויבנשלאַק — אַ שווינדלדיק געדריי,
ביז אַ קראַך אַראָפּ זיי טוען, ווי אַ ווײַסער שטורעם...
צוויי וואָרקען. מיט די שנעבעלעך זיך קושן און זיך לאַשטשען,
ביז דער ע ר די ז י לאָקט אַרײַן אַלץ טיפער, טיפער,
און די קלאַפּע פלוצלינג זיך פאַרהאַקט. פליגלען פּאַטשן...
פון דעם ייִנגלס קונץ בלײַב איך פאַרבליפטער
און אַ ציִעניש אַ פאַרבענקטע מיך פאַרקלעמט,
נאָר אין אויער קלינגט מיר מאַמעס קול: אַ טויבנכאַפּער...
יאַנקעלע העסעס לעבן מיר שטייט מיט אַ טײַבעלע אונטערן העמד:
— ווילסטו, פאַר אַ גראָשן קענסטו זי אַנטאַפּן...

ז

אַלע טויבן פליִען זיך צוזאַמען אין אַ ווײַסן וואָלקן
און אַ רעגן־בויגן רעמט זיי אײַן אין קאָלירטן שימער,
נאָר ווי דאָס אַלץ פאַרשווינדט, זע איך די קראָם פון מאָלקן —
דאָרט צעכאַפּן ייִדן איצט די פריש־געבאַקענע „אידישע שטימע“...
די בלעטער האַלטן זיי, ווי ציטערדיקע טויבן אין די הענט,
און פון זיי עס וואָרקעט שבת־רו, געשיכטעס, לידער.
יעקע דער שלאָסער אין די נײַעס קוקט און זאָגט פאַרקלעמט:
— זעט, אין קאָוונע שמירט מען ייִדישע שילדן שוין ווידער...
— דאַרף מען קיין ארץ־ישׂראל פאָרן! סראָלאָוויטש פסקנט אָפּ.
— נו, פאַר וואָס טאַקע פאָרט איר ניט? — פרעגט ראובֿקע בינעס, —
איר און זונדל גינזבורג און די כּהנס — טראָגט זיך אָפּ,
צוזאַמען מיט די חלוצימלעך, אין אײַער בורזוייִשער מדינה.
בײַ זײַן מויער דער אַלטער פײַנגאָלד קנייטשט דעם שטערן.
אַנטקעגן, פון אַ פענצטער, קוקט מיט ביטול גורוויץ דער אַפּטייקער.
אין טויערקראָם רײַסט דוד ראָנדער בײַ אַ זייגער די געדערעם...
און דורכן געזעמל טרײַבט זײַן פּגירה יאָס׳־איציק דער הויקער.

איך גיי מיטן וועג וואָס פירט אויס לענג נעוויאַזשע,
פאַרבײַ דער דרוקערײַ פון כּהן און מאָושאָוויץ —
מ׳זעט דאָ פּנימער אין שוואַרצן פאַרב פאַרמאַזשעט,
און מ׳הערט מאַשינעס קלאַפּן מיט אַן אײַזערנעם געקריץ.
זעצערס איבער קעסטלעך שריפט זיך שאָקלען, פרומע,
און די טלית־קטנס דורך די פענצטער לויכטן ווײַס.
פון טײַך אַן אָפּגעפרישטער גייט דער שמיד, דער שטומער,
און זלמן דער משוגענער זײַן אייגן פויסט זיך בײַסט.
איך פאַרקערעווע צו חייטס הויף, צו דער פּראָגימנאַזיע.
ס׳איז תשעה־באָבֿ. דער לערער קשינסקי פאַסט, אַ בלאַסער.
נפתלי דער משוגענער זאָגט: ס׳האָט אויסגעטריקנט די נעוויאַזשע —
מוז ער לויפן איצט קיין יאַסוועץ נאָך אַ טרונק וואַסער...
לויף איך אים נאָך דורך די גאַסן פון מײַן שטעטל
און בײדע קענען מיר מער ניט בלײַבן שטיין —
וואָלטן ייִדן איצט געווען דאָ, וואָלטן מיר, ווי צוויי בעטלער,
איבער הײַזער ייִדישע זיך געלאָזן גיין — —

ח

אַ בייזער ווינטער געהאַלטן האָט פאַרשפּאַרט אין הויז,
און איצט — יונגאַטשעס יאָגן זיך אין דרויסן, כאַפּטעס,
די נעוויאַזשע איז מיט שטורעם היינט צעברויזט
און קריעהס קריכן אויף דער בריק, קוים זי סאַפּעט.
זי קרעכצט און ברומט פון דער מאַסע אייז וואָס דריקט
און הוידעט זיך — פון די קלעפּ די ווילדע־טויבע,
צו די פענצטער וואַרפט די פרילינגזון אַ בליק
און ווי שפּיגלען גאָלדענע צעבלאַנקען זיך די שויבן.
לויפן קינד און קייט זען וואָס האָט פּאַסירט:
דורך נאַכט דער מאַרק איז ווי אַ שיסל פול מיט וואַסער —
און פון באָבע לאהס הויז אונדז אַ לאָטקע פירט,
און ייִנגלעך פּרווון אויס די טיף, מיט הייזעלעך פאַרקאַשערט.
אויף דער פּוסטער בריק אַ כוואַטסקער קונדס מאַכט אַ טריט,
טוט זי זיך אַ וויג — און ער לויפט צוריק אין שרעק.
אויף דעם אייז פונקען שפּרינגען רויט־צעגליט.
און קולות שרייען: היי, זעט, די נעוויאַזשע איז אַוועק!..

אַ וואָלקן טראָגט די נעוויאַזשע אומגעקערטערהייט.
זי וועט שוין מער ניט לויפן אונטן — אין מיין שטעטל.
אין איר וואַסער צאַפּלען פּנימער, פאַרקלעמטערהייט,
ווי זיי וואָלטן זיין אין פראַסטיק גלאָז פאַרקנאָטן.
הויך איך אָן מיט אָטעם וואַרעמען דעם גליווערטייך
און ס׳הייבן ווידער אָן זיינע וואַסערן פּאַמעלעך פליסן —
און פון וואָלקן פאַלן שורות יידן, קרום און גלייך,
ווי שנירלעך צו דער ערד — קעפּ זיך גיסן...
יעדער טראָפּן איז אַ פּנים — בלוט־און־פלייש, —
איך אַנטבלויז מיין לייב, זיי זאָלן אויף מיר פאַלן,
און ס׳ווערט מיט זיי פול אין מיין מאַרך יעדער קנייטש,
און אין מיין יעדן קעמערל טוט זייער לעבן שטראַלן.
טראָג איך זיי צוריק אין גאַס, אין וואַלד, אין פעלד,
בלויז איינער אַרויף מאַרשירט, מיט מעדאַלן אַפּיצערסקע,
אויף די וואָלקנטרעפּ שטייגט ער אויף, דער העלד,
און פאַרקריצט זיין נאָמען: צדוק שלאָפּאָבערסקי.

ט

אַ גערטנעררייף אַ זעטיקער אַרום דער שטאָט, —
צדוק האָט דעם גאַנצן גרונט גענומען אין אַרענדע, —
האָט די שוואַרצערד פון איר טראַכט געטאָן אַ שאָט
אַ שפע פרוכט, אין צײַטיקייט און זויִקער צעבלענדיקט.
אוגערקעס אונטער גרינע בלעטער האָבן זיך פאַרשטעקט
פון דער היץ, וואָס האָט פון הימל זיך געגאָסן.
און אַ גרינער מבול האָט דעם האָריזאָנט פאַרדעקט,
ווי גרויע וואָר מיט חלום־בלוי וואָלטן זיך פאַרמאָסטן.
זייערס איז די וואָר, אונדזערס — נאָר אַ יונגער פּרווו:
אין די גאָרטן־בײַדלעך — אויף שמירה דאָרט מיר שטייען:
הכשרה הייסט עס, און גרייט זיין אויף עליה־רוף.
צדוק די חלוצים שפּײַזט — און אויך די ליטווישע אַרמייען.
ער געהערט צו זייער פּאַטריאָטישער פּאַרטיי —
מיט אים זיי טרינקען, און בײַ אים — זיי באָרגן.
נאָר דער ייִד אין אים ניט געווען צעשפּאָלטן איז אויף צוויי —
האָט ער, אין דער גרוב, איבערגעביסן זיי די גאָרגלען — —

צווישן די גערטנער — מיט אַ פּײַף יאָגט אַדורך די באַן.
טאָטלעבענס פּאַלאַץ שטייט פאַרגרונטיקט ווי אַ פעסטונג.
ס׳קומט מײַן לערער אָן, דער ספּריטנער נאָטל כהן, —
צוזאַמען צו דעם באָרער וואַלד דעם וועג מיר מעסטן.
אָבער טײַכל דרייט די רעדער פון אַ פּוסטער מיל, —
ווײַל דער זשוואָווער נאָטל אַרײַנשפּרינגען און זיך אָפּטונקען,
נאָר אַנשטאָט גערויש פון וואַסער אַ קדיש הערט זיך, שטיל,
און דעם מילנערס ווײַסער שאָטן צווישן גראָז פאַרזונקען...
מיר קומען אָן אין וואַלד מיטן ברייטן גרויען וועג,
אין טונקעלער געדיכטעניש די שטעגן זיך צעלויפן,
און די פרילינגלופט איז אָנגעזאַפּט מיט טויטער שרעק, —
איך בייג זיך אײַן און שעפּ אָן ערד אַ הויפן.
דערפיל איך — אין מײַן האַנט עס צאַפּלען לײַבער,
נאָר פאַרטושט זיי זענען און כ׳קען זיי ניט דערקאָנען.
זאָגט נאָטל: דאָ קען מען בלויז שוואַרצע יאַגדעס קלײַבן,
ווײַל דער טויט האָט דאָ ניט מער קיין אייגן פּנים — —

ס׳לעבט דער טויט אין ערד דאָ, וועק אים אויף צוריק!
און איך דערפיל מײַן האַנט אין האַנט פון יונגן טאַטן.
ער פירט אין שול מיך, יום־טובֿדיק זײַן גאַנג און בליק,
און פּלוצעם טוט ער ווי אַ פויגל אַ צעשראָקענער אַ פלאַטער.
דער טאַטע איז אַ גרויסער פויגל, אַ קליינער — איך,
און ביידע זענען מיר די גאַנצע צײַט צוריקגעשלאָפן,
אַ באָרוועסער, פאַרוואָרפן אויפן אַקסל מײַנע קינדערשיך,
בין איך איצט, בײַ דער שול, אין אים אַרײַנגעלאָפן.
גאָר קיין וועגט ניטאָ און די פוסטקייט ביזן הימל גרייכט,
און די ייִדן, אין צעפליגלטע טליתים, שוועבן ווײַט,
די זה השער־אותיות קרײַזן אום מסוכן־הויך
און הערצקע דער חזן בקולי־קולות שטומע שרײַט:
— המלך... הגדול... והנורא!.. הנורא!! ה־נו־רא!!!
פון די מחזור־בלעטער אַש איבערן שולהויף זיך שיט —
אַלע זיבן הימלען טרייסלען זיך פון פאָרכט און מורא
און יעדער אות אויף פײַער־פליגל אַרויפצו פליט.

המלך ברענט. ער הענגט אונטערן געוועלבטן סופית
און אַלע חיות, עופות טוען זיך אַ לאָז אים ראַטעווען.
פון פלאַקערדיקן אָרון־קודש דער אָדלער אַרויפצו פליט
און דער לוויתן טוט מיטן עק דעם אוקינוס קאַטעווען.
דעם לייבס מילד פּנים מלא־רציחה ווערט און ער ברומט —
אַזש פאַר שרעק האָב איך דעם טאַטנס האַנט פאַרלאָרן
און בײַם אַרײַנגאַנג־טויער בלײַב איך שטיין פאַרשטומט:
אויף דער בויגנוואַנט דער זונזייגער ציילט די יאָרן.
אַלף ביז אלף־אלף — שטראַלן אָן אַן אָנהייב, אָן אַ סוף —
ס׳איז ניט טאָג, ניט נאַכט, בלויז זון און זון,
און דאָס שפּינדל דרייט זיך אין אייביקן געלויף.
און אויפן בויגן — יאַנקל דער קלעזמער און איצקע, זײַן זון,
יאַנקל אויפן פידעלע פאַרגייט זיך, איצקע זעצט אויפן באַראַבאַן.
פון בית־מדרש קומט משה דער שמש און רופט אויס:
— רבותי, הרבֿ שלמה פײַנזילבער איז גוזר אויף ק״ק קיידאַן
אָפּצושטעלן די צײַט! און ער לעשט דעם זונזייגער אויס — —

יא

באָרער וואַלד זיך דרייט — אַ צוויַיגיקער־צעגרינטער,
דער וואָלקן אין די ביימער זיך פאַרטשעפּעט האָט, געבליבן שטיין,
ציט די דופּטיקייט אַראָפּצו מיך און אַלטע לוסטן מינטערט —
צו די שטיבלעך פויערשע כ׳לאָז אַרונטער זיך און הייב אָן גיין.
די דאַטשניקעס אויף האַמאַקן וויגן זיך, ליגן אין די גראָזן —
דאָס געזונט פּאָפּראַוועון ווילן זיי, אָפּפרישן דאָס לעבן,
צווישן די ביימער יינגלעך, מיידלעך שפּרינגען, ווי די האָזן,
פון די קוסטעס טאַנצט אַרויס אַ פריילעכע כאַסקע געבען·
אירע ברוינע אויגן שמייכלען — וואַרעמע און גוטע,
און גאָר די יונגשאַפט שפּאַרט פון דער סקויטסקער כאַקי־בלוזקע,
מיט אַ פול מויל פּערלדיק געלעכטער פליט אָן ניוטע —
און אירע ראָזע בעקלעך בעטן זיך מ׳זאָל זיי קושן.
קושן... אָן עכאָ שלאָגט מיט זילבער־קלאַנגען אין די גלידער,
נאָר פלוצלינג צעריסן ווערט עס פון אַ זיפצן און אַ הוסטן —
פאַר מיַינע אויגן עפנט זיך אַ געלער אויסגעפּעטסטער סידור
און ביַי אַ צעבראָכן שטענדער שאָקלט זיך קנהלע דער שוסטער.

קנהלען וועט דער הימל שוין קיין מאָל ניט פאַרשטילן —
ער האָט זיך אין זיַין ווינקלוועלט בגוואַלד פאַרקליבן
און אַ גאַנצן טויט וויל ער דאָ נאָך חיים ראָנדער זאָגן תהילים,
וויַיל געלעבט האָט ער בזכות קידאַנער טויטע ייִדן...
און קנהלע אַליין געדענקט ניט מער ווי מ׳רופט אים,
מחמת ער זיצט דאָ שוין אַן אייביקייט — זינט ג ע ש ט אָ ר ב ן,
און דער בית־מדרש איבער אים הענגט אין דער לופטן — —
פון הקדש קומט „די הענטעלע" מיט אַ שוואַרצע טאָרבע.
— ר׳ קנה, — זאָגט זי, — דערקוויקט זיך מיט אַ כזית סקאָרינקע,
וויַיל פון זאָגן תהילים אַ גאַנצן טאָג ווערט מען פאַרשמאַכט...
נאָר קנהלע פאַרגינט זיך ניט אַ רגע־זיפץ אָפּשפּאָרן —
אַפילו אין שלאָף קרעכצט ער קאַפּיטלעך תהילים דורך דער נאַכט —
ער שריַיט זיי אויף זיַין אויסטערליש־הילצערנעם עבֿרי־לשון,
נאָר פינצטער געוואָרן איז אין הימל, ווי אַ מאָל אין שטוב:
— פאַר וואָס האָט ר׳ משה די זון אין מיטן טאָג פאַרלאָשן?..
זיפצט ער אַרויף מיט שיַינענדיקע אויגן — צום הימל פון דער גרוב.

יב

מײַן קיידאַן! אין האַרצן שפּילן נאָך דײַנע יונגע לידער
און כ׳זינג זיי מיטן אַלטן עבֿרי־טײַטש פֿון מײַן מאַמען —
און ווערטער ווערן פּנימער פֿון מײַנע שטעטלדיקע ייִדן,
וואָס אין דײַן לעצטן חסד האָסטו זיי אין זיך אײַנגעזאַמלט.
טוט זיי מײַן זכרון איצט צום לעבן ווידער וועקן —
פֿון מאַרק, פֿון וואַרשטאַט, פֿון שול און קראָם כ׳זע זיי גיין:
אָט קומט פֿון צעפּלאַמטן אויוון אַרטשיק דער בייגל־בעקער,
און פֿון טאַמבאַנק — דער שניטקרעמער אַהרון־דוד גלאַטשטיין,
דער אַלטער זרח כּהן שטייט בײַ זײַן האָטעל — אַ שטיל־מיושבֿער,
פֿון זייער געסל משה טעלזער און וועלווע ווייצער קומען אָן,
פֿון וואַסער־געסל — מיט גיכע טריט — דער לאַנגער מאיר יאַנוסעווער,
און יעדערן פֿון זיי נאָך זײַן הילוך און געשטאַלט איך דערקאָן.
אָ, ווי כ׳וואָלט דערמאָנען הײַנט געוואָלט באַזונדער יעדן איינעם:
חבֿרים, טאַטעס, מאַמעס, בחורים און מיידלעך — אַלע זיי,
וואָס ניט געבליבן פֿון משפּחות גאַנצע איז קיין איינער —
אין מײַן האַרצן איז פֿאַרקריצט אויף אייביק זייער בליק און ווײ.

אַזוי פֿיל שטערן הײַנט אין הימל נאַכטיקן איבער דער שטאָט! —
מיט אויגן גלאָזיקע זיי קוקן אויף די ליידיק־שטילע גאַסן
און מיט טרערן פֿינצטערע זיי וויינען צו אַ טויטן גאָט —
איבער קיידאַן און קראָק, דאַטנעווע און שאַט, ראַגאָלע, יאַסוועָן.
אַזוי פֿיל שטעטלעך — דימענטן פֿאַרזעצט אין אַלטן ייִדישרינג —
אַרויפֿגעקליבן האָבן זיך מיט האַק־און־פּאַק צו הימלדיקע דירות,
און ווען דער קלויסטערגלאָק אין אַ חגא זיך צעקלינגט,
הייבן אַלע שטערן־אויגן אָן זילבערבלינד צו פֿרירן
און זיי פֿאַלן אויף די געסלעך שטעטלשע אין האַלבער נאַכט,
ווען גוים, פֿאַרנורעט אין די בעטן פּוכיקע, טוען כראָפּען, —
און דער טויטער גאָט דעם הימלטויער דאַן פֿאַרמאַכט
און אַלע שטעטעלעך אין אייביקייט ווערן אַנטשלאָפֿן.
נעם איך אַלעמען אַרום — טאַטעס, מאַמעס, קינדער, אַלטע לײַט, —
און הויך אין זיי אַרײַן ווערטער וואַרעמע און טרייסט זיי:
פֿאַר וואָר, דער שטאַרקסטער רינג אין גאולה־קייט איר זײַט!
און די ערשטע — אַז אויף אײַך מקוים ווערן זאָל תּחית־המתים!

שטאָט און גאָלד

* *

לעבעדיקע הערצער דרייען דעם מאָטאָר פון שטאָט
אויף טראַנסמיסיעס אָדערדיקע — ביז צום פלאַצן.
און אויף די שווינדלטרעפ צו גאָלדענע פּאַלאַצן
שאָטנס וויגן זיך — מיט הוילן קלאַנג אין טראָט.

פון שטאָטס געדערעם וואַקסט אַרויס אַ בלינדער גאָט —
אַ באַשאַפענער פון שווייסיקער און האַרטער פּראַצע, —
און ווי די ווערעםווימלען אַרום אים ציניקער, פּאַיאַצן,
מיט דעם עלנבויגן־פּסוק : ווער עס כאַפּט — דער האָט...

אַלע טראָגן זיי אַ הויט, געשטרײַפּט מיט לויטער גאָלד,
און גילדענעם שאַמפּאַניער גיסן זיי זיך אין די פּיסקעס —
און די שטאָט — די הערצער זייערע ווי אַ מיל צעמאָלט
און זיי פלאַקערן אין אירע תּאוותדיקע קישקעס...

נאַכט. ווען דער בלינדער גאָט אַ מידער ליגט און שנאָרכט —
בליצט די שטאָט אין נעאָן־שרעק און זי האָרכט און פאָרכט.



פאַר איר — אַ סאָנעט

זוך אין שטאָט טויזנט ווילדע פאַרגעניגנס — און געפין.
זי לאָקט דיך מיט רעקלאַמע שרײַיקע און פוסטע קלאַנגען.
אין אירע אָרעמס שטאָלענע, ווי אַ קרבן האַלט זי דיך געפאַנגען,
ביז דו פילסט — בלויז אַ שרײַפל ביסטו אין איר דולמאַשין.

זי פאַרמאָגט טויזנט רייצן ביליקע — אָן טעם, אָן זין.
אין איר בוזעם שטייניקן קנוילן זיך קופעס שלאַנגען,
און חווה, מיט זיסע עפּעלעך, קוויקט דײַנע פאַרלאַנגען —
פון דער גן־עדן־שטאָט פאַרטרײַבט ניט גאָט זײַן מין...

דאָך פאַסירט: נאַכט איז פול מיט שטילקייט ווי אַ קערן.
איבער הייכע דעכער שטימט אַ דינע לירע אָן מוזיק
און אין הימל — אַ פאַראַד אַ ליכטיקער פון זילבער־שטערן,
און ווײַטער ווי די שטערן גרייכט דײַן בליק.

דעמאָלט טונק דײַן פען אין הימלבלוי — נאַכטיק־שפעט —
און שרײַב פאַר איר — פון ליבע אַ סאָנעט.

יאָהאַנעסבורג

טורעמסט זיך אַרויף אין שווונג פֿון אײַזן און בעטאָן
און מיט שטאָליק יונגער גבֿורה — קלעטערסט צו די רוימען,
פֿאַרקאַנטעװעסט די מילדע הייכן מיט מאַסיװע זוימען
און אין מויער־גראַטעס טוסטו דײַנע הימלען אָן.

מיטן אײדלסטן מעטאַל קלינגט־אויף דײַן מינדסטער טאָן.
צעלייגט אויף זאַמדן גילדענע שפּינסטו זיסע טרוימען —
און ברילִיאַנטענע פֿאָנטאַנען פֿון די בלויע הויכע תּהומען
באַשפּריצן דיך מיט אַ פֿונקען־פֿײַערדיקן שטראָם...

נאָר אויף די ראַנדן דײַנע, צוגענאָגלט צו דער ערד,
הײַזקעס בלעכענע און פֿול מיט דלות, ווי באַשערט.
פֿאַר אַלטיטשקע, וואָס וואַרעמען אויף גאַניקעס געשענקטע יאָרן.

און אַרום — בשכנות — בערגלעך בלומיקע, צעגרינטע פּלאָרע,
וווּ זאַטע קינדער רוען; אין דער זון צופֿרידענע זיי ליגן,
און די פּאַלאַצעלעך, ווי אין צויבער־מעשׂהלעך, זיי פֿאַרוויגן.

גאָלד

מענטש האָט דורכגעבויערט מיט זײַן ליכטיקן פֿאַרשטאַנד
צום סוד — פֿאַראָדערטן אין בויך פֿון ערד — אַ גאַנג,
און ניט געוואָלט מיט קיינעם טיילן זיך דעם פֿאַנג,
וואָס אַנטדעקט האָט ער אין דעם גאָלד־פֿאַרשטיינטן לאַנד.

האָט ער די געבויגענע, די שוואַכע שוואַרצע אײַנגעשפּאַנט,
און ווי זיי — האָט אויך די ערד נאָכגעגעבן מענטשנס דראַנג
און יעדן שפּרינקל גאָלד פֿון דער טיף אים אַרויפֿדערלאַנגט —
גלײַך צום באָס — אין זײַן אײדעלער ווײַס־לאַקירטער האַנט...

לײַבער דאַרע נאַקעטע געיאָגט זיך האָבן דורך די לאַבירינטן —
באַפֿעל און שמיץ און שרעק האָט זיי נאָכגעיאָגט פֿון הינטן,
און שווייס געטריפֿט האָט ווי פֿון פֿאַרעדיקע קעסלען —
געסאָפּעט האָבן לונגען, הערצער, פּאָמפּעס, קראַנען, פּרעסן, —
די שטאָלציינער האָבן אי דעם שקלאַף און אי דעם פֿעלדז געמאָלט
און אַרויסגעזויגן פֿון זייער שטראַליק בלוט די טראָפּנס גאָלד.

אַ העמד פון ליכט

גאָט האָט אָנגעטאָן דעם מענטש אַ העמד פון ליכט —
וואָס ער אַליין געוועבט האָט פון די קלאָרסטע שטראַלן —
און אין מוח אים אַרײַנגעשטראָמט בליציקע קאַנאַלן
און אַ מאַסקע — בלענדיק — צוגעקלעפּט אים צום געזיכט.

די פּגימה — וואָס ער האָט קיין פליגל אים ניט צוגעריכט,
איז אַנשטאָט צו שוועבן אין די הייך־צעזונטע קוואַלן,
ציט אים צו די טיפן זומפּיקע — כּסדר פאַלן, פאַלן, —
ווײַל גוף באַשווערט איז מיטן ערדיק־בלאָטיקן געוויכט.

קריכט ער — און אָפּגעמעקט ווערן פון ליכט די צייכנס.
און ס׳טרײַבט די תאווה טיפער אַלץ — צו די אָדערן פון גאָלד,
ווו אין אינגעווײדן פינצטערע שײַנט אים דאָס געצאָלט
מיט פונקעלעך פאַרשטיינערטע, אַנעמיש־בלייכע...

און ביז די פעלדזן וועלן זײַן אין שטויב צעמאָלט,
וועט זײַן ליכטהעמד אויסגעלאָשן זײַן אין הרודעס גאָלד.

אין לעצטן וועג

„פֿאַרזאַם ניט, מענטש!" — געזאָגט האָט גאָלדענער ניט־גוטער
און אַ שפּרייט געטאָן פֿאַרפֿירעריש זײַן כּישופֿדיק פֿאַרמעג.
איז דער מענטש אַ קנעכט געוואָרן אים — נעכט און טעג —
ביז ניט דעקענט האָט ער זײַן פֿאָטער, ניט זײַן מוטער.

און ניט אומגעקוקט זיך אויף דעם עלנטן — זײַן ברודער,
וואָס איז שווײַגיק אים געקומען אויף זײַן וועג —
און ווי ער איז פֿאַרבײַגעלאָפֿן אַלעמען אין רוישיקן געיעג,
האָט פּלוצעם אײַנגעבראָכן זיך פֿון לעבן זײַנס דער רודער.

און ס׳האָט צום לעצטן מאָל אויסגעפּלעמלט זײַן באַגער —
פֿינצטער איז געווען דער רייץ פֿון גאָלד, זײַנע קלאַנגען
האָט דער ווינט צעווייט מיטן אַש פֿון פֿאַרלאָשענע פֿאַרלאַנגען,
און אַ שימער פֿון ניט־גוטן — אין זײַן פֿאַרקילטער טרער.

נאָר ס׳האָט אַ יונגינקער ניט־גוטער שוין געהיט אין סיף די פּעק —
מ׳זאָל ניט מיטגעבן אַ שטייבל גאָלד דעם מענטש אין לעצטן וועג.

ס׳קליינע מענטשעלע

די וועלט פאַרמאָגט די ליכטיקסטע און העכסטע פריידן,
נאָר ס׳קליינע מענטשעלע האָט זיי קמצנותדיק צעמינצט:
איַינגעהאַנדלט זיך הנאהלעך, ווי גלאָזקרעלן צעבלינצט,
אויף די יאַרמערק פון זײַן אויסגעדוכטן ערדישן גן־עדן.

ס׳קליינע מענטשעלע, וואָס זיך פאַרמעסט מיט געטער ריידן
און שטײַגן אויפן לייטער ווו די אייביקייט זיך שפּינט, —
באַגנוגנט זיך אויף דער וואָר מיטן ביליקסטן פאַרדינסט
און מיט קרישקעלעך געניס פון אַלפאַנסן, זונות, בלאַטע מיידן.

זיי אַלע שטרעקן זיך פאַר אים נאַקעט־הויל און אומפאַרשעמט —
און ער כאַפּט גיריק פון די בעטן, טישן, פון די הענט
שיריים נאַשוואַרג פון דעם לעבן — לוסטיקן, פאַרשײַטן —
און שלינגט מיט תאווה גאָר דעם אָפּפאַל פון צעשטיפּטע צײַטן.

ס׳קליינע מענטשעלע אַ לעבן לאַנג שוועבעלעך ער ברענט
און מיינט — דאָס ליכט פון זון זיי קענען אים פאַרבײַטן.

שטאָט משוגענע

שטאָט משוגענע, מיט צעפּאַטלטע, צעדולטע גאַסן —
דו צינדסט זיך און דו לעשסט זיך, ווי אַ ספינקס.
אַ מאַן זײַן דאַמע וויקלט דאָ אין גאָלד און מינק
און פירט זי — אַ הינטל אויף אַ שנירל — פונעם תענוג נאַשן.

און אונטן, זאַלבעצענט אין קעלער טונקל־נאַסן,
שוואַרצע הוליען, מיט קופּלען ביר, ווי אין פאַרזינק,
פון לײַבער, שווייסיקע־פאַרהאָרעוועט, די לופט דאָ שטינקט —
שטאָט משוגענע, אַ קאַשע קאָכסט פון נויט און גאָלד און ראַסן.

שטאָט משוגענע, מיט סאַמעט־הענטשקעס גלעטסט די אויסדערווײלטע,
וואָס באָדן זיך אין וואַנעס פון פּאַרפום, שאַמפּאַניער, האָניק.
און דײַנע האָרעפּאַשנע זין, ווינט־צעשמיסענע און שוואַרץ־פאַרקוילטע,
בײַ דײַנע פיס די פעלדזיק־האַרטע, וואַלגערן זיך אָן רחמנות.

אָ, שטאָט משוגענע! צעמישט פון הונגער, ווילטאָג, ראַסן, קלאַסן, —
אין טאָג פון מישפּט וועט מען שנײַדן פון דיר פּאַסן, פּאַסן...

שניט

מײַנע טעג און נעכט —
שניט פֿון גאָלד און בלוט.
איך זינג ווען מיר איז גוט.
איך זינג ווען מיר איז שלעכט.

איך זינג הינטער געפֿלעכט
פֿון גראַטעס, אונטער רוט.
איך זינג מיט לוסט און מוט —
געטראָגן אין געפּעכט.

שניט פֿון בלוט און גאָלד —
קערנער אויפֿן ווינט —
איך שיט זיי הפקר, בלינד
און פֿרעג ניט: ווער באַצאָלט?

פֿאַר ליד פֿון בלוט און גאָלד
וועט זײַן באַצאָלט, באַצאָלט — —

צוויי שטעט

אונטער מײַן שטאָט אַ צווייטע ליגט אין זיך פֿאַרשטיינערט.
צו אירע חושך־טיפֿן פֿירט אַראָפּ אַ גאָלד־צעפּונקטער טויער.
אין שוואַרצע אויגן — גלײַיקער דאָרט ברענט דער וויסטער טרויער
און הערצער שמאַכטיקע פֿאַרגייען זיך אין עלנטע געוויינען.

און אויבן — לײַכטער פֿלאַטערן די טעג, די זוניקע ווילדשיינען,
דאָ בליצט אין בליקן פּוסטע — גיריקייט פֿאַרגליווערט־רויע,
און פֿאַרשטאָפּט די הערצער זענען מיט אַ שימל קראַנקן גרויען —
די קלעפּ בײַם טויער גאָלדענעם דאָ הערט ניט קיינער!

אַ ריז פֿון אונטן פּויקט — מיט פֿויסטן האַרטע, שווערע, —
ער הייבט זיך ווי אַ באַרג אַ פֿעלדזיקער און וואַקסט אַרויף,
נאָר די שטאָט די אייבערשטע וויל ניט די סיגנאַלן הערן,
און ניט זען — ווי צו פֿאַרשלינגען עפֿנט זיך דער טויער אויף.

דער ריז אַ צייכן מאַכט — מיט דער שטאָט פֿאַרדריקט אין האַנט —
נאָר קיינער וויל ניט לייענען די פֿײַערשריפֿט אויף דער וואַנט.

* *

דוד — ליבשאַפט מיינט עס, און איז בגימטריא יד —
דײַן האַנט, וואָס נעמט אַרום געטרײַ דיך אַליין,
זי איז דײַן בלוט־און־פליישן און ביין פון דײַן געביין —
פון געבוירן־טאָג פאַרצייכנט איז אויף איר דײַן גורל־סליאַד.

די ליניעס אויף איר פלאַך — קרום און שטום און מאַט,
ווי מײַן וועג צעפּלאָנטערטער, פאַרוואַלגערט מיט געשטיין
פון חורבן־בראַך. זײַן סימן איינער איז: גיין און גיין
דורך טויערן פון גליק און טרויער, אומגליק און פאַרראַט;

און טראָגן פענער — ליכטיקע און פינצטערע — אַלערליי.
— ווער האָט די האַנט פאַרשאָלטן? אָפּגעשוואָכט? געשטאָלט?
און עמעץ שעפּטשעט מיר אין שטרויכלדיקן גיי:
— דײַן צאָל איז אויך זהבֿ — אַ האַרץ פון גאָלד...

איז עס שפּיל אין גורל־צייכנס, גימטריאות, צאָלן, פורעמס?
און די גורל־צאָל, ווי אין נאָמען, אויך אין די פּערצן שורות.

אַ וואָלקן אין שפּיגל

דו ביסט אַ מאָל געווען איך —
ווען דײַנע טעג
זענען געווען מײַנע.
יענע אַלע טעג זענען געווען
און אַוועק
און אונדז געלאָזן
הינטער זייערע פאַרלאָשענע הימלען.

ווער ביסטו?
ביסטו נאָך אַלץ איך?
כ׳קען דיך מער נישט דערקענען.
וויל איך אויסשטרעקן מײַן האַנט
און פון דאָס נײַ זיך באַקענען:
— איך...
— דו...
פאַר וואָס טיילן מיר זיך אָפּ
יעדן טאָג
באַזונדער?

אין מײַנע פאַרמאַטערטע געדאַנקען
בלאָנדזשעסטו ווי אַ פאַרלוירענער פויגל.
ווי אַ פאַרביק פלאַטערל
פון איין טאָג לעבן.
ווי אַ זון
וואָס האָט איר גאָלד צעשאָטן
איבער פאַרזשאַווערטע טעג.
ווי אַ לבֿנה
וואָס איר זילבערנער חלום
איז אויסגערונען.
ווי אַ יינגל
וואָס שטייט שוין יאָרן פאַרשטאַרט
צווישן הילצערנע צעפאַלענע כאַטעס
און קען ניט צוריקקומען אַהיים.

בּיסט נאָך אַלץ דער זעלבער
פאַרחלומטער יינגל
וואָס ווערט פאַרכאַפּט
פון שיינע צוזאָגן,
פון ניט־געשטויגן ניט־געפלויגן.
בּיסט נאַיִוו און פאַרגלייבט
אין די פאַרביקע בלעזלעך
וואָס פּלאַצן אין זונליכט.
און איך בּין אַ טאַטע —
אַ זיידע —
אַ ניט קלאָרע קאָפּיע
פון אַ פאַרעלטערטן יינגל.
די טעג האָבּן אונדז פונאַנדערגעשיידט,
צעשפּאָלטן,
צעשפּליטערט.
ווער קלאָפּט די קלינעס
אין אונדזער לעבּן
און שפּאַלט אָפּ די טעג?
איך לויף צוריק
צו דיר —
אָבּער קום קיין מאָל ניט אָן.
בּיסט ווײַט־נאָענט און נאָענט־ווײַט.
ווען כ׳פּאַל אַרײַן דיר באַזוכן,
קוקסטו אויף מיר
ווי אויף אַ פרעמדן.
איז עס מײַן טראַגעדיע?
ביידנס?
יע!
ווײַל איך בּין הײַנט בּלויז
אַ וואָלקן אין אַ שפּיגל —
און בּיידע —
אַ וואָלקן־צווילינג — —

איך קלינג הײַנט צו דיר אין טיר:
— לאָז מיך אַרײַן.
— ווער ביסטו?
— זעסט ניט ווער איך בין?
איך בין נאָך אַלץ
דער זעלבער ייִנגל
פון שטעטל קיידאַן.
אָט גיי איך אויף דער בריק
איבערן טײַך נעוויאַזשע,
אויסגעסטראָיעט אין אַ גימנאַזיסטקע היטל
מיט אַ קוקאַרדע.
(איצט דערקענסטו מיך שוין, האַ?
כאָטש איך אַליין דערקען זיך ניט).
גערענקסט —
אַ שנייעלע איז געפאַלן,
אַזאַ דין־דינער
און אין דרויסן
האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט.
אָבער מיר איז געווען וואַרעם.
אַ פול האַרץ מיט הייסע חלומות
האָב איך געטראָגן אונטערן מאַנטל
און זיי האָבן אַלע געצאַפּלט
מיט פרילינג.
מאָדנע גוט איז געווען.
און פון ברוסט האָט אַרויסגעפריידיקט
דאָס איינציקע וואָרט: הײַנט —
און ס'איז געווען הײַנט!

האָב איך מיט מײַן אייגענער האַנט
דעם הײַנט אַראָפּגעווישט?
און כ'האָב אַפילו ניט באַמערקט
ווען און ווער ס'האָט באַשאַפן
דעם נעכטן — —

און פֿאַר וואָס איז יענער הײַנט אַזוי ווײַט ?
פֿאַר וואָס קען איך מער ניט אויסשמייכלען
אַ יונג־געבוירענעם הײַנט ?
ס׳איז אַ ויידע־הײַנט
וואָס איז געבוירן פֿון נעכטן.
און אַלע בלעטער פֿון די נעכטנס
וואַלגערן זיך אויף אַ קופּע מיסט.
פֿאַר וואָס דאַרף זײַן טרויעריק
דער אייגענער האַרבסט ?
די נעכטנס ליגן פֿאַרוועלקט
ווי צעטראָטענע בלומען —
און קיין איין בלאַט איז ניט געבליבן
אָנצושרײַבן אויף דעם מײַן נאָמען.
מײַן טאַטנס נאָמען.
מײַן מאַמעס נאָמען.

די גרינע בלעטער האָט אַ ווינט פֿאַרטראָגן —
בלויז זייער לעצטער שימער איז געבליבן
אין מײַן אויג.
ווי לאַנג וועלן נאָך נעכטנס אויפֿבליצן
אויף אַ רגע
אין מײַן פֿאַרלאָשענעם הימל ?
איך זאָג פֿריִער — לעבן,
נאָך דעם — הײַנט.
און הײַנט זאָג איך —
נעכטן.
אַ מאָל האָב איך געזאָגט בלויז —
הײַנט.
כ׳האָב אַפֿילו ניט געזאָגט נעכטן —
ווען דער טויט איז מיר נאָכגעגאַנגען.
איך האָב געוווּסט אַז ער טרעט מיר
אויף די פּיאַטעס —
נאָר איך האָב קיין שרעק ניט געפֿילט.

אויך טויט איז געווען הײַנט —
מײַן הײַנט.
איצט שטייען אַלע טויזנטער נעכטנס
פֿאַר מײַן טיר.
ווי אַזוי האָבן זיי געטראָפֿן
צו מײַן נײַער דירה?
זיי קלאַפּן שטיל,
מיט דרך־ארץ,
שעפּטשען מײַן נאָמען
(האָבן מיך פֿאָרט ניט פֿאַרגעסן!)
און וואַרטן מיט ציטערניש
איך זאָל זיי אַרײַנלאָזן.

איך קוק אויף זיי מיט שרעק —
דורך אַ שפּעלטל אין טיר.
זיי זעען אויס
ווי איבערגעניצעוועטע הײַנטס...
איינער — אַ פּיטשי־מאָנטשינקער
און כיטרינקער —
שאַרט זיך אַרײַן דורכן שפּאַלט
(מײַן האַרץ לאָזט מיר ניט
פֿאַרקלאַפּן די טיר —
כ׳קען אים נאָך חלילה צעקוועטשן)
און קוויטשעט מיט אַ דין קולכל:
— פֿאַר וואָס זאָלסטו מיך פֿונסנײַ
ניט באַשאַפֿן?
מיר בענקט זיך אַזוי שטאַרק
ווידער צו חלומען
די נאַרישע זיסע חלומות פֿון נעכטן.
און דו ביסט דאָך אַ טאַטע —
טאָ האָב רחמנות אויף מיר!..

— אָבער ביסט דאָך ניט מײַן קינד...
— איך בין מער ווי דײַן קינד —
איך בין דו אַליין!
אַ שטורעם האָט זיך צעבושעוועט
אין מײַן האַרצן.
וואָס איז די מורא
אָנצורירן דאָס אַש
אויפֿן אייגענעם קאָפּ?
אַזוי וויסטו כאַטש
אַז דו האָסט נאָך אַן אייגענעם קאָפּ —
דעם זעלבן קאָפּ אויף די פּלייצעס
ווי נעכטן...

וואָלט איך געוואָרן אַן אַקטיאָר
(מסתמא האָב איך ניט געהאַט
גענוג טאַלענט עס צו ווערן —
הגם כ'האָב געשפּילט יונגערהייט
ווי אַ „ליבהאָבער"),
וואָלט איך מיט אַ געליִענעם געלעכטער
זיך געקאַטשעט אויפֿן דיל
ווי אין די גוטע טעג
(גוטע טעג?..)
און זיך אַליין געשריִען
אין פּנים אַרײַן:
— איז דאָס דײַן אייגענער קאָפּ?
טאַקע דײַנער?
און דו ביסט דו?
טאָ ווו בין איך
אין משוגענעם פּלאָנטער
פֿון הײַנט־נעכטן? —
פֿון איך־דו?

ווער וועט פונאַנדערוויקלען
דעם קנופּ פון טעג? —
פון היינט־נעכטנס? —
פון איך־דו?
הינטער מיין טיר
שפּרינגען יונגע טעג —
טויט־ווייסע ציגעלעך —
מיר אַנטקעגן.
דאָס פּיטשי־פּיטשי־מאַנטשינקסטע
גליטשט זיך אַריין
דורכן שפּאַלט פון טיר,
שפּרינגט און מעקעט:
— איך בין אַ וווּנדער־ציגעלע,
אַ נס־ציגעלע,
אַ משיח־ציגעלע...
— אַ משיח־ציגעלע!
רוף איך אויס מיט פאַרכאַפּטן אָטעם.
— טאָ וויי̆ז וואָס דו קענסט —
דעם נס —
ברענג משיחן!
ער פאַרקריכט גיך אונטער מיין בעט.
— לאָמיר וואַרטן... — מעקעט עס.
— אויף וואָס וואַרטן?
— אויף אַ נס.
— און ווען וועט פּאַסירן דער נס?
— כ׳ווייס ניט.
ניסים טוען ניט געשען יעדן טאָג.
דערוויי̆ל זינג מיר ס׳לידעלע מיט די מאַנדלען.
עס ציט מיר אַזוי ביים האַרצן.

דאָס ציגעלע מאַשטשעט זיך איין אונטער מיין בעט
און ווערט אַנטשלאָפן.

ניטאָ קיין היים פאַר מײַן משיח־ציגעלע —
אַזוי ווי פאַר מײַנע טעג —
דאַרף עס שלאָפן אונטער מײַן בעט,
און די טעג — הינטער מײַן טיר.
און איך אַליין —
הענג אין דער לופטן.
ווער וועט אײַנזאַמלען
דעם גאָלדיקן שימערשטויב
פון די טעג בײַ מײַן טיר?
און ווער וועט זײַן דער גואל
פאַר מײַן משיח־ציגעלע
אונטער מײַן בעט?
— ווי לאַנג וועסטו דאָ שלאָפן?
פרעג איך שטיל־שטיל.
— ביז משיח וועט קומען.
אַלע מײַנע גלידער ציטערן־אויף:
— און איך?
— דו וועסט אויך שלאָפן ביז דאַן.
— ס'וועט זײַן אַ לאַנגע־לאַנגע צײַט!
— צײַט קען ניט זײַן צו לאַנג —
ווײַל זי האָט קיין מאָס ניט.
— פאַר מיר האָט זי אַ מאָס —
מײַן מאָס — און נאָך דעם
ווער וועט דיר זינגען
דאָס לידעלע פון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען?
— קיינער ניט.
דאָס לידעלע איז שוין אָפּגעזונגען.
— אָבער האָסט דאָך מיר פריִער געבעטן עס זינגען.
— דאָס איז בלויז געווען אַ תּירוץ
אויף זיך צו פאַרלוליען אונטער דײַן בעט — —

מיט פאַרמאַכטע אויגן
מעק איך דעם טאָג אויס
מיט אַ שקיעה־בלײַשטיפט
און וואַרף אים אין אָוונט אַרויס
אויף דער קופּע אַלטוואַרגטעג
הינטער דער טיר.
מײַן טיר־שומר איז אַ בלינדער משיח —
אַ גאַנצן טאָג שטייט ער מיט אַ טויט ציגעלע
אין די אָרעמס — בײַ מײַן שוועל —
און יעדן פאַר נאַכט גייט ער אויס
אין בענקשאַפט צו גאולה.
ווען איך כאַפּ זיך אויף — זוך איך אים.
כ׳וויל אים זינגען אַ ליד
וואָס כ׳האָב אין כּלות־הנפש
דורך נאַכט אויסגעטראַכט —
נאָר כ׳געדענק קיין וואָרט ניט.
איך קען מער ניט זינגען.
ניט מער צונויפגראַמען די רייד
און זוכן ווערטער —
ווי אַ בעטלער זײַן אָפּגעריבענעם מינץ.

זענען דען טעג — לידער?
דער גוף — מוזיק?
דאָס אײנציקע וואָס איז מיר פאַרבליבן
איז אַ ניגון.
ווער טראַכט אויס דעם ניגון?
קיינער טראַכט אים ניט אויס.
ער האָט ניט קיין אָרט און קיין צײַט.
ער דרייט זיך אייביק אַרום אונדז
ווי די ערד אַרום דער זון.
דער ניגון איז די נשמה פון מענטש.
די נשמה פון דער וועלט.

אויב דו קענסט אַליין ניט זינגען —
דערהערסטו דעם ניגון יעדן טאָג,
ווען די זון שפּרינגט אַרויס
פון הינטערן דאַך —
פון הינטערן קוימען —
פון הינטערן באַרג —
פון הינטערן וואַלד —
טײַכל. לאָנקע.

אין ליכטיקע באַגינענס
האָב איך תּמיד געהערט איר געזאַנג —
די זון האָט געזונגען.
די זון זינגט.
די זון וועט זינגען.
— נאַרעלע, פאַר וועמען וועט זי זינגען?
— אַלץ איינס פאַר וועמען —
אַבי זי וועט זינגען.
— ווען די זון דרייט זיך אַוועק
ווערט פון טאָג גאָרנישט —
בלאָטע —
מיסט —
און זי הערט־אויף צו זינגען.
— ניט אמת!
אין די נעכט זינגט זי אויך —
דעם אינטערלוד פון אַ ז ו נ ט אָ ג —
ווײַל נאַכט איז אויך צווישן טאָג און טאָג —
און דעמאָלט ווערט דער ניגון פאַרטיפט —
עס זינגען זיך איבער די שטערן
וואָס האָבן דורכן טאָג
זיך אָנגעזויגן מיט זונליכט.
— און פאַר וואָס שווײַגן די מענטשן?
— ווײַל פון צו פיל טאָגליכט איז זייער ניגון בלינד.
נאָר פּאָעטן צינדן אָן די אויגן פון זייערע ווערטער מיט מוזיק.

— יע. שרײַבסט דאָך אויך לידער —
האָבן זיי אַ ניגון?
און וואָס וועלן זיי ווערט זײַן
ווען ס׳וועט פאַר זיי ווערן נעכטן.
— ניטאָ קיין נעכטן פאַר לידער —
ווײַל זיי האָבן קיין נאַכט ניט.
ס׳איז נאָר איין טאָג מיט איין ניגון —
און דאָס איז זייער אייביקייט.
דער ליץ שפּרינגט אַרײַן
מיט אַ גלאַנציק־שוואַרצן צילינדער
און לאַכט אַרײַן אין מיטן:
— אייביקייט...
שטייביקייט...
אויב דער גראַם איז ניט אָפּגעריבן
און דאָס ליד איז גוט אָנגעשריבן —
האָט עס די מעלה
וואָס ס׳וועט דויערן אַ ווײַלע
ביז מ׳וועט זאָגן קדיש נאָך אים.
וויפל יאָרצײַטן, מישטיינס געזאָגט,
קען זיך די פּאַפּירענע אייביקייט פאַרגינען?
כ׳שרײַ אים אַרײַן אין ביינעריקן פּנים:
— ס׳פּאַסט דיר גוט דײַן מאַסקע —
ווײַל דו ביסט דער מלאך־המוות פון ליד
און אַ ציניקער — פול מיט חוזק־שטעכלקעס.
אָבער לידער פון מענטשלעכן ווי און טרויער
וועלן קיין מאָל ניט פאַרגיין.
— ביסט אַ נאַרישער פּויער!
דײַן טרויער
און ווייטיקייט
איז בלויז בלעטערדיקע ווערעמדיקע פאַרגייִיקייט...
— בלויז לצנות! ניטאָ אין דיר קיין שמץ אמונה?
— כאַ־כאַ־כאַ, אמונה... ווי קענען טויטע האָבן אמונה?

איז דאָס ליד טויט?
און ווּ זענען די טעג פֿאַרבליבן?
זענען די טעג אין די לידער פֿאַרקריצט?
כ׳וועל איצט גיין איבער די לידער
צונויפֿצוקלײַבן די צעשערבלטע טעג.
כ׳וועל זיי פֿון די שורות אַרויסגראָבן.
אָבער צו וועמענס טעג גייסטו?
ביסטו — דו?
און ווּ בין איך?
ווּ בין איך — געווען נעכטן?
בין איך בלויז הײַנט — איך?

איך צייל די ווערטער
און כ׳צייל די טעג.
אָט צאַפּלען זיי אויף
און כ׳זע זיי ווידער אויפֿלעבן.
ס׳איז גוט צו זײַן איך —
איך אָן אַ דו —
ניט געשפּאָלטן.
אויף מײַנע פֿאַרוועלקטע ליפּן
בליִען־אויף אַזוי פֿיל פֿראַגעס —
נאָר דער שאָטן פֿון לץ
שטעלט זיך אין מיטן און לאָזט ניט פֿרעגן.
ער שנײַדט אָפּ פֿאַר מיר אַ פּאַסיקל אייביקייט,
דערלאַנגט עס מיר ווי אַ מוציא טרוקן ברויט,
און לאַכט סאַרדאָניש:
— נאַ, דאָ האָסטו אַ צויט
פֿון דער געטלעכער שלעפּ —
בינד אַרום דײַן פּעקל לידער
און וואַרף אים אַרויס אויפֿן געטער־מיסטקאַסטן.

— אײַ־אײַ־אײַ, צײַטן...
טו איך אַ זיפֿץ פֿון גאַנצן האַרצן.
— זײַ ניט אַזוי דערשלאָגן!
אַט וועל איך פֿאַר דיר אַ דריי טאָן
די טעג אויף צוריק —
איך בין אַ קונצן־מאַכער
און קען דעם טריק...
— שוואַרצקונסט? — פֿרעג איך פֿאַרזאָרגט.
ער כאַפּט אַראָפּ דעם צילינדער
און פֿאַרנייגט זיך עלעגאַנט:
— אַ נייק, מײַן הער!
כ'האַלט ניט פֿון שוואַרצער קונסט.
איך בין אַקראָבאַט דע בלאַטער יאַט...
ער קוועטשט ממזריש צו אַן אויג
אין לאָך פֿון סקעלעטישן שאַרבן
און מיט צעפֿלויגענע פּאָלעס
יאָגט ער אַרויס דורך דער אָפֿענער וואַנט.
און מיט אַ מאָל דערזע איך אַלצדינג קלאָר. —

די צײַטן דרייען זיך
ווי אַ פּוסטער קאַרוסעל
אויף צוריק.
די בונט־פֿאַרביקע פֿערדלעך
קענען מער ניט אַנטלויפֿן.
זיי זענען צוגעפֿענטעט צום ראָד
וואָס טראָגט זיי צום נעכטן־געוויכער.
די שטערן גלימצערן מיט גאָלד
וואָס איז קיין גאָלד ניט.
ייִנגלעך און מיידלעך רײַטן
אויף די הילצערנע פֿערדלעך.
איך בין אויך אין מיטן.

אונטער אונדז — נאָך אַ קאַרוסעל.
און טיפֿער — נאָך קאַרוסעלן.
רייען נאָך רייען
אַראָפּצו —
אַ תּהום פֿון קאַרוסעלן.
איך דערזע מיט אַ מאָל
אַן אַלטער חבֿר שטייט לעבן מיר —
נאָר זײַן נאָמען געדענק איך ניט.
— וואָס איז דאָס אַלץ? — פֿרעג איך אים.
— דער תּהום פֿון נעכטנס.
בענקשאַפֿטן.
חלומות.
אינטערעסאַנט און פֿאַרווײַלנדיק.
אַפֿילו פֿאַרכאַפּנדיק...
קוים זען, — ציט ער מיך צום אַראָפּ.
— שלעפּ מיך ניט אַראָפּ... — בעט איך זיך.
— וועל איך דיך נעמען אַרויף —
אָבער אַהין וועסטו אַליין זײַן ס׳פֿערדל.

כ׳לאָז זיך אַרײַנטאָן אַ גאָלדן צײַמל
פֿון זונשטראַלן
אין מײַן מויל
און מיר גאַלאָפּירן צום שפּיץ באַרג —
צוויי זילבערנע פֿערדלעך, ווי וואָלקנס.
מיר זענען אַרויפֿגעריטן.
ס׳איז אַזוי גרינג און גיך געווען.
איך קוק אַראָפּ אונטן —
צום פֿינצטערן טאָל — פֿון ווו מיר זענען ערשט געקומען:
גיליאָטינירטע טעג —
ווי בלוטיקע קעפּ —
קײַקלען זיך אַרײַן אין תּהום מיט אַ קראַך.

איך שטיי אויפֿן שפּיץ באַרג —
אַן אַרומגעפּליקטער
פֿון מײַנע טעג.
האָט מיך דאָ עמעץ געקעפּט?
ראָלט מײַן קאָפּ אויך
צום טאָליקן אָפּגרונט?
— אויב די אויגן זעען נאָך —
האָסטו נאָך דעם קאָפּ אויף די פּלייצעס...
חוזקט דער לץ.
איך טאַפּ אָן דעם קאָפּ.
אמת!
דער לץ איז גערעכט.
איך קוק און זע אַלץ
דערווײַטערט —
ווי משה האָט געזען
דאָס צוגעזאָגטע לאַנד.
און אפֿשר האָב איך בלויז דעם קאָפּ —
ניט דעם גוף? — דערשרעק איך זיך.

דער לץ קײַקלט זיך פֿאַר געלעכטער
אין ווײַס־בלענדיקן שניי.
ער קײַקלט זיך אַראָפּ־אַרויף,
אָבער אַראָפּוואַלגערן זיך וויל ער ניט:
— האָסט אַ מאַנקאָליע
און ביסט כאָליע
אויף איך־דו...
דאָס איז אַ צווילינג —
איין גוף און צוויי ווילנס.
און אַ קאָפּ דאַרף האָבן אַ גוף!
פּוף־פּוף פּוף — —
און ער ווערט נעלם.

וואָס איז גוף ?
וואָס איז קאָפּ ?
ביידע — ניט גוט אַפילו פאַר דעם רוים,
נאָר פאַר דעם ערדישן מיסטקאַסטן.
ווי קען איך דען זײַן אַנדערש ?
אַנדערש !
אַנדערש !!
גוואַלד, רבונו־של־עולם,
ווי ? ווי ? ווי ?
ניין, אַנדערש קענסטו ניט זײַן !
קוק אויף די מענטשן —
גאָטס באַשאַף —
ביסט ווי זיי.
ווי דו.
ווי איך.
איך־דו
און פאַרקערט אויך — דו־איך.
אַ צווייִקער —
אַ פאַרטאָפּלטער פון איינעם
אין איינעם.
און דאָרט איבער דיר — אין קאָסמאָס —
איז פאַראַן דער אמתער כּוח —
דער מאַכטיקער קלוגער גאָט
וואָס איז איינער !
גאָט ?
נאָר איינער ?
ווער איז ער
דער איינער ?
דער וואָס דו זעסט אים ניט
און מוזסט גלויבן אין אים !

אָ, גאָט!
האָסט מיך איבער לענדער געטראָגן —
מענטשן פאָרן, וואַנדערן,
און מיך האָסטו געטראָגן —
ווי דעם לעגענדאַרן אַהאַספער.
איך האָב שטענדיק געשוועבט
מיט דיר —
אין דער לופטן
און געמיינט אַז כ׳בין נאָך אַ קינד.
דעם חלום־פּאַספּאָרט —
אַרײַנצוקומען אין דײַן לאַנד —
וואָס איך האָב געהאַלטן פאַררוקט טיף אין קעשענע,
האָב איך אויפן וועג פאַרלוירן,
האָבן דײַנע שומרים
מיך ניט צוגעלאָזן
נאָענט צו דיר — —
— אָ, נאַריש יינגל...
— אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט,
גאָט פון אַלע מײַסטערס!
— האָסט אויך געוואָלט זײַן אַ מײַסטער —
אָבער מ׳קען עס ניט ווערן סתם פון זיך.
אַזאַ ווערט געבוירן
מיטן קוש פון גאָט
אויף זײַן שטערן.
— און ווי דערקענט מען אים?
— מ׳דערקענט אים פון זײַן אמת.
וואָס נענטער ער איז צום אמת
אַלץ גרעסער איז ער.
— און אויב ער איז כולו אמת?
— דאָס איז גאָט אַליין —
דער באַשאַפער פון מײַסטערס.

— און אַז מען דערגייט צו אים?
— דער וואָס פּרוּווט עס —
ווערט פאַרברענט נאָך איידער ער דערגייט.
— איז עס זײַן קדושה?
— ניין, ס׳איז דאָס פײַער פון וואָרט —
וואָס איז אַבסאָלוטער אמת.
— קען עס קיינער ניט דערגרייכן?
קיין ענטפער איז ניט געקומען.

איך בין געלעגן אין טאָל.
ווער האָט מיך אַראָפּגעשלײַדערט
פון שפּיץ באַרג?
דער ווײַסער שניי איז געווען
ווײַט־ווײַט —
ווי אַ קליינער דימענט אין זון.
מײַן שפּיץ צונג האָט געברענט
מיט אַן אומדערטרעגלעכן ווייטיק —
און ס׳האָט מיך דערמאָנט אָן מײַנע טויטטעג
ווען איך האָב געבראָדזשעט
דורכן שוואַרצן חושך־זומפּ
ווי דורך צעפּלאָמטן פעך.
מסתּמא איז דאָרטן געווען
דער סאַמע אמת —
און מיט זייער טויט
זענען זיי צום אמת אַוועק.
און מיר וועלן קיין מאָל ניט פאַרשטיין
זייערע ווערטער וואָס זיי האָבן גערעדט
אויף דעם לעצטן גאַנג.
און די וואָס זענען דורכגעקראָכן
אַלע טונעלן פון טויט — צום לעבן,
האָבן אויך ניט דערהערט דאָס וואָרט פון אמת — —

— באפרײַונג!
האָט פלוצלינג אויפגעשאַלט אַ וואָרט.
איז דאָס וואָרט געווען אמת?
אין האַרצן האָב איך ניט געגלייבט
אין זײַן אמתדיקייט.
טאָ פאַר וואָס האָב איך זיך
אַזוי געפרייט
מיט דער פרײַהייט?
איז דאָס אַריבערגעלעבט לעבן — אמת?
פון די אומגעקומענע איז ניט געקומען
קיין ענטפער.
זיי האָבן געשוויגן
און טויטערהייט זיך אַוודאי געוווּנדערט
פאַר וואָס מיר פרייען זיך.
בלויז די לעבעדיקע
האָבן געטאַנצט מיט פאַרטיקע ענטפערס
און מיט ווײַסע שמעקעדיקע בולקעס
אַנטקעגן אונדזערע שפּיטאָל־בעטן.
אונדזערע אויסגעצערטע לײַבער
האָבן זיי פאַסצינירט,
באַגײַסטערט,
עקזאַלטירט —
אַזש זיי האָבן זיך באַלעקט
פון יסורים־זיסקייט — —
זיי זענען געקומען פון אַמעריקע
און פון אַלע עקן וועלט
אָנקוקן גאָטס וווּנדער־ייִדן —
און אונדז געשטאָפּט מיט פּילן
און געקעכלט מיט געשמאַקע קאַשקעלעך...
און זיי האָבן דעקלאַמירט:
— לעבן איז דער ענטפער!

איז דאָס אַלץ געווען אמת ?
האָבן זיי אַזוי שטאַרק געגלויבט
אַז אונדזער לעבן איז אמת ?
איך וווּנדער זיך נאָך הײַנט —
אַפילו לייוויק !
דער גרויסער אומשטאַרביקער לייוויק
האָט אויך געטאַנצט דעם טויט אַנטקעגן
מיט ווערטער —
בלויז ווערטער.
אָבער וואָס האָט ער
נעבעך געקענט טאָן —
אַז אַרום האָט געבושעוועט אַ מבול פון רייד.
אַ וואַקכאַנאַליע פון אָראַטאָרישע טרומייטערס.
וואָלט ניט בעסער געווען
דאָס שווײַגן —
ווען ווערטער זענען געוואָרן אומהייליק ?
און וויפל ווערטער דאַרף איינער
אויף צו זאָגן דעם אמת ?
הרגעט ניט אַ וואָרט אַוועק
זײַן אייגענעם מײַסטער ?
און ווי ווײַט זענען
קדושה און רציחה
איינער פון אַנדערן ?
— ווען מ׳לעבט איז פאַראַן
בלויז רציחה.
ווען מ׳שטאַרבט —
קומט די קדושה...
— ווער רעדט עס ?
איז עס ווידער דער ליץ
וואָס בלאָזט אויף מיר אומזיניקע רייד ?

לעבן ?
מ׳האָט געמוזט לעבן —
אָן פילאָסאָפיעס.
ס׳האָט זיך געדענקט די היים.
זי איז נאָך געווען פריש
אין די בלוטן און אין מוח.
איך האָב זיך ניט אומגעקוקט —
ניט געוואָלט גיין צוריק.
צו וועמען ?
נאָר אין אַלע גלידער
האָט ווי אַ ווײַטער עכאָ
גערוישט :
לי־טע !
נעכטיקע ליטע !
איך האָב געוואָלט
דעם ווידערקול דערשטיקן
און ניט געקענט.
אויב שטאַרבן —
וועט ער צוזאַמען מיט מיר.
און איך האָב ווידער געלעבט —
און דאָס ווידערקול
האָט געזוכט אויפצולעבן
אַ צעמאָרדעוועטע וועלט.
אויף וועמענס חשבון ? —
וועמען אויף צו להכעיס ? —
ווען אַלע וועלטן זענען געווען טויט.
דער ניט אויסגעלייזטער עכאָ
איז געהאַנגען ווי אַ קללה
איבער אַלע נעכטיקע וועלטן.
וועלטן אַרײַנגעדרייט אין וועלטן.
חרובֿע וועלטן — וואָס האָבן אויפגעהערט קרײַזן.

מײַן טאַטע — אַ וועלט.
מײַן מאַמע — אַ וועלט.
ברידער.
שוועסטער.
זענען זיי טאַקע געווען אַ מאָל ?
געלעבט ?
געלאַכט ?
געשלאָפֿן ?
קינדער געהאַט ?
וועמענס וועלטן זענען זיי ?
מיט זייער טויט
האָבן זיי זיך פֿאַרקליבן
אין יעדן קעמערל פֿון מײַן הויט.
און כ׳טראָג מײַן הויט איצט
ווי אַן אַלטע הייליקע העמד —
אַ העמד פֿון אַלע מײַנע דורות.
ווי קומט צו מיר אַזאַ העמד ?
ווער האָט עס מיר געשענקט ?
און מײַן העמד איז דאָך פֿאַרברענט —
שמעקט מיט אַ רויך
וואָס האָט קיין נאָמען ניט.
נאָך אויף מײַן גוף
האָב איך געקאָפּעט פֿריש וואַסער
(אפֿשר קעלניש וואַסער, ווײַ איז מיר ?!)
כּדי צו פֿאַרטרײַבן דעם גערוך
פֿון יענער סמאַליעניש.
כ׳האָב מײַן גוף אויסגעלופֿטערט
אויף אַלע נײַ־געבוירענע יונגע ווינטעלעך —
מ׳זאָל ניט דערפֿילן
דעם שטינקנדיקן־שטיקנדיקן רויך.

אין די טעג בין איך געזעסן
בײַ ליכטיקע ציכטיקע טישן
און געלאָזט זיך סערווירן
די בעסטע עסנס און וויַינען,
מוזיק און געזאַנג —
און הנאה געהאַט.
אין די נעכט פלעג איך פאַרזינקען
אין אַ מידן משוגענעם שלאָף...
און דו — מײַן אַלטער דו —
ביסט תּמיד געווען מיט מיר,
נאָר איך פלעג פון דיר אַנטלויפן
ווי מ'לויפט פון אַ צעווילדעוועטער שׂרפה.
און אַז מײַן מוח פלעגט זיך אָנצינדן
פון אַ פונק — וואָס דו פלעגסט אַרײַנשיסן —
האָב איך שוין אַ גאַנצע נאַכט געברענט.
און דו פלעגסט ניט אויפהערן קלאַפּן
אין מײַנע צעגליטע ביינער —
ווי שוואַרצע שדים אין אַ חורבֿה.
האָסט געטאַנצט אין מײַן האַרצן
מיט סקעלעטן־פיס און פריידיק געיאָמערט:
— לעבסט... לעבסט... לעבסט...
און איך בין יעדע רגע געשטאָרבן
מיט זיבן מאָל זיבן טויטן
און מצדיק געווען אויף זיך דעם דין.
אָבער באַגינען פלעג איך דיך אויפהייבן.
אַרומוואַשן. אויספּוצן — ווי ס'פּאַסט זיך אין אַ לײַטישער וועלט.
אָנקלעפּן דעם פאַלשן שמייכל אויף דײַן פּנים
און דיך אַרויסטראָגן אין גאַס.
פלעגן מיר ביידע גיין —
און קיינער האָט דיך ניט דערקענט.

מיר זענען געווען צווי.
דער נײַער איז געגאַנגען גיך,
נערוועז אונטערגעלאָפן צוביסלעך.
דער אַלטער — וואָס איז אין יאָרן געווען ייִנגער —
אַמאָליק־אַמאָליקער אײַנגעשרומפּטער איך —
איז נאָכגעשפּרונגען ווי אַ קאַרליקל
און קוים נאָכגעהאַלטן דעם גאַנג.
טרערן זענען אים גערונען
אויף די קינדיש־צאַרטע בעקעלעך.
אַזעלכע גרויסע און טרויעריקע טרערן —
יעדע טרער
גרעסער ווי ער אין גאַנצן.
ער האָט געפּאַטשט מיט די הענטלעך
און די רויט־פאַרוויינטע אויגן
האָבן זיך געבעטן:
— איך בין אַזוי פאַרמאַטערט.
נעם מיך אויפן אָרעם.
כ׳וועל דאָ באַלד אַוועקפאַלן
און וועסט מיך פאַרלירן — —
— ווער ביסטו?
— געדענקסט... — מער זאָגט ער ניט.
און פון דעם איין וואָרט
ווערט מיר אַזוי מאָדנע וואַרעם.
— אַוודאי געדענק איך...
און מײַן האַרץ צעגייט מיר
פון דערמאָנונגען.
איך זע דיך אין אַלע פאַרבן.
אָבער צוליב עפּעס קען איך דײַן נאָמען
זיך מער ניט דערמאָנען.
שוואַך געוואָרן דער זכּרון
אויף נעמען — נעכטיקע נעמען...

— פּראָווע ניט דײַנע שטיק... — ווערט ער בייז.
זעסטו ניט אַז איך בין דו.
טאָ פאַר וואָס לאָזסטו מיר נאָכלויפן
דעם גאַנצן לאַנגן וועג?
— היץ זיך ניט. לאָמיר זיך צוזעצן
און די זאַך באַקלערן כּדבעי.
מיינסטו טאַקע אַז איך בין דו?
אָבער ווי קען אַ איך זײַן אַ דו?
— אַט גאָר פּשוט:
אַ איך־דו —
ווערסט עס גלײַך זען
און זיך דערמאָנען...
— פאַרדריי מיר ניט דעם קאָפּ, שנעקעלע...
נאָר ווי איך וויל זיך אָפּקערן פון אים,
דערפיל איך עפּעס אין האַרצן
און ס׳טראָגן זיך אָן אויף מיר ריחות.
די לופט הייבט אָן שמעקן מיט כּרם און פּרדס.
זוניקע גאָלדענע מאַראַנצן
אין פּתח־תּקווה.
גילדענע שטענגלעך ווײַנטרויבן
אונטער בלויע הימלען
אין בנימינה.
— קום צוריק... — זאָגט ער.

1931.

כ׳נעם אים פאַר אַ הענטל
און מיר גייען צוריק —
צוריק — —
ס׳איז גאָר מײַן אייגענע האַנט —
יונג און פריש און קינדיש־צאַרט —
מײַן האַרץ ווערט יינגער — קלאַפּט אין איר הויפן.

אַ גאָלדענער טויער באַפּוצט מיט בלומען־גירלאַנדעס.
און איבער מײַן קאָפּ — אַ פֿאַנטאַסטישע בלויקייט.
איז דאָס דער הימל ?
איז איצטער טאָג ?
ווו זענען מיר ?
מײַן מיטגייער שעפּטשעט קוים־קוים צו הערן :
— מיר גייען אויף צוריק —
צום חלום וואָס איז פֿאַרפֿלויגן.
הער די שטילקייט...
כ׳וויל אַ געשריי טאָן
אַז ער זאָל אָפּשטעלן דעם כּישוף —
נאָר אין דער זעלבער רגע
דערפֿיל איך אין מײַן האַנט
אַ גלאַט און וואַרעם מיידלשע האַנט
און מײַן האַרץ שפּרינגט שיער ניט אַרויס
פֿון וווּנדערלעכער אַנטפּלעקונג.
כ׳הער אין דער שטילקייט פֿון בין־השמשות
אַנדאַלוזער סאַנאַטן
(ערשטע פּאַטעפּאָן־פּלאַטע וואָס דער קיבוץ האָט געקויפֿט)
און די פֿאַרבענקטע ווײַטע מוזיק
שטראַלט דורך אַלע קעמערלעך פֿון מײַן לײַב.
איר האַנט צאַפּלט אין מײַנע.
איך סודע איר אין אויער
און פֿיל די יונגע וואַרעמקייט
פֿון אירע אויערן־לעפּלעך אויף מײַנע ליפּן.
— דאָסקאַ ! דאָס־קאַ !..
זיך פֿאַרט געטראָפֿן...
זי קוקט אויף מיר מיט אירע
צעשמייכלטע קאַלמיקיש־קרומע אייגלעך
און שווײַגט. ערנסט און מונטער — ווי תּמיד.

— קום אַרײַן צו מיר אין אוהל...
זאָגט זי שטיל און דריקט זיך צו מיר.
נאַכט. די לבֿנה האָט אויסגעזילבערט דעם אוהל
און די גאַנצע וועלט אַרום.
זי האָט זיך צוגעשיפּט
פּונקט איבער אונדזערע קעפּ
און אונדז אײַנגעטונקט אין אַ בלויען חלום.
אונדזער בענקשאַפט ציטערט אויפֿן האָריזאָנט.
פֿון טונקעלן חדר־אוכל דערגייען שטילע קלאַנגען.
אין אוהל איז די לופֿט אָנגעזאַפּט
מיטן שיכּרות־ריח פֿון צײַטיקע פּירות.
אַ זשאַבע קוואַקעט ערגעץ דערבײַ.
שאַקאַלן וויינען אויף די בערג.
איך אָטעם דעם מיידלש־רײַפֿן ריח פֿון לײַב.
כ׳קוש זי אויס פֿון מינדסטן פֿינגערל
ביז די הייסע סאַמעטענע ליפּן
און צוריק — פֿון אויבן נאָך אונטן.
איך וויין —
צי איך זינג? — —
פּלוצלינג טוט זי אַ שפּרונג:
— כ׳מוז לויפֿן צו מאָטקען —
ער וואַרט אויף מיר...
— אין מיטן נאַכט! ביסט משוגע...
— ניט אין גאַנצן... — לאַכט זי.
אַ האַלב־נאַקעטע שפּרינגט זי אַרויס פֿון אוהל
און אַנטלויפֿט.

(מיר זענען דער ערשטער מאָדנער־מאָדערנער „עקספּערימענט" דאָ:
דער דרײַעק — —
דאָסקאָ און מאָטקע — פֿוןביידע זײַטן.
איך — אויפֿן שפּיץ.) —

— דאָסקאַ! יהודית!.. — רוף איך איר נאָך
און מײַנע הענט כאַפּן אַרום
די פּינצטערע פּוסטקייט
— — — — — — — — — —
ווו זענען איצט די צוויי?
און זייער טעכטערל?
זיי זענען געווען די צוויי
וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעהאַלטן.
אויך — מיט ליבע.
און איך — אַ דריטער. אַן איבעריקער.
ס׳איז צום לאַכן: אַ פינפטער ראָד צום וואָגן...
דער עקספּערימענט־נסיון איז פאַרבײַ —
אָבער מיר זענען געבליבן פרײַנד, חבֿרים,
ווי ס׳וואָלט גאָר ניט פּאַסירט.
וואָלט איך געקענט זיך אַראָפּווײַנען
פון האַרצן מיט שטיינער,
מיט שוואַרצע שווערע שטיינער —
וואָלט איך אַוועקגעשטעלט אַ שוואַרצן באַרג
צוקאָפּנס
פון זייער אומבאַקאַנטן קבֿר —
אַ מצבֿה. — —

הײַנט בין איך אויך געבליבן
צוויי — אַ דו־איך —
צוויי וואָס איז איינער.
און דו שטעכסט אַרײַן אין מײַן לײַב
די שפּליטערס געדענקשאַפט —
ווי דערנער פון יענער וועלט.
פאַר וואָס אַזאַ זיסער ווייטיק —
זענען די דערנער פון יענער וועלט אַנדערש?
— דאָס זענען די דערנער וואָס וואַקסן אין דיר —
זיי טוען ווי מיטן גליק פון נעכטן.

זכרון־דערנער. ירושה־דערנער.
און איך טראָג ווײַטער די ירושה
פון משה דעם קירזשנערס משפּחה.
כ׳בין געבליבן דער איינציקער
עלנטער גליד פון פינף ברידער
און אַ שוועסטער. —
מיט זיי צוזאַמען בין איך געווען
מײַן גאַנצע יינגלשאַפט —
און אַלע זענען מיר געווען יונג.
און אַז מ׳איז יונג —
איז מען פריילעך.
הײַנט בין איך אַליין
און טרויעריק.
אָבער עס פּאַסירן אַזעלכע נעכט
ווען די גאַנצע משפּחה
שפּאַרט זיך אַרײַן צו מיר
און ס׳ווערט לעבעדיק און ליכטיק.
ווונדער פּאַסירט.
ניסים פון געדענקען.
דער וואָס וויל לעבן ווײַטער
מיט אַלעמען און אַלץ צוזאַמען
קוואַרטירט זיך אײַן אין מײַן גוף.
אַ מאָל קומט אַזאַ איינער בגוואַלד,
און אַן אַנדערש מאָל פליט מען אָן פרײַ
און אַ גאַנצע קאָמפּאַניע —
ווי פלאַטערלעך אין אַ זוניקן זומערטאָג.

— אָ, ווי אומרעאַליסטיש דאָס איז הײַנט פאָרגעקומען.
און דו האָסט עס אַלץ געטאָן פאַר מײַן גליק —
איך זאָל ווידער קענען אָנרירן מײַן יונגשאַפט.
ס׳איז ירושה — האָסטו געזאָגט. — מײַן ירושה!

ירושה!!!
דאָס וואָרט שרײַט מיט קולי־קולות
אין מײַנע אויערן.
דאָס וואָרט האָט ווי אַן אײַזערנער פּאַנצער
מײַן לײַב אַרומגעפּרעסט.
דאָס וואָרט ווערט אַ קייט
אויף מײַן האַלדז.
ווילן מיך דײַנע וואָרעמע דערמאָנונג־הענט
דערשטיקן מיט דעם איין וואָרט?
ירושה!!!

— שרײַ ניט, דודל,
ס'איז בלויז אַ בייזער חלום.
אַזוי וועקט מיך די מאַמע איבער
פון חלום צו חלום.
כ'ליג מיט אָפענע אויגן
און קוק אין דער פינצטערניש.
וווּ בין איך?
כ'ווייס ניט —
אָבער ס'איז אַוודאי ניט קיין בעט...
אָט זע איך דעם טאַטנס טרויעריקן בליק
און דער מאַמעס שמייכלדיקע אויגן —
ביידנס בליקן זענען נאָך אַלץ בלאָ
און די ליבשאַפט שטראַלט פון זיי.

און אָט שאַרט זיך אַרײַן סראָלקע —
מײַן ייִנגערער ברודער.
פאַר וואָס קומט ער דורך אַ שמאָלן
שוואַרצן פּאַסיקל פון אַ קבֿר?..
ער בלײַבט וואַרטן. פאַרשעמט —
ווי ער וואָלט זיך איבערלייגן:
צוגיין צו דער מאַמען?..

די מאַמע וויינט שטילערהייט —
מיט די לעבערדיקע אויגן.
איר האַרץ פאַרגייט פון רחמנות.
ער איז אַזוי קליין און איינגעקאָרטשעט
און זיין שאַרבן איז מיט בלוט פאַרגאָסן.
אין אַ קליין הילצערן קעסטעלע
האָט מען אים דאָ געבראַכט —
צו זיי.
דעם טאַטנס ליפּן זענען בלוי ווי אייז.
די מאַמע וויל אויפשרייען:
— סראָליקל, מיין קינד,
פאַר וואָס האָסטו זיך געוואָרפן צום טויט?
נאָר איר מויל איז מיט ערד פאַרשטאָפּט.
ווייס סראָלקע וואָס די מאַמע וויל זאָגן
און ער שטייט ווי אַ פאַרשולדיקטער.
זיינע ליכטיקע בלויע אויגן,
ווי דער מאַמעס,
זענען פול מיט טרערן
(אַזוי האָב איך אים געזען
דאָס לעצטע מאָל).
און כ'הער ווידער זיינע רייד:
— זיי דערגייען מיר די יאָרן...
נאָך גוט וואָס איך האָב דיר
אַלע בילדער אָפּגעגעבן.
זאָלסט זיי היטן...
— אַוודאי וועל איך זיי היטן. זאָרג ניט!
— ווי קען אַ טויטער זאָרגן?
לאַכט ער טרויעריק, ווי יענעם טאָג.
— מאַך זיך ניט משוגע...
וועסט לעבן! וועסט לעבן!

— גלייב מיר, כ׳גיי אַרום אַ טויטער
שוין איבער דרײַסיק יאָר.
אַפּילו מיט אַ צוואה
האָט מען מיך יונגערהייט פֿאַרזאָרגט.
גלייבסטו מיר נאָך אַלץ ניט ?
— ניין, כ׳וויל מער ניט הערן פֿון טויט.
רייד בעסער וועגן לעבן.
— דו מוזסט הערן —
ווײַל אַניט וועלן זיי מיר ירשען.
— כ׳וואַרט ניט אויף דײַן טויט.
— אָבער כ׳קען מער ניט לעבן...
און כ׳וויל אַז מײַן ברודער
זאָל קריגן די ירושה !..
— אמת ! — זאָגט די מאַמע.

אַ שאַרבן מיט שיטערע גרויע האָר
וויגט זיך אין דער לופֿט.
איך שרײַ : — נעמט אים אַוועק !
אַ האַנט טרייסלט מיך אויף
און מײַן קאַשמאַריקע וועלט
צעשיט זיך אויף אַש.
איך רײַב אויס די אויגן...
— ווי איז מיר, ווי קומט אַהער אַ קופּע געלט ?
האָט ווער צוריקגעבראַכט די ירושה ?
— נאַרישקייטן, ניט פֿאַר דיר !
און יוספקע טוט אַ בלאָז אויפֿן געלט
און די פֿאַרביקע באַנקנאָטן צעפֿליִען
ווי געלע בלעטלעך אין האַרבסט.
און זײַנע האָר שטעלן זיך אויף —
ווי ווײַסע פֿעדערן פֿון אַ קראַנקן
אַלטן פֿויגל
— — — —

ווידער טרייסלט מיך אַ האַנט:
— ליגסט דאָך וואַך, מיט אָפענע אויגן,
טאָ וואָס גוואַלדעוועסטו מיט אַזעלכע קולות?
— ווייסט... ווייסט...
וויל איך אָנהייבן דערציילן.
—איך ווייס אַלץ! —
זאָגט דער זעלבער פּיטשי־מאַנטשינקער שנעקל.
— איך האָב דיך אַהער געבראַכט
און די גאַנצע צײַט קוק איך זיך צו
און זע אַלץ. אַלץ!
— טאָ לאָז מיך דאָ לענגער ניט איבער!
לאָמיר וואָס גיכער אַנטלויפן פון דאַנען —
גיכער! גיכער!!
— גוט. איצט וועלן מיר לויפן
ווײַט־ווײַט צוריק.
ער נעמט מיך פאַר אַ האַנט —
וואָס איז אויך זײַן האַנט —
און מיר יאָגן צוריק.
צוריק.
נעכטן־נעכטן.
נעכטן־נעכטן־נעכטן — —
— צום וויפלטן נעכטן
וועלן מיר צוריקלויפן?
— צו דעם יינגסטן.
מער קיין נעכטנס וועלן ניט זײַן —
ער איז דער סאַמע ערשטער.
— איז דען פאַראַן אַן ערשטער נעכטן?
— בײַ יעדן מענטשן איז פאַראַן אַן ערשטער נעכטן.
— וועלכער נעכטן איז עס?
— דער נעכטן פון דײַן סאַמע איך.

און דו וועסט ווידער זײַן
אַ שלמותדיקער איך —
אַ איינס אָן אַ צווייטן.
און ס׳וועלן צוריק
אין דיר אַרײַנבליצן
אַלע דערמאָנונגען
און געשעענישן.
אַלע פּנימער.
אַלע צאַרטקייטן
און גלעטענישן
און גלוסטענישן.
אַלע גוטיקייטן און שלעכטיקייטן.
מיצוות און עבֿירות.
תּענוגים און לײַדן.
פריידן און מאַטערנישן.
זיסע יסורים
און ביטערע עינויים.
תּאוות און נזירות.
הנאה פון זינד —
און חרטה. און שולד־קייטן.
און אַלע גסיסות
וועסטו נאָך אַ מאָל פילן.
און אַלץ וואָס דו האָסט געטאָן —
וועסטו ווידער זען —
און אַלעמען וועמען דו האָסט געקענט —
וועסטו ווידער טרעפן —
און דער איכדו
וועט זיך צוזאַמענשמעלצן
אין איין איינס.
דײַן ערשטער איך!

און בײַם סאַמע דערפילן דעם איך —
וועט גאָר די בענקשאַפט אויסרינען
פון דײַן גוף און נשמה
און וועסט בלײַבן ווי אַן אויסגעזויגענער,
פאַרדאַרטער און אויסגעטשמאַקעטער טײַטל,
וואָס אַ וואַנדערער האָט אַוועקגעוואָרפן
אויפן גלײַכן זאַמד פון מידבר — —
און דו וועסט מער ניט בענקען —
ווײַל מער וועסט גאָר ניט געדענקען.
כ׳פיל ווי מײַן גאַנצער גוף
ווערט אויפגעטרייסלט
און עמעצער שרײַט אַרויס:
— איך וויל קיין זאַך ניט פאַרגעסן!
איך וויל אַלץ געדענקען!
די שטילקייט רעדט:
— בײַם סאַמע איך פאַרענדיקן זיך
אַלע געדענקענישן און פאַרגעסענישן. — — —

טאָג. חלומות הענגען אונטערן בלויען הימל —
אַ געפלאָכטענע נעץ פון וואָלקנדלעך.
די זון באַגילדט זייערע ברעגעס.
איך האַלט נאָך מײַן קינדיש הענטל
און פיר זיך צוריק —
צוריק צו זיך!
דער לאַנגער וועג איז אָנגעצייכנט —
מײַלשטיינער מיט נעמען פון מענטשן.
ערטער. צײַטן.
איך גיי כסדר.
אָן אָפּשטעל. אָן אָפּרו.
די טעג זוכן די פאַרלאָשענע זון.
די נעכט פרירן אין זילבעראַש פון לבֿנה — — —

שטעל זיך אַפּ און מעק אויס אַלע רייד.
דײַנע חבֿרים וועלן לאַכן פון דיר.
זיך וויצלען פון די סופּערלאַטיוון:
— אַלטוואַרג... אָפּגעריבענע רייד... מליצות...
ווער דאַרף זיי אין דער נײַער צײַט?
— איך דאַרף זיי!
פֿאַר מיר זענען זיי יונג
און ליכטיק
און עכט —
מיט דער עכטקייט פון מײַן לעבן.
דערפֿאַר האָב איך אַלע רייד פֿאַרשריבן —
אויב אַפּילו קיינער חוץ מיר
דאַרף זיי ניט.
— איז עס דען גענוג פֿאַר אַ שטיקל פֿאַרציע אייביקייט?
— פֿאַר מײַן פּיטשי־מאַנטשינקע פֿאַרציעלע איז עס גענוג.
און ווי לאַנג די בענקשאַפט
איז נאָך ניט פֿאַרגאַנגען —
לאָמיר ווײַטער גיין. גיין. גיין.
— — — — — — — —
איך שפּרינג איבער צײַט.
איך קלעטער צו דער זון.
איך קום צום בלויען חלום
און דעק אָפּ זײַן שלייער:
אַ קלאָרע לויטערע קינדישע טרער
לאַכט און וויינט.
מיר האָבן זיך אויג אין אויג אָנגעקוקט —
מער קיינער איז ניט געווען —
איך — — —
איך — — —
דער וואָלקן אין שפּיגל
האָט אַלץ פֿאַרדעקט
— — — — —

טרויער

מײַן שטאָלענער גלויבן —
צעוואַקלט.
אין מיר איז פאַרזונקען
זײַן טרויער.
איך האָב אים געטראָגן —
אַ פאַקל
פון זוניקע פונקען
אין פענצטער אין בלויע.

כ׳וועל מער ניט זאָגן
צו קיינעם
ווערטער —
דעם גלויבן צו שטאַרקן.
מײַן גאָט — דעם איינציקן איינעם —
אין מיטן פון מאַרק — אים
מיט אייגענע הענט
וועל איך פאַרשטיינען.

ס׳וועט זײַן דער טאָג אַ פאַרקערטער,
און ווי אַש — אַזאַ גרויער.
אין שטוב וועלן וויינען די ווענט.
אויפן דאַך וועלן פייגל ניט זינגען.
פוסטעוועוען וועלן די וואַרעמע נעסטן.
און קינדער — אין לעכער פאַרקראָכן.
קיין קול וועט ניט קלינגען.
איז ווי זאָל איך מעסטן
די טיפקייט פון טרויער —
ווען גאָט ליגט צעבראָכן?

פאַרלאָשן די גלייביקע בליקן.
פינצטער די שויבן די בלויע.
פאַרטרויערט שטומט מײַן טרויער
און וויל זיך פאַר טרויער דערשטיקן — — —

אויסגעמישט



* *

אויסגעמישט פון אַלץ צו ביסלעך:
לאַך און טרער, גוטס און שלעכטס.
אונטערגעשטעלט ווערטער־פּיסלעך —
און זיי פאַרניגונט מיט אַ קרעכץ...

מיט האָפּקע־שורות זיך געהוידעט
און פאַרסך־הכּלט זיי, ווי ציפער...
נאָר אין האַרצן, כ׳בין זיך מודה,
פון ליד — דער אומעט זיצט נאָך טיפער.

אויסגעמישט אַלץ אָן אַ חשבון
און פון מײַן וועלט געמאַכט אַ קאַשע.
איך — פון טרויער־פרייד דער נס בין
און אַ מאַדים אויף מישמאַשן. —

פון ביטער־זיס איך פּרוּוו דאָ נאַשן ⟵

אַ, לאָמיר לאַכן, גאָט

אַ, לאָמיר לאַכן, גאָט. לאַכן! לאַכן!
אַ לעבן לאַנג דײַן שטרענגער בליק טוט מיר, דײַן קנעכט, באַוואַכן.
דײַנע דורות האָבן מיך מיט שאָטנס טונקעלע אַרומגערינגלט —
איז אין מײַן אויג אַרײַן פון אומעט זייערס אַ געפינקל.
אָט שטייט דער אַלטער פּעסימיסט קהלת איבער מיר און טרויערט:
— הבל־הבלים... מיט זײַן שוואַרצער טײַטל אין מײַן מאַרך ער בויערט.
זײַן ציטער־קול, ווי אַ דינע ווענטקע, אַבלדיק פאַרוואַרפט ער —
און דער האַטשיק אין געהירן מײַנע שנײַדט זיך טיפער, שאַרפער:
— הבל־הבלים... און זײַן עצבות־ניגון האָט מיך שוין געפאַנגען,
אַזש דאָס פּיצל בידנע לעבן ווערט מיר איבעריק, ווערט באַנג מיר.
אוי, גאָטינקע, האָסטו ניט געקענט צו נאָך אַ מיצווהלע זיך דערטראַכטן:
אויף געלעכטער, ווי אויף ברויט, פאַר דיר אַ ברכה מאַכן!

איז לאָמיר לאַכן, גאָט, פון גאַנצן האַרצן לאַכן!
האָסט אָנגעשטאָפּט מיר, ווי אַ זאַק, מיט טויט־ערנסטע זאַכן.
אַ פול האַרץ און מוח — ניט געקאַרגט האָסטו קיין טרויער,
און אַזוי פיל יאָרן די שפּיל די פּײַנלעכע שוין דויערט.
איז אפשר גאָר אַ סברא, זאָלסט אָטכײַען מיר, אַ קונצל מאַכן
און מיך אַ קיצל טאָן מיט אַ שטראַל אַ וואַרעמען אונטערן פּאַכווע —
און ווי קונדסים צוויי פון געלעכטער וועלן מיר זיך קאַטשען
(כ׳וויס, גאָטעניו, וועסט ניט לאַכן פונקט ווי איך, פאַרטאַטשקע).
וואָרעם זע אַליין: מײַנע חטאימלעך נישט ווערט זענען אַ שיבוש,
און טשיקאַווע, צי אַזעלכע פּיטשי־מאַנטשינקע ווערן גאָר פאַרשריבן
אין דײַן על־חטא־לייסטער, דעם שווערן און גראָמאַדנעם?
טאָ בעט איך דיר: לאָז די באַטריבעניש מײַנע יאָרן ניט פאַריאַדען.

טאַ העלף מיר לאַכן, גאָט. לאַכן. לאַכן!
מיט אַ שטורעמדיק געלעכטער, אַזש דײַנע הימלען זאָלן קראַכן!
כ׳מיין חלילה ניט קיין לעסטערונג, צי סתם אַ שפּאַס,
נאָר כ׳שטעל זיך פאָר ווי אויף יענער וועלט וועלן ווערן נישטיק־בלאַס
אַלע מײַנע קאַפּיטאַלנע זינד — פּשוט, ווײַס קעגן שוואַרצן חושך,
אַזש די מתים אַפילו וועלן קײַקלען זיך פון געלעכטער, פריילעך־רוישיק.
אַ פּנים, דאָרטן זעט אויס נאַריש־קאָמיש וואָס בײַ אונדז איז ליכטיק,
און אויך דער רשע אין גיהנום אין אַ רויך־געלעכטער שטיקט זיך...
איז מיר פון דעם אַלעם נודעוואַטע, אויפן האַרצן אַנגעזאַליעט —
ביז צום האַלדז כ׳בין אין ביטערניש פאַרזונקען און פאַרכאַליעט.
איז דאָס לאַכן, למען השם, אַ רפואה אי פאַר מיר, פאַר דיר — פאַרביידן,
טאָ לאָז מיר אין דײַן געטלעכער קאָמעדיע פאַר אַ קלאָון זיך פאַרקליידן.

און געלאַכט זאָל זײַן, טאַטע־פאָטער, לאַכן, לאַכן!
לאָמיר זיך אַ לאַד־חבֿריא אויף דער וועלט אין שותּפות מאַכן.
כ׳וועל אַ גרינע קרוין אַ ליכטיקע פאַר אונדזער פירמע פלעכטן —
און ווי בעז אין פרילינג, זוניק בלי׳ען זאָל אַרום געלעכטער.
דער רוח־חיים וואָס דו האָסט אין יעדן נפש אויף דער ערד אַרײַנגעבלאָזן,
לאַכט מיט בונטע פאַרבן — ווײַס און גרין, געל און בלוי און ראָזיק.
נישט מיטן אויער, נאָר מיטן דינסטן חוש — דעם פאַרשטאַנד, —
מיר הערן ווי עס לאַכט אין זון די מילב, דאָס פלאַטערל, דער העלפאַנד,
באַרג און טאָל, דער פעלדז אין ים — אַ רעגנבויגיקער צעבליאַסקעט,
און דו אַליין — לאַכסט מיט ליכט פון הינטער דײַן יצירה־מאַסקע.
נאָר איך, ווי דײַן הויפנאַר, אַ צלם־אלוהימדיק פאַרגרימירטער,
שטיי אין מיטן פון דײַן וועלט — אַן אומעטיק־פאַרצערטער און פאַרפירטער...

לאַכן און וויינען

אַז דו לאַכסט — לאַכט מיט דיר די גאַנצע וועלט,
נאָר אויב דו וויינסט — וויינסטו פאַר זיך אַליין.
דעם אָ קלוגן פסוק האָט מיט מיר אײַנגעקנעלט
אַן אַלטער פרײַנד אין נײַעם לאַנד — און זיך געלאָזן גיין.

כ׳האָב לאַנג געדענקט זײַן קלעפּיק שמייכל אויף די ליפּן
און דעם גלאַנץ פון זײַנע ווײַסע פאַלשע ציינער,
ווי אַ קעלנער וואָס אומגעדולדיק וואַרט אויף „טיפּן".
און כ׳האָב געפילט — מײַן שמייכל ווערט פאַרשטיינערט.

און שווער געווען צו טראָגן איז דעם טרויער פון אַליין.
ווען אויפגעטײַעט האָבן אַלע גליווער־טרערן פונעם נעכטן,
נאָר שווערער נאָך געוועזן איז דעם שׂכל צו פאַרשטיין:
ווי פּלאַצט מען אָן אַ זין אַרויס מיט אַקטיאָרישן געלעכטער.

און ניט געווען איז קיינער אויסצוגלעטן די פאַרדראָסן,
האָב איך אַ ליפּ פאַרביסן און פאַרשטיקט דאָס וויינען,
דעם צער אין זיך פאַרפרעסט, דעם ווי פאַרשלאָסן,
כ׳האָב ניט געלאַכט מכּלומרשט — אַז מענטשן זאָלן מיינען...

כ׳האָב מיט זיך אומרחמנותדיק און האַרט געפאַכטן —
און דער אַרום צוריקגעשלאָגן האָט מיט חוזק און מיט האַס,
ביז די פאַררעטער־שמייכלען האָב איך אויסגעשאָכטן
און מיט אַ קאָפּ אַ שטאָלצן זיך געוויזן אויף דער גאַס.

און כ׳האָב געשפּאַנט, ווי אַ מאָל, מיט חלום אין די אויגן
און מיטביידע הענט אַרומגעכאַפּט זיך מיט דער וועלט,
און כאָטש מײַן טורעם איז געווען אַ קאָפּעטשקע געבויגן,
האָט אַ ליבשאַפט־שמייכל אויף מײַן פּנים אויפגעהעלט.

אויב דו לאַכסט — לאַכט מיט דיר די גאַנצע וועלט,
און אַז דו וויינסט — וויינסטו בלויז פאַר זיך אַליין.
זינט דער אָ אמת האָט אַ בלאָז געטאָן אויף מיר מיט קעלט —
האָב איך אויף צו להכעיס מער שוין ניט געוויינט.

די לאַכנדיקע מאַסקעס

די געסט פּאַרצי̇ען פּנימער, אין פרײַנדלעכע גרימאַסן,
און ווערטער גליטשן זיך פון צונג — מתיקותדיקע, ווייכע.
טריפט דער לאַקרעץ פון די לעכער־לאַכנדיקע מאַסקעס —
און טאַטע־מאַמע קלײַבן די אַרויסגעקוועטשטע שמייכלען.

עס שאָקלען זיך די קאַלכיק־ווײַסע ציינער צו צום טאַקט
פון דעם דזשאַז — וואָס טראַסקעט דאָ אויף אַלע כּלים.
די מאַסקעס הייבן אָן פון מיוזיקל דעם ערשטן אַקט,
און דער „בעסט מען" — די עליות צו פאַרטיילן.

און דער ראַבײַ — אַ מאַדים איז אויף „ספּיטשעס מאַכן",
מ׳לעקט די פינגער פון זײַנע האָניקדיקע ווינטשעוואַניעס.
אין צווייטן אַקט שיט דער פּרעזידענט מיט וויצן. אַלע לאַכן.
אין דריטן אַקט מאַכט מען אַ תּל פון אינדיקעס, וויסקיס, ווײַנען.

אין עפּילאָג איז שוין די לופט, ווי סיראָפּ קלעפּיק־זיס.
דעפּילירן אַלע געסט אין אַ פּאַראַד, אין שײַן צעבליאַסקעט, —
און ווי פאַלשער מינץ ס׳פאַלן צו די מידע טאַטע־מאַמע־פיס
שמייכלען — אומזיניק־זאַטע — פון די אויסגעפּוצטע מאַסקעס.

די חכמה פון אַליינזײַן

וואָס איז די חכמה פון אַליינזײַן? — אין האַרצן וויינען,
אַז קיינער זאָל ניט זען ווי ס'איז דײַן מוט באַטריבט,
און דײַן טרער — פאַר זיך אַליין, אין זיך פאַרליבט —
שלײַף־אויס ווי אַ שפּיגעלע, דעם טרויער צו באַשיינען.

און אינעם שפּיגעלע דו זעסט שוין ניט קיין איינעם,
חוץ דעם פלאַם, וואָס מיט ניסים האָט דײַן היים געהיפּט,
און אויפן דאַך דעם וואָלקן, וואָס זײַן גרוי נאָך זיפּט
שאָטן־שמייכלען אומעטיקע — אין דײַן שפּיגעלע דעם קליינעם.

די חכמה שמייכלט דאָ פון זיך אַליין צו זיך אַליין
און אַריבער זיך אַליין זי וואַקסט, אַ גאָרן אויף אַ גאָרן,
זי איז אונטער דײַנע פיס פעלדזיק־האַרטער קיזלשטיין,
און איבער קאָפּ דײַנעם — קלאַנגען פון אַ זילבער־האָרן.

ווער שאַלט אין האָרן אַזוי אומעטיק? — דו אַליין. אַליין.
און מיטן שאַלן שפּיגלסטו אַרויס פון האַרצן דײַן געוויין.

שטאַרקער מאַן

ווי הערקולעס דו גייסט אַרום, פֿאַרשיכּורט פֿון דײַן קראַפֿט,
און זומערס הייסע טראָגסט אין גוף, ווי שטורעמס אָנגעלאָדן.
אין מיטן פֿון דײַן פֿלי לאָזסטו זיך אַראָפּ צום באָדן —
און זשמעניעס ערדיש גליק דו שעפּסט און טרינקסט זײַן זאַפֿט.

און באַגערטע טרוימען, ווי באַגינען טויבן, פֿלי:ען אָן פֿאַרגאַפֿט.
אין דײַן בלוט, ווי אין אַ שוימיק ווײַן, נימפֿעס באָדן —
קעגן זיי פֿראַלסט אויף דײַן האַרץ, ווי אַ מאַסקירטן לאָדן,
און שלײַדערסט זיך אין תּענוג־אָפּגרונט אָן אַ זין, אָן האַפֿט.

שפּעטער — ווי אַ מאַטראָס, געראַטעוועט — דערשווימסט צום ברעג:
אַ נײַער אָנהייב, נײַע פּרוּוון און אַ נײַ־אַנטפּלעקטער וועג.
און ווען מיט פֿרישער פֿרייד צעטראָגט דײַן טראָט זײַן קלאַנג,
דערפֿילסטו פּלוצעם — אין דײַן בוזעם צאַפּלט לעבעדיק אַ שלאַנג.

אומרו ברענט דײַן ברוסט, ווי הערקולעסן דיאַניראַס געוואַנט, —
און דעמאָלט, שטאַרקער מאַן, שטרעקסטו נאָך הילף דײַן האַנט.

שינאה

שינאה איז אַ פײַל אַ גיפטיקע מיט שפּיצן צװײ —
אײנער שטעכט זיך אין דײַן האַרץ אַרײַן, ער ברענט,
און אין זײַן פלאַם װערסטו פאַרצערט, פאַרלענדט,
אַרומגעװיקלט מיט די קנױלן סם פון פּײַן און װײ.

דער צװײטער שפּיץ טוט בומעראַנגיש זיך אַ דרײ
צום לײַב פון שיסער — קעגן אים אַלײן געװענדט, —
אין זײַן געהירן ער בױערט זיך אַרײַן און פאַרקלעמט
בײַ אים אין קעל, דעם פּחד פון זײַן ציטעריק געשרײ.

איז — װען שינאה־פײַלן פליִען, טו דו מיט פאַרשטאַנד:
לױף טױזנט מײַל אַרום, װײַט פון שינאה־לאַנד.
װײַל אַלע רײד װאָס גליִען הײַנט מיט האַס,
װעלן מאָרגן זײַן פאַרגאַנגען און פאַרבלאַסט.

טאָ באַהערש די שינאה, װי אַ שלאַנג דערשטיק זי
און די פײַל צעברעך — נאָר צוריק ניט שיק זי.

פּאַרראַט

ער שלײַפֿט חניפֿה־וואָרט־און־מעסער, דו — דער ציל,
און ניטאָ קיין צייכן פֿון דעם שלײַפֿערס פּנים,
נאָר דורך אַלע זײַנע מאַסקעס — דו דערקאָן אים,
דעם פֿינצטערן פּאַיאַץ פֿון פֿאַררעטערישן שפּיל.

אַז דאָס מעסער שרעקיק טוט אַ בליץ, בלײַב קיל, —
ס׳איז זײַן פּחד. דײַן ליפּ מיט שפּאָט פֿאַרקרים
און האַמעווע דעם שווידער אין דײַן שטים, —
נאָך דעם שפּאַן אַוועק שווײַגנדיק און שטיל.

און טאָמער וועט ער אין בהלה נאָכוואַרפֿן ס׳מעסער,
ניט דריי זיך אום און ניט קוק אין זײַן געזיכט
(אַ מאַסקע אַ צעקרימטע און פֿון האַס צעפֿרעסן), —
דו שפּאַן ווײַטער, פֿון פֿינצטערניש צו ליכט.

און שטיל־אײַן די פֿאַרדראָסן, וואָס דו האָסט צו זאַט,
ווײַל אים וועט סײַ ווי נאָכיאָגן די קללה פֿון פֿאַרראַט.

הינט

פאַר וואָס האָבן זיי געבילט אויף מיר —
די הינט ?
איך האָב אָבער ניט געוווּסט
אַז זיי זענען הינט,
האָב איך מיט הנאה געגלעט זייערע גלאַנציקע פעלן
און בעת־מעשׂה זיך געווּנדערט
אויף דער פײַכטרויטער צונג,
וואָס הענגט אַרויס פון זייערע פּיסקעס
און גאַווערט מיט קלעפּיקער סלינע.
זיי האָבן געלעקט מײַנע הענט מיט דאַנק,
אַרויפגעקוקט צו מיר מיט אונטערטעניקע בליקן
און געוואַרט אויף מײַן באַפעל.

יינגלווײַז האָב איך געציטערט פאַר הינט
און אויס מורא פלעג איך פון זיי אַנטלויפן
ווי דער פעפער וואַקסט.
גאַנצע שעהען פלעג איך ליגן באַהאַלטן
אין אונדזער פינצטערן פירהויז,
ווײַל כ׳האָב געוווּסט : זיי בײַסן און רײַסן שטיקער...
און אַט — בילן זיי אײדל און ליבלעך
און געזאַנגיק אַפילו,
ווי סערענאַדעס וואָלטן זיי צו מיר געזונגען,
און מיט מענטשלעכער וואַרעמקייט
לויבן זיי מיך — מיט אַ הינטישן הלל.
האָב איך געטראַכט : דאָ איז מסתמא אַ טעות,
זיי זענען גאָר קיין הינט ניט —
און איך האָב גערעדט צו זיי
ווי צו מענטשן. —

אַ לאַנגע צײַט זענען זיי צו מײַן טיר ניט געקומען,
ווי זיי וואָלטן אין גאַנצן אָן מיר פאַרגעסן.
נאָר הינט מסתּמא פאַרגעסן ניט —
און איין טאָג האָב איך געהערט
ווי זיי קלײַבן זיך הינטער מײַנע פענצטער.
איך האָב אָבער מורא געהאַט אַרויסצוקוקן,
ווײַל צו מײַן אויער איז דערגאַנגען
זייער אומצופרידן קנורען.
כ'האָב געוווּסט
אַז איצט וואַרטן זיי ניט אויף מײַן גלעט —
און די קינדיש־אַנטדרימלטע מורא
האָט זיך געוועקט איר מיר.
און נאָך מער האָט מיך געשראָקן
וואָס זיי בילן ניט —
שטומע הינט זענען געפערלעך...

אָבער פּלוצלינג האָבן זיי זיך צעבילט —
ווי אַ פאַרלאַנג איך זאָל זיי עפענען מײַן טיר.
אַז כ'האָב זיך געמאַכט האַרץ
און אָן עפן געטאָן די טיר,
האָט זיך דאָס גאַנצע הינטישע געזעמל
אויף מיר אַ לאָז געטאָן —
מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן
און אויסגעשטשירעטע ציין —
און איך האָב מיטאַמאָל דערזען
אַז דאָס זענען הינט
וואָס האָבן זיך פאַר מענטשן פאַרשטעלט
— — — — — — — — — —
זיי האָבן אויף מיר געבילט —
און מײַן מורא האָט צוריקגעבילט.

דורך אַ טויטער שויב

זײַן שטאָט, די נאַכט, זײַן פֿאָלק — אַ שוץ פֿאַר אים.
ער שלײַכט דורכן חושך מיט אַ שטיין אין פֿויסט פֿאַרדריקט.
אין גאַס אַ קלונג טוט גלאָז, און אַ ברום — זײַן שטים.
ער לויפֿט מיט חיהש־ווייכן טראָט פֿון זיג צוריק...

מיט פֿינצטערניש אַרומגעפּאַנצערט איז די רויבערהייל.
זײַנע אויגן, ראַסיקע, בליצן שטאָליקבלוי און קאַלט.
דרײַ מאָל זאָגט ער דעם טײַוולשפּרוך: אַדאָלף, הייל!
און די געהיימע טיר פֿון בירקעלער עפֿנט זיך באַלד.

„מאַלצײַט!" — גריסן די וואָס קומען זיך צונויף פֿון רויב
און מיט לוסט הייבן זיי די קופּלען שוימיק ביר.
ערגעץ רינט דאָס שוואַרצע בלוט פֿון אַ טויטער שויב,
און פּחד הויערט הינטער אַ פֿאַרהאַקטער טיר.

זיי זויפֿן. ווישן די פֿעטע ליפּן. לאַכן פֿרעך.
בילדער נאַכטיקע זיי פֿרישן אָפּ אַצינד:
שולן פֿלאַקערן — באַשפּריצט מיט האַס, מיט שוועבל, פּעך.
ביכער ברענען. אין קרעמאַטאָריע פֿלאַמט אַ ייִדיש קינד — —

צום זיג! דורך דעם ווילדן יובל ציט די ברוינע שאַר...
צום זויף, בורשען! — מאַטילדע, שנעל דערלאַנג די פלעשער!
— פאַרניכטן וועלן מיר די יודנפּעסט, די יידישע געפאַר!
— געדענקסטו, פראַנץ, די נאַכט פון לאַנגן מעסער?..

— בלוט און ערע! — ריטשעט פראַנץ מיט הייזעריקן קול.
ער טוט אַ פאַך ס'מעסער: — די ראַסע איז מיר טייַער!
מיט גליווער פראַסטיקן בליצט די שאַרף פון שטאָל,
און אייַזיק־בלוי — אין אויגן דאָס רציחה־פייַער.

אָפּגעזויפט. ער וואַלגערט זיך אַרייַן אין בעט,
ביז פרימאָרגן־דעמער — צוזאַמען מיט שאַרלאָטע.
און ערגעץ ווו שאָקלט זיך אין פאָרכטיקן געבעט —
אַ ייִד, אין שויב צעטרימערטער, — אַ צאַפּלדיקער שאָטן.

און ווידער קומען זיי צוקריכן — יונג נאָך יונג, —
פאַרוועבט אין ברוינע שלייערן, ווי גרויסע שפּינען.
גיריק־זשעדנע לעקן זיי דאָס שוואַרצע בלוט פון פענצטערוווּנד
און דורך דער טויטער שויב גייט אויף אַ בלוטיקער באַגינען — — —

קיין צווייטער פּורים וועט שוין מער ניט זײַן

א

דער ראַדיאָ ריטשעט: קיין צווייטער פּורים וועט שוין מער ניט זײַן!
אסתּר המלכּה, ווי געביסן פון אַ שלאַנג, צום קעסטל טוט אַ שפּרונג:
— ווער האָט געלאָזט אַזוי צעקוויטשען זיך דעם המן־שווײַן?
און מיטן גלעקעלע דעם זילבערנעם זי טוט אַ קלונג.

דער קאַמער־דינער: — איר מאַיעסטעטין וואָס פאַרלאַנגט?
— טו אַ פלי און זע, צי פעטער מרדכי שטייט ניט פאַרן טויער?
און זי טראַכט: פאַר וואָס איז מײַן האַרץ שווער און באַנג,
ווי אַ שונא אַ פינצטערער וואָלט אויף מיר געלויערט...

פאַרטאָפּעט קומט דער קאַמער־דינער צוריק אָן, אין געאײַל:
— מרדכי היהודי, אַ פאַרשטעלטער שטייט הינטערן פּלויט,
און ער האָט באַפוילן: די מלכּה ניט פאַרלירן זאָל אַ ווײַל —
גלײַך אין וועג זיך פּאַקן מיט אַ תּחינהלע, זאַלץ און ברויט.

די קרוין איבערלאָזן, האָט ער געזאָגט, קען ניט שאַטן,
און די אַלטיטשקע מגילה, למען־השם, ערגעץ ווו פאַרשאַרן.
ניט זאָגן חס־ושלום פון וועלכן שטאַם, ניט מאַמע, טאַטע.
אין ירושלים־פּאַרק פון שושן וועט ער אויף אײַך וואַרטן.

די מלכּה אסתּר בלייך ווערט, ווי אַרום די ווײַסע ווענט,
און זי רײַסט אַראָפּ פון קאָפּ די פינקלדיקע קרוין,
און דעקט צו דאָס פּנים מיט אירע צאַרטע הענט —
און די מלכּה וויינט אַ גרויס געוויין.

ווערט די מגילה אויסגעווייקט אין אירע טרערן
און אַ זײַל פון קדושה־שטויב לאָזט זיך איבער איר אַראָפּ —
אין יעדן שטייבעלע — זיבן ליכטיקע שטערן,
און יעדעס שטייבעלע — אַ קרוין אויף אסתּרס קאָפּ.

ב

— קיין צווייטער פורים וועט שוין מער ניט זײַן!
רעוועט דער אונטערהמנפירער און פון שׂימחה פּלאַצט:
— האָהײַט! שנעלער וויקל אָפּ די לומפּן, ווײַז די קרוין,
און ראַבינער מרדכי וועט דיר טון טאָן פירן צום פּאַלאַץ...

אסתּר רײַסט מיט פינגער פלינקע דעם פאַלשן בונט אַראָפּ,
און שטאָלץ, מיט מלכותדיקער ווירדע טוט זי אַזוי זאָגן:
אויב באַשערט איז מיר פאַרלירן הײַנט די קרוין פון קאָפּ,
טאָ זאָלן מײַנע שׂונאים ניט דערלעבן זי צו טראָגן! —

און טוט דעם אונטערהמנפירער מיט דער קרוין אַ פּלעם אין קין.
ווי אויף דער אַרענע אַ פאַרווונדעטער, צערייצטער ביק,
ברילט ער פאַר כּעס, און פלאַמט — אַ רויטע שפּין:
— די יודישע זאָו אין געפענגעניש אַרײַן, זי איז פאַררי‌קט...

די מלכּה באַוואַשט זיך דרײַ טעג מיט טרערן און זי פאַסט.
פאַרחלשט בעט זי: פעטער מרדכי, מיר זאָל זײַן פאַר דײַן קאָפּ.
פלוצלינג פאַרוועלט זיך דעם אונטערהמנפירער אָפּשפּילן אַ שפּאַס:
ראַבינער מרדכי זאָל אויף זײַן פּוקל מאַכן רײַטן אסתּרן, אין גאַלאָפּ.

— הער ראַבינער, צי איז דען ניט אַזוי אין אסתּר־בוך פאַרשריבן?
— יאַוואָל, — ענטפערט מרדכי, — הקם להרגך... האָסטו ניט געהערט?
און ווי דורך אַן אויפגעריסן דאַמבע טוען זיך אַ שפּאַר די יידן
און מאַכן רײַטן מרדכין אויפן אונטערהמנפירער, ווי אויף אַ פערד — — —

ג

קיין צווייטער פּורים וועט שוין מער ניט זײַן...
ווי פון אַ בייזן לאַנגן חלום די מלכּה כאַפּט זיך אויף:
זי מוז דאָס טײַערסטע צוריק געפינען — פון קאָפּ די קרוין!
און ס׳הייבט זיך אָן דורך טעג און נעכט אַ שטענדיקער געלויף.

זי איז שוין אויסגעווען אין אַלע מאַרדפּלעצער באַרימטסטע,
וואָס צעזייט זענען אין יעדן ווינקעלע פון המנלאַנד,
און זי טוט תּפילה: ווײַז מיר, גאָט, אַ שפּור אַ מינדסטן
און לאָז מיר דאָ ניט איבער צו שפּאָט און שאַנד.

העלפט דער אייבערשטער — און זי דערזעט דעם אונטערהמנפירער!
פון קלויסטער גייט ער, אַ געלײַטערטער פון אַלע זינד...
איבער די גאַסן ליכטיקע אַצינד שפּאַצירט ער —
און הינטער אים זײַן פרוי און קינדער, ווי די טרײַע הינט.

אסתּר היט אים. זי גייט אים נאָך צום געשעפט פון אַלטע זאַכן.
זײַן פירמע איז מיט גאָלד געפּרעגט: המן־אַנטיקוואַר...
די האָפענונג אין אסתּרן טוט מיט אַ מאָל דערוואַכן
און עס מישט זיך זיס און ביטער אויס איר שׂימחה און איר צער.

און זי זעט: איר קרוין פינקלט דאָ מיט ייִדיש־אַלטע פּײַנען,
מיט אירע טרערן נאָך באַנעצט, אונטער בערג קדושה־שטויב,
און אין יעדן שטייבעלע זיבן זונען ליכטיק שײַנען,
און יעדעס שטייבעלע — אַ קרוין אויף אסתּרס קאָפּ.

דער ראָזער צוזאָג

דער ראָזער צוזאָג איז צערונען,
ווי אַש צעפּולווערט און צעשטויבט, —
איך שרײַ, ווי אין אַ תּהומיק ברונעם,
אין אויער פון אַ וועלט — וואָס טויב.

אין אויגן פון דער וועלט — וואָס בלינד,
איך קוק ווי אין אַ שוואַרצן ברונעם:
— אַוועקגעטראָגן האָט דער ווינט
דײַן ראָזן צוזאָג — וואָס צערונען.

כ׳האָב קיין שפּליטער ניט געפונען
פון דעם חלום — וואָס געהאַפּט,
בעת די וועלט האָט מיר געשפּונען
מעשׂהלעך פון נאָנטן סוף...

די מעשׂהלעך פון נאָנטן סוף —
אויסגעבלוטיקט ווי די זונען
אין אויג פון אַ געשאָכטן שאָף.
און דײַן צוזאָג איז צערונען.

דײַן ראָזער צוזאָג איז צערונען
פאַר לעצטע פון הריגה־לאַנד,
ווי פידלען קראַנקע וואָס נאָך ברומען, —
מיר שטייען פאַר דײַן בלינדער וואַנט.

מיר שטייען פאַר דײַן טויבער וואַנט
און ס׳ווײַנט אַרויס פון אונדזער גומען
אַ סערענאַדע פאַר דײַן שאַנד!
דײַן ראָזער צוזאָג איז צערונען — —

אונדזער גאָלדן ציגעלע

איך בין געבוירן אין אַ שטעטל —
אין אַ שטעטל בײַ אַ טײַך:
אַן אָרעם שטיבל, טישל, בעטל,
נאָר ווער געווען צו אונדז איז גלײַך?
און מאַמע זיצט זיך בײַ מײַן וויג
און זינגט אַ ליד מיר פון אַ ציג.
מײַן מאַמע האָט אַ זוניק שמייכל
און זי ליבט מיך אָן אַ שיִער,
איר גלעט איז וואַרעם, צאַרט און ווייך איז,
איר האַנט — אַ פליגל איבער מיר.
— שאַ זאָל זײַן. ס׳קינד שוין שלאָפט...
און פאַרשווינדט — אַ בלאַסבלוי רייכל.

און איך, אין חלום, זייער אָפט
זינג צוזאַמען מיט דער מאַמען:
— אונטער מײַן קינדס וויגעלע
שלאָפט אַ גאָלדן ציגעלע...
און צום ציגעלע, דעם שיינעם,
שטרעק איך מײַן הענטעלע, מײַן קליינע:
— צו מיר אין וויגל קום אַרײַן, —
ביסט דער מאַמעס און ביסט מײַנס!..
נאָר עס טוט פון מיר אַ לויף
און מיט געוויין איך כאַפּ זיך אויף:
— מאַמע, ווו פון חלום איז דער סוף?
אָט ערשט אַ ציגעלע איז דאָ געווען —
איז וואָס איז מיטן ציגעלע געשען?
— שטיל זײַ, קינד, כ׳גיי אים גלײַך געפינען...
און זי קושט אויס די טרערעלעך וואָס רינען
פון מײַנע אויגן. —

איבער מיר — אַ גאָלדבלאָנדער רעגן־בויגן.

די מאַמע איז אַוועק.
דאָס ציגעלע — אַנטרונען.
כ'האָב אויסגעגנישטערט ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק
און ביידן מער שוין ניט געפונען.

מיט אַ מאָל האָב איך דערפילט:
דאָס ציגעלע מעקעט אין מײַן בלוט
און די מאַמע זינגט זיך צו פאַרשטילט —
און דער ניגון ניט אַנטשוויגן ווערט, ניט ער רוט,
שוין יאָרן ווי זײַן קול הערט ניט אויף צו שרײַען:
— אונטער מײַן קינדס וויגעלע
ליגט טויט דאָס גאָלדן ציגעלע
און אויך די מאַמע — די גוטע און געטרײַע,
און איך קען פון ניגון מער זיך ניט באַפרײַען.
פון מײַן האַרצן, פון מײַן יעדן אבֿר,
גראָבט ער די פראַגע אויס, ווי פון אַ קבֿר,
און זי בויערט זיך אַרײַן אין מיר מיט פּײַן,
מיט מורא קינדישער און שרעק
און ווי אַ שוואַרצע נאָדל אין מײַן לײַב זי שטעקט:
— ווי קען מען אָן אַ מאַמען זײַן?..



ניין, די שרעק וועט קיין מאָל ניט פאַרשטראָמען.
די פראַגע אין דער אָנגעגליטער לופט זי הענגט.
די מאַמע — אַ צעשײַטערטע אין מײַן נשמה,
דאָס גאָלדן ציגעלע — פון פלאַם פאַרזענגט,
אוןביידע — אַ בראַנדאָפּער — צוזאַמענדיק פאַרברענט.

אָ, ווען כ׳קען אַצינד דאָס אַש פאַרוואַנדלען
אין אַ זאַלץ אַ רויטן פון נקמה —
אַנשטאָט ראָזשינקעס מיט מאַנדלען —
און שיטן, שיטן, שיטן
אויף מײַן קרבן,
כּדי צוצוגרייטן אַ מאכל פון צאָרן צעגליטן
פון אונדזער גאָלדן ציגעלע
און מאַמעס וויג־לידעלע —
ווי אַ סימן אַז זייער ניגון איז ניט געשטאָרבן!

ניטאָ מער קיין שטעטל. קיין טײַך. קיין שטיבל. קיין וועג.
פאַרברענט איז דאָס ציגעלע
מיטן וויגעלע
און די מאַמע אויף אייביק איז אין פײַער אַוועק.
און מײַן האַרץ איז געבליבן פאַרפרוירן.

הלוואַי וואָלט איך אין שטעטל ניט געווען געבוירן — —

באַשערט מיר

איך בין געבליבן הײַנט דער אײנציקער און לעצטער
צו אָטעמען דעם לעבעדיקן זכר פון משפּחה, —
באַשערט מיר זײַן דער אָפּשײַן פון די ליכט פאַרלעשטע
און מײַן שאָטן פלאַטערן זאָל איבער היים — צעבראָכן.

ציטערט־אויף דער קלאַנג — אַ וואַרעמער און ווײַטער: היים!
כ׳וואָלט מיט הוילע נעגל דיך פון אַש אַרויסגעגראָבן
און אונטערלייגן אונטער דיר מײַן האַרץ אַנשטאָט אַ שטיין —
וואָס זאָל די משׂא פון דײַן חורבן העלפן טראָגן.

נאָר מיר באַשערט איז זײַן אַ שטיין אין פוסטן פעלד —
מיט נעמען טײַערע אויף אים פאַרקריצט, ווי אויף אַ שאַרבן.
באַשערט איז מיר צו זײַן, אוי־ווײ, אַ לעבעדיקער העלד
פון אַ טרויער, וואָס ניט געבליבן ווער עס זאָל אים אַרבן.

און ס׳לאָזט דער ווײ זיך ניט צעברעקלען, ווי אַ בערגל ערד,
און די טרער לאָזט זיך ניט צעקרישלען און צעשפּאַלטן, —
מוז איך גליקלעך זײַן אַז מיר איז גאָר באַשערט
טרער־און־ווײ, גאַנצערהייט, פאַר זיך נאָר צו באַהאַלטן.

די ירושה, ווי דער גאַזרויך, איז שוין לאַנג צעגאַנגען
און פאַר מײַן אויג זיך פאַרוואַנדלט האָט אַ וועלט אַ גאַנצע —
איז מיר באַשערט געווען אַרויסטראָגן אָפּגעפּליקטע זאַנגען
און אין דער נײַער וואָר זיי איבערפלאַנצן. —

און באַשערט געווען איז מיר אַרײַנבויען די פענצטער
אין אַ נײַ־געבוירן היים, און אין שויבן — שמייכלען...
און אויף דער וואַך באַשערט איז שטיין — אַ לעצטער, —
אײַנצוזאַמלען פון מײַן אַלטער היים דעם ליבן זכר.

היים

היים! דאָס וואָרט געקומען איז צופליִען פון די ווײַטן
און געלייגט אַ פונדאַמענט, אויפגעשטעלט פיר ווענט,
און אַ דאַך, אויפן ווינט געקומען איז צורײַטן,
איבער מײַן קאָפּ, ווי בענטשנדיקע טאַטעהענט
האָט ער זיך אויסגעצויגן — זוניק־העל,
און פאַר מײַנע פיס האָט אַפריקע אַוועקגעלייגט אַ שוועל.

היים! און מײַן טראָט אַריבער איז די קליינע בריק
און מיט ליפּן שמאַכטיקע אַ קוש געטאָן כ׳האָב די ערד.
אויף פענצטער ליכטיקע זענען שוין געהאָנגען שפּליטערס גליק
און מיט ציטעריקער בענקשאַפט האָבן זיי געטרערט,
און פון אַלע ווײַטן וואָס איך האָב אַדורכגעשפּאַנט
זענען צוגעפאַלן קלינגענדיקע עכאָס צו דער וואַנט.

היים! האָט אָפּגעהילכט טרויעריק און פריידיק —
כ׳האָב דעם קלאַנג, אין אייגן לשון, אין די נעכט געהערט,
נאָר אין האַרצן איז איין פּינטעלע געבליבן ליידיק —
ווו מײַן וויגעלע האָט זיך געשאָקלט אויף דער ערד.
און ס׳האָבן אַלע אויפגעוואַכטע נעכטנס מיך אַרומגערינגלט —
אין דײַן זון, אַפריקע, האָט זיך געשפּילט אַ ליטוויש ייִנגל.

היים! ס׳איז געווען אַ שפּיל פון וואָרט, מיט טויזנט טעמען,
און די וואָרעמקייט פון זון־און־ערד האָט אונדז געקוויקט,
נאָר פּלוצעם כ׳האָב אַנטדעקט דעם שטראָם פון שוואַרצע פלאַמען
וואָס האָט הייס אַרײַנגעכוואַליעט אין מײַן בליק —
און מיט זײַן שוואַרצקייט, ווי אַ תהום, אַלץ פאַרדעקט
און ס׳האָט צעוואַקלט זיך מײַן היים פאַר שרעק — —

היים! מיט שוואַרצגאָלד האָסטו זיך אין מיר פאַרשטאָכן,
מיט בלאָ־צעשטראַלטע הימלען — פאַרוועבט זיך אין מײַן אויג,
און ווען פאַרוויגט מיך האָבן דײַנע אומענדיקע שטחים —
האָב איך פרישע כּוחות פון דײַן ווונדערלאַנד געזויגט,
און אין מײַן ברוסט שפּאַרט נאָך אַלץ אַ לויב־און־דאַנק
צו דיר, אַפריקע, וואָס אַ היים האָסט מיר געגעבן אַ געשאַנק.

אין אײַער לאַנד

אויף מײַנע פּיס שטויב פון אומהיימלעכע פרעמדע וועגן,
און מײַן האַרץ — מיט בענקשאַפט אָנגעלאָדן ביז די ברעגן, —
אַזוי צו אײַער שוועל דער וואַרעמער קום איך אָן מיט פאַרכט,
און דערפיל אין דער לופט דעם דינעם פרילינגדיקן שאַרך,
דאָך וועל איך ניט דערוועגן זיך צו אײַך אַרײַנצוגיין
ביז איר צו מיר ניט זאָגן וועט דאָס וואָרט: געגנען!

וועל איך אַרײַן אין אײַער לאַנד — פול מיט מי און ליכט,
ווי אַ געצעלט פון רו פאַר מיר אין וואַנדער צו מײַן פאָלק, —
אָנקוועלן און שפּיגלען זיך אין יעטווידן געזיכט,
וואָס שײַנט אין באַנײַטן וואָר־און־חלום, ווי געלײַטערט גאָלד.
און אויב איר וועט באַווילִיקן מײַן קומען צו אײַך ווידער,
וועלן מײַנע ליפּן צו אַ יעדערן פון אײַך שעפּטשען: ברודער — —

צו אַ ברודער

ברודער! אַ נאַקעט־עלנטער קום איך אָן צו דיר
און זע — פֿײַער־פֿליגל פֿאָכען אויף מײַן רוקן,
און פֿון תּהום — טויזנט אויגן אויף אונדז קוקן,
בעת דו עפֿנסט אויף פֿאַר מיר דײַן ברייטע טיר.

נאָר די גאָלדענע סאַלאָנען טוען ניט מײַן האַרץ אַ ריר
און ס׳פֿאַלגן ניט די קני צום פֿוסטן בלענד זיך בוקן.
און אַז נעגל מאַניקירטע דראַפּען זיך מיך צו פֿאַרצוקן —
אַלטן אייפֿער, ווי אַ פֿײַער אין מײַן לײַב איך דערשפּיר.

און ווידער בלאָזן אין די ביינער ווינטן פֿון רעוואָלט
און דער חלום קומט צוריק מיט ליכט פֿאַרפֿולט —
פֿון היימען אָרעמע, וואָס געטאָן האָבן מיצוות אָן געצאָלט.
מעגסטו לאַכן, ברודער, כ׳בין אויף יושר אַלץ נאָך דול...

און משיח זיצט נאָך אַלץ אַ היימישער אויף מײַן שוועל —
און זײַן וואַרטן ניט צעקרישלען לאָזט מײַן וועלט.

אַזוי ווי איך בין

מײַן מאָגערן מאָלצײַט כ׳האָב ניט געבעטלט בײַ קיינעם
און ניט זיך געשטיקט מיט אַ ביסן פון אָרעמענס שווייס.
פאַר פרײַנד מײַנע האָב איך געזאָרגט זיך ציטעריק־הייס,
און מיט אַ קאָפּ מיט אַ שטאָלצן געמײַדט מײַנע שׂונאים.

געקוקט האָב איך גלײַך און מיט ווערדע מענטשן אין פּנים,
געזוכט ווי פאַר זיך אויך פאַר אַנדערע טראָפּנדלעך טרייסט.
געהאַסט האָב איך מענטשן וואָס שפּײַען מיט שלאַנגישן ביז
און באַדויערט פון האַרצן די אומשולדיק־וויסטע נאַראָנים.

נאָר מערער פון אַלץ האָס איך קריכערלעך, ליגנעריש־פאַלשע,
בלויז אַ שריט איז פון זיי ביזן מסור, דעם פינצטערן מלשין:
אויב איינער אַזאַ וויל זיך וואַשן פון שמוץ זײַנעם ריין —
מעג צוליב דעם זײַן חבֿר דער בעסטער אין בלוטן אָפּגיין.

און כ׳האָב די שורות פאַרשריבן מיט מיין און מיט זין —
ניט צוליב שׂכר אָדער חן, נאָר אַזוי ווי איך בין.

דערמאָנונג

אַ וואָרט קלאַפּט ווידער מיר אין שאַרבן:
— אויסגעדראָשן... און איך בלייַב פֿאַרבליפֿט,
ווי אַראָפּגעשלונגען כ׳וואָלט אַ דאָזע גיפֿט:
— אָ, ווער פֿאַרגינט מיר ניט די זון, די פֿאַרבן?

אַ גלימער פּלוצעם טוט — אַמאָל־פֿאַרגילדטע גאַרבן,
און פֿעלד אין זון עס שווימט — אַ לויכטנדיקע שיף.
ווי אין אַ כּישוף־באַל קוק איך אין ערדס טיף,
פֿון ווו דער בוים זייַן גרינע זוניקייט טוט אַרבן.

פּרדס. זאַמדן גאָלדענע אונטער מייַנע פֿיס.
אין זילבעריקן וואַסער שפּיגלט זיך דער רוים.
יעדע רגע טוט די זון פֿון הימל זיך אַ ריס —
וואַקסט־אויס פֿון גאָלד אַן עפּל אויפֿן בוים...

און איבער קאָפּ — ביימער הייבן זיך העכער, גרעסער.
(פּתח־תּקווה. זאָל דער טאָג ניט זייַן פֿאַרגעסן!)

אין לאַנד פון האַרבסט

איך ווייס: ביסט אויף אייביק שוין אַוועק, געליבטע!
איז וואַרט אויף מיר — ס'וועט ניט זײַן אומזיסט.
דער האַרבסט פון אָוונט־פּעדעם מיר אַ טעפּעך שטיקט ער —
אויף זײַן רויטן קופּער טרעטן מײַנע מידע פיס.

כ'קום פון וואַנדער מײַן גורל־שיף דאָ פאַראַנקערן.
אויף מײַן גיטאַרע שפּיל איך דיר אַ לעצטן קלאַנג.
בלויז דו אַליין דעם טרויער קענסט דערהערן —
בעת אויף מײַן פּנים שפּילט דער האַרבסטיקער פאַרגאַנג.

וועט דער האַריזאָנט פאַרטרונקען זײַן אין בראַנד
און מיט גירלאַנדעס אָוונט־אומעט פול באַהאַנגען —
דורך דעם שקיעה־פײַער פון מײַן האַרבסטיק לאַנד
וועל איך מיטן לעצטן טרוים צו דיר דערלאַנגען.

און מײַן חלום וועט מיט דײַנעם זיך פאַרפלעכטן,
ווײַל כ'האָב געוווּסט: ניט אומזיסט דו וואַרטסט.
אָט לעק איך אויס דעם לעצטן טראָפּן פון מײַן בעכער
און לאָז אים ליידיק שטיין אין לאַנד פון האַרבסט. — —

זיי

זיי שלאָפֿן מיט חלום אין אַפּלען.
זיי שווייַגן מיט אומעט אין בליק.
זיי לאַכן פֿון הערצער וואָס צאַפּלען,
און וויינען — פֿון לידערשן גליק.

זיי פֿלעכטן זיך לייטערס פֿון גראַמען,
פֿון ריטמישן מעטער — אַ וויג.
זיי שפּאַנען און ברעכן די צאַמען
מיט לידער — ווי פֿענער אין זיג.

און ס׳פֿלאַקערט דער איפֿער מיט צאָרן —
מיט ווערטער זיי שיסן, ווי שרויט.
אין אומעט פֿון וועלטישע צער׳ן
זיי צערן, ווי פֿלעמל אין קנויט.

מיט זילבן זיי טוען זיך נערן
און כאָוועו געזאַנג אין דער ברוסט.
זיי צופּן פֿון הימל די שטערן
און כליפּען פֿון טרויער און לוסט.

זיי שפּרייַזן דורך נעפּל און וווּנדער —
אַ הימען אין יעטווידער טראָט —
באַרוישטע, באַטויבטע, באַצונטערט,
באַטרונקען פֿון טייַוול און גאָט.

זיי בלאָזן אַליין די פֿאַנפֿאַרן
און ציילן די טראַפּן מיט חשד.
פֿאַראיינזאַמט זיי טוען זיך שאַרן
דורך נעכט — אין אַ טרוימיקן טשאַד.

זיי קרייַזן אַרום, ווי לונאַטיקס,
אין אייגן־צעשטראַלטן אַרביט,
און פֿאַלן באַגינען פֿאַרמאַטערט,
צוקאָפּנס — דאָס ליכט פֿון אַ ליד.

דער זינגער

גוט איז דאָס זינגען און ווויל איז דעם זינגער,
ווען ווערטער צעכוואַליען זײַן ברויזיקע פרייד, —
פון הינטער די ווערטער קומט חלום־באַשייד
און ליכטיקער צאַפּלען די זילבן און קלינגען.

און ווען עס באַרירט אים גאָטס שטראַליקער פינגער
און זעונג פאַרבלענדט אים מיט בליציקע רייד —
פאַלט אים אַרונטער זײַן וואָכעדיק קלייד, —
און פליגל דערהייבן אים העכער און גרינגער.

און ס'לויכט אויף זײַן חלום אין זוניקער וואָר —
אויף שטאַפּלען ער שטײַגט צו צעזונגענע הייכן, —
פאַרלויפט ער מיט ווערטער זײַן אייגענעם דור
און קריצט אײַן אין מאָרגן זײַן אייגענעם צייכן.

און ווויל איז דעם זינגער וואָס טוט אַרײַנוועבן
זײַן אייגענעם קלאַנג אין דעם נצח פון לעבן.

אין צירק „דער פערזן־מאַכער“

פאַר דוד פראַם

אין צירק „דער פערזן־מאַכער“ גלאָצן בונט די ליכטער
און גליען־אויס אַ טראַנספּאַראַנט: דער גרויסער טריק!
אַ זילבער־שימער שנײַדט אַדורך דעם רויכיקן געשטיק —
עס פליט דער שטערן פון דעם פערזן־מאַכער־דיכטער.

מיט אָנגעשטרענגטן נײַגער שפּאַנען זיך געזיכטער.
פערזן־מאַכער שלײַדערט זיך אין ווערטערשן צעוויג.
ווי צווײַגן וואַקסן שורות. אַ צעפליגלטער פון גליק
ער טראָגט זיך צום אַרויף אין שטורמישן געוויכער.

אויפן העכסטן שפּיץ ער בלײַבט פאַרשטומט און בלאַס.
פאַרשטאַרט־קאַליריק רעפלעקטירן איבער אים די לאָמפּן.
שליאָנדערט זיך דער לץ אַרײַן און גרילציק טוט אַ שפּאַס:
— דעם פערזן־מאַכער האָט פאַרפעלט אַ גראַם צו גלאָמפּן...

אַלע אַפּלאָדירן. לאַכן. נאָר דער דיכטער שמייכלט ביטער
און אונטער זײַן ברעם טרויער בלינצלט מיט אַ ציטער.

אויף פראָסטן עבֿרי־טײַטש

אָחי ייִד איז דער פּשט ברודער־ייִד, און אונדזער ליד
אויף פּראָסטן עבֿרי־טײַטש — ברויט און זאַלץ צוזאַמען.
טאָ לאָמיר, קינדערלעך, אָנטאָן נחת אונדזער מאַמען
און מאַכט המוציא־ייִדיש, זײַט ניט מפסיק אין דער מיט.

דער טאַטע מאַכט אַ ברכה אויף לחם־ייִדיש און אַ כּזית גיט
דער מאַמען. און ווי דער שטייגער איז, ניט צו פאַרזאַמען,
אײַלט ער צו: נו, מלח־ייִדיש! און טוט אַ זאַלץ מיט גראַמען
דאָס ייִדישברויט, ווײַל די מאַמע פאַרשטייט ניט הבֿרה ספרדית...

טשמאָקעט זי די ייִדיש־מאַרצעפּאַנעלעך קריש נאָך קריש
און פילט דעם טעם פון טרערן ביטער־זיסע אין די רייד:
— קינדערלעך, ס'איז דאָך אַ מחיה הײַנט אײַך צו פאַרשטיין!
און לכּבֿוד דער משפּחה זוניקט אויף דער שמעקעדיקער יום־טובֿ־טיש
מיטן כּיבוד וואָס מאַמע שטעלט — פולע טאַצן באַווירצטע ייִדיש־פרייד.
דער טאַטע זאָגט פון ייִדיש־בענטשערל און מאַמע ענטפערט פרום אָמן.

דער אַלטער פּאָעט

ער קײַט די װערטער מיט ליפּן פֿאַרשמאַכטע
און דער טרויער אין האַרצן טונקעלער װערט:
אַט ברעכן די יונגע געזעצן און צוימען
און זײַן ליד זיך װאַלגערט אַ פֿאַרלאַכטע,
ס'איז ענג זיי געװאָרן די זוניקע ערד
און רײַסן זיך העכער — אַרויף צו די רוימען...

קנייטשט ער דעם שטערן — פֿאַרלוירן־באַטריבט:
קיין לידער־ראַקעטן װעט ער שוין ניט שאַפֿן...
און ניט זיכער ער טוט זײַנע כּתבֿים אַ מיש —
פֿאַרקוקט אין די שורות מיט בליקן — פֿאַרליבט,
אין ריטעם פֿון האַרצן ער קלאַפּט אויס די טראַפֿן
און פֿילט אַז זיי זענען נאָך זאַפֿטיק און פֿריש.

דער קלאַנג קומט צום אויער ליכטיק און מונטער —
דאַרף מען אָװדאי די װערטער ניט בײַטן,
עס װעט זיי די צײַט אויף נײַ איבערשפּילן
און יונגשאַפֿט װעט בליִען אין זיי װי אַ װוּנדער.
און װאָס אומעט באַפֿאַלט אים — קען נאָר באַטײַטן:
די עלטער ער הייבט אָן אַליין צו דערפֿילן...

זי קריכט אָן, די עלטער, און מאַכט אים אַלץ קאַליע.
אַ מאָל אַז געזאַנג פֿלעגט אין שטורעם אָנפֿליִען
און װערטער אין בלוט פֿלעגן אָנהויבן יוירן —
פֿלעגט איבערן קאָפּ אים פֿאַרגיסן אַ פֿאַליע
פֿון טענער — און אַ ניגון פֿלעגט גליִען...
און הײַנט װיל אַ גראַם מער ניט װערן געבוירן.

ווי אַ רינג די עצבֿות אים אײַנגעקלעמט האַלט
און ער קען מיטן גראַם זיך קיין עצה ניט געבן.
אויף דער צונג די ווערטער קלעפּן — פּאַרגליווערט,
און ווינטן בלאָזן, פּראָסטיק און קאַלט.
זיי הויכן אויף אים לעצטע אָטעמס פון לעבן —
און ער ווערט פאַרברענט אינעם אייגענעם פיבער.

ליגט ער דערדריקט, פון מחשבֿות צעבראָכן:
ער קען מיט די יונגע זיך מער ניט פאַרמעסטן —
זיי ווייסן די תורה מערער פון רבין,
וואָס איז אַליין — קוים צום בוידעם דערקראָכן...
און זיי — אויף די שטערן בויען זיך נעסטן
און אינעם חלל — לידער זיך וועבן...

און ס'טוט אים דער טרויער נאָך מערער דערשלאָגן —
ער ווייס אז ער טאָר ניט אַזוי ווויל זיך צעדרשענען.
וויל ער כאָטש נאָך איין מאָל דערלאַנגען צום קלאַנג,
וואָס אַ זינען זאָל האָבן ניט בלויז אינעם זאָגן, —
נאָר ווי בוים, אין זײַן בליִעכץ, דערפילן די קאַרשן,
און ווי פרילינג — אין דער לופט הערן פויגל־געזאַנג.

זיצט ער פאַרייאושט און זוכט בלויז דעם רמז
פון וואָרט, וואָס אין ריזן ווערט איבערגעשמאָלצן —
נאָר ס'איז די אַנטפּלעקונג ווײַט ווי די שטערן.
ווײַל פאַרשלייערטע ווערטער דערשטיקן דעם אמת
פון לידער פון גרויסע, פון לידער פון שטאָלצע.
און ער קען זײַן עלטער־קאָמפּלעקס ניט דערקלערן...

הינטער פינצטערע שויבן

איך האָב דעם פענצטער צו דער וועלט צוגעמאַכט —
און געבליבן אַליין.
ניטאָ קיין גרינגע ערד.
קיין בלויער הימל.
קיין גאָלדענע זון.
אַלע שויבן זענען שוואַרץ.
און הינטער די שויבן — דו.
דו —
ווען איך האָב אַ מאָל —
ביים לעבן —
גערופן ג אָ ט.
אָבער היינט —
ווען כ'קום צו דיר אָן אַ העמד,
רוען אין דיין שטראַליקן שאָטן
און מיט רשות דיך אָנצוקוקן
פון דער פינצטערניש —
ווי זאָל איך דיך רופן ?
איז דען גאָט דיין נאָמען
אויך פאַר די טויטע ?
און צי ביסטו פאַראַן ביים טויט —
ווי ביים לעבן ?
און איז די ערד אויך זיס
פאַר בלויזע ביין־און־פלייש ?

איך פרעג גאָר ניט מער.
איצט קומסט דו —
מיט די אַלטע געטלעכע פראַגעס
וואָס איך האָב אַ לעבן לאַנג געהזרט.

איך שטעל זיך אויף פֿאַר דיר —
אונטער דער ערד —
מיט אַ געבויגן קאָפּ.
אַליין.
אין מײַן פֿריש־טויטן מוח
פּלאָנטערט זיך אַ פֿאַרעלטערט זאָג:
וואָס די ערד דעקט צו
מוז פֿאַרגעסן ווערן.
אייביקער,
צי וועסטו אויך מיך פֿאַרגעסן —
אויף אייביק?
ער פֿרעגט גאָר ניט — און ענטפֿערט ניט.

מײַנע קליינע זינד
קײַקלען זיך ווי די נישטיקע זעמדעלעך
איבער מײַן קאָפּ.
לאַכן וואָלטן מיר ביידע געדאַרפֿט
פֿון וואָס מיר האָבן אַ וועזן געמאַכט.
אַ שאַרבן לאַכט ניט —
נאָר ער קלאַפּט מיט די ציין.
און פֿון דעם שוידערן נאָר אויף —
גאָט און איך.

די טרערן —
וואָס אַ מאָל האָבן זיי געברענט ווי פֿלאַם,
ווען די פּײַן האָט געגריזשעט מײַן לײַב —
זענען איצט טרוקן און פֿאַרשטיינט
ווי ווײַסער ביין.
הינטערן פֿענצטער וואַלגערט זיך מײַן טרער —
אויסגעלאָשן.
זי איז שוואַרצער ווי אַלע ערדענע שויבן.

איך שטיי פֿאַר דיר בײַם צוגעמאַכטן פֿענצטער.
די שויבן קענען שוין שוואַרצער ניט ווערן.
דורך דעם חושך קענען די שטערן
ניט אַרײַנזילבערן זייערע מיליאָנען ליכטיאָרן.
דײַן טרייסט פֿינקלט צו מיר ניט מער.
דײַנע הימלישע וועגט זענען דיקער ווי מײַן צער.
צי קען דײַן וואָרט צעברעכן די שוואַרצע שויב —
מ׳זאָל זינדיקן —
לאַכן —
זיך נאַריש מאַכן —
ווי קען מען עס טאָן הינטער שוואַרצע שויבן ?
וויפֿל יאָרן איז זינט יענעם טאָג
ווען מיר האָבן עס צום לעצטן מאָל געטאָן ? — —
די צײַט פֿירט קיין חשבון ניט.
זי שווײַגט.

אויך מיר שווײַגן —
דו —
איך —
פֿאַר איין בליק אויף אונדזער וועלט
וואָלט איך אַ צווייטן מאָל אַוועקגעגעבן
מײַן לעבן.
איז זי נאָך פֿאַרפּלייצט מיט בלוט ?
באַגאָסן מיט שאַנד ?
פֿאַרקלעמט אין צוואַנג ?
איך, נאַר, האָב אַ מאָל געחלומט
אויסצופּראַווען פֿאַר אַלע מענטשן
אַ שיין וועלטל —
אַ גן־עדן —
אַזש דער שלאַק האָט מיך געכאַפּט...
איז עס געווען קעגן דײַן ווילן, גאָט ?

בין איך איצט געקומען צו דײַן גן־עדן
הינטער פינצטערע שויבן.
און דו זיצסט אויף דײַן גינגאָלדענעם מלכות־שטול —
נאָר איך זע דיך ניט.
די שוואַרצע שויב פאַרפינצטערט מײַן בליק.
איך טו אַ טריט נענטער, אין דער שוואַרצקייט אַרײַן —
יעדער טריט מיליאָנען פינצטער־יאָרן
און כ׳ווייס ניט צי איך קום נענטער צו דיר —
אָבער דורך די שוואַרצע שויבן
וויל איך דערטראָגן מײַן תּפילה צו דיר —
איך מוז זי דערטראָגן!
איך מוז זי זאָגן!

גאָט!
פאַרזיי אויף מײַנע שוואַרצע שויבן
דײַנע ליכטקערנער.
גאָט!
לאָז מיך טאַנצן ווי אַ שטראַלכעלע אַ זוניקס
אין דײַנע אומענדלעכע וועלטן
צוזאַמען מיט אַלע בליציקע שטערנדלעך —
און זאָל איינער אַרײַנליכטיקן
אין מײַנע פינצטערע שויבן — —

כּבֿודו מלא עולם

כּבֿודו מלא עולם — שרײַב־אויף זײַן אַדרעס
מיט שטראַלנליכט, פֿאַרקריץ אים אויף דײַן שטערן.
חתמע איצט דעם בריוו מיט וואַרעמע צווײ טרערן
און מיט ליפּן הייסע דעם קאָנווערט פֿאַרפּרעס.

אַלע דײַנע ספֿקות פֿינצטערע מעק־אויס, פֿאַרגעס!
זײַן חלל — פֿול איז אײביק מיט געזאַנג און שטערן.
אין זײער שײַן דײַנע שורות זוניקער נאָך ווערן,
און אַלע אותיות טובֿלען זיך אין זײַן ליכטגעפֿעס.

ניט לעש די לויטערקייט פֿון דעם אַדרעס, ניט לעש!
האָסט אים דאָך אַ לעבן לאַנג געזוכט אין פּוסטקייט —
און בלאָנדזשענדיק געוואָרט אַז אויפֿגיין זאָל דער נס
נאָר די אַנטפּלעקונג ניזוק איז געוואָרן פֿון באַוווּסטקייט.

טאָ זײַ מתקן די התגלות און ווערן זאָל אַלץ ליכטיק —
אין ליכט ניט זוכן דאַרף מען. דער אַדרעס איז ריכטיק!

סוף

סוף — —
מיט אייגענע הענט
צערײַס איך אַלע גלייבעניש־ן
וואָס פירן צום אַרויף.
עס ברענט
דער ליכטשטאָפּל
צו די דערהייבענישן.
אַ לעצטער ליכטצאַפּל
פאַרלעשט זיך אויף די ווענט.
אין אַש צעשיטן זיך
אַלע לויבענישן.
איך — האָב צעביטן זיך.
מײַן צונג שטומט —
פאַרשעמט.

אין האַרצן בענקשאַפט ברומט
און אויפן לײַב וואַרעמט זיך
דאָס לעצטע העמד.
און ווען עס רײַסט זיך מײַן געזאַנג —
נעם איך צונויף אַ בינטל תפילות
פון אַ לעבן לאַנג
און מיט תחנונים בעט: דערבאַרעם זיך!
אין מיר — שטיל איז.
אין דער שטילקייט שרײַב אויף
אויף מײַן שטערן
דײַן אַדרעס
צום אַרויף...

פאַרגעס!
הויל אַלע ווערטער ווערן.
איז ריכטיק דער אַדרעס
צום אַרויף?
סוף — —

ווענן:

יונגשאַפט —
פרייד —
אידעאַלן —
גלויבן —
חבֿרשאַפט —
ליבשאַפט —
תמימות —
קאַמף —
רו —

וואַלקנס:

זוכעניש —
אַנטוישונגען —
בלינדע וועגן —
חורבן —
נסיונות —
שינאה —
אַפּאַטיע —
טרויער —
עלטער —

אויב די שורות אין בוך
האָבן עפּעס פון דעם באַליכטיקט —
איז עס מײַן געניגיקער שׂכר.

אינהאַלט

זײַט

* * * ... 9

מיט גאָט און מיט מענטש

מה טובֿו — 1945 ... 11
די תּפֿילה פֿון שאַרית־
הפּליטה — 1945 ... 13
אליהו הנבֿיא אין לאַגער — 1946 ... 14
תּפֿילה — 1947 ... 15
אָ, גאָט, פֿאַרגיב — 1947 ... 16
מן המצר — 1948 ... 17
ליד פֿון מײַנע לידער — 1963 ... 18
תּפֿילות און לידער — 1949 ... 19
לעצטער גאַנג — 1947 ... 20
זעונג — 1959 ... 21
נעם מיך פֿאַר אַ האַנט — 1966 ... 22
גוט — 1966 ... 23
שטעל זיך אָפּ — 1963 ... 24
דער שטומער דיאַלאָג — 1963 ... 25
עמעץ — איבער מיר — 1963 ... 26
וועמען? — 1958 ... 27
אַבֿרם דערקענט זײַן גאָט — א—ב
ג—ד — 1948 ... 28
צו דעם גאָט — וואָס אין מיר —
אַלף—בית—גימל—דלת—הא—וואָוו
זיין—חית—טית—יוד — 1959 ... 23

אַפֿריקער

* ... 58
בלודנע שאָף — 1957 ... 95
חבֿרשאַפֿט — 1968 ... 60
טאַנץ פֿון זולוס — 1951 ... 61
אין שאָטן אייגענעם — 1958 ... 62
דער צײַטס געוועט — 1954 ... 63

מיט זיך און מיט ייִדיש

* * ... 65
איך — 1963 ... 66
איינזאַמקייט — 1945 ... 68
איבער מײַן וועג — 1946 ... 69

זײַט

פֿרילינג — 1947 ... 70
זון — 1951 ... 71
אַ חלום אין פֿענצטער — א—ב
— 1945 ... 72
בוים און שטערן — 1963 ... 74
כּלפּי מעלה — 1968 ... 75
דאָס איז גאָר — 1968 ... 76
אייגן פּנים — 1966 ... 77
ליבן — 1967 ... 78
אַן איינציקע שעה — 1969 ... 79
דער מענטש פֿון ליכט — 1956 ... 80
זײַ געבענטשט — 1953 ... 81
כ׳האָב ליב — 1953 ... 82
פֿרײַנד — 1961 ... 83
אַן אַלטער ניגון — 1954 ... 84
אַ פּונקט — 1957 ... 85
ס׳ליד האָסטו פֿאַרגעסן — 1972 ... 86
דער ניגון און זײַן שאָטן — 1966 ... 87
בינע פֿון ווערטער — 1966 ... 88
דער אָראַקל — 1969 ... 90
ייִדיש — 1956 ... 91
געפֿאַנגענער ייִדיש — 1956 ... 92
שלמה מיכאָעלס — 1956 ... 93
יהודה הלוי — 1946 ... 94
צו ביאַליקן — 1946 ... 96
צום זיידן — 1952 ... 97
שלום־עליכם — 1959 ... 98
י. ל. פּרץ — 1966 ... 100
לייוויק־פּאָרטרעט — 1946 ... 102
חזון לייוויק — 1963 ... 103
דער מײַסטער — 1963 ... 104
ווײַן פֿון דײַן ליד — 1964 ... 106
פּענפּאָרטרעט — 1968 ... 108
דײַן קרוין — 1975 ... 109
אומגעקערט צו זיך — 1960 ... 110
ליכטיקער שיר — 1959 ... 111
שפּיטאָל־סאָנעטן — א—ב—ג—ד
ה—ו—ז—ח—ט—י — 1958 ... 112
מײַן בלויע הויז — 1958 ... 124
* ... 125

זײַט

דורות אײגענע

* * * ... 127
מײַנע זײדעס — א—ב—ג — 1966 ... 128
געבוירן־טאָג — 1968 ... 131
אַ פּײַערטיר — 1954 ... 135
טאַטע — 1963 ... 132
מאַמע — 1961 ... 136
דער טאַטע מיטן קריגל מילך — 1951 ... 138
דרײַ מאָל כּי טובֿ — 1955 ... 140
אָורעמקע — 1954 ... 142
נס פון דאַכאַו — 1945 ... 144
ערשטער נאָך־חורבן־בריוו — 1945 ... 146
תשובֿה־בריוו — 1945 ... 147
די צוואה — 1951 ... 148
אַ מענטש פאַרבלײַב — 1958 ... 149
אין מזל פון אַ שטערן — א—ב — 1945 ... 150
דײַנע יונגע פרילינגען — 1949 ... 152
קינד — 1949 ... 153
דורך דיר — 1949 ... 154
וויגליד — 1950 ... 155
בלויאויג — 1952 ... 156
אין וווּנדער פון דײַן קומען — 1954 ... 157
זונהעזל — 1966 ... 158
די צײַט צום אַמאָל — 1968 ... 159
צײכנס — 1969 ... 160
אַכצן יאָר — 1971 ... 161
אין אַ טרער — 1948 ... 162
דײַן לעצטער לײַוונט — 1972 ... 165

אין אַפריקע:

א. אָנקום — ב. יאָהאַנעסבורג — ג. בענקשאַפט — ד. דער ניגון פון ליטע — 1951 ... 166

השומר הצעיר:

א. דער ערשטער „זבאָר" — ב. די באַוועגונג — ג. ערבֿ חג — ד. נאָמען־סימבאָל — ה. יעקבֿ קומט ו. די פאָן — ז. צוויי באַגעגענישן ח. וועידה אַרצית — ט. עליה — 1965 ... 176
מײַן לאַנד — 1968 ... 186
בלויער סאַנעט — 1968 ... 187

זײַט

יענע וועלט

* ... 189
אַ חגא הײַנט — 1945 ... 190
אַ שניי — 1945 ... 192
געטאָטאָג — 1954 ... 193
לעצטער געטאָ־גיבור — 1951 ... 194
קינדערמאָרד — 1945 ... 197
פּישקע דער קרומער בײַם דײַטש אין די הענט — 1952 ... 198
גלײביקע ווערטער — 1957 ... 203
אומקום און האָפענונג — 1945 ... 204
בריוו — 1945 ... 209

אין קרײַז פון טויט:

א. דער וועג — ב. אפשר וועלן מיר דערגײן — ג. דער „שאָוליסט" ד. דער שליסל — ה. אָן אַ שוועל ו. אימה פון אַ זומערנאַכט — ז. דעסאַנט — ה. די זילבערנע שלאַנג — ט. איבערן תהום — 1959 ... 210
חלום־בריוו — 1958 ... 240
נס מאָל נס — 1957 ... 246
תפילה אין מאָרגנשײַן — 1949 ... 247

שאָטן־נאַכציטערס

* * ... 249
געשענקט לעבן — 1965 ... 250
דער פאַררעטער — 1965 ... 252
וועלף שפּאַצירן דאָ — 1945 ... 254
אַ קינד אַ בלאַנדס — 1946 ... 256
ליכטיקע פּײַן — 1946 ... 257
מינכענער וואָקזאַל אין אַ מײַנאַכט — 1946 ... 258
אויף וועגן פון פינצטערן לאַנד — 1945 ... 259
מײַן צימער — 1945 ... 260
באַלאַדע פון מענטשלעכע ווער־טער — 1945 ... 262
אַ שקיעה־טרער — 1946 ... 263
אין אַ זילבערנאַכט — 1946 ... 264
בלינד — 1946 ... 265
אין שרעק־צעבליצטע נעכט — 1956 ... 266
ברענענדיקע שלאַנגען — 1968 ... 267
דער דולער זינגער — 1968 ... 268
לאַגער־מײדל — א—ב — 1947 ... 269
חלום און טויט — 1966 ... 270

זײַט

דער שליסל פון שרעק / וואַריאַנט
פון אַ קאַפּיטל — 1966 272
הושיעה נא — 1962 275
האַרבסטיקע מאָטיוון — 1957 ... 276
דער שאָטן פון איר האַנט
— 1948 278
אַ שאָטן לאַכט בײַ נאַכט אין מינ־
כענס גאַסן — 1945 280
אַ בילד — 1950 285
לאַנד פון שטאַרבן — 1957 286
טרערנווײַן — 1947 288
דײַן נאָמען — 1948 290
פרײַהייט — א—ב — 1946 292
בערכטעסגאַדען: א. פרימאָרגן —
ב. בײַ טאָג — ג. נאַכט
— 1947 296
דער לעצטער קאָפּ — 1945 302
אַ נאַכט אין אַ דײַטשער אַכסניא
— 1946 302
די חרובֿע בריק — 1966 308
אין אייגענעם שאָטן — 1962 ... 311

פּרעגצייכנס

* * 313
פּראָגעס — 1964 214
צײַט — 1971 320
דער וואַלד — 1960 327
האָר, פּאָר וואָס — 1961 328
געבלענדיקער — 1972 329
מײַן געשענקטער טאָג — 1970 .. 330
באַשײַנטקייט — 1972 335
צוויי פּסוקים — 1967 336
צוויי צייכנס — 1960 342
ווי אַלט? — 1970 347
אַנטליכטיק ניט — 1970 348
טובֿ — זה המות — 1960 349
קיידאַן — א—ב—ג—ד—ה—ו—ז
ח—ט—י—יא—יב — 1972 ... 350

שטאָט און גאָלד:

* * 362
פּאַר איר — אַ סאָנעט — 1956 ... 363
יאָהאַנעסבורג — 1951 364
גאָלד — 1951 365
אַ העמד פון ליכט — 1957 366

זײַט

אין לעצטן וועג — 1956 367
ס׳קליינע מענטשעלע — 1954 ... 368
שטאָט משוגענע — 1964 369
שניט — 1953 370
צוויי שטעט — 1965 371

* * 372
אַ וואָלקן אין שפּיגל—1974 .. 373
טרויער — 1967 409

אויסגעמישט

* * 411
א. לאָמיר לאַכן; גאָט — 1957 ... 412
לאַכן און וויינען — 1952 414
די לאַכנדיקע מאַסקעס — 1954 ... 415
די חכמה פון אַליינזײַן — 1958 .. 416
שטאַרקער מאַן — 1950 417
שינאה — 1970 418
פּאָרטרעט — 1970 419
הינט — 1970 420
דורך אַ טויטער שויב — 1948 ... 422
קיין צווייטער פּורים וועט שוין
מער ניט זײַן — א—ב—ג
— 1946 424
דער ראָזער צוזאָג — 1945 427
אונדזער גאָלדן ציגעלע — 1945 .. 428
באַשערט מיר — 1972 431
היים — 1971 432
אין אײַער לאַנד — 1950 433
צו אַ ברודער — 1954 434
אַזוי ווי איך בין — 1960 435
דערמאָנונג — 1975 436
אין לאַנד פון האַרבסט — 1968 .. 437
זיי — 1954 438
דער זינגער — 1957 439
אין צירק „דער פּערזן־מאַכער“
— 1956 440
אויף פּראָסטן עבֿרי־טײַטש
— 1958 441
דער אַלטער פּאָעט — 1968 442
הינטער פּינצטערע שויבן
— 1970 444
כּבֿודו מלא עולם — 1974 448
סוף — 1975 449
וועגן — וואָלקנס 450

צ ײ כ ע נ ו נ ג ע ן

דוד טושינסקי — ד. ט.   ישׂראל וואָלפֿע — י. וו.

		זײַט
שער־בלאַט	ד. ט.	[redacted]
אַ נר־תּמיד	ד. ט.	
בוך־טיטללִיד (און הילע): אַ וואָלקן און אַ וועג	י. וו.	8
מיט גאָט און מיט מענטש	י. וו.	10 —11
תּפֿילה	ד. ט.	15
אַפֿריקער	י. וו.	58
מיט זיך און מיט ייִדיש	י. וו.	64 —65
דײַן קרוין	ד. ט.	109
דורות אײגענע	י. וו.	126—127
יענע וועלט	י. וו.	188—189
שאָטן־נאָכציטערס	י. וו.	248—249
פֿרעגצײכנס	י. וו.	312—313
* * (שטאָט און גאָלד)	י. וו.	362
* *	ד. ט.	372
אויסגעמישט	ד. ט.	410—[redacted]
אונדזער גאָלדן ציגעלע	ד. ט.	429
* מוזיק: נתן ביעלײקין		125

צוליב אַ פֿאַרדראָסיקן טעות זענען אויבן אויסגעלאָזט געוואָרן די צײכענונגען:

		זײַט
נעם מיך פֿאַר אַ האַנט	ד. ט.	22
טאַנץ פֿון זולוס	ד. ט.	61
שפּיטאָל־סאָנעטן — ח׳	ד. ט.	119
דורך דיר	ד. ט.	154
געטאָטאָג	ד. ט.	193

באַמערקטע דרוק־פֿעלערן:

זײַט 40 איז אַרויסגעפֿאַלן די פֿאַר־לעצטע שורה — אַנשטאָט איר (וואָס איז געדרוקט 2 מאָל) דאַרף זײַן די שורה: צי ביסטו אויך רחמים און ישועה, צי בלויז גזר און מישפּט?

זײַט 77, 2טע שורה פֿון אויבן: נייגט ער זײַן בלייכן פּנים צו

אָנהייב בוך: 2 בילדער (1945 און 1975) און אויטאָגראַף פֿון מחבר.

הערה: אין אײַער לאַנד — זײַט 433 — איז אָריגינעל געשריבן אויף עבֿרית און געווען געדרוקט אין „דבֿר השבֿוע״, אין 1949.